שריפטען

פריהלינג, 1921

BRANDEIS UNIVERSITY
3 9097 01130552 2

Brandeis University
Library

As for the wise, their body alone perishes in this world – Rashi

Shriften.

שריפטן

א דריי מאָנאט בוך

פערלאג אמעריקא
פרילינג, 1921.

:אינהאלט

בילדער: א. וואָלקאָוויץ, מ. שווארץ, יוסף העכט, מאקס וועבער, י. טאָפּעל.

פּאָעמען: מלך ראַוויטש, ל. בערמאַן, י. י. שווארץ, ה. ליווויק.

לידער: זישא לאנדוי, א. בראָדערזאָן, דוד זון, חיים קרול, הערשעלע, ב. לאַפּין, ס. טשעסטער, נחום י., ראשעל וועפּרינסקי, ש. בודין.

דראמען: ה. דרימער, פרץ הירשביין, י. גלאטשטיין.

עסעים: מאקס וועבער, י. טאָפּעל, ב. קאפּמאן.

ארטיקלען: זעליג קעסנער, י. ח. ברענער.

איבערזעצונגען: פון זוהר (אידיש — ש. צ. זעצער); ראבינדראנאט טאַגאָר׳ס טשיטרא (אידיש — ש. לעווין); האנרי בערגסאָנ׳ס אַריינפיר צו מעטאַפיזיק (אידיש — ו. נאטאנזאָן).

נאָטיצען: זעליג קעסנער.

421257

ערשיינט אין 2,000 עקזעמפלארען.
געדרוקט אין „פינסקי־מזל פרעס“.

PJ 5111
S5
Spring
1921

Copyright, 1921
by
Farlag America

א. וואָלקאָוויץ:
בײם ים

זישא לאַנדוי:
לידער

מלך ראַוויטש:
זעקס באַלאַדען

לוי בערמאַן:
פּאָעמע







עס האָט זיין ריח פאַרצעליין ; נשמות — שמעקען,
ס'האָט יעדער שטאַנד זיין דופט און יעדער דור ;
עס שמעקען געגענשטאַנדען, לייבער און באַגריפען,
עס האָבען זייער דופט מלחמות, לידער און געפילען
א. א. וו., א. א. וו., א. א. וו.

און פון דעם דופט, אין וועלכען ביסט געבאָרען,
וועסטו זיך קיינמאָל ניט באַפרייען !
פון אלע קייטען, תפיסות איז ער שטארקער
און אומ'רחמנותדיגער נאָך.

אָ, דו —
קוים באמערקטער דופט פון מיינע וואונדערבארע לידער !
פון יענע לידער, וואָס איך האָב געשריבען
פון דער, פאר דער, צו דער, וואָס איך האָב ליב און וואָס
האָט מידע, פוילע, נאָכגעביגע גלידער, —
אָ, דיך
פארנעמען וועט בלויז יענער,
וואָס געהט ניטדאָאיג אום אין לעבען,
און טראָגט אויף זיך א משא, וואָס פון איר
דערלעזען וועט אים אפשר בלויז דער טויט.

אָ, דופט פון מיינע וואונדערבארע לידער !

גלידער.

אָ, וויפיל זאָגען אונז די גלידער פון א מענשען : —
א האנט, וואָס עמיץ לייגט אזוי זיך אויף די קני,
א האלז, אן אקסעל, וואָס דו האָסט באגעגענט
אין רוישיגען קאפע, אין טראם, צי אין טעאטער.
ווי אָפטמאָל טרייסלען אויף דאָס הארץ אונז ליפען,
וואָס קומען אונז אנטקעגען אומגעריכטערהייט ;
עס ריידען האָר און בייכער, ס'רעדען בליקען
אזוינס, וואָס ווערטער זאָגען קאָנען ניט !

זישא לאַנדוי:
לידער.

(ר׳ אברהם לאַנדוי, 1785—1875.)

צום טשעכאַנאָווער.

איך בין ניט פריי — פון מיינע זיידעס
ציט זיך נאָך מיר אַ לאַנגע קייט;
איך בין ניט פריי — מיין טראָט און קער איז
פון אויגען נאָנטע שטרענג באַגלייט!
נאָכלעסיג, אָבער מיט אַ האַנט אַ פעסטער,
דיך שמיד איך ווייטער, אייזערנע קייט.

אם נאָנטסטען פילט מיין בלוט דיך, טשעכאַנאָווער,
ווייל פונקט ווי דיר איז ס׳לעבען מיר אַ פליכט,
וואָס יאָ צי ניט באַהבה אָנגענומען,
דאָך אָבער פאַר דעם שיקזאַל׳ס שטיינערנעם געזיכט
וועט ס׳הארץ מיינס ניט קיין ציטער געבען,
ווייל פונקט ווי דו פיל איך די הייליגקייט פון פליכט.

דאָך אין דעם נעץ פון פליכטען און געזעצען,
אַ, וויפיל פרייהייט איז פאַראַן און פרייד!
און בלויז אַ שקלאַף קען מיינען, אַז אַן אָדלער
האַלט אין דער שטייג ניט זיינע אָרעמס אויסגעשפּרייט!
אַ, ר׳ אברהם טשעכאַנאָווער,
איך האַלט ווי דו די אָרעמס אויסגעשפּרייט!

אַ, וויפיל ריחות...

אַ, וויפיל ריחות אויף דער וועלט פאַראַנען!
עס שמעקען שטעט און דערפער, גאַסען און פאַבריקען;

מיין קליינע שטוב אין א טורניר!
און כ'האָב מיין גרויסע קראַפט באוויזען
אין קאַמף מיט ריטער און מיט ריזען.

איז דאָס אין חלום אלץ געשעען?
האָב איך דערפון גע'חלומ'ט בלויז?
דאָך אויפ'ן וואָר אומזיסט פארגעהען
די טעג, זייט כ'בין אין פעלד ארויס.
און כ'האָב בלויז פאסטוכער באגעגענט,
זייט כ'האָב זיך מיט מיין היים געזעגענט.

וואָס זאָל איך טאָן? איך גיב זיך איבער
אין דיינע הענט! זאָל זיין וואָס ס'וויל!
נאָר ווייס, ס'איז יעדער טויט מיר ליבער,
ווי בלייבען זאָל דאָס הארץ מיינס שטיל.
דאָס הארץ, וואָס אים באשערט איז זינגען,
און דורך דער וועלט דיין רום צעקלינגען.

דער סטריקאָווער.

(ר' וואָלף לאנדוי.)

אין מיטען פון צימער וואָלף סטריקאָווער שטעהט
און זאפט איין די לופט מיט זיין וואכיגער נאָז.
א צוק איז פארגליווערט אין פנים ביי אים —
אזוי בלייבט צעשראָקען אין פעלד ווען א האָז.
א שמייכעל א שווערער זיין פנים צעקרימט,
דעם קין דריקט צוזאמען די ביינינגע האנט,
פון צווישען די פינגער די באָרד שפיצט ארויס,
אז ס'זעט אויס די האנט ווי א האָריג געוואנט.

און פלוצים דער קאָפ גיט א ווייי אין דער לופט,
דער פוס הייבט אָן שארען דעם וועקסענעם דיל,
און ס'עפענט זיך אויף ווי א קנאָספ זיין געזיכט,
ווי קלאָר וואָלט געוואָרען אים אלץ, וואָס ער וויל.

ווי מאכען ציטערען דאָס הארץ אונז פּיסלאַך,
די לייכטע פרויען פיס, וואָס שוועבען אָפט פארביי!
האָך איך האָב ליב נאָר די וואָס זענען גראָב און אומגעלומפּערט:
אָן גוטע פריינט, אָן אַלטע בריף דערמאָנען זיי,
און אויך אָן דער, וואָס שענקט אונז אונזער לעבען.

אין יולי־מאָרגען.

גלייך ווי ביים האוונען דעם בעל שם'ס געזיכט —
אין פריען יולי־מאָרגען שטראַלט די געגענט.
אַלץ טוקט זיך אין גאָלד און פיאָלעטען ליכט
און מיט א זוניגקייט דיין ערשטען טראָט באגעגענט.

די טאָכטער אויף'ן אקסעל. שפּאנסט און שפּאנסט.
און דיינע אויגען, זיי קוקען ניט, זיי שוועבען.
און פּלוצים ס'ערשטע מאָל אין לעבען דיינעם אנסט:
עס האָט א זין, א טיפען זין דיין לעבען.

די טאָכטער פּלאפּעלט וואָס. דו נעהסט און נעהסט.
ס'איז ליב אזוי אין גראָז אין טויאיגען דאָס שפּאנען.
ס'איז גוט אזוי, וואָס איטליך גליד דיינס פילט און ווייסט:
ס'איז אויף דער וועלט אי זין אי פרייד פאראנען.

דאָן קיכאָטע'ס קלאָג־ווערטער.

ניט צום פארשטעהן איז וועלט און לעבען,
און זאָנדערבאר איז יעדע שעה!
צום וואנדערען זיך אָפּגעגעבען,
שוין לאנגע וואָכען וואָרט איך דאָ
אויף רוישיג טומלענדיגע וועגען, —
נאָר ס'קומט קיין ריכטער ניט אנטקעגען.

האָך איידער כ'האָב גענומען וואנדלען,
און אין דער היים געזעסען מיר,
ווי אָפט פלעגט זיך מיין שטוב פארוואנדלען,

ווי לייכט ווערט ס׳האַרץ, ווען דו געהסט דיר שפּאַצירען
דורך דורכגעאַקערטע, פאַרזייטע פעלדער,
און וואו דו ווענדסט דיין בליק זעסטו אַ מענשענ׳ס מי און דאגות
און האָפנונגען.

די סטריקאָווער רביצין.

די באָבע שפּאַנט אַרום אַ שטראַלענדיגע,
חן־גריבלאַך חנ׳דלען זיך אין איר געזיכט.
און ס׳בלאַנקט דער טיש מיט פּאָרצעליין און זילבער,
און אין מאַסיווע לייכטער ברענען גראָבע ליכט.

מען האַלט זיך אַלץ אין גרייטען. ס׳איז דער ערשטער סדר.
מיר קינדער, אָבער, זיצען שוין ביים טיש פון לאַנג;
מיט לויכטענדיגע אייגלאַך וויגען מיר די פיסלאַך,
עס סקריפּעט אונטער אונז די לאַנגע באַנק.

אין אַטלאַס און אין פּערל געהט אַרום די באָבע,
אַזוי ווי אַ פאַרשעמטע כלה קוקט זי אויס:
עס זענען היינט צום ערשטען מאָל צוזאַמען
די קינדער און די אייניקלאַך ביי איר אין הויז.

זי קוקט אויף אונז און קנעט די הענט אָהן אויפהער,
און וויים נים וואָס צו טאָן מיט זיך פאַר פרייד,
און מיטאַמאָל אַנטלויפט זי גאָר אין גאַנצען,
קומט באַלד צוריק און טראָגט וואָס אין איר קלייד.

זי גיט אַ וואָרף. און אויפ׳ן טיש געפאַלען
אוודאי הונדערט כוסות זענען מיטאַמאָל — — —
„איך וויל אייך, קינדער גאָלדענע נים ציילען“
קלינגט מיט דעם זילבער גלייך דער באָבעס קול.

ביים געזעגענען זיך מיט די באַשיידענע „ה“ען און שטומע „ע“ס.

אָ, „ה“ען! די פון אייך, וואָס האָבען לאַנגע יאָרען
געלעבט ביי אונז אַ שטיל און אַ באַשיידען לעבען,

„אָ, גנאָד, אָ, מיין מוטער! ווי גוט איז ביי דיר!
אָ, חכמה! ווי ביזטו דעם האַרץ מיינעם זיס!
דאָך זיסער פון גנאָד און פון חכמה איז מאַכט,
איז כח אַ שאַר צו טאָן אַלץ מיט די פיס!"

פעברואַר אָוונט.

אָוונט. ענדע פעברואַר.
דער ווייסער שניי באַדעקט דאָס הויז און גאַס, און טראָטואַר. —
אַ ליכטיגקייט, וואו נאָר די אויגען גרייכען.
אַ רו, וואָס קאָנסט מיט קיין זאַך ניט פאַרגלייכען,
אַ רו, וואָס אָנגעצויגען איז און שטייף —
ציטערט דורך דער וועלט און דורך מיין האַרצען.

דער ווינטער איז שוין דרייף. די שפּיצען פון די ביימער
מיט שניי באַלאָדען אין'ם ווינט זיך לייכט באַוועגען.
און קוקענדיג אויף זיי פון וויטען דאַכט זיך דיר, אַז דו פאָרסט אויפ'ן ים,
און מיטאַמאָל אַ מחנה מעוועון קומט אַנטקעגען.

אָ, שניי! אָ, מעוועון! אָוונט! פעברואַר!
ס'איז ריין מיין האַרץ, און ווייס איז הויז און גאַס, און טראָטואַר.

ווי קאַלט און אומ'רחמנות'דיג איז די נאַטור.

ווי קאַלט און אומ'רחמנות'דיג איז די נאַטור!
זי איז פייערליך, דאָך אָבער אָן נשמה.
אין הייסע טעג איז הייס און קאַלט איז אין די קאַלטע,
ס'איז פינסטער ביי דער נאַכט און ליכטיג איז ביי טאָג.
און קומט אַ ווינט, באַוועגען זיך די ביימער,
און אָן אַ ווינט — ווי מתים שטעהען זיי פאַרגליווערט.
בלויז דאָרט, וואו ס'רירט דעם מענשענ'ס האַנט זיך צו
ווערט לעבעדיג דער טויטער, קאַלטער גוף.
און איטליך גרעזעל פילט, אַז ניט פון הימעל פון דעם בלעכענעם,
נאָר פון אַ מענשליך גנעדיג אויג ווערט עס באַוואַכט
און אָפּגעהיט.

אין אַלבאָם פון פּאַווילײַן...

דײַנע אויגען גלאַנצען ווי די נעז פון אָפּגעפּוצטע שיך,
און אין דײַן שמײכעל איז וואָס ניזעריגס פּאַראַנען.
אָ, קוקענדיג אויף מיר, פאַרשניר ניט האַלב די אויגען
און ס'מויל פאַרצי ניט אויף אַ שמײכעל!
נאָר קוק אַזוי ווי ווײַבער האַרפּען קוקען, —
גאַנץ אונטערטעניג און דאָך וועלט רעגירענד!
דו קוק אַזוי; אַז קוקענדיג אויף דיר
זאָל וואַסערן זיך אין מײַן מויל מײַן צונג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קלײנשטעטעלדיגע ווײַבער.

אין קינעמאַטאָגראַף, אין טראַם, אין גאַס, אין קראָמען,
מיט פּעקלאַך, וועגעלאַך, מיט קינדער בײַ דער האַנט
באַנגענסט זײ געהן. זײ געהען ניט, עס שטראָמען
פאַרבײַ די מחנות ווײַבער נאָכאַנאַנד.
פון איינער ביז דער צווייטער איז קיין אונטערשייד:
אַ סטאַדע פּי דערמאָנען זײ מיט זיך.
זײ שלעפּען פּויל און מיד די שווערע פיס אין די צעפּאַרענע שיך,
און זייער איטליך ריר איז וועלק, ווי ס'איז אין הערבסט דאָס גראָז.
זײ גלײַכען קי מיט פולע אייטערס, וועלכע, דאַכט זיך,
בעטען זיך בײַם באַלעבאָס
מיט אויגען וואַסערדיגע, שטומע: מ—ע—ל—ק!

פײַן היל.

פײַן היל, אָלסטער קאַונטי, ניו־יאָרק,
ליגט אין אַ טאָל. אַצינד איז נאַכט.
ס'איז שטיל. אַ לײַכטער ווינט קומט פון די בערג.
פאַרמאַכט האַלט איך מײַן פענסטער.
מײַן האַרץ איז לײַכט. דער קאָפּ איז פריי פון זאָרג.
מײַן קעהפער — פריש. פּאַפּירען, ביכער, ווערק
(פרעמדע, אייגענע) צעוואָרפען ליגען אויפ'ן טיש.
אַלץ איז אין צימער אָנגעשטרענגט: די אַרבייט ברענט

וואָס האָבען קיינמאָל ניט צעשריען זייער עקזיסטענץ,
בלויז אָנען זיך געלאָזט!
און איר, איר שטענדיג אונטערשעצטע,
באַגלייטער וואונדערבאַרע, טרייע —
איר שטומע „ע"ס! איר, וואָס האָט געבראַכט זיך פאַר א קרבן
כדי דאָס לעבען פון די גאַנצע אייערע ווייך צו מאַכען! —
איר געהט פון אונז אַצינד אַוועק! ווער ווייס,
צי ניט אויף אייביג שוין.

אָ, איר ניט ערדישע, אומניצליכע, ניט אידישליכע ווערזענס!
אין זייער אומשולד רייצענדיגע
אַלטע, גוטע מומעס!
איצט בלייבען בלויז ביי אונז פיליסטער פרייכענדיגע — קאָנסאָנאַנטען,
און ווייבלאָך אָנגעבלאָזענע — וואָקאַלען.

ווי טרויריג וועט אָהן אייך זיין ס'לעבען אַלטע, גוטע מומעס!

איך האָב געוואַרט און דו ביזט ניט געקומען.

איך האָב געוואַרט און דו ביזט ניט געקומען,
און איך האָב זיך אויף דיר אַזוי געריכט;
וואָס ביזטו יענעם אָוונט ניט געקומען?
איך האָב זיך דאָך אַזוי אויף דיר געריכט.

איך האָב געהאַט פאַר דיר בלויז גוטע ווערטער,
און איטליך וואָרט געווען איז פול מיט פרייד;
איצט ווידערהאָלען קאָן איך ניט די ווערטער,
ניטאָ אין זיי די אַלטע גוטע פרייד.

בלויז זייער דופט איז מיר ביז היינט פאַרבליבען,
און איז מיט מיר ווי אין די ערשטע טעג.
דער דופט, וואָס איז פון יענע רייד פאַרבליבען,
פאַרשפּרייט זיך איבער אַלע מיינע טעג.

דאָס קליינע חזיר'ל.

דאָס קליינע חזיר'ל האָט מיט דעם אָפּגעזעגטען מויל
א גראָב געטאָן אין אָפּפאַל טיף, אַז ס'האָט א דאַמף זיך אויפגעהויבען.
און נאָכדעם האָט עס אָנגעשטעלט אויף מיר
צוויי מילדע, חנ'עוודיגע מאַנדעל אויגען.
א ווארימקייט האָט דורכגעפלאָסען מיך, ווען איך
האָב צוגעקוקט ווי ס'דרייט און דרייט זיך,
און ענדליך דרייט עס אין א שפּיץ זיך אוים דאָס עקעל זיינס!
אָ, וויפיל חן ליגט אין די חזיר'שע עקלאָך!
אָ, וויפיל צערטליכקייט! אָ, וויפיל רייץ און אומשולד!
ס'איז רייצענדיג און חנ'עוודיג ווי יענער לאָק, וואָס אין מיין יוגענט
האָט ניט איין שעה פון רו גערויבט ביי מיר!
און צערטליך איז עס און אזוי אומשולדיג
ווי דיינע פערזען, געטליבער ווערליין!

וואָס דאָן־קיכאָט האָט געפילט, ווען מען האָט אים אויסגעלאַכט.

דער שטאָלץ פון ריטערטום, די ערע פון לאַמאַנטשא,
דאָס ליכט, וואָס לייכט אזוויפיל דורות שוין
צום פרייד פון אלע גוטע און פון ריינע;
אָ, דער, וואָס האָט געזעהן פארשטעלטע ריטער
אין ארבייטער, גנבים און אין רויבער;
פאר ווערמען די, וואָס ווארטען ביי די שענקען
געוועזען זענען הערליכע פּרינצעסינס,
און יעדע וועשין איז געוועזען דולציניי —
פארגאַנגען איז אמאָל אין אָוועגט צו א פּרינץ,
אן אָרט, וואו אָנצושפּארען איבער נאכט דעם קאָפּ געבעטען.

געוועזען איז דער פּרינץ אַן אכזר. און דאָס שלעכטע הארץ
האָט אָנגעהויבען זיך אין אים פאר פרייד באַוועגען.
און צוגעטראכט האָט דער אומגליקליכער, כדי זיך מאכען לוסטיג,
טאָרטורען דינע פאר זיין וואונדערבארען גאַסט.
א י י ן טראָט איז בלויז, ווי יעדער פון אונז ווייסט, פון כבוד צו בזיון,

און פֿלאַקערט אונטער מיינע הענט.
מיין האַנט איז פֿלינק און פֿעסט, און ווי אַ מעסער שאַרף
איז מיין געדאַנק.

און יעדער ריר אין מיר אַצינד איז בלויז געזאַנג.
דאָך ווי דער הימעל ווערט פֿון בערג געשניטען דאָ,
אַזוי אַ יעדע שעה, ניין, יעדע רגע
רייסט זיך מיין האַרץ: אָ, דו וואָס איך האָב ליב!
דו, וואָס אי ך האָב ליב!
ליב! ליב! ליב!

איך האָב צו אייך אַ גרויסע טובה, ברידער...

איך האָב צו אייך אַ גרויסע טובה, ברידער,
עס האַנדעלט, געמליך זיך אין דעם, אַז איר
מיט אייער טיפֿער חכמה און פֿאַרשטענדניש,
זאָלט מיר ערקלערען צי איך בין גערעכט. —
כ'האָב לעצטענס, ברידער, אַ געפֿיל: פֿון אַלע ליפּען,
וואָס שטעהען גרייטע אויף דער וועלט געקושט צו ווערען,
אַם זיסטען זענען די, וואָס זענען צוגעוועלקט צו ביסלעך,
וואָס זענען בלייך, צעקנייטשט און אָפּגעקראָכען. אין קורצען, די,
וואָס זענען אויסגעקושט, צעקושט און דורכגעקושט געוואָרען.
אויף וויפֿיל ס'קאָן אַ מענש זיין האַרץ אייגען באַגרייפֿען,
שטאַמט דאָס געפֿיל אין מיר דערפֿון, וואָס איך
האַלט זיך ביים מיינינגען: ביי אונזער שטאַנד און יאָרען
איז זעכצען יעריג בלוט אַן אומזין: איך האָב ניט איינמאָל שוין פּרובירט
ביים קין אַ זעכצען יעריגעס צו נעמען
האָט דאָס אַזאַ מין צאַפּעל אונטער מיינע הענט געגעבען,
אַז ס'האָבען ציטערען די הענט מיר אָנגעהויבען,
ווי כ'וואָלט אַ מייזעל אָנגעהאַלטען ביי דעם עקעל.
אָ, ברידער מיינע, עס וויל ניט אייער ברודער פֿלאַטערען
אין אָנגעזיכט פֿון זיין אַלטעגליך ברויט!
דערפֿאַר ווענדט ער אַצינד זיך נאָך אַן עצה
צו אייער טיפֿער חכמה און פֿאַרשטענדניש.

מלך ראוויטש:

זעקס באַלאַדען

פון בוך „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטען“.

I

דער מענש און זיין גאָט.

דער אדם האָט געוואוינט ביים ברעג, פון דער זייט ים,
אויף א גראָהען פעלדען־בארג.
און פון יענער זייט פון ווייטען, בלויען ים
האָט געוואוינט זיין גאָט.
און אָפט ביינאַכט,
אז די אָוונט־וואָלקען האָבען זיך פארצויגען,
האָט אדמ׳ס גאָט, א זילבער־ווייסער, קיילעכדיגער, שטילער
פּאַמעליך זיך באוויזען, אויפגעזעצט זיך אויפ׳ן ווינד
און ארויפגעפלויגען
אויפ׳ן הימעל.
און האָט געשמייכעלט, זעהענדיג ווי אדם ליגט
מיט זיינע ווייבער און מיט זיינע קינדער שלאָפענדיג.
און ווי א ווילדער חזיר האָט געכראָפּעט אדם אין די נעכט.
און אז א ווייב האָט אים געוועקט ביינאַכט,
פלעגט ער אויפשטעהן בייז און היים
און — האָט זיין גאָט דערזעהן,
ווי ער וואַכט איבער אים פול ליבע.
האָט ער זיך אויפגעשטעלט ביים ברעג
און צוגעלעגט די הענט צום הארצען, ווילדבאוואקסען ברייטען מויל,
ווי א קורצען האָרען
און א געשריי געטאָן:
יא־א־הווע!
און האָט זיך פריידיג צעלאַכט.
און אז די ווייבער און די קינדער האָבען אדמ׳ס שריי דערהערט,

האָט ער אַזויפיל כבוד אונזער האר גענומען ווייזען,
און ווילד אַזוי דערביי איבערגעטריבען,
אַז דאָן־קיכאָט געבליבען שטעהן איז אומבאהאָלפען,
און ווי אַ יונגעל זיך פאַרלאָרען.
דאָך באַלד האָט אַ ניט דריסטער שמייכעל צוגעדעקט זיין פּנים,
און זיינע ליפּען האָבען אָנגעהויבען שטיל, פאַר זיך, צו שטאַמלען:
מסתמא איז דאָך דאָ אַזאַ מין מנהג.

אָ, ניט געזעהן האָט אונזער האר ווי ס'שטיקט זיין ווירט זיך פאַר געלעכטער!

ווייל צו אומשולדיג איז דער האר געוועזען!
ווייל ס'איז צו ריין דעם הארנ'ס הארץ געוועזען,
אַז ער זאָל גלויבען, ס'קאָן אַ מענשליך הארץ דערפרעהען
דאָס שפּעטען און האָס לאַכען פון אַ צווייטען.

דאָן־קיכאָט.

מיט העלם, און שילד, און פּאַנצער,
די לאַנגע שפּיז אין האַנט;
די לייצען אָפּגעלאָזען —
זאָל פירען ראָסינאַנט.

אַזויפיל וועגען קרייצען
פאַר מיר זיך דאָ אַרום.
אָ, וועלכער וועג וועט פירען
צו שטרייט מיך און צו רום?

איך האָב די היים פאַרלאָזען,
אַוועק אין פרייען פעלד,
עס זאָל אַ תיקון האָבען
דאָס הארץ דיינס, גרויסע וועלט!

עס זאָל ניט, וועלט דו גרויסע,
דאָס הארץ דיינס בלייבען שטום!
איך וועק צום לעבען ווידער
די בלויע ריטער בלום.

איז זי געלעגען צווישען אלטע ציגען־פעלען
און האָט געדעוועט הונגעריג, פול צער;
איהר רוקען איז געוועזען ווי א בוים אויף צוויי געבראָכען,
און אירע ווייסע האָר שוין אויסגעקראָכען
פון צופאַלענדיגער הויט,
און הארטער הונגעריגער ווינטער איז געוועזען,
ווייל אדמ׳ס יונגסטע ווייב האָט צוגענומען אלע גוטע ציגען־פעלען
פאר איר ווארמען געלעגער,
ווייל אדם האָט אין איר געפונען א שטארק געפעלען,
און ער האָט ליב געהאט די זאטע, ווייכע ווארעם פון איר בויך;
און איז געקמען קאלט און כמורנע אין דער מיטען שווארצער נאכט,
האָט ער אין ווינקעל הארט א וואָרף געטאָן, פארפרוירענע צוויי טויטע ציגען.
און צום געלעגער פון זיין יונגסטער איז ער צו
מיט א מיד און ציטערנדיג געפליסטער:
דו — לאָז מיך ליגען.
האָט זי געענטפערט שטיל און אירע אויגען האָבען גרין געגליט:
דיין מוטער איז א שלעכטע, אלטע, פרעסט און פרעסט,
און האָט מיך היינט געשלאָגען, מיך, דיין הייסע.
קענסט זי דאָך פון דאנען טראָגען איצט,
און אין שניי באגראָבען,
און קום צו מיר צוריק
הייסער מיינער
דו.
און אדם האָט גענומען ביי די פיס זיין מוטער,
און האָט זי איינגעוויקעלט אין א פעל פון ציגען,
האָט זי פול רציחה און פול שרעקען אויפגעשריגען און געשפיגען.
און אדם האָט גענומען און געטראָגען ווייט פון דאנען,
וואו עס איז א אָבגעהאקטער שטאם פון א לינדענבוים געשטאנען,
און מיט א האק פון שטיין האָט ער גענומען האקען
א קבר אינ׳ם הארטען שניי.
און צו דער מוטער זאָגט ער: שטעה

זענען אויפגעשטאנען זיי און געבוקט זיך צו דער נאכט־קילער ערד;
אָבער ס'האָבען זיך די זויגענדיגע אויף א קול צעשריגען,
און בייז געוואָרפען זיך, נישט וויסענדיג וואו די ציצען פון די מאמעס ליגען,

און די מאמעס ציצען זענען צו דער ערד געהאנגען
פאַרכטיגע פאר גאָט.
און גאָט האָט זיי געענטפערט מיט א מילדען שמייכעל,
און האָט זיין אינגעל־פנים מיט א וואָלקען צוגעדעקט.

II

אדמ'ס מוטער.

דעם אדמ'ס מוטער איז געוואָרען אלט,
איז בייטאָג געלעגען נאקעט אין דער זון
און געמרוקעט אין דער ווארעמקייט.
און ס'איז די פרוכנע קאָרע־הויט פון איר דארען קנאָכען־שטאם
געוועזען פול מיט קריכענדיגע ווערעם.
און אז זי האָט אָדמ'ען דערזעהן קומענדיג פון ווילד־געיעג,
האָט זי, פריער פאר די קליינע קינדער, אויפגעכאפט זיך
מיט א הונגעריגען פרעג:
מאמען, עסען, דו, געברענגט?
זענען אדמ'ס ווייבער אריין אין רויטען צאָרען,
און אדם איז אליין פאר מידקייט אין כעס געוואָרען,
און האָט געשפיגען
צו דער קאָרע פון דער מוטער'ס פנים־:
גיי ליגען!

III

דער מוטער'ס טויט און אדמ'ס ליבע.

דעם אדמ'ס מוטער איז געוועזען אלט,
און ווינטער איז געוועזען;

האָט ער געגאַרט זיך מיט זיין שכן אָפּצובייטען,
און האָט אים אָנגענומען ביי די זייטען,
וועלענדיג א שליידער טאָן.
האָט פּלאָם זיין קאָפּ דעריאָגט, האָט ער זיך יעמערליך צעשריגען
און איז געבליבען ליגען.
און ס'האָט זיך אים א נאַכט גע'חלום'ט,
א רגע לאַנג פול שוואַרצליך־רויטען שמאַרץ —
דאַן האָט ער זיך דערמאָנט און אויפגעשטאַנען,
און אין די פּלעצעס איז אים פאַרקלעפּט געווען דאָס בלוט,
און אדם האָט דערפילט דעם כח פון זיין שכן,
ס'איז א מורא אין זיין האַרצען אויסגעבראָכען,
האָט ער געקלערט צו בעטען ביי זיין גאָט.

V

דעם אדמ'ס געבעט.

און אדם האָט געבויט און געבונדען
שטאַם צו שטאַם און צווייג צו צווייג,
און האָט געמאַכט א שטאַרקע שיף
און גאָט איז נאָענט דאָ.
פאַר דער נאַכט
איז ער צו צום יונגסטען ווייב,
האָט די יונגע אירע אָפּגעריסען פון דער מוטערס ציצען־לייב
און צוזאַמען זיי געבונדען מיט א צווייג.
אז די מוטער האָט געשריגען
האָט ער א טריט אין בויך געגעבען:
שווייג!
און האָט די יונגע פונ'ם הויכען פעלזען גלייך און ווייט אין ים אריין געשליידערט,
זענען זיי פאַרזונקען אין דערטרונקען
מיט זייער רויטען לייב, מיט זייער רויט געוויין.
און אדם האָט געקלערט:

און וואַרט!
און אַז דאָס קבר איז געווען גוט,
האָט ער איינגעוויקעלט זי, און איינגעהילט זי אין איר פעל פון ציגען,
און זאָגט: גיי ליגען!
האָט זי געדעוועט: איך, דיך, געהאַט, געבוירען.
זענען טרערען אויף זיין האַרטער באָרד געפרוירען,
האָט ער די מוטער צוגעדעקט מיט שניי און איז געבליבען שטיין,
און האָט זיך איינגעהערט צום רעווענדיגען, אונטערערדישען געוויין,
ביז עס איז פאַרשוויגען.
און אין דערהיים איז ער צו צום געלעגער פון זיין זיסער:
הייסע, לאָז מיך ליגען.
און זי האָט אויפגעמאַכט איר נאַכטיג הייסע שויס,
און אדם האָט זיך אויסגעשטרעקט אין זיין גאַנצער גרויס.

VI

דער מענש און דער שכן.

דער אדם האָט געוואוינט ביים ברעג פון ים
אויף אַ פעלזענבאַרג,
און אויף אַ צווייטען פעלזענבאַרג,
נידריגער
האָט געוואוינט זיין שכן.
איינמאָל האָט אים אדם אין אַ וואַלד באַגעגענט,
שפעטער זומער האָט שוין קאַלט גערעגענט,
און ער האָט געזוכט נאָך יונגען עוף און אָדלער־אייער
פאַר זיין יונגסטען ווייב,
וואָס האָט אים יונגע צוויי געוואונען.
און דער שכן האָט געהאַט אַ קרוג פון רויטען שטיין,
און אדם האָט געהאַט אַ קויש פון ים־גראָז.
איז אים דער קרוג פון רויטען שטיין געפעלען,
ער האָט געוואָלט אים פאַר זיין יונגסטען ווייב אנידערשטעלען,
פול מיט וואַסער פון אַ זיסען קוואַל.

און האָט געטאָן אַ רוף;
גאָט האָט נישט געענטפערט, —
און אויף איינמאָל האָט אַ ווינט זיך אויפגעהויבען
אויבען
און אין די טיפען אונטען
האָט די שטערען אויסגעלאָשען,
געוויגט מיט שווערע, שווארצע כוואַליעס.
איז אדם ווידער אויפגעשטאַנען און פול שרעק,
צום שווארצען חלל, וואָס איז געוועזען אפשר ברעג,
האָט ער געשריגען:
יאַ־אַה־ווע! ביזטו דאָ!? —
און דער ווילדער ווינט האָט מיט אַ קאַלטען שטוים געענטפערט:
האָ־או־או־או —
או־או! —

גאָט וועט זאַט זיין, גאָט וועט גוט זיין — —
ווי אדם — איך —
און האָט זיך אויפגעזעצט
אויף זיין שטאַרקער שיף,
און ווינטשטיל איז דער ים געווען,
און נור די ערשטע שטערען האָבען אויף זיין פלאַך געציטערט,
און אָדם האָט גערודערט און גערודערט —
צו גאָט —
און ס'איז געווען אזא נאכט, ווען גאָט באווייזט זיך נישט.

IV

אדמ'ס טויט.

און אדם איז געשוואומען און געשוואומען,
און האָט געקלערט צו בעטען אויף זיין שכן,
אז גאָט זאָל אים צעברעכען מיט זיין דונער,
ווי ער האָט היינט די בוימער פאַר זיין שיף געבראָכען,
און דעם שכנ'ס קרוג פון רויטען שטיין
וועט ער דאַן אָנפילען אליין,
ער, אדם,
מיט זיסען בלוט פון זיין זיסטען ווייב,
דאָס וועט זי מיט ליבע שענקען פון איר לייב,
און וועט עס אויסגיסען פאַר גאָט אין ים־אריין.
און גאָט האָט ליב דאָס זיסע בלוט פון ווייבער.
אזוי האָט ער געקלערט און איז אזוי געשוואומען,
נאכט איז איבער ים געפאַלען
און שוין איז אדמ'ס שיף געגאַנגען שווערער,
ווייל שווארצער איז די אומענדליכע נאַסקייט שוין געוואָרען,
און גאָט איז נישט צו אים, און ער איז נישט צו גאָט געקומען.
דער ברעג האָט אויסגעגלייכט זיך און פארשוואונדען
פון זיין אויג,
האָט ער אָפּגעלאָזט די רודערס פון זיין שיף

קיין מאָס אין מיין שנור, קיין געשטעל מיין געביי,
קיין פּנים, קיין פורם, קיין סדר דערביי.
קיין גלייכקייט געמאָסטען, קיין וואוקס, קיין געשטאלט?

ווי דער ווינט בין איך אָפען, ווי גאָט בין איך פריי!

ווי דער האָגעל ווארפט אָן און ווי זאַמד ברענגט דער ווינט,
שטיין און ערד אָנגעטראָגען, פארפלייצט איר געפינט.

ניט אין שמעלצטיגעל דורך, ניט געלייטערט מיין גאָב?
איך גיב אלץ וואָס איך האָב און נאָך מער ווי איך האָב!

ניט געקליבען, גערייניגט, מיט זאָרג ניט געגלעט,
ניט געוואָרימט מיין זאָג — איך האָב ווערטער גערעדט!

קיין ניגון, — אַ שטורעם, אַן אָפענער בראַנד,
נאָר אַ ברעכען פון בערג און געוויטער באַנאַנד.
ניט אַ רינע וואָס לויפט זיך איינמאָסיג און גלייך,
צי ווי עס פארבט זיך פאר'חלומ'ט פון אָוונט אַ טייך,
ניט ווי אַ פליגעלע זשומט, צי אַ בלימעלע בליט,
און שמייכעלט צו זיך האלב־צופרידען, האלב־מיד,

ניט ווי עס רינט זיך און ריזלט, אַ קוואלברונים קוואלט,
אויך ניט ווי אַ וואסערפאל בארג אראָפּ פאלט,

נאָר ווי ציטערען הויבט אָן און ווארפען די ערד
מיט איין מאָל, און גלייך אויס. און עס שיט און עס פאלט— — — — —

מיך ווארפט ווי'ן קדחת, אלץ צופט און אלץ ברענט,
צעריסען ווערט אלץ וואָס מיר קומט אין די הענט.

עס שטייט ניט אויף מיר איין קיין יאָך און קיין קלייד,
פון יעדען צאַם שפּרינג איך ארויס ווילדערהייט.

און איך גיי ניט — איך לויף, ווייל דער גאנג ציט זיך, ציט,
און וואָס זאָל איך? מעסטען, צי ציילען די טריט?!

לוי בערמאַן:

פּאָעמע.

— איז מיינע די רגע, ווי דיינע די אייביגקייט,
אין דער שטויביגקייט לעב איך, וואו מיין גאָטגעדאנק שטראַלט,
און איך לעב און איך פאַל און שטיי אויף אין דער צ י י ט.
לאָמיך האַלטען די רגע און כאַפּען דעם ווינט,
ווייל גאָט'ס אייביגקייט שטייט, און מיין רגע פאַרשווינדט.
צו גאָט אַלע וועלטען און מיינע — איין שטויביגקייט...

— ווי דיין וועלט איז ערבוביא, אזוי אויך ביסטו.
ציען קוואַלען אַוועק, קומען אַנדערע צו.

ווי דער טייך וואָס ער שטאַרקט זיך אַליין איבער זיך, —
איבער הויכען געוויסער די קראַפט לאַנג ניט האַלט,
אַלע ברעגעס פאַרגיסט און ער ציט זיי איין גיך,
ווייל די הויך־שטאַרקע וואַסערן זינקען איין גיך.
אַלץ, וואָס איבער די כחות, פון שטאַרקייט צעפאַלט.

פליט אַוועק ווי א חלום, צעטראָגט זיך דיין הויז,
וואָס דו האָסט זיינע ווענט אָן דעם ווינט אָנגעשפּאַרט,
און לאָזט אָפּ דער ווינט — אַלץ פאַרשווינדט און רינט אויס.

— מיט איין בליק מעסט איך אָפּ און די ווענט שטעל איך אויף,
און די טורעמס פון שיטערן זאַמד שטעל צונויף.
קיין מאָס אין מיין שנור, קיין געשטעל מיין געביי?
מיט איין קוק מעסט איך אָפּ פון מיין טורעם די ווענט,
קריכט ארויף ווי א בליץ — שטייען מויערן ניי,
ווייל ווי א י ך שטעל אויף גיך — האָט ניט איינער געקענט.

איך מויער אָן ליים, אָן א גרונט שטעל איך אויף,
און איך בוי ניט מיט ציגעל — איך קוק נאָר ארויף,
מיט'ן בליק ווי איך מעסט אָפּ — די ווענט שטייען אויף.

קיין געדולד ניט צו זיך — מיר איז שווער די מינוט,
ווען איך שטיי אויף איין אָרט, ווען מיך טראָגט ניט מיין מוט.
ניט צום שלייפען און טאָקען איז מיר מיין געמיט.
איך צי ארויף מיין געדאנק און אין ווייטאָג פארבינד,
איך רייס מיין פלאַקס מיט די שמאַרציגע הענט, און איך צינד
מיין געפלאָכטענע שטריק, און איך זע זי שוין ניט...

— קאָנען קאָנסטו אלץ, און טאָן טוסטו גאָרנישט,
בערג קאָנסטו טרייסלען און רירסט דאָך קיין האָר נישט.
ווייל עס האָט ניט דיין קראפט קיין באשטאנד און קיין האפט,
און צעפלאצט און צערייסט זיך און פאלט אין דיין האסט,
און דיין רוקען צעברעכט זיך פון אונטער דיין לאסט.

האָסט אן אָפּשטעל געהאוועט, געיאָגט זיך — צו וואָס ?
האָסט דיין שפייכלער פארזאמעלט, פארשטאָפּט אָן א מאָס,
אזש עס שפּארען און פלאצען פון שפייכלער די ווענט.

— ווי איך האָב זייט מיין קינדהייט געטראכט און געקלערט :
איך וועל ניט רוען כל זמן איך גיי אום אויף דער ערד !
איך וועל וויסען פון רו ווען כ'וועל ליגען אין דר'ערד...

מיין פארלאנג ניט געפלאנט, מיין געשטאלט ניט פארטראכט,
בלינד טאַפּ איך ארום אין דער פינצטערער נאכט.

און פּאָרט טו איך אויף וואָס א צווייטער ניט מעג,
און דאָך קום איך ארויס אויפ'ן ריכטיגען וועג !

דער געוואלדיגער נעם און דער בריאיגער צי —
דאָס קומט ניט אפילו אין חלום צו זיי,
ווייל ווי קומט דאָס צו זיי ? ניט זיי האָבען געדאכט
אלץ, וואָס איך זע אָן, און דאָס האָב איך געבראכט.
איך האָב אין שלאָף דאָס געזען, בין איך נעכט אויפגעוועזן,

עס בויט שאַנצען דער מענש, ברענגט זיין אויפטו ארויס,
און ציילט אַלץ און חשבונ'ט די זעמדעלאַך אויס,
און רעכענט און וועגט אָפּ און מעסט אקוראט,
און בלייבט זיך ביי דעם וואָס ער'ט פריער געהאַט.

אפילו ז י ך אַליין קאָן ער ניט שטעלען קיין צאָם,
און עס וועט אים אוודאי ניט הערען דער ים.

זייט ווי גאָט, וואָס ער האָט אויף זיין רצון געשטעלט,
און אין איינע זעקס טעג זיך באַשאַפען זיין וועלט.

נאָר איך בין ניט מענשליך, האָב אויך ניט קיין מאָס —
מיט געזאַנג שלאָג די בערג, אויף דער ערד גיב א גאָס!

ווייל איך בין ניט מענשליך, איז זיין פורים מיר פרעמד,
און אַן אנדער געשליודער עס יאָגט מיינע הענט.

קיין אָנהויב, קיין אויסלאָז, קיין ערך — פאַרוואָס?
ווי גאָט און זיין ווערק האָב איך אויך ניט קיין מאָס.

און אלץ וואָס איז מענשליך איז שלעכט מיר און פרעמד.
כ'האָב ניט אנדערש געוואָלט — איך האָב אנדערש געקענט!

— הער אויף שוין צו יאָגען און בלייב אָן א זייט,
און דיין אומרו, אויף רו און אויף שטיל־זיין פאַרבייט,
געפין אויס ארום זיך יעדע זאַך און בינד אויף,
און זע זיך ארום, קוק און נעם זיך צונויף.

זאָל אויפהערען בעסער צו שלאָגען דיין קוואַל,
ווייל אָפּשטעלען מוז זיך די שרפה אמאָל,
און דיך פירט דיין אימפעט צו גיך צו דיין פאַל.

— מיט דעם גיי איך ווייטער, מיט דעם גיי איך אויף,
גיי איך אונטער, אויב ס'לאָקערט אזוי מיך דער רוף.

איך זאָג צוויי מאָל ניט איבער דעם אייגענעם וואָרט,
שטיי אויך צוויי מאָל ניט אין אויף איינאיינציגען אָרט.

ה. דרימער:
איבער אלע בערג
די האנט

און האָב יעמאָלט שוין אלצדינג פון פריהער געזען.
ווייל איך זע אין מיין שלאָף, און מיין חלום ביינאכט,
וואָס קיין ילד איש' האָט ביז אהער ניט געדאכט.

אָן א צאם אויף מיין רוקען, ווי דער ווינט בין איך פריי,
און זאָל קיין שום וואונדער ניט זיין מיר צו ניי.
מיינע פיס ניט געבונדען, מיין האלז ניט באשווערט,
מיט געוויכטער מיין נאקען ניט ווערען געשטערט.

ווי מיין קוק שפרינגט ארויף, ווי מיין רעיון נאָר גרייכט,
אזוי שטייט און עס טורעמט, מיין בנין זיך הויכט.
פון שוועל ביז'ן שפיץ און פון גרונט ביז'ן ענד —
ווי גיך ס'הויבט מיין בליק זיך אריבער די ווענט.
און איך קום און איך גיס אויס אויף גיך וואָס איך טראָג,
איז יעדע פורם צו ענג, קורץ די לענג פאר מיין טאָג.

שטייט מיין בנין און וואקסט, שוין אויף האלב אויסגעבויט,
כ'הויב מאוימ'דיג אויף מיט מיין אָרעם אין זייל,
ווערט צעשטערט און צעפאלען מיין גאנצע געביי,
און איך שטיי אויף אין בראָכווארג, הויב אָן בויען אויף ס'ניי.

(פון דער פאָעמע „נעשה אדם")

צום אַנדענקען פון מיין פאָטער און מוטער

ה. דרימער

דאָס קומען און דאָס אוועקגיין פון אברהם׳ן

פון דער דראַמע „איבער אַלע בערג“

דאָס קומען פון אברהם׳ן

דאָס אָרט וואו די מעשה איז געשען איז ערגעץ הויך אין די בערג. אַ זעהר באַשיידענע אָבער ריינע שטוב באַ דעם באַרג־אידען — הירש־בער. די ווענט ווייס, דער דיל איז אויסגעשמירט מיט געלען ליים. אַ טיר לינקס פירט אין א צווייטען צימער, „די גרויסע שטוב“, וואו עס געפינט זיך „דאָס מעבעל“, דאָס גלאָזוואַרג, די מעשענע לייכטער, דאָרט שטייט אויך א בעט מיט בעטגעוואנט, וואָס מען באנוצט קיינ־מאָל נים. כינע האָט דאָס בעטגעוואנט אָנגעזאמעלט פון יאָרען, פון זינט איר טאָכטער מירעלע איז געבוירען געוואָרען. כינע איז אַ גו־טע באלעבאָסטע און גענז איז ב״ה פאַראַן דורכ׳ן ווינטער גענוג. — צוויי נידריגע פענסטער, וועלכע ווייזען אַרויס די דיקע ווענט, גייען אַרויס אין דרויסען. עס איז א שיינער ליכטיגער זומער־טאָג. לעבען די פענסטער שטייט אַ באַנקבעטעל. בייטאָג איז עס צוגעדעקט און מע זיצט דארויף; בייכאַכט שלאָפט דאָרט מירעלע. לינקס פונ׳ם פענסטער ביז צו דער אנטקעגענדיגער וואַנט שטייט כינע׳ס בעט. דאָס בעטגעוואנט פונ׳ם גאַנצען הויזגעזינט ליגט אין דעם בעט; דאָס ליי־לעך פון בעט איז בלישטשענדיג ווייס און וואַרפט זיך אין שטייפע פאלטען ביז אַרונטער. אַ טיש און א לאַנגע באַנק שטייען ביים באַנק־בעטעל. עס איז פאַראַן א שטול פאַר׳ן באלעבאָס. אויף דעם פענסטער שטייען וואזאָנעס און ריינע רויטע טעפּ און באָדען זיך אין זונען־ליכט.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, שטייט אויף דער בינע כ י נ ע, א פרוי ארום פערציג. זי זעט אבער אויס פיל אינגער. ווען ניט דאָס, וואָס זי האָט לעבען זיך שטענדיג מירלען מיט איר ליכטיג שיין פּנים, וואָלט זי אויסגעזעען ווי נאָך גאָר אַ יונגע פרוי, און דאָך אָטעמט זי ממש מיט ריינער צופרידענער מוטערליכקייט. — זי האָט

מ י ר ע ל ע : ער וועט ניט כאַפּען גאַר ניט, ער איז ניט ווי אַלע אדלערס.

כ י נ ע : אי, דו נאַרעלע. נאַ, נאַ... (קושט זי. א י ט ע קומט אַריין).

א י ט ע : איר האָט שוין פאַרטריבען אייערע עופות?

כ י נ ע : נו, וואָס דען, איך וועל וואַרטען פאַר זיי.

א י ט ע : וואָס זאָגט איר ניט צו דעם אַנשיקעניש? עס מוז עפּעס זיין א יום־טוב ביי זיי, צי וואָס!

כ י נ ע : פון וואַנען האָבען עס זיך אַזויפיל געגומען?

א י ט ע : זיי זענען זיך צענויפגעקומען פון אַלע בערג אַרום, פון יענער זייט וואַסער, פון די פּאַלאַנינעס, וואו אונזערע שאָף געפינען זיך. און צוויי האָב איך געזעען פליען אַזש פון יענער זייט שטאָט. האָט איר באַדאַרפט זען, ווי די טויבען זענען אַהיים געקומען, אַלע ביז איינער.

מ י ר ע ל ע : האָט איר געזעען דעם גרויסען, דעם גרעסטען פון אַלע?

כ י נ ע (לאַכט) : זי האָט זיך אים שוין אָפּגעקליבען פאַר אירען.

מ י ר ע ל ע : דו לאַכסט פון מיר. ער איז טאַקע מיינער.

א י ט ע : מיין נחומ׳ל וועט אים פאַר דיר שיסען.

מ י ר ע ל ע : איך וויל ניט מען זאָל אים שיסען!

א י ט ע : אי, דו נאַריש קינד! (יענקעלע קומט צום פענסטער) אָט איז דאָך דער זיידעניו. נו, זיידעניו, וואָס וועט איר עפּעס זאָגען?

י ע נ ק ע ל ע : ביי אייך איז דאָס א נייס. איך געדענק, ווען איך בין געווען א יונגעל, איז ביי אונז אויך געווען אַזאַ גרויסער אדלער. מיין טאַטע איז דאַמאָלט געווען מיט א סטאַדע שאָף אויף די פּאַלאַניעס, איז איינמאָל געווען אַזאַ יום טוב ביי די פויגלען. טאַקע צוליב אים, דעם גרויסען, הייסט עס. דער טאַטע איז געהאַט אַרונטערגעגאַנגען אין דאָרף און האָט מיך איבערגעלאָזט מיט די שאָף, ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט געפעלט א גרויסע שאָף. איך האָב אפילו ניט געזעען, ווען זיי האָבען זי צוגענומען.

כ י נ ע : אַ, זיידעניו, ווער האָט דאָס געהערט, אַז אַן אדלער זאָל צונעמען א גרויסע שאָף, זי איז אודאי ערגעץ פאַרגאַנגען און אַראָפּגעפאַלען, ווייל איר האָט ניט גוט געהיט.

נאָר וואָס געענדיגט די הויז־אַרבייט און שטייט מיט ביידע הענט אונטערגעשפּאַרט. רופט —

כ י נ ע : מירעלע! — קינד! אט קום נאָר אהער!

מ י ר ע ל ע (קומט פון דרויסן, זי איז אַ קינד פון אַ יאָר זעכצן, מיט אַ פּנים, וואָס שיינט מיט א געמיש פון קינדערישער ריינקייט, און דעם ערשטען דערוואַכען פון דער פרוי. אַלץ אין איר פּנים שיינט פון אַ געזונטען גליק, נאָר די אויגען זענען פאַר'חלומ'ט) : וואָס איז, מאַמעניו?

כ י נ ע : גיב נאָר אקאָרשט א קוק, וואו די קוואַטשקע געפינט זיך. איך האָב שוין ווידער געזען דעם גרויסען אָדלער.

מ י ר ע ל ע : וואו איז ער? (זי לויפט צום פענסטער) אוי, מאַמעניו, וויפיל עס זענען פאַראַן פון זיי!! איינס, צוויי, דריי, פיר, און נאָך און נאָך —

כ י נ ע : ווייי איז מיר! מען דאַרף גיין פארטרייבען אַלע הינער. (זיי לויפען ביידע אַרויס. מען הערט פון דרויסען זייערע קולות, רופענדיג די הינער: טשיפ! טשיפ! טשיפ! און דאַן הערט מען: הוש! הוש! ביז די הינער זענען פאַרטריבען. זיי קומען ביידע צוריק).

מ י ר ע ל ע : האָסטו געזעען יענעם דעם גרויסען, ווי הויך ער איז געפלויגען, העט אריבער איבער אלע בערג, עס מוז גוט זיין אזוי צו פליען הויך, מאַמע. די הייזער זעען אויס ווי קליינע שטיבעלעך און די מענשעלעך מיט די קליינע קיעלעך דרייען זיך ארום די הייזעלעך און דער שניי און די בערג גלאַנצט. ווי שפּיגלען אין דער זון. א יאַ, מאַמע!

כ י נ ע : וואָס עס פעלט זיך ניט, אז די מלאכי חבלה קומען אָן! (קוקט דורכ'ן פענסטער) אי, אי, אי, פון וואַנען נעמען זיך עס אזוי־פיל...

מ י ר ע ל ע : אט איז מיינער, דער גרויסער.

כ י נ ע : האָסט דיר אים שוין גענומען פאַר דיינעם?

מ י ר ע ל ע : יאַ, מאַמעניו, זאָל ער זיין מיינער.

כ י נ ע : זאָל ער זיין דיינער. גיי, כאַפּ דיר אים, אדער וואַרט, איז א שיינעם טאָג וועט אים נחום דערשיסען.

מ י ר ע ל ע : קיינער טאָר אים ניט שיסען, ער איז מיינער.

ח י נ ע : און ווען ער כאַפּט איטע'ם הינער אדער נחומ'ס טויבען.

מ י ר ע ל ע (לויפט אַוועק פון פענסטער): נחום טראָגט עפּעס!
כ י נ ע: וואָס איז?
מ י ר ע ל ע (באַהאַלטענדיג דעם קאָפּ ביי דער מוטער): מאַמעניו! מאַמעניו! זיי האָבען אים געשאָסען.
א י ט ע: וועמען געשאָסען?
מ י ר ע ל ע: מיין אַדלער —
כ י נ ע: ווי איך האָב זיך דערשראָקען! — וואָס דען, זיי זאָלען אים ניט שיסען?
א י ט ע: אַ קלייניקייט! מיין נחום'ל קען שוין איינמאָל שיסען (ביים פענסטער) אָבער דאָס איז דאָך גאָר ניט קיין אַדלער, דאָס זענען בלויז צוויי גרויסע פליגלען פון אַן אַדלער. וואָס פאַר אַ גרויסע! איך האָב נאָך אַזוינע ניט געזעהען. פון וואַנען האָט ער זיי דאָס געקאָנט נעמען? און וועמען פירט דאָס דאָרט הירש־בער?
כ י נ ע: נו, שוין, — קוק זי נאָר אָן, ווי עס שטייען ביי איר די טרערען אין די אויגען!
(נ ח ו ם קומט אַריין, טראָגענדיג צוויי ריזיגע פליגלען פון אַן אַדלער).
ה י ר ש ב ע ר (צום פרעמדען): קום אַריין, קום אַריין, שעם זיך ניט, מיר זענען פּשוט'ע אידען. האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען, מיר וועלען דיר חלילה קיין בייז ניט טון. קום, האָסט שוין אַמאָל געזען אַזוינס?!
(א ב ר ה ם קומט אַריין, בלייך צעשראָקען. קוקט זיך ווילד אַרום אין אַלע זייטען.
ה י ר ש ־ ב ע ר (זעצט אים אַוועק, נעמט צו די פליגלען ביי נחום'ען, צו כינע'ן): האָסט שוין ווען אין דיין לעבענס־טאָג געזעהען אַזוינס? (צו אברהמ'ן, וואָס מאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצוהויבען) זיץ, זיץ, זיי ניט אַזוי אַנגעשראָקען, דאָס איז מיין ווייב, דאָס איז אַ שכנה, דאָס איז... (צו אַלעמען) איך קען עס נישט פאַרשטיין, איך בין אַזוי געשטאַנען אויף דעם גאָרטען און האָב געקוקט אויף די אַדלערס און פריי זיך, וואָס זיי צעפליען זיך שוין. פּלוצים גיט מיר אַ שווינדעל פאַר די אויגען און — איך ווייס ניט זיכער, נאָר איך וואָלט געקאָנט שווערען — עפּעס איז אַרונטערגעפאַלען. טראַכט איך מיר, איך וועל צוגיין זען. איך גיי אַרונטער אונטען אויף דעם געאַקערטען, און וואָס מיינסטו

י ע נ ק ע ל ע (היצט זיך): אודאי, אודאי — איז ניט דער בלינ־דער איוואַן בלינד געוואָרען פון אַן אַדלער, און ער איז שוין געווען צען יאָר אַלט, ווען דער אַדלער האָט אים די אויגען אויסגעביסען. אַ גרויסער שנײ. (זיי לאַכען) עס זענען פאַראַן אַסך זאַכען, וואָס איר יונגע לייט ווייסט נים. אַמאָי גלויבען אַסך ניט אין כישוף.

כ י נ ע: כישוף איז אַן אַנדערע זאַך.

א י ט ע: ווער גלויבט עס ניט אין כישוף.

י ע נ ק ע ל ע: עס פלעגט זיין ביי אונז אַן אַלטע גויה, פלעגט זי אַרומגיין אָפּשפּרעכען די מילך. איינמאָל איז זי געקומען צו אונז. זי איז ניט ווייטער צוגעגאַנגען ווי צום פּלויט, און די קי האָבען זיך אויפ־געהערט צו מעלקען. וואָסזשע מיינט איר האָט מיין מאַמע געטאָן? זי איז אַוועקגעגאַנגען צו אַן אַנדערען כישופמאַכער, האָט ער געהייסען אַראָפּ־נעמען דעם הענגלייכטער, און ער האָט אויפגעהאַנגען אַ מעסער. ער האָט געזאָגט אַ שפּרוך און עס האָט אָנגעהויבען רינען בלוט פון מעסער, און צומאָרגענס האָבען די קי ווידער זיך אָנגעהויבען מעלקען.

א י ט ע: נו, מילאַ, ווער גלויבט עס ניט אין כישוף.

מ י ר ע ל ע: זיי צעפּליען זיך שוין!...

כ י נ ע: געלויבט דער אויבערשטער, אַבי עס איז אַריבער אָן אַ שאָדען.

מ י ר ע ל ע: און מיינער איז אויך אַוועק.

כ י נ ע: האָסט אים באַדאַרפט לאָזען וויסען, אַז ער איז דיינער.

מ י ר ע ל ע: ווי אַזוי?!

כ י נ ע: נו, וואָס זאָגט איר ניט צו איר, זיידעניו? זי האָט זיך אָפּגעקליבען דעם גרויסען אַדלער, און זאָגט, אַז ער איז אירער.

י ע נ ק ע ל ע: איהר לאַכט, ווען איך בין געווען אַ אינגעל...

כ י נ ע: מיר ווייסען שוין, זיידעניו, איר האָט אודאי אויך גע־האַט אַן אַדלער. (יענקעלע גייט אַוועק אַן אָנגעבלאָזענער) וואו גייט איר, זיידעניו? ער איז דאָך טאַקע אַוועק.

מ י ר ע ל ע (שרעקענדיג, ביים פענסטער): מאַמע! דער טאַטע גייט מיט נחומ'ן.

כ י נ ע: וואָסזשע שרעקסטו זיך?

די פּלייצעס, איך וועל זען, ווי איך זע אויס. (נחום האַלט די פליגלען ביי אירע פּלייצעס) איך וואָלט געמאַכט צוויי רימענדלעך און וואָלט אַרויפ־געגאַנגען אויף אונזער גאָרטען און וואָלט אַראָפּגעשפּרונגען, איך וואָלט אַוועקגעפלויגען הויך, הויך — ווי אַן אַדלער.

(דער פרעמדער קוקט אויף איר, מאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצוהויבען).

נ ח ו ם : וואָס דאַרף מען פליען. דאָ איז גאַנץ גוט. מען דאַרף אַכטונג געבען אין שטוב און אַרבייטען אויפ'ן גאָרטען.

(דער פרעמדער זעצט זיך צוריק).

מ י ר ע ל ע : עס איז אָבער אַזוי שיין צו פליען.

נ ח ו ם : מען פאַלט אַרונטער און מען ווערט נאָך חלילה גע־הרג'עט.

ה י ר ש ־ ב ע ר : גאַנץ גערעכט, גאַנץ גערכעט. אויף מיין וואָרט, נחום.

א י ט ע (לאַכט) : ווי ער ציטערט איבער איר.

כ י נ ע : עס געפעלט אייך, איטע. איר וואָלט וועלען מיין מירעלע פאַר אַ שנור.

א י ט ע : נו, מילא, וויל איך טאַקע, און מיין נחומ'ל וויל אויך.

נ ח ו ם: הער אויף, מאַמע.

כ י נ ע : זעט, ווי ער שעמט זיך. נו, גרויסע מויד, טראָג דאָס שוין אַרויס.

מ י ר ע ל ע : מאַמע, איך גיי אָנזאָגען די שכנים, אַז מיר האָבען אַ גאַסט אין הויז. (אָפּ).

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : אַט אַזוי — אַט אַזוי וואוינען מענשען?

ה י ר ש ־ ב ע ר : פאַרשטייט איר, מיר זענען ניט קיין רייכע, עס זענען ניטאָ קיין פּאַלאַצען, אָבער געלויבט דער אויבערשטער ניט צו פאַרזינדיגען.

א ב ר ה ם (קוקט אַרויף) : און דאָס אַ, פון אויבען ? — און איר זעט ניט דעם הימעל...

כ י נ ע : ווייי איז מיר! נעבער געוואוינט אַן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ. וועך ווייסט ווי לאַנג זיי האָבען אים אַזוי געהאַלטען די גזלנים.

א י ט ע : עס איז אַ רחמנות.

ה י ר ש ־ ב ע ר : יאָ, עס איז ב"ה דאָ אַ דאַך איבער'ן קאָפּ און

לינט דארט? אט די צוויי פליגלען. פון וואנען זיי האבען זיך גענומען, קען איך ניט פארשטיין.

כ י נ ע : וואס קענסטו ניט פארשטיין. אדלערס האבען זיך גע־שלאגען און אודאי איינעם גע'הרג'עט.

ה י ר ש ־ ב ע ר : איך האב אבער געזען, אז מען האט זיך ניט געשלאגען. און צווייטענס, אויב פויגלען פאלען ארונטער, וואו איז דער אדלער?

כ י נ ע : מיר א זארג, וואס ביי אדלערס קען זיך ניט טרעפען. זיי האבען אים אודאי אויפגעגעסען.

ה י ר ש ־ ב ע ר : אבער הער ווייטער, אידענע, איך גיי אביסעל ווייטער, ליגט א מענש טאקע אט ווי דו זעסט אים און קרעכצט און — איר וועט מיר מוחל זיין — אין גאנצען נאקעט. (צום פרעמדען) דארפסט זיך ניט שעמען.

כ י נ ע : וויי איז מיר. גזלנים זענען אים אודאי באפאלען. דאבושעס גזלנים זאגט מען טאקע דרייען זיך די לעצטע צייט ארום דא אין די בערג.

נ ח ו ם. ער מוז זיין פון די גנבים, וואס גנב'ענען שאף.

ה י ר ש ־ ב ע ר : דו ביזט אן איבערגעשראקענער, נחום. האסט נאר מורא פאר פרעמדע, ווי אז אמת'ער בארג־איד. (דער פרעמדער קוקט אַלץ ארום זיך דערשראָקען און ווילד).

כ י נ ע : איך זאג אייך, אז דאס איז זיכער די ארבייט פון דא־בושעס חברה.

א י ט ע : מען איז טאקע קיינער ניט זיכער מיט'ן לעבען. אנו־מעלטען זענען זיי באפאלען א אידען, וואס איז געפארען מיט סחורה, און א געזונטער איד דוקא, האבען זיי בא אים איינפאך ארויסגעצויגען די אדערען.

מ י ר ע ל ע : איך גיי זאגען די שכנים, אז עס איז ביי אונז דא א פרעמדער.

ה י ר ש ־ ב ע ר : נעם די צוויי פליגלען און טראג זיי ארויס אין קאמער.

מ י ר ע ל ע (נעמט די פליגלען) : ווי גרויס זיי זענען, מיט אזעל־כע פליגלען וואלט איך אויך געקענט פליען. נחום, האלט זיי מיר ביי

אַ ב ר ה ם: פון וואַנען איך קום? — פון דאָרט (ווייזט אַרויס אומבאַשטימט).

ה י ר ש - ב ע ר: פון וואַנען, פון דאָרט?

אַ ב ר ה ם: פון יענער זייט — ווייט, העט ווייט אַריבער די אַלע בערג.

ה י ר ש - ב ע ר: פון דאָרט מיינט איר אַריבער דעם טייך? איך ווייס ניט פון קיין דאָרף דאָרט.

כ י נ ע: זאָג מיר נאַר, הירש־בער, וועסטו צורו לאָזען דאָס קינד? ס'האַרץ איז אים נעבעך פאַר'חלש'ט, מוטשעסטו אים נאָך.

אַ ב ר ה ם (לאָזט זיך גיין): איך וועל אַוועקגיין —

כ י נ ע: זעסט, ס'קינד איז נעבעך געדערכט. זיץ, זיץ. אַט וועל איך דיר געבען עסען (צו איטען) עס איז אַ רחמנות. אַ מאַמע וויינט דערנאָך אַוודאַי.

אַ ב ר ה ם (שפרינגט אויף, מיט האַרצרייסענדער בענקעניש): מיין מאַמע! — וואו איז מיין מאַמע!

כ י נ ע: איר הערט, ווי ליב מען האָט אַ מאַמען! זיץ, זיץ מיין קינד, איך האָב אַיך אַ טעכטערל. נעם און עס, פאַרכאַפּט דיר דאָס האַרץ. (ער קוקט אָן דאָס עסען פון אַ זייט) אַט נעם אַזוי מיט דעם לעפעל און עס, גיב אַ ביס ברויט און אַ זופּ סמעטענע.

אַ ב ר ה ם (נעמט עסען און קען ניט).

כ י נ ע: עס, עס —

אַ ב ר ה ם: שפּעטער — שפּעטער וועל איך עסען. — עס איז אַזוי פרעמד.

נ ח ו ם: מאַמע איך גיי אַהיים, די שאָף דאַרף איך מעלקען.

אַ י ט ע: גיי, גיי, זונעלע. די אייטערס וועלען ביי זיי איבער־געברענט ווערען. (נחום גייט אַוועק).

מ י ר ע ל ע (קומט אַריין): מאַמע אַלע ווייסען שוין.

כ י נ ע: דאָס איז מיין טעכטערל, מירעלע רופט מען זי. — און ווי רופט מען דיך?

אַ ב ר ה ם: מיך רופט מען — מען רופט מיך...

מ י ר ע ל ע: מאַמע, ער וויל ניט זאָגען, ווי מען רופט אים!

(ב י י ל ק ע און א נ ד ע ר ע ש כ נ ו ת, אַלטע און יונגע קומען).

ניט צו פאַרזינדיגען אַן אייגענער. עס איז פאַראַן שאַף אויף די פּאַלאַני־
נעס און א שטיקעל גאַרטען. אַט דאַרט וואו איר זייט געווען. עס איז
פאַראַן היי צום שניידען. עס וועט אייך ביי אונז גאַר גוט פעלען.

כ י נ ע : מען וועט קענען אויסבעטען אין דער „גרויסער שטוב“,
נעמען פון מירעלעס בעטגעוואַנט, ביז מען וועט מאַכען א באַנקבעטעל
(מאַכט אויף די טיר) אַט דאַ א וועט איר דערווייל קענען שלאָפען.

א ב ר ה ם : מען זעט ניט דעם הימעל...

כ י נ ע : ווויי איז מיר! און נעבעך אַזוי יונג, זאָגט מיר, איך
בעט אייך, ווי לאַנג זינט איר געוועזן ביי זיי?

א ב ר ה ם : לאַנג, לאַנג — ניט זעהר לאַנג —

כ י נ ע : די רוצחים!

ה י ר ש ־ ב ע ר : און דו שטייסט און רעדסט און דאַ זיצט
א מענש נאַר וואָס געקומען פון וועג. גיי גיב עפּעס צו עסען.

כ י נ ע : גערעכט, גערעכט. זאָגט מיר נאַר, וואָס וואָלט איר
וועלען עסען?

א ב ר ה ם : עסען? — איך וועל באַלד נע — — — עסען?

כ י נ ע : נו וואָס דען מיינט איר, איר זענט נאָך אַלץ ביי דאַ־
בושעס חברה? קומט א פרעמדער מענש פון וועג, גיט מען אים עסען.

א ב ר ה ם : איך ווייס ניט — איך בין אַזוי פרעמד. איך האָב
מורא (שטעלט זיך אויף און לאָזט זיך גיין) איך וויל אוועקגיין.

ה י ר ש ־ ב ע ר : פאַרוואָס וועט איר אוועקגיין? — מיר ווע־
לען אייך חלילה קיין בייז ניט טון. פאַרקערט, איר זייט ביי אונז א
ליבער גאַסט. איך פאַרשטיי, איר האָט מורא פאַר שלעכטע מענשען.
ניט מיר! פּראָסטע דאָרפס־מענשען זענען מיר, בערג מענשען.

כ י נ ע : ווויי איז מיר ניט, וואָס ער האָט זיך געמוזט אָנליידען.
זאָרגט זיך ניט מיין ליבער, באַ אונז וועט אייך גוט זיין. אַט וועל
איך אייך דערלאַנגען אביסעל סמעטענע מיט פרישער פּוטער. און איך
האָב ערשט געבאַקען ברויט. (זי איז באַשעפטיגט מיט צוגרייטען דעם
מאָלצייט).

ה י ר ש ־ ב ע ר : און זאָגט מיר איך בעט אייך פון וואַנען
קומט דאָס א איד.

אזוי טרויעריג (באַהאַלט דעם קאָפּ באַ דער מוטער).

כ י נ ע: שאַ, מיין קינד. מיר וועלען אויף אים אכטונג גע־בען. מיר וועלען אים געבען גוט צו עסען און דו וועסט אים היימליך מאכען. ער וועט זיך דאַ באַ אונז פילען ווי אין דערהיים.

ד י א ל ט ע פ ר ו י: זאגט מיר איך בעט אייך. ווי אזוי איז ער געקומען צווישען די גזלנים.

כ י נ ע: קארג הערט מען זיך אַז אזוינע מעשות? איר ווייסט ניט זיי גנב'ענען דאך קינדער פון זייערע מאַמעס.

א י ט ע: איר ווייסט שוין אַז עס זענען געווען גזלנים. ווער קען וויסען. אַז מען געפינט אַ מענשען אזוי אין פעלד.

א ל ט ע פ ר ו י: איר מיינט אפשר אַז ער איז פון דער חברה? איך גלויב ניט. קוקט דאס אַן. עס איז דאך בלוט און מילך.

א ב ר ה ם: עס טוט מיר וויי —

א ל ט ע פ ר ו י (צו איטען): איר זעט, איר האט אים ווייטאָג געטאָן מיט אייערע רייד.

כ י נ ע: וואס טוט דיר וויי, קינד מיינס?

א ב ר ה ם: די פיס — דאס פעלד איז אזוי הארט, און עס איז שווער צו גייען.

כ י נ ע: וויי איז מיר! קוקט אַן אַ פּאָר צעבלוטיגטע פיס. מירעל, ברענג נאר גיכער אַ שיסעל וואַסער, אַ פּאָר פיס, ווי באַ אַ פּרינץ. (צו הירש בערן) האסט אים ניט געקאָנט אַנטאָן אַ פּאָר שיך.

ה י ר ש ־ ב ע ר: ווער זאָל דאס וויסען, אַז ער קען ניט גייען בארוועס.

מ י ר ע ל ע (ברענגט אַ שיסעל וואַסער).

כ י נ ע: גיב נאר אַהער.

מ י ר ע ל ע (רואיג און ערנסט): לאָז מיך, מאַמע. (זי קניט פאַר אים און וואַשט זיינע פיס).

א ב ר ה ם: דיינע הענט זענען אזוי ווייך. (לייגט די הענט אויף איר קאָפּ) גלאַט, ווי פון דער זון אויסגעגאָסען.

כ י נ ע (מיט שטילען שטאָלץ): אונזער איינציג קינד.

א ב ר ה ם: דיין האַנט איז גוט. — — די ערד איז שווער. אבער אזוי שיין — שיין —

ב י י ל ק ע: אט דאס איז אייער גאסט? אי וואס פאר א שיינער ער איז!

א ל ט ע פ ר ו י: פון וואנען קומט ער דאס?

כ י נ ע: גזלנים נעבעך באפאלען. אודאי דאבושעס חברה, און זאלט איר הערען ווי דאס האט ליב א מאמען. מען האט זי נאר דער־מאנט איז ער געווארען א פארציטערטער.

א ב ר ה ם: איך האב געוואלט ארויף, ארויף — און מיין מאמע — אה, מיין מאמע, ווי זי האט מיך געבעטען, בלייבען, אבער עס ציט — ציט —

כ י נ ע: די מאמע, נעבעך, האט דיך געבעטען זיין לעבען איר, און דו האסט ניט געוואלט. עס איז ניט גוט, אז מען פאלגט נים א מאמען.

א ב ר ה ם (שטיל מיט ווייטאג): — מיין מאמע —

מ י ר ע ל ע: מאמע, פארוואס איז ער אזוי טרויעריג?

כ י נ ע: שטיל מיין קינד, מען טאר ניט קריכען צו א מענשען אין הארצען.

ה י ר ש ־ ב ע ר: זאג מיר נאר איך בעט דיך, — דו וועסט מיר מוחל זיין, וואס איך זאג דיר „דו“. איך האב שוין אזא קינד ווי דו — איך וואלט וועלען וויסען, ווי מען רופט דיך. א מענש מוז דאך האבען א נאמען.

א ב ר ה ם: ווי מען רופט מיך — איך ווייס נים.

ה י ר ש ־ ב ע ר: וואס הייסט, דו ווייסט ניט, ווי מען רופט דיך.

א ב ר ה ם: דארט האט מען מיך גערופען — אבער דארט איז אנדערש, דא ווייס איך נים.

ה י ר ש ־ ב ע ר (פארטראכט זיך): ווייסטו וואס, מיר וועלען דיך רופען אברהם דערווייל, אז דו וועסט דיך דערמאנען דיין ריכטיגען נאמען, וועלען מיר דאס איבערבייטען.

מ י ר ע ל ע: אברהם איז נים קיין שיינער נאמען, זאל מען אים רופען יוסף.

א ב ר ה ם: אברהם איז גוט, ברייט (שפרייט אויס די אָרימס) אזוי ווי צוויי פלינלען אויסגעשפרייט.

מ י ר ע ל ע: מאמע, עס ווילט זיך מיר וויינען. ער זעט אויס

הירש־בער: ווייבער דארפען זיך קריגען.

כינע: וואס הייסט, זי וועט באליידיגען אונזער גאסט.

הירש־בער: אי, ווייבער, איר פארשטייט ניט.

אברהם: פארוואס איז די פרוי —

הירש־בער: דו מיינסט, פארוואס זי איז ברוגז? פאר־שטייסטו, אברהמעל, זי האט א בחור, נחום הייסט ער, א גאנץ וואוי־לער בחור, מען קען ניט זאגען. וויל זי, אז ער זאל נעמען אונזער בת יחידה. —

מירעלע: טאטע —

הירש־בער: טו וואס איז דען, ער מעג וויסען. — האט זי מורא טאמער וועט דער שידוך צו נישט ווערען, ווייל דו ביזט גע־קומען.

ביילקע: אודאי, זי מיינט, אז אזוינס ווי איר נחום פאר־מאגט גאר די וועלט ניט.

כינע: פון וואנען ווייסטו, אפשר וועט אברהמעלע צוריק גיין צו זיין מאמען (אלע שווייגען. פויזע).

אברהם: זי איז זיין פאר?

הירש־בער: ער מיינט אזוי.

אברהם: זי איז אזוי גוט און אירע הענט זענען וויך — — — א מענש קען ניט פליען.

הירש־בער: גערעכט ביזטו, מען דארף ניט און מען קען ניט.

אברהם: מיין מאמע איז גאנץ ווייט. גאנץ, גאנץ ווייט.

הירש־בער: איך האב דאך דיר געזאגט. דו קענסט בלייבען בא אונז, ווילאנג דו ווילסט גאר, נאט וועט העלפען, עס איז דא פאר דריי, וועט זיין פאר פיר. עס איז פאראן שאף וועסטו קענען פאשען.

אברהם: וועל איך פאשען די שאף —

הירש־בער: אויב דו וועסט וועלען.

אברהם: און זי וועט אויך פאשען די שאף?

הירש־בער: מירעלע הייסט דאס? ווי אמאל. זי דארף העלפען דער מוטער אין הויז. עס איז קיין עין הרע פאראן קעלבלעך, הינער, מען דארף זיי געבען עסען.

ב י י ל ק ע: וואס רעדט ער?

א י ט ע: ווייס איך וואס ער רעדט. איך פארשטיי אים אין גאנצען ניט.

כ י נ ע: נו ווער בעט אייך איר זאלט פארשטיין. ער איז אונ־זער גאסט.

א י ט ע: א גאסט איז ער, א שיינער גאסט. מען האט אים געפונען אין פעלד, אויף מיר א גאסט!

א ב ר ה ם: — — — איך בין א פרעמדער. אה, אין גאנצען פרעמד דא. גאנץ ווייט האב איך געוואוינט און דערנאך בין איך געפאלען. געפאלען — איך וועל שוין מער ניט וועלען פליען. — אין גאנצען ניט פליען. דא וועל איך זיין.

ה י ר ש ־ ב ע ר: א מענש טאר ניט וועלען זיין, וואס ער איז ניט. מיר דארפען דאנקען גאט אז מען קען זיין, איעדער צו זיין מוז.

א ב ר ה ם: איך ווייס ניט — איך געדענק נאר מיין מאמען — און דערנאך בין איך געפאלען, געפאלען און דערנאך די הארטע — פון מיינע פיס —

א ל ט ע פ ר ו י: טוא, טוא, טוא! וואס פאר א מאדנע גע־שיכטע. וואס אין דער וועלט קען זיך ניט פאסירען.

ב י י ל ק ע: נאר ווי א פרינץ זעט ער אויס.

א י ט ע: איך זע ניט, וואס איר מאכט פון אים אזא פרינץ. א קלייניקייט א פרינץ!

מ י ר ע ל ע: וואס ווילט איר פון אים. איטע! (זי קלאפט מיט'ן פוס).

א י ט ע: וואס נעמסטו דיך פאר אים אן?

כ י נ ע: דאס קינד איז טאקע גערעכט.

א י ט ע: איך וועל שוין ליבער אהיימגיין. און דיר, מירעלע, וועט שוין אודאי נישט אנשטיין מיין נחום'ל פאר א חתן זייט דו האסט פרינצען בא דיר אין הויז.

מ י ר ע ל ע: איך דארף ניט קיין חתן.

א י ט ע: דארף מען ניט, האט מיר א גוטען טאג, און איר דארפט בא זיך ניט זיין אזוי שטאלץ.

כ י נ ע: א גוטען טאג (איטע אָפּ. פויזע).

עס איז שוין איבער א יאָר זייט מירעלע האָט חתונה געהאַט. מען האָט שוין איינמאָל ארויסגעבראכט די תבואה, שוין איינמאָל אָפּגע־שניטען דאָס היי, שוין איינמאָל אָנגעשניטען האָלץ אין די גרויסע פרעסט און שנייען. און ווידער האָט מען געאַקערט, געזיים, ארויס־געטריבען די שאָף אויף די פּאָלאָנינעס און מען האָלט שיון ווידער ביים שניידען דאָס היי. מירעלע איז שוין א מאַמע געוואָרען. —
אין דרויסען אויף דער פּריזבע פון הירש־בער׳ס הויז זיצט מירעלע און האַלט דאָס קינד אויף דער האַנט, וויגענדיג עס גאַנץ לאַנגזאַם. ער איז קוים אנטשלאָפען געוואָרען. כינע שטייט איבער איר און קוקט דעם קינד אין פּנים אריין.

כ י נ ע : גיב אים מיר, קינד מיינס, די הענט מוזען שוין דיר וויי טאַן.

מ י ר ע ל ע : איך האָב מורא, ער וועט זיך אויפוועקען.

כ י נ ע : גיב, איך האָב פאַר אים אויסגעבעט אויף יענער זייט פּריזבע אין שאָטען. (זי נעמט דאָס קינד, טראָגט עס אוועק אויף יענער זייט הויז און קומט באַלד צוריק. מירעלע שטרעקט די הענט. זיי זענען שטייף געוואָרען פון האַלטען דאָס קינד).

כ י נ ע : עס ברעכען דיך די הענט? ווי דו זעסט אויס, ווייי איז דער מאַמען דיינער.

מ י ר ע ל ע : עס איז גאָר ניט מאַמע. וואָלט נאָר מיין קינד גע־זונט געווען.

כ י נ ע : דיין קינד —

מ י ר ע ל ע : וואָס האָסטו געוואָלט זאָגען, מאַמע?

כ י נ ע : עס איז א הייסער טאָג, זאָג איך.

מ י ר ע ל ע : אברהמעלע איז ארויסגעגאַנגען שניידען היי.

כ י נ ע : איך ווייס.

א ב ר ה ם : איך בין אזוי — איך וויל שלאָפען.

כ י נ ע : וויי איז מיר! שלאָפען? אודאי. גיי מאַך דערווייל דאָס בעט אין דער גרויסער שטוב (מירעלע גייט אין צווייטען צימער).

א ב ר ה ם : עס איז אזוי שווער —

כ י נ ע : נעבעך מיר. א קלייניקייט, אזוי פיל נעבעך אויסגע־ליטען אין איין טאָג.

א ב ר ה ם : מיר, איך בין מיד — (האַלב שלאָפענדיג) עס איז גוט צו זיין מיד —

כ י נ ע : אַט באַלד וועט דאָס בעט זיין געמאַכט.

א ב ר ה ם (שלעפעריג) : א גרויסער אָדלער, מיט זיינע גרויסע פיס אויף א נאַקעטען שטיין — הויך — לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ אראָפּ, צווישעןביידע פליגלען — און האַרטע קיילעכיגע אויגען קוקען גלייך — גלייך — עס איז אזוי גוט צו זיין — מיד — — —

מ י ר ע ל ע (קומט צוריק) : דאָס בעט איז שוין געמאַכט.

ה י ר ש ־ ב ע ר : קום וועל איך דיר ווייזען, וואו דו זאָלסט זיך לייגען (ה. ב. נעמט אים אונטער דעם אָרים און פירט אים א שלעפערדיגען אריין אין צווייטען צימער).

מ י ר ע ל ע : מאַמע — (זי אומאַרמט די מוטער).

כ י נ ע : קינד מיינס —

א ל ט ע פ ר ו י : א מאָדנער, מאָדנער מענש.

ב י י ל ק ע : און אזא שיינער (פויזע).

ה י ר ש ־ ב ע ר (קומט צעריק) : — שוין געלעגט.

כ י נ ע : ש—ש—

מ י ר ע ל ע (גייט צו דער טיר און מאַכט אויף א שפּאַרע).

כ י נ ע : לאָז אים שלאָפען, קינד.

מ י ר ע ל ע : איך וויל נאָר קוקען אויף אים.

כ י נ ע : און אָדלער! (צוויי ברייטע פליגלען זעען זיך פאַרביי־פליענדיג ביים פענסטער אין דערזעלבער צייט הערט זיך א האַרצרייסענדער געשריי „מאַמע" פון אברהם׳ן. אלע בלייבען ערשטוינט. א טויטע שטילקייט).

כ י נ ע (שטיל) : שלעכטע חלומות. ער בענקט נאָך זיין מוטער. לאָמיר אלע ארויסגיין. (אלע גייען ארויס אויף די שפּיץ פינגער, נאָר מירעלע בלייבט שטיין בײַ דער טיר.

הירש־בער: נו באדסטו?

כינע: מען באַדט, טאָג איין, טאָג אויס.

הירש־בער: נו מוז מען דאך וואַרטען. עס וועט שוין העלפען. עס וועט מוזען העלפען. (פויזע. ער קוקט אויף דעם הימעל און קראַצט דעם קאָפּ).

כינע: א שיינער טאג — — — ווי שניידט זיך עפּעס?

הירש־בער: אז איך קען ניט קריגען קיין געגוג שניידערס. וואָס קען איין מענש אליין טון. איך וואַרט דאָס אויפ'ן ייידען. ער דאַרף ברענגען שניידערס.

מירעלע: האָסט אהויסגעשיקט אברהמעלען עסען?

הירש־בער: ער וועט באַלד דאַ זיין. איך האָב אים גע־הייסען קומען אהיים אויף וואַרמעס.

מירעלע: ער טויג ניט צום שניידען.

הירש־בער: חלילה. ווער זאָגט ער טויג ניט, אודאי טויג ער. א וואוילער יונגערמאַן. נאָר, גאָר ניט, מען דאַרף זיין געוואוינט צו אזאַ ארבייט. ער איז אַן איידעלער, אבער ווייטער, גאָר א וואוילער יונגערמאַן. און מיך אַרט ניט וואָס די גאַנצע וועלט זאָגט. — ער וואָלט ארונטערגיין אין שטאָט און ווערען א סוחר.

כינע: וואָס נאָך? — זי אוועקשיקען פון דאַנען. איך זאָל זי אפילו ניט קענען זעען.

הירש־בער: חס וחלילה! ווער זאָגט דאָס קינד אוועק־שיקען. נאָר עס רעדט זיך אזוי אין דער וועלט אריין.

כינע: נו, הער שוין אויף צו ריידען.

יענקעלע (קומט): פו! —! הייס. אַן אמת וואַרימער טאָג. לאָזט מיך אנידערזעצען.

כינע: גיב דעם זיידען א בענקעל, וועט ער זיך זעצען אין שאָטען.

יענקעלע: אַט דאָ אויף דער פּריזבע איז אויך גוט. די זון שאַט ניט, איך בין נאָר אביסעל צו אַלט צו שפּאַנען פון אונטערשטען דאַרף אין אויבערשטען און צוריק.

מירעלע: זיידעניו, א קאַלטען טרונק וואַסער?

מ י ר ע ל ע : פאַרוואָס שווייגסטו, מאַמע?

כ י נ ע : איך ווייס, וואָס זאָל איך ריידען. אברהם איז אַרויס־געגאַנגען היי שניידען. איך האָב געהערט, וואָס דו האָסט געזאָגט.

מ י ר ע ל ע : מאַמעשע, פאַרוואָס איז בײַ אונז אַלצדינג אַזוי פאַרקערט?

כ י נ ע : עס איז בײַ אונז פאַרקערט. ווייס איך, גאָט וויל אַזוי.

מ י ר ע ל ע : דו רעדסט גאָר ניט.

כ י נ ע : אַט גייט שוין דער טאַטע.

ה י ר ש ־ ב ע ר (קומט): נו, וואָס מאַכט עפּעס דער לעמסאַק?

כ י נ ע : ש—ש— דו קומסט אַריין ווי אַ פעלד גזלן. ער איז קוים אַנטשלאָפען געוואָרען.

ה י ר ש ־ ב ע ר : איך האָב ניט געוואוסט, אַז ער שלאָפט. וואו איז ער?

כ י נ ע : גיי ניט צו אים, ער ליגט אויף דער אַנדערער זייט פּריזבע. קוק בעסער אַז דיין אייגענע קינד, וואָס עס איז פון איר געוואָרען.

מ י ר ע ל ע (פאַלט בײַ דער מוטער אויף דער ברוסט און צעוויינט זיך).

ה י ר ש ־ ב ע ר : וואָס וויינסטו, דו נאַר. ער וועט נאָך אויס־וואַקסען אַ געזונטער בחור, און וועט נאָך טרייבען די הינער פּאַשען. האַ־האַ־האַר!

כ י נ ע : ש—ש—

ה י ר ש ־ ב ע ר : וואַרט זאָל ער נאָר אונטערוואַקסען און אָנ־הויבען אַרומלויפען אין די בערג, וועסטו זען, וואָס ס'וועט נאָך פון אים ווערען.

מ י ר ע ל ע : מיין קינד וועט שטאַרבען. איך ווייס, אַז ער וועט שטאַרבען. אַז ער קוקט מיך אָן מיט זיינע צוויי אויגעלעך אַזוי טרויריג, דאַכט זיך, ער ווייסט אַלץ. קיינמאָל מאַכט ער זיי אין גאַנצען ניט אויף.

ה י ר ש ־ ב ע ר : וואָס זאָגט די שפּרעכערין?

כ י נ ע : וואָס זאָל זי זאָגען; זי האָט געגעבען אַ טיי אויף צו באָדען.

י ע נ ק ע ל ע : וואו וועלען זיי גיין. ארום און ארום איז אלע דערפער רעדט מען וועגען דעם.

כ י נ ע : אט גייט ער. (זיי שווייגען אלע און ווארטען, אברהם קומט).

ה י ר ש ־ ב ע ר : וואו איז די קאַסע?

א ב ר ה ם : זי ליגט אין פעלד צווישען גראַז (די איבריגע דריי קוקען זיך איבער).

ה י ר ש ־ ב ע ר : מען לאָזט ניט אַזוי איבער. מענשען זענען טאקע ערליכע, אָבער ווער קען וויסען.

מ י ר ע ל ע (לויפט אריין) : אברמעלע!.... ער שלאָפט שוין. קום וועסטו זעען.

א ב ר ה ם (צעטראָגען) : וועמען?

מ י ר ע ל ע : אונזער קינד.

א ב ר ה ם : דאָס קינד? — איך ווייס ווי ער זעט אויס. ווי אַן אַלטער, אַלטער מאַן, וואָס האָט ניט דערלעבט זיינע יארען און איז צוריקגעקומען צו דערענדיגען. און אַז ער מאַכט אויף די אויגעלעך איז שרעקליך. פאַרוואָס, פרעגען זיי, פאַרוואָס האָט איר מיך געבראַכט אַהער. וואָס בין איך שולדיג געווען.

מ י ר ע ל ע : דו ביזט ניט שולדיג, דו טוסט קיינעם קיין שלעכטס ניט. די גאַנצע וועלט טוט דיר נאַר שלעכטס.

א ב ר ה ם : די גאַנצע וועלט? — דיין גאַנצע וועלט מיינסטו. (כינע, הירש־בער און יענקעלע גייען אריין אין הויז. כינע גיט אַ לעצטען בליק אויף אים, מיט האַס און פאַראַכטונג). עטליכע אָרימע, שוואַר־פוסיגע מענשען, וואָס וואוינען אין די ענגע, טונקעלע פייכטע שפאַרעס צווישען די בערג, דאָס איז דיין וועלט. און עס איז פאַראַן אַזאַ גרויסע, ברייטע וועלט. עס שטרעקט זיך אַ ברייטער הימעל ווייט איבער שפּיצען פון ריזיגע בערג, נאַקעט זענען זיי, שטאָלץ און איינזאַם. און אריבער זיי איז ערשט אַ ווייטע, ווייטע וועלט. קלאָר איז די לופט און דער בליק שיסט מיט דער גלייכקייט פון אַ פייל, ביז דאָרט, וואו הימעל און ערד באַרירען זיך. — איז דיין וועלט וואוינט מען אין די שפאַרעס.

מ י ר ע ל ע : אַהין קומט דאָך קיינער ניט.

א ב ר ה ם : דאָרט וואָלט איך ווידער וועלען וואוינען. עס איז

י ע נ ק ע ל ע : ברענג קינד מיינס. (זי ברענגט וואַסער, ער טרינקט) א מחיה.

ה י ר ש ־ ב ע ר : נו זיידע, וואָס הערט זיך?

י ע נ ק ע ל ע : וואָס זאָל זיך הערען, עס איז גוט. (ער ווינקט מען זאָל מירעלען אוועקשיקען).

כ י נ ע : דאָס קינד שלאָפט דאָרט? אנו גיב נאָר א קוק מירעלע, וואָס ער מאַכט דאָרט. דעק אים איבער פאַר די פליגען. אין שטוב ליגט דער שלייער. (מירעלע גייט אין שטוב, קומט צעריק מיט'ן שלייער, גייט צום קינד).

י ע נ ק ע ל ע : עס איז צרות. זיי ווילען ניט גיין. איך בין פאַרבייגעגאַנגען ביי נחום'ן אויפ'ן לאַן, שטייט ער איינער אליין, אבער ער וואַרפט מיט דער קאָסע, אז עס איז א מחיה צו קוקען.

כ י נ ע : נחום קען אַרבייטען.

י ע נ ק ע ל ע : צי ער קען!

ה י ר ש ־ ב ע ר : יעדער קען דאָך ניט זיין אַזאַ געזונטער גוי, ווי נחום. אונזער אברהמעלע איז אן איידעלער יונגערמאַן.

כ י נ ע : איך ווייס שוין אַלצדינג. מיר האָבען גענומען אונזער איינציג קינד און זי אומגליקליך געמאַכט.

ה י ר ש ־ ב ע ר : גלויבסט שוין אפשר אויך אין די בבא מעשות?

כ י נ ע : איך גלויב גאָרניט, נאָר איך ווייס אז ער מאַכט אונז אומגליקליך.

י ע נ ק ע ל ע : אַט דאָס איז טאַקע, וואָס די גוים זאָגען. זיי בורען זיך, הירש־בער. עפּעס גייט דאָרט אן צווישען זיי. זיי זאָגען, אז זייט ער איז געקומען, איז אויף דער גאַנצער געגענט אויסגעגאַנגען אן אומגליק. קיינער וויל ניט אַרבייטען, קיין עופות האַלטען זיך ניט בא קיינעם, און זיי זאָגען יאַקבי, אז זיי האָבען נאָך אַזוי פיל און אַזוינע גרויסע פוינגלען ניט געזעען, דאָס מוזען נאָר זיין פאַרשטעלטע שדים, זאָגען זיי. זיי זאָגען, אז ער איז דאָס דער כישופמאַכער, וואָס ברענגט זיי, די־דאָזיגע שדים.

ה י ר ש ־ ב ע ר : דאָס איז אַלץ נאַרישקייטען, אבער וואָס טוט מען מיט דעם היי? אפשר ברענגען פרעמדע גוים?

באַרעז און איצט האָט זיך בלאַטע אָנגעזעצט אויף דיינע פיס און דו קענסט זיך ניט רירעז, וועסט זיי קיינמאָל ניט ארויסשלעפּעז. דיין מיז פּליט ניט.

מ י ר ע ל ע : דו רעדסט אזוי מאָרנע, גלייך איך וואָלט ניט גע־וועז דיין ווייב.

א ב ר ה ם : דו ביזט מיין ווייב, נישקשה. עס זענעז דאָ עדות אויף דעם, אָבער פּליעז פּליט נאָר אַז אדלער.

מ י ר ע ל ע : איך גלויב זיי ניט, איך ווייס אַז דו ביזט ניט קיין כישופמאַכער.

א ב ר ה ם (שמייכעלט) : אַ כישופמאַכער, ניין, איך בין ניט.

מ י ר ע ל ע : און אויב דו קענסט ניט ארבייטען, וועלען מיר גיין אין שטאָט און אויפמאַכען אַ קלייטעל. יאַקאָס לעבען אידען אין שטאָט אויך.

א ב ר ה ם : אַ קלייטעל? — דאָס קענסטו זעען. עס איז קליין נענוג. דו זעסט אַזש אריבער דעם. עס זענעז פאַראַן זאַכען, וואָס מען קומט בא זיי אוים קוים, ביי די פיס און זייערע קעפּ פאַרלירעז זיך ערגעץ ווייט אין די כמאַרעס. (קוקט אויף איר) — דיינע צוויי אויגעלעך —

מ י ר ע ל ע : וואָס רעדסטו אזוי מאָרנע?

א ב ר ה ם : דו ביזט שיין מירעלע.

מ י ר ע ל ע (טוליעט זיך צו אים) : איך האָב ליב, אַז דו זאָגסט דאָס. איך האָב נאָר כסדר מורא, טאָמער האָסטו מיך שוין מער ניט ליב.

א ב ר ה ם : ביזט פון די שיינע בלומעז, וואָס וואַקסעז אין די פּייכטע קאַלטע פעלעצער צווישעז די בערג און זייערע וואָרצלעז שטעקעז טיף, טיף — — אין דער בלאָטע.

נ ח ו ם (קומט מיט דער קאַסע).

מ י ר ע ל ע : נחום —

א ב ר ה ם (קוקט אים אָן שטום).

נ ח ו ם : עס האָט עמיץ פאַרגעסען אין פעלד.

א ב ר ה ם : מעגסט זי דאָ לאָזען.

נ ח ו ם (צו מירעלען) : וואו איז דיין טאַטע?

א ב ר ה ם : מעגסט זי דאָ איבערלאָזען.

נ ח ו ם : איך רעד צו דיר, מירעלע. איך וויל זעען דיין טאַטען.

מיר ענג דאַ. אַה, ווי ענג! — ווי איך האָב זיך אין זיי מקנא געווען. גוט האָב איך געמיינט זענען זיי. און מיין האַרץ איז געווען ריין. איך האָב זיי ליב געהאַט אַזוי טיף און ערליך, מיין נשמה האָב איך זיי געוואָלט אַוועקגעבען, און זיי — אַט זעה, וואָס זיי האָבען מיר באַצאָלט (ער נעמט אַראָפּ דאָס היטעל, אויף דעם שטערן איז באַ אים אַ גרויסער בלוטיגער פלעק).

מ י ר ע ל ע : אַך! — וואָס איז דאָס? ווי איז מיר!

אַ ב ר ה ם : אַ סך האָבען געוואָרפען, נאָר איינער האָט גע־טראָפען אין קאָפּ אריין.

מ י ר ע ל ע : ווי איז מיר! אַט וועל איך ברענגען וואַסער אָפּ־צוואַשען.

אַ ב ר ה ם : זאָג ניט קיינעם.

מ י ר ע ל ע : חלילה, קיינעם וועל איך ניט דערציילען. (זי גייט אין הויז, קומט צוריק מיט וואַסער און אַ טיכעל, וואַשט אים) אַזוינע שלעכ־טע מענשען. וואָס האָבען מיר זיי געטון? (וויינט).

אַ ב ר ה ם : וואָס מיר האָבען זיי געטון? מען דאַרף זיי ניט טון, זיי בייסען און ליבען מיט זייער בלוט.

מ י ר ע ל ע (בשעת'ן וואַשען): איך וואָלט מיט דיר אַוועקגע־גאַנגען אפילו ביז יענער עק וועלט. איך האָב ניט מורא, וואָס מיר וועלען זיין אליין, נאָר וואָס וועלען מיר דאָרט טון? עס וואַקסט דאָרט גאָר־ניט און — — — עס איז אַזוי ווייט פון דער מאַמען.

אַ ב ר ה ם : דו וואָלסט מיט מיר געגאַנגען? (ער קוקט זי אָן און קוקט אַוועק זיך פאַרטראַכטענדיג). איך רעד גלאַט. איך קען ניט גיין. אַהין גייט מען ניט, מירעלע. מען מוז פליען. אויסגעשפרייט צוויי גרויסע שטאַרקע פליגלען און פּרעסען די לופט אַרונטער, אַרונטער, און דו פילסט ווי דו הויבסט זיך אַרויף, העכער, העכער, אונטען די וועלט ווערט קליין און דו ביזט אַ קעניג, אַ שטאָלצער, שטאַרקער קעניג, מיט אַ טראָן העכער פון אַלע טראָנען — דער קעניג פון דער לופט.

מ י ר ע ל ע : איך האָב אַמאָל אַזאַ אַדלער געזעהן, און האָב אים אויסגעקליבען פאַר זיך—(בלייבט אַווײַלע שטיל, פאַרטראַכט קוקט פאַר זיך...) כ'האָב אַזוי געוואָלט פליען...

אַ ב ר ה ם : ניט דו, האָסט דיך אַנידערגעשטעלט אויף ווייכער ערד און האָסט אַריינגעגראָבען דיינעביידע פיס, זוכענדיג אַ פעסטען

הירש־בער: וואָס נאַרישע גוים רעדן, זיי זענען דאָך בורמילעס.

נחום: עס איז ניט נאָר וואָס זיי זאָגן. זייט ער איז גע־קומען גייט באַ אונז אַלצדינג פאַרקערט. עס האַלטען זיך ניט קיין הינער. עס ווערען פאַרלוירען לעמעלך פון די פּאַשעס. אפילו אין די הייזער איז אַלץ פאַרקערט. און היינט די פייערן. דאָס גאַנצע דאָרף גייט אַרום אין איין מורא, אַז עפּעס גייט אונז טרעפען. אויפ׳ן פעלד שטייט אַלץ אַ־ן וואַרט אויף הענט און מענשען דרייען זיך אַרום און טראַכטען נאָר וועגען גאָט ווייסט וואָס. אפילו דאָס יונגוואַרג צעלויפט זיך, עס ווע־לען באַלד קיין פאַסטוכער ניט זיין.

יענקעלע: וואָסזשע איז ער שולדיג, אַז זיי זענען נאַראָנים? אָדער וואָס איז הירש־בער שולדיג?

נחום: איך זאָג ניט אַז ער איז שולדיג, נאָר איך בין געקומען אייך וואָרנען, ווייל זיי גרייטען זיך צו גיין אַהער.

הירש־בער: אַהער?

נחום: עטליכע פון זיי זענען מיר ניט געפעלען. וועלוועלע גנב רייצט זיי אַלעמען מיט פאַרשיידענע מעשות.

הירש־בער: וואָס האָבען זיי געזאָגט? האָב ניט קיין מורא, רעד.

נחום: זיי האָבען געזאָגט, אויב ער וועט ניט אַוועקגיין, וועלען זיי אונטערצינדען דאָס הויז.

הירש־בער (כעס): אַט דאָס האָבען זיי געזאָגט?

כינע: ווי איז מיר! ווי איז מיר! פאַרוואָס זענען מיר אַזוי אומגליקליך. (ברעכט די הענט און קלאָגט) ווי איז מיר! ווי איז מיר.

הירש־בער: זיי קענען ניט הירש־בער׳ן. זיי פאַרגעסען מיט וועמען זיי האָבען צו טון.

יענקעלע: האָט מען שוין אַזוינס געהערט?

הירש־בער: זאָלען זיי נאָר קומען, איך וועל זיי שוין ווייזען ווער ס׳איז באַלעבאָס דאָ אין הויף.

נחום: איך האָב אייך נאָר געוואָלט וואָרענען.

כינע: פאַרלאָז אונז ניט נחום טייערער, זעסט דאָך אונזער נויט, און קיין פריינט האָבען מיר ניט.

מ י ר ע ל ע (רופט): טאַטע! (עס קומען ה י ר ש ־ ב ע ר, כ י נ ע און י ע נ ק ע ל ע).

ה י ר ש ־ ב ע ר: וואָס איז? אה, דו ביזט עס, נחום.

כ י נ ע: א גאַסט בא אונז.

ה י ר ש ־ ב ע ר: האָסט געבראַכט די קאַסע? א שיינעם דאַנק דיר. מען האָט זי פאַרגעסען.

כ י נ ע (שטויבט אָפּ די פּריזבע): זיץ בא אונז.

נ ח ו ם: איך בין ניט געקומען זיצען. איך דאַרף מיט אייך רעדען.

ה י ר ש ־ ב ע ר: נו אדרבה, רעד.

נ ח ו ם: איך קען ניט, אז —

ה י ר ש ־ ב ע ר: עס איז לויטער אייגענע.

י ע נ ק ע ל ע: אפשר ווילסטו, אז איך זאָל אוועקגיין?

נ ח ו ם: איר אַרט מיך ניט.

א ב ר ה ם: מיך מיינט ער.

ה י ר ש ־ ב ע ר: דאָס ניט, נחום. פאַר מיין אײדים זענען קיין סודות ניט פאַראַן, ווילסטו רעדען, רעד.

נ ח ו ם: איך בין אייך געקומען זאָגען, אז די גוים בורען זיך.

ה י ר ש ־ ב ע ר: איך וויים דען ניט, אָט שטייט דאָס היי און קיינער וויל ניט שניידען.

נ ח ו ם: ניט דאָס, זיי בורען זיך. זיי ווילען אז — — ער זאָל פאַרלאָזען דאָס דאָרף.

ה י ר ש ־ ב ע ר: וואָס?

כ י נ ע: נאָך דאָס האָט אונז געפעלט. ווי איז דער מאַמען!

נ ח ו ם: עס זענען זיך צונויפגעקומען גוים פון אונטערשטען דאָרף און אונזערע און זיי האַלטען זיך אן עצה —

ה י ר ש ־ ב ע ר: וואָס הייסט ער זאָל פאַרלאָזען דאָס דאָרף? איז דאָס דאָרף זייערס? איז מיין שטוב זייערע?

י ע נ ק ע ל ע: צו וואָס וועט עס נאָך קומען, אז אַ מענש קען ניט זיין באַלעבאָס בא זיך אויפ׳ן הויף.

נ ח ו ם: זיי זאָגען, אז זינט ער איז געקומען איז אויסגעגאַנגען אן אומגליק אויפ׳ן דאָרף. זיי זאָגען, אז ער איז א כישופמאַכער.

צופרידען זיין. אַבער זיי די גוים, זיי ווילען דאָך נאָך חלילה דאָס גאַנצע ביסעל אָרימקייט פאַרברענען. וואָס ווילען מיר דערנאָך טון?

הירש־בער (גייט אויף און אָפּ אויפגערעגט): זאָרג זיך ניט, עס וועט גאָר ניט זיין.

אברהם: אה, גאָט! עס איז אַזוי שווער צו זיין אַ מענש!

מירעלע: וואָס איז, אברהמעלע?

אברהם: עס איז נאָך ניט אַלץ, נאָך ניט אַלץ.

מירעלע (דערשראָקען): מאַמע! זיי גייען!

הירש־בער: נו, וואָס איז דער שרעק. זאָלען זיי קומען (פויזע).

(די דעפּוטאַציע קומט. דער פירער, עטליכע גוים און צווישען זיי וועל־וועל גנב.)

דער פירער: אַ גאָט העלפט אייך.

הירש־בער: אַ גאָט העלפט דיר אויך. זעצט זיך בא אונז. מיר זענען ניט געוואוינט צו אַזוי פיל געסט — זיצט —

דער פירער: עס מאַכט ניט, מיר קענען שטיין.

הירש־בער: אַזעלכע חשובע געסט בא מיר. בינע, ברענג אַרויס דאָס פלעשעל בראַנפען מיט ברויט מיט זאַלץ.

דער פירער: ניט הירש־בער, היינט ווילען מיר גאָרניט נעמען בא דיר.

הירש־בער: אַז אַלטען שכן באַליידיגען הייסט דאָס.

דער פירער: ניט באַליידיגען, אַבער היינט קומען מיר ניט צו נאַסט.

הירש־בער: זע נאָר ווער עס איז אַלץ דאָ. פּאַוועל, יוזעף דער יוזעפעכעס, פּעטרע קורטשיק, מיין מיכאַילאָ, פּעטרע סעמענ׳ס, איוואַן קורטשיק און דו, וועלוועלע גנב, ביזט אויך געקומען.

וועלוועל: איך בין אויך געקומען.

הירש־בער: אַ סך מאָל גייסטו, וואו אַ איך האָט ניט באַ־דאַרפט צו זיין.

וועלוועל: מיר זענען אַלע גוטע שכנים.

דער פירער: יאָ, גוטע שכנים זענען מיר אַלע און דו אויך, הירש־בער, געווען אַמאָל.

ה י ר ש ־ ב ע ר : הירש־בער דאַרף ניט מען זאָל אים העלפען.

נ ח ו ם : איך וועל ניט אוועקגיין נאָר איך ווייס ניט אויב איך וועל אייך עפּעס העלפען. זיי זענען פעסט באַשלאָסען.

א ב ר ה ם (קומט צו) : קיינער דאַרף ניט העלפען, איך אליין וועל מיט זיי רעדען.

כ י נ ע : ער איז נאָך שטאַלץ באַ זיך.

א ב ר ה ם : יאָ שוויגער, איך בין שטאָלץ באַ זיך, און איך האָב זיי צו זאָגען אַזוינס, וואָס וועט זייערע מחות אויפמאַכען.

כ י נ ע : אַט דאָס איז עס טאַקע. מיט דיינע רעד, הרג'עסטו אונז אַלעמען, דאָס גאַנצע דאָרף בונטעוועט זיך געגען אונז.

א ב ר ה ם : איך האָב פון זיך אַראָפּגעוואָרפען די אונטערטע־ניקייט, אויף די קני וועל איך זיי ברענגען.

כ י נ ע : נו, וואָס זאָגסטו ניט צו אים, נחום לעבען, זיי קומען אונזער הויז פאַרברענגען און ער רעדט וועגען גאָט ווייסט וואָס.

מ י ר ע ל ע : זיי דאַרפען אים טאַקע פאַלען צו די פיס, ער איז טויזענט מאָל בעסער פון זיי.

כ י נ ע : וואָס טויג דאָס, אַז ער האָט אויף אונז אַלעמען גע־בראַכט אומגליק.

א ב ר ה ם : אומגליק האָב איך אויף אייך געבראַכט? אָ, שוויגער, ווען איר זאָלט ווייסען, וואָס איר רעדט. מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע בין איך געקומען, ווייל איך האָב געזעען ווי איר שלעפּט מיט פרייד און שוויים גרינס פון דער ערד, האָב איך געמיינט, אַז אייערע הערצער זענען מילד און ערליך. מיט ליבע צו אייערע ווייסע הייזלעך בין איך געקומען און ווייל גליק איז געוואַקסען באַ מיר אין האַרצען, האָב איך געמיינט, אַז אַלע זענען גוט און ערליך, און איך האָב אויפגעמאַכט מיין האַרץ און געוואַרט, אַז אַלע זאָלען קומען, אַלע —

ה י ר ש ־ ב ע ר : איז ער דען ניט גערעכט? וואָס ווילט איר פון אים האָבען?

כ י נ ע : הירש־בערעניו, קינד, איך ווייס אפילו ניט, וואָס ער רעדט, נאָר וויל איך דען עפּעס פון אים. איך בין דאָך אַ מאַמע. מילא, וואָס פאַר אַ שידוך עס איז שוין, איז עס דאָך מיין קינד, מוז איך שוין

הירש־בער: דאָס גאַנצע דאָרף איז משוגע.

דער פירער (מיט עקשנות): און מיר פאַרלאַנגען, ער זאָל פאַרלאָזען דאָס דאָרף.

הירש־בער: וואָס הייסט, ער זאָל פאַרלאָזען דאָס דאָרף?

דער פירער (עקשנות'דיג): ער איז אַ פרעמדער, קיינער ווייסט ניט פון וואַנען ער קומט. אַ נאַקעטען האָט מען אים געפונען.

הירש־בער: האָב איך אפשר באַ אייך געבעטען, איר זאָלט אים עפּעס געבען?

איינער: ער האָט ניט באַדאַרפט בעטען, ער האָט אַליין גע־נומען.

כינע: ווילסטו זאָגען, אַז ער איז אַ גנב?

הירש־בער: דו אידענע גיי אַוועק. — באַ וועמען האָט ער גענומען? איך וויל דו זאָלסט דאָס זאָגען נאָך אַמאָל.

פיל: ער האָט גענומען מיט כשוף, ער האָט דאָס גאַנצע דאָרף אומגליקליך געמאַכט.

הערש־בער: איר זייט ליגנערס און נאַראָנים. ליגנערס זייט איר.

וועלוועל: ער באַליידיגט נאָך אונז. איר שווייגט דאָס?

דער פירער: מיר ווייסען שוין וואָס מיר זענען. דו דאַרפסט אונז ניט זאָגען.

הירש־בער: איר זייט ליגנערס. ער האָט באַ קיינעם ניט גענומען. איר זייט אַפּנים אַליין גנבים.

וועלוועל: גנבים רופט ער דאָס גאַנצע דאָרף.

דער פירער: דו, נחום, ביזט צווישען אונז אויפגעוואַקסען. דענקסטו, אַז מיר זענען גנבים? ביי וועמען האָבען מיר גע'גנב'עט? פרידען איז געווען באַ אונז אין דאָרף, ביז ער איז געקומען.

איינער: דאַרפען מיר זיך פאַר אים פאַרענטפערען? נחום איז אויך פון זייערע.

נחום: איך בין ניט פון קיינעם ניט. נאָר איר דאַרפט ניט קומען באַליידיגען הירש־בער'ן אויף זיין הויף.

דער פירער: מיר זענען ניט געקומען אים באַליידיגען, נאָר מיר ווילען, אַז יענער זאָל פאַרלאָזען דאָס דאָרף.

ה י ר ש ־ ב ע ר : און היינט?

ד ע ר פ י ר ע ר : היינט זענען מיר געקומען וועגען אן עסק. איך רעד ניט פאר אונז אליין. מיר רעדען פאר דעם אונטערשטען דאָרף אויך.

ה י ר ש ־ ב ע ר : אזא מין דעפּוטאַציע.

ד ע ר פ י ר ע ר : יאָ, א דעפּוטאַציע, דאָס דאָרף האָט אונז אויסגעקליבען מיר זאָלען פאַר זיי רעדען. מיר — — — דו ווייסט, אַז זייט א צייט איז אויסגעגאַנגען אן אומגליק אויף אונזער דאָרף, אפילו די מענשען זענען שלעכט געוואָרען. דו ווייסט ווי שטיל און צופרידען ער פלעגט בּאַ אונז זיין. יעדער האָט געטון זיין ארבייט און אלע האָבען געלעבט בשלום.

ה י ר ש ־ ב ע ר : נו און איצט?

ד ע ר פ י ר ע ר : איצט פירט זיך אַלץ בּאַ אונז פאַרקערט, גאַרניט קען מען איינהאַלטען. עס איז ניטאָ א טויב אין גאַנצען דאָרף, אפילו לעמלעך ווערען פאַרפאַלען און דאָס גאַנצע דאָרף גייט ארום אין איין שרעק פאַר די שדים. מען אַרבעט ניט, אַלץ שטייט אויפ'ן פעלד פאַרלאָזען. ווער עס קען נאָר פאַרלאָזט דאָס דאָרף. מיט איין וואָרט, עס איז אויף אונז אויסגעגאַנגען א קללה.

ה י ר ש ־ ב ע ר : וואָס־זשע בין איך אין דעם שולדיג, אַז איר ווילט פשוט ניט אַרבעטען, און איר טראַכט וועגען אויסגעטראַכטע נאַרישקייטען?

ד ע ר פ י ר ע ר : דו ווייסט, אַז דאָס איז קיינמאָל אַזוי ניט געווען, ביז עס איז ניט געקומען א געוויסער מענש צו אונז אין דאָרף.

ה י ר ש ־ ב ע ר : דו מיינסט מיין איידים, דעם גוטען מענשען, וואָס משפּעט אפילו א פליג ניט?

ד ע ר פ י ר ע ר : איך זאָג גאַרניט. אָבער מיר האָבען זיך אַלע צונויפגערעדט, אַז עס איז ניט אַנדערש ווי כּישוף, און ער האָט אונז אָנגעטון דעם כּישוף.

ה י ר ש ־ ב ע ר : און דו גלויבסט אין אַזוינע נאַרישקייטען?

ד ע ר פ י ר ע ר : מיר גלויבען.

א נ ד ע ר ע : יאָ, מיר גלויבען אַלע.

ד ע ר פ י ר ע ר : דאָס גאַנצע דאָרף גלויבט.

א ב ר ה ם (שטופּט זי זאַנפט אַוועק): ליגט אַוועק דעם דראַנג, שווער, איך גיי צו זיי. איר ווילט מיך, דאַ האָט איר מיך. (שטיל, אַלע הענט לאָזען זיך אָפּ. פּויזע). פאַרוואָס נעמט איר מיך ניט? איך שטיי מיט מיין קאָפּ אַנגעבויגען און מיט מיינע הענט אָפּגעלאָזען און גיב זיך אייך איבער. גיסט אויס אויף מיר דעם גאַנצען כעס און האַס, וואָס איר האָט פאַר דעם פרעמדען. — וואָס זשע שטייט איר? עס פעלט אייך מוט! איך ווייס, איר פילט אין אייער האַרצען, אַז מיין נשמה איז ריין, אַזוי ריין, ווי אין דעם ערשטען טאָג, ווען זי האָט אירע פליגלען אויס־געשפּרייט אין דער קלאָרער לופט הויך איבער אַלע בערג. עס איז אמת, אַז אין מיין נאַרישקייט האָב איך אייך מקנא געווען צוליב דער מילדער גרינער ערד אונטער אייערע פיס און אייער צוגעוואַקסענקייט צו איר. היינט ווייס איך, עס איז ניט געטריישאַפט, עס איז אַ שווערקייט, אַ בלייערנע שווערקייט, וואָס שלעפּט אייך אַלץ טיפער און טיפער אין דער ערד, ביז די בלאַטע שפּריצט אַרויף אין אייערע נשמות. — דער וואָס לייענט די הערצער, ווייסט, אַז מיין קנאה איז ניט געווען קיין בייזע. עס האָט ביי מיר געברענט אַ פאַרלאַנג אַראָפּצונידערען פון דער הויכער איינזאַמקייט, איך האָב זיך מקנא געווען אין דער שטילקייט און וואַרימקייט פון אייער גליק. אָבער אייער נאָענטקייט איז פון גרויס מורא, ציטערדיגער מורא פאַר דער איינזאַמקייט. — — ווייט טראָגט זיך דער בליק אין דער ריינער לופט, דאָס אויג זעט קלאָר, אָבער איינ־זאַם און קאַלט איז עס אויבען, און באַ אייך זיצט איינער נאָענט ביים אַנדערען און עס וואַקסען מילדע בלומען אַרום ווייסע הייזלעך. איך האָב אַ קעניגרייך אַוועקגעוואָרפען. —

ד ע ר פ י ר ע ר (אין שטוינען): אַ קעניגרייך!

ע ט ל י כ ע פ ו ן ד ע ר ד ע פּ ו ט אַ צ י ע (לאַכען ווילד): האַר — האַר! וואָס רעדט ער פאַר אַ משוגע׳נע רייד! ער איז משוגע! אַ קעניג איז ער! האַר — האַר — האַר!

א ב ר ה ם: לאַכט ניט!! (זיי שווייגען) אַ קעניג בין איך, אַ שטאָלצער גרויסער קעניג! מיין טראָן איז איבער אַלע בערג, דאָרט וואו די הימלען הויבען זיך אָן, און צו מיינע פיס קאַטשען זיך געוואַלדיגע ווייסע כמאָרעס, און מיינע אויגען קוקען גלייך אין דער פייערדיגער זון. אַ קעניג בין איך! אַ קעניג געזאַלבט פון גאָט, און אַז איך בין אַרונטער־

א י י נ ע ר : מיר ווילען, ער זאָל אוועקגיין, זאָל ער זיך גיין פון וואַנען ער איז געקומען.

י ע נ ק ע ל ע : מיך קענט איר אַלע?

פ י ל : מיר קענען דיך, זיידע, דו ביזט אַ ערליכער מאַן.

י ע נ ק ע ל ע : איר זעט, איך בין אַ אַלטער מאַן. דאָ, צווישען די בערג, בין איך געבוירען און אויפגעוואַקסען, יעדעס שטיינדעלע און יעדעס גרעזעלע קען איך, און עס איז מיר ליב און טייער. ווען איך זאָל וויסען, אַז ער שאַט דאָס אונזער דאָרף, וואָלט איך אַליין אים נעהייסען גיין, אָבער איך ווייס, אַז ער איז אַ גוטער אומשולדיגער מענש, אַ גוטער, אַ גוטער, זאָג איך אייך. גייט אַהיים און פאַרגעסט די נאַרישקייטען.

פ י ל ע : דו וועסט אונז ניט איינרעדען, מיר ווייסען שוין אַלץ וועגען אים. ער מוז פון דאַנען אַוועק!

נ ח ו ם : גייט איצט אַהיים, שפּעטער וועט ער אַליין אַוועקגיין.

ה י ר ש ־ ב ע ר (אין כעס, וואַרפט נחומ'ן אַוועק) : ווער וועט אַוועקגיין? קיינער וועט ניט אַוועקגיין. דאָ וועט ער בלייבען. דאָ בין איך, באַלעבאָס! — איצט מעגט איר שוין גיין.

ד ע ר פ י ר ע ר : איך וואָרען דיך, הירש־בער, איך קען פאַר דעם דאָרף ניט קאַווירען.

א י י נ ע ר : באַלעבאַטים, פריינט, איר שווייגט דאָס? מיר ווע־לען אים מיט געוואַלט פון דאַנען אַוועקנעמען.

כ י נ ע (שרייט) : געוואַלד! מענשען, ראַטעוועט!

מ י ר ע ל ע : מאַמע! זיי וועלען אים דער׳הרג׳ענען!

ה י ר ש ־ ב ע ר (נעמט אַ דראָנג) : ווער עס וואַגט צוגיין, פאַלט אַ טויטער.

י ע נ ק ע ל ע (וויל אים אויפהאַלטען) : לייג אַוועק, הירש־בער! לייג אַוועק דעם דראָנג.

א ב ר ה ם (לאָזט זיך צוגיין).

מ י ר ע ל ע (האַלט אים צו) : גיי ניט, גיי ניט!

ד י ד ע פ ו ט א צ י ע : לאָמיר זיך אויף אים לאָזען! הרג׳ענען וועט ער! עס איז אונזער דאָרף! שווייגט ניט! קום! קום! לאָמיר זען ווער עס איז שטאַרקער!

מ י ר ע ל ע : גיי ניט, אברהמ׳עלע! טייערער, גיי ניט!

דער פירער: מיר זעען, אז דו ביזט א גרויסער כישופמאַ־כער. האָב אויף אונז רחמנות! (פאַלט אויף די קני) בעט, ער זאָל אויף אונז רחמנות האָבען.

די דעפּוטאַציע (פאַלען אויף די קני): לאָז אונז לעבען! נעם אראָפּ דעם כישוף פון אונז.

אברהם (צעלאַכט זיך ווילד און העניש): האַ! האַ! האַ! נאָך אַלץ א כישופמאַכער! א, איר בלינדע! ווישט אויס די בלאָטע פון אייערע אויגען און זעט! עס שטייט פאַר אייך א קעניג, א שטאָלצער, מעכטיגער קעניג! העכער פון אַלע חלומות שוועבט מיין טראָן, און פון אים וועבט זיך א גאָלדענער חלום, וואָס זינגט א ליד פון אייער צוקונפט! הויבט אויף אייערע קעפּ און זעט מיין קעניגרייך! — הויבט אויף איר פּיינע נשמות! (זיי הויבען אויף די קעפּ און קוקען אַרויף).

איינער: אַן אָדלער טראָגט א ווייסען בינטעל!

וועלוועל: א קינד!

מירעלע: מאַמע! מיין קינד!

אברהם (געטראָפען פון שמערץ): האַ! —

כינע (אין דערזעלבער צייט): אַ! (זי און מירעלע לויפען אויף דער אַנדערער זייט הויז און קומען באַלד צוריק): געוואַלד, מענשען, ראַ־טעוועט! (צו אברהם'ן) מערדער, גיב צוריק דאָס קינד! דיין אייגען קינד!

מירעלע: מיין קינד! מיין קינד!

הירש־בער: א ביקס! א ביקס!

אברהם: שיסט ניט! (רואיג, מיט טיפען שמערץ) שיסט ניט. עס איז פאַרפאַלען. דאָס איז דער לעצטער קרבן פון מיינע זינד. דאָס זענען מיינע לעצטע ליידען. א, ווי שווער! ווי שווער! — עס איז שוין נאָך אַלעמען. — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איר קניט פאַר מיר! — שטייט אויף, גוטע מענשען. ווער בין איך דען איר זאָלט פאַר מיר קניען? איך בין א זינדיגער, א שוואַכער זינדער נענען דעם, וואָס איז העכער פון אונז אַלע. — און א פרעמדער בין איך מיט א פרעמדען גייסט. איך האָב געוואָלט דורכברעכען די גרעניצען, וואָס א גרעסערער פון אונז האָט צווישען אונז געצויגען. און איך האָב נאָר צעבראָכען. א, דו גרויסער, אייביגער גאָט! איך, א קליינע נידעריגע

נעקומען צו אייך און זיך געוואלט שפּילען מיט אייך אין אייער בלאָטע. האָט איר ווי דומע שלעכטע קינדער ארויסגענומען אייערע הענטלעך און זיי מיר געשטופּט אין די אויגען, אין הארצען אריין.

וועלוועל (טרעט אַרויס): קומעס! איר לאָזט זיך פון אים בארעדען! דאָס האָט ער אלעמאל געטאן, יעדען האָט ער באַרעדט, ער איז א כישופמאכער. אונטערצינדען אים מיט אלץ אינאיינעם. דאָס גאַנצע דאָרף איז מיט אונז.

פיל: אונטערצינדען! אונטערצינדען!

יענקעלע: קומעס, ברידער! הערט אויס! ער וועט אוועק־גיין!

הירש־בער (מיט ווילדען כעס, נעמט דעם דראָנג): הרג'ענען! הרג'ענען! (די דעפּוטאַציע באַפאַלט אים, זיי באָרען זיך).

אברהם (איבער אַלץ הערט זיך זיין קול): א קעניג בין איך! א קעניג בין איך! איך וועל רופען און זיי וועלען קומען! (שרייט אויס ווי אַן אדלער, און שאָטענס הויבען אָן פליען איבער דער בינע).

אלע (דערשראָקען): אדלערס! כישוף!

אברהם: קומט, קומט, מיינע געטרייע! קומט אלע! פון דעם קלענסטען ביז צו דיר, מיין גרויסער ברודער! אַ, איך זע אייך, איר קליינינקע, שיינינקע, ווי שיינע בונטע חלומות! און איר גראַע זינגער! און אייך, איר ווייטע וואנדערער, איר פריילינג ברענגער פון פרעמדע ווייטע לענדער! און אייך מיינע שווארצע חכמים! קומט אלע פעלקער פון דער לופט! איך, אייער קעניג, רוף אייך! אַ, מיינע ליבע געטרייע!

אלע: פויגלען, פויגלען פון אלע מינים! שרעקליך! (זיי בייגען אלע אָן די קעפּ).

אברהם: קומט! קומט מיינע געטרייע! נאָר! — נאָר! (אויף דער בינע ווערט כמעט פינסטער).

איינער (הויבט מיט מורא אויף דעם קאָפּ און לאָזט אים באַלד אַרונטער): און זיי קומען, זיי קומען! נאָר קומען זיי. זיי וועלען אונז אלעמען פארניכטען, ברידער. דאָס איז א שליח פון טייוועל.

אברהם: פילט איר מיין מאכט! מיט איין שוואונג פון מיין האַנט פארניכט איך אלעמען (לאַכט) און פאַר אייך האָב איך מיין קאָפּ געבויגען. צו אייך האָב איך מיין הארץ געטראָגען.

מ י ר ע ל ע　(הויבט זיך אויף און שלעפּט זיך ווייטער).

נ ח ו ם　(קומט אָן) :　וואו איז זי ?

כ י נ ע :　דאָרט אַרויף אויף דעם פעלזען.

נ ח ו ם :　קיין מענש איז דאָרט נאָך ניט געווען. ווי אַ וואַנט הויבט זיך דער פעלזען אויף און קיין גרעזעל וואַקסט אויף אים.

כ י נ ע :　אַהין איז ער געגאַנגען.

נ ח ו ם :　מען מוז ברענגען שטריק, און איך בין אַזוי מיד (פאַלט אַנידער).

ה י ר ש ־ ב ע ר　(קומט) :　וואו איז זי ?

כ י נ ע :　דאָרט —

ה י ר ש ־ ב ע ר　(פאַלט אַנידער) :　אויף אונזערע אַלטע יאָרען דאַר־פען מיר פאַרלירען אונזער קינד.

כ י נ ע :　עס איז טויט באַ מיר אין האַרצען. דער כישוף האָט אַלצדינג געטויט.

ה י ר ש ־ ב ע ר :　איך בין מיד. (פאַלט אַנידער)　אוים — קינד —

כ י נ ע.　געטראָגען אונטערן האַרצען — איצט — ניט ווייטער... ניטאָ — קיין — גאָרניט — טויט — (ווערט אַנטשלאָפען).

ה י ר ש ־ ב ע ר :　כינע — — מיין ווייב — — וואו איז — (ווערט אַנטשלאָפען. די דעפּוטאַציע און ביילקע קומען איינער זיך אָנהאַל־טענדיג אָן אַנדערן, זיי שלעפען זיך קוים).

א י י נ ע ר :　ווייטער גייען מיר ניט. אָט זענען זיי — (אַלע פאַלען אַנידער אַרום דעם שטיין).

א ן א נ ד ע ר ע ר　(שטעלט זיך אויף די קני) : אָט דאָרט גייט ער ! גאָטס וואונדער ! זעט ! זעט ! (פיל אַ הויז די אַנטשלאָפענע שטעלען זיך, די מיינסטע אויף די קני) זעט, זעט, ער גייט ניט, זיינע פיס רירען די ערד ניט אָן !

א ד ר י ט ע ר :　ער איז שוין אויף דעם שפּיץ און זי איז ניטאָ ! — די הענט שטרעקט ער אוים צום הימעל !

א ן א נ ד ע ר ע ר :　וואָס פאַר אַ פויגעל איז דאָס ?

פ ו ן ד י ו ו א ָ ס ז ע נ ע ן ג ע ב ל י ב ע ן ל י ג ע ן :　זאָג, זאָג, וואָס זעסטו.

באשעפעניש, האָב ניט פאַרשטאַנען דיין גרויסע ברכה און האָב געוואָלט גיין אהין וואו איך געהער ניט. איך האָב חרטה. מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אַ דערנידעריגטער מיט אַ געריינינגטען הארצען, קום איך צוריק און בעט דיך: זיי מיר מוחל! איך וויל צוריקגיין, וואו דו האָסט מיך אוועקגעשטעלט. דו האָסט מיין לעצטען בונד צו דער ערד צעשניטען. אין עניוות בעט איך דיך, האָב אויף אונז אלעמען רחמנות. (דרייט זיך אויס און גייט לאַנגזאַם מיט פאַרמאַכטע אויגען אוועק).

מ י ר ע ל ע (מיט אַ הארצרייסענדען שריי): אברהמ'עלע! נעם מיך! (זי לויפט אים נאָך. כ י נ ע, נ ח ו ם, ה י ר ש ־ ב ע ר, אחוץ יענקעלע נאָך איר. די סצענע בייט זיך שנעל איבער, און עס איז שוין ערגיץ הויך אין די בערג. קיין בוימער וואַקסען שוין דאָ ניט, נאָר אַ קלאָרער בלויער הימעל ציט זיך איבער אַ גרינער פּאַשע. אַ גרויסער שטיין ליגט אין מיטען).

א ב ר ה ם (קומט פון רעכטס אין דערזעלבער פּאָזע, ווי ער האָט פריער פאַרלאָזען. זיין פּנים איז געווענדט צום הימעל, די אויגען פאַרמאַכט. ווי אַן אומזיכטבאַרע האַנט וואָלט אים געפירט, גייט ער מיט לאַנגזאַמע שריט איבער דער בינע פון רעכטס נאָך לינקס. נאָך אַ ווייַלע קומט מ י ר ע ל ע, מיד און געבראָכען).

מ י ר ע ל ע: אברהמ'עלע — איך — האָב — דיך — ליב —, איך — האָב — דיך — ליב — (זי פאַלט אַנידער, שלעפּט זיך מיט מי אויף די קני).

כ י נ ע (קומט נאָך אַ ווייַלע, זי שלעפּט זיך קוים): קינד מיינס — בלייב שוין דאָ — אַט בין איך דאָך דיין מאַמע. — גיי ניט ווייטער — (פאַלט אַנידער).

מ י ר ע ל ע: איך מוז — איך בין — זיינע —

כ י נ ע: דאָרט גייט דער פעלזען ארויף, ווי אַ שפּיז צום הימעל.

מ י ר ע ל ע: וועל איך בלייבען ליגען ביים פוס, ביז ער וועט ארונטערקומען.

כ י נ ע: ער וועט ניט קומען.

מ י ר ע ל ע: איך מוז גיין — גיין.

כ י נ ע: גיי אויב דו מוזט. איך וועל דאָ וואַרטען. ווייטער קען איך ניט.

הירש־בער: זייט איר אַלע בלינד הייסט עס, און איך בין דער איינציגער וואָס זעט.

אנדערע: איך זע זי שוין אויך. א שטאַרקען רויטען פלאַם! די זון! די זון!

הירש־בער: אודאי איז דאָרט די זון.

כינע: איין קליניקייט, א גדולה אויף אים, ער זעט די זון. וואו איז דאָס קינד?

הירש־בער: אָט דאָ איז זי ערגיץ. וואָס שטייט מען דאָ?

ביילקע: איר ווייסט ניט וואָס מען שטייט דאָ? איר האָט ניט געזעען דעם גרויסען אָדלער. א שיינקייט ער איז דאָס.

הירש־בער: איך האָב ניט געזען קיין אָדלער. איך בין געווען בא מיינע שאָף. בין איך דאָ אָביסעל אַנטשלאָפען געוואָרען.

ביילקע: גרויס איז ער געווען, כמעט ווי א מענש.

הירש־בער: ליגט א גאַנץ דאָרף אוועק די אַרבעט און קומט קוקען אויף אַן אָדלער. אהיים איר פוילע! אהיים צו דער אַרבעט. שוין גענוג נאָכלויפען נאָך נאַרישקייטען.

א גוי: מען דאַרף טאַקע אהיימגיין. אַזעלכע שיינע טעג מען דאַרף דאָס היי אָפּשניידען.

כינע: מירעלע! וואו איז דאָס קינד?

הירש־בער: זי וועט שוין אַליין אהיימקומען. (זיי גייען אַלע איינציגווייז, כינע און הירש־בער צולעצט).

הירש־בער: און דו אויך, דו אַלטע אידענע, קוקען אויף אָדלערס. (זיי גייען אוועק, די בינע בלייבט א ווײַלע ליידיג).

(נחום קומט טראָגענדיג מירעלען אויף די הענט).

נחום: א מיידעל זאָל דאָס אַזוי טון. לויפט נאָך אַן אָדלער און פאַלט. האָסט נאָך געקענט חלילה דער׳הרג׳עט ווערען.

מירעלע: איך האָב געוואָלט, ער זאָל זיין מיינער.

נחום: מען דאַרף ניט קיין אָדלערס. מען מוז אַרבייטען אויפ׳ן גאָרטען און אַכטונג געבען אין הויז. — אנו, פּרואוו זיך שטעלען.

מירעלע: איך קען דען? זעעסט ניט, אַז איך האָב מיר אויסגעוועכעוועט א פוס. (נחום זעצט זי אויפ׳ן שטיין, זעצט זיך לעבען איר).

מירעלע (שמייכלענדיג): ביזט אויף מיר ברוגז?

א ד ר י ט ע ר: ווי אַז אַדלער זעט ער אויס, אָבער ווייס — ווייס —

א י י נ ע ר: ווי זילבער גלאַנצט ער אין ליכט פון דער זון.

א נ ד ע ר ע ר: אַט לאָזט ער זיך אַרונטער צו אים —

ד י ל י נ ע נ ד י ג ע: צו וועמען?

א נ ד ע ר ע ר: צו אים — ער וויקעלט אים איין אין זיינע פליגלען — (פויזע) וואו איז ער?

ד ר י ט ע ר: עס שטייט אַ גרויסער שוואַרצער אַדלער, קלאָר נעגען בלויען הימעל.

א נ ד ע ר ע ר: אַ ווייסער איז עס געווען.

א י י נ ע ר: אַ שוואַרצער זאָג איך. אַט שטייט ער דאָרט, אַ גרויסער שוואַרצער אַדלער. ווער האָט דאָס געהערט פון אַ ווייסען אַדלער.

פ א ר ש י י ד ע נ ע: אַ ווייסער — אַ שוואַרצער זאָג איך — אַ ווייסער זאָג איך — אַ ווייסער — אַ שוואַרצער — אַ ווייסער —

(עס הערט זיך מירעלע׳ס קול פון דער וויטענס).

מ י ר ע ל ע ׳ ס ק ו ל: אברהם! — אברהם! — אברחום! — אברחום! — אבנחום! — נחום! — נחום! —

נ ח ו ם (וועקט זיך): זי רופט מיך! איך קום, מירעלע! — איך קום! (אַנטלויפט).

א ל ע (רייבען זיך די אויגען): וואו בין איך! וואו בין איך! עס איז פינסטער! פינסטער! וואו איז די זון! וואו ביזטו סעמען! פעטרע! כינע! הירש־בער!

כ י נ ע (זיך אויפוועקענדיג): יאַ—יאַ—יאַ, וואו ביזטו, הירש־בער! עס איז פינסטער! אוי! אוי!

ה י ר ש ־ ב ע ר: כינע, וואו ביזטו!

א י י נ ע ר: די זון! וואו איז די זון!

ה י ר ש ־ ב ע ר (שטעלט זיך אויף פריש און מונטער): וואָס שרייט איר משוגעים.

א ל ע: עס איז פינסטער! וואו איז די זון?

ה י ר ש ־ ב ע ר: איר מוזט אודאי זיין בלינד, אַט האָט איר דאָך דאָרט די זון.

א י י נ ע ר: אַ רויטען פלאַם זע איך.

ה. דרימער:

די האַנט

(שפּיל)

אָרט פון דער האַנדלונג: — אַ קאָרטען טיש.

צייט: — פּאַרנאַכט.

פּערזאָנען: — שפּיל־קאָרטען.

פון געזינד שיפּע.

דער קעניג.

די קעניגין.

די מלכה־מאַמע (דער צענער שיפּע, וואָס מען פלעגט אַמאָל רופען מלכה).

דער ריצער, צערעמאָניע־מייסטער (דאָס אינגעל שיפּע).

דער גענעראַל־פעלד־מאַרשאַל און גענעראַל־פּראָקוראַטאָר (מיט איין אויג, טויז שיפּע).

דאָס שיפּע זיבעלע (דער שלים־מזל).

פון געזינד האַרץ.

דער מלך.

די מלכה.

דער פּאַעט, (דאָס אינגעל האַרץ).

דער הויף־פילאָזאָף (טויז האַרץ).

פון געזינד צלם (אַ גלח'ס געזינד).

דער בישאָף און קאַנצלער (טויז צלם).

דער ריצער.

דאָס זיבעלע.

פון געזינד קאָזער.

די פירשטין, ערשטע הויפדאַמע (דער גוטער צענער).

די גרעפין (אַכטעל).

דער ריצער, אַ לייטנאַנט.

אַנדערע הויפלייט.

נ ח ו ם (ברומט): איך בין ניט ברוגז.

מ י ר ע ל ע: פארוואס ביזטו אזוי אנגעכמורעט?

נ ח ו ם: ווייל — ווייל — דו האסט אין זינען נארישקייטען.

מ י ר ע ל ע: וועסטו מיר קויפען א געלען פאסיק? (ער טרייסעלט דעם קאָפּ אויף יא). און א פינגערל? (דאָסזעלבע). און א זייגערל? (דאָסזעלבע) א זייגערל אויך?

נ ח ו ם: א זייגערל אויך וועל איך קויפען.

מ יר ע ל ע: וועסטו ווערען מיין חתן? (זי שפּאַרט אָן דעם קאָפּ באַ אים אויפ'ן אַקסעל).

נ ח ו ם: אבער געדענק מען דארף ניט נאכלויפען קיין פויגלען.

ע נ ד ע.

דאָס רעכט פון אויפפירען און
איבערזעצען געהערט צום פאַרפאַסער.

ר י צ ע ר: ווער בעט דיך שלימזל איינער.

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע: איר זייט נאָר וואָס אויפגעשטאַנען, און רופט מיך שוין צונעמעניששען.

ר י צ ע ר: וואו איז דער קאַנצלער?

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע: זוכט אים, וואָס וויים איך. — ער דאַרף האָבען אַ קראַץ אויף דער פּלייצע. אָט דאָ איז ער. זאָל איך אים וועקען?

ר י צ ע ר: לאָז נאָר מיך. — הער קאַנצלער! — הער בישאָף! הויכווירדיגער הער בישאָף פון שוואַרצען צלם, שטייט אויף.

ק אַ נ צ ל ע ר: זייט איר דאָס, געטרייער ריצער? (הויבט זיך אויף שנעל).

ר י צ ע ר (אביסעל ציטעריג): דאָס האָב איך אייך געוועקט. איך האָב אייך געוואָלט זאָגען, אַז אַלע שלאָפען נאָך און דער קעניג אויך און אַז איצט איז די צייט צו באַפרייען אונזער געזינד פון דער פאַר־האַסטער הערשאַפט. איך האָב באַ זיך אַ שווערד און מיט איין שטאָך וואָלטען מיר אים געפּטר'ט. איך וועל בלייבען אייער אייביגער שקלאַף. אויב איר וועט מיר ערלויבען צו זיין דער שליח פאַר דער גרויסער זאַך.

ק אַ נ צ ל ע ר: ש־ש! — איר זייט ניט פאַרזיכטיג, הער ריצער. אָט שטייט דאָ דער קליינער שיפּע און ער הערט זיך צו אַלץ צו.

ר י צ ע ר: האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז דו זאָלסט דיך דאָ ניט ווייזען? (וויל אים שלאָגען, יענער אַנטלויפט).

ק אַ נ צ ל ע ר: איר זייט צו היציג, הער ריצער. קום אַהער קליינער שיפּע, דו ביזט אַ גאַנץ ערליך אינגעל. זאָג מיר, איז עס שיין, זיך אונטערצוהערען?

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע: זאָל איך טויב ווערען, אייער עמינענץ. אויב איך האָב אפילו איין וואָרט געהערט.

ק אַ נ צ ל ע ר: עס איז גוט. איך גלויב דיר. און איר, מיין ליבער ריצער (שפּאַצירט מיט אים אַוועק) מאַכט ניט קיין פּלענער. איר דאַרפט גאָר ניט זאָרגען, מיין אויג איז אָפען. איר וועט נאָך דאָ זען וואונדערבאַרע זאַכען. מיר וועלען פון זיי פּטור ווערען. נאָר איין זאַך מוזט איר געדענקען — היט זיך פאַר רעוואָלוציעס, מאָרדען און נאָך

דורך דער צייט פון שפּילען, זינקט דאָס טאָגליכט אַלץ טיפער און טיפער, ביז צום סוף, ווען עס ווערט כמעט אינגאַנצען טונקעל. די בינע שטעלט פאָר אַ דעק פון אַ טיש. מען האָט נאָר וואָס אויפגעהערט שפּילען אין קאָרטען. אַלע שפּילער זענען זיך שוין צעגאַנגען, נאָר איינער פון זיי איז געבליבען זיצען אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט. אויף דער בינע זעט מען נאָר אין הינטערגרונט זיינע אויילענבויגענס און אָרעמס, אָנגעשפּאַרט אָן דעם טיש און אַ וועסטעל מיט אַ גראָבער גאָלדענער קייט אויף דער גאַנצער הויך פון דער בינע. אין מיטען פון דער בינע שטייט א שיסעלע פון אַש מיט ניט דעררויכערטע ציגאַרעטען. דאָס איז דער קעניגליכער טראָן. רעכט, אויבען, א לוידיג וואַסער־גלאָז. די קאָרטען ליגען צעוואָרפען איבערן טיש, א טייל פון זיי ליגען אין א פּעקעל. רעדעלעך, וואָס ווערען באַנוצט פאַר געלט ליגען צעוואָרפען איבערן טיש, איינציגווייז און אין קופּקעלעך. די אויפטרעטענדיגע פּערזאָנען באַנוצען זיי צום זיצען.

ד אָ ס ש י פּ ע ז י ב ע ל ע : (איז דאָס ערשטע, וואָס ווערט געוואָר, אַז עס איז מער ווי אַ טויטע קאָרט. עס הויבט זיך פּלוצלונג אויף און בלייבט שטיין, זיך וואונדערענדיג מיט זיין נאַריש־כיטרע פּנים. עס קוקט זיך אום, זוכט זיין נאָנטסטען שכן, דערקענט אים). הער ריצער צלם. שטייט אויף!

ר י צ ע ר צ ל ם : (פאַרשלאָפען). וואָס ווילסטו?

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע : ווייט און ברייט רירט זיך גאָר ניט, איר מעגט אויפשטיין, נישקשה.

ר י צ ע ר : טאקע? מען קען?

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע : אודאי.

ר י צ ע ר (שטייט אויף).

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע : ווייסט איר וואָס, לאָמיר אויפוועקען דעם צערעמאָניע־מייסטער און אים ווייזען ווי אַזוי ער היט אָפּ זיין אמט. אַז מיר פּראָסטע שטייען אויף פריער פאַר אים.

אביסעל אויפשטיין און אויסגלייכען די ביינער. (פּרואווט אויפשטיין). איך קען ניט אליין, זיי אזוי גוט און גיב מיר דיין האנט. — אַט אזוי — (אויפגעשטאַנען). א שיינעם דאנק דיר, ליבער פלימעניק. אוי — עלטער איז ניט קיין גדולה.

צ ע ר.־מ י י ס ט ע ר (גיט איר דעם אָרעם).

מ ל כ ה ־ מ א מ ע: ווי שיין און יונג די זעסט היינט אויס, ליבער פלימעניק.

צ ע ר.־מ י י ס ט ע ר: איך דאנק אייך טאנטע. א קאָמפּלי־מענט פון אזא ערפארענער דאמע איז מער ווערט ווי פון צען יונגע.

מ ל כ ה ־ מ א מ ע: אוי, ווי קלוג, ווי קלוג!

צ ע ר.־מ י י ס ט ע ר: ערלויבט מיר, מאיעסטעט, אייך צופירען צו א פלאַץ. (זעצט זי אויף א קופּקעלע רעדעלעך, רוקט איינעם צו אונטער אירע פיס). איר וועט מיר מוחל זיין ליבע טאנטע, איך דארף גיין טון מיין פליכט.

מ ל כ ה ־ מ א מ ע: גיי, גיי, זונעניו, פליכט איז פאר אלץ.

צ ע ר.־מ י י ס ט ע ר: גנעדיגע פירשטין, איר זייט געבעטען אויפצושטיין.

פ י ר ש ט י ן (קאָקעטיש און וויכטיג). איז ניט פאראַן קיין נע־פאר?

צ ע ר.־מ י י ס ט ע ר: ניין, מאדאם. (ער העלפט איר אויפ־שטיין).

פ י ר ש ט י ן: ווייסט איר ניט וואו מיין טאָכטער איז, די גרע־פין?

ר י צ ע ר פ ו ן ק א ז ע ר (וועלכער איז דערווייילע אויפגעשטאַנען, קומט צולויפען). איך וועל זי אייך אויסזוכען, גנעדיגע טאנטע.

פ י ר ש ט י ן: גייט, מיין ליבער לייטנאנט.

ל י י ט נ א נ ט (צו שיפּע זיבעלע, וועלכע לויפט אים נאָך): אוועק פון דאנען! וואס לויפסטו מיר עפּעס נאך, דו שיפּע זיבעלע?

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע: וואס מיינסטו, א שיפּע זיבעלע איז שוין טאקע גאר ניט? וועל איך דיר דוקא נאכלויפען.

ל י י ט נ א נ ט: אוועק דו אידיאט! פע, שעם זיך! (ער גע־

אַזוינע נאַרישקייטען. דאָס פּאַסט פאַר דעם המון, אָבער ניט פאַר דעם ארונטערגעוואָרפענעם געזינד פון מלכים (הויך, מיט דער ווירדע פון זיין אַמט). וועקט אויף דעם צערעמאָניע־מייסטער!

ר י צ ע ר: מייסטער פון צערעמאָניעס, שטיי אויף! שטיי אויף, און טו דיין פליכט!

מ י י ס ט ע ר פ ו ן צ ע ר ע מ אָ נ י ע ס (הויבט זיך אויף שנעל). אַט איז דאָך שוין דער מיניסטער! האָסטו מיך ניט געקענט פריער וועקען? גוטען אָוונט הער קאַרדינאַל.

ק אַ נ צ ל ע ר: גוטען אָוונט, הער צערעמאָניע־מייסטער. (נעמט אים אונטערן אָרעם). איר ווילט אודאי בלאָזען אייער האָרן? ניט היינט. היינט דאַרף זיין דער טאָג, אויף וועלכען איהר האָפט און וואַרט שוין אַזוי לאַנג. איך האָב אונזער קעניגין צוגעזאָגט, אַז איך וועל איר געבען אַ געלעגענהייט זיך צו טרעפען מיט אים — איר ווייסט דאָך — מיט דעם וואָס פאַר'כישופ'ט אַלע ווייבערשע הערצער און האָט אונזער קעניגין אויך דעם קאָפּ פאַרדרייט.

צ ע ר. ־ מ י י ס ט ע ר: דעם שאַרלאַטאַן!

ק אַ נ צ ל ע ר: אויב זיי וועלען נאָר האָבען די געלעגענהייט, מוז צווישען זיי עפּעס געשעהן. דאָס איבריגע איז מיין זאָרג. דער קעניג וועט זי פאַראורטיילען צו אייביגען געפענגעניש. איר ווייסט דאָך, אַז דאָס קעניגליכע געפענגעניש איז מיין מאַנאַסטיר, און פון דאָרט וועט איר זי קענען באַפרייען. פאַרלאָזט זיך אויף מיינע ווערטער.

צ ע ר. ־ מ י י ס ט ע ר: זי ליבט מיך אָבער ניט.

ק אַ נ צ ל ע ר: אויב אַזוי זענט איר דאָך נאָך טאַקע יונג! וואָסער פרוי קען דאָס פיינט האָבען אַ רעטער, אַ באַפרייער? — איצט גייט שוין טוט, וואָס מען הייסט אייך.

צ ע ר. ־ מ י י ס ט ע ר: וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער פּלאַן! איר זייט טאַקע אַ קלוגער. (גייט אַרום און טאַרעט פאַרשיידענע פון הויף־געזינד. זיי שטייען אויף און גייען אין הינטערגרונט. צו דער מלכה־מאַמע). קעניגין־מאַמע, — גנעדיגע מלכה! — ליבע מומע, איר זייט געבעטען אויפצושטיין.

מ ל כ ה ־ מ אַ מ ע (הויבט זיך אויף פאַוואָליע און רייבט זיך די אויגען). טאַקע באמת? — ווי גוט! מיר האָט זיך שוין טאַקע געוואָלט

וואו, לאזט אויף שפּעטער. די קעניגין מוז דאַ זיין פריער. און דעם קעניג וועקט ניט ביז העט שפּעטער. ווארט אויף אַ צייכען.

צ ע ר. ־ מ י י ס ט ע ר: איך בין גרייט אייך צו פאָלגען.

ק א נ צ ל ע ר: דאס איז דאס ערשטע געבאָט פאַר אַ הויפמאַן. און פאַרגעסט ניט, אַז פון הויפלייט ווערען שטאַט־לייט.

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע (וועקט דאַס זיבעלע צלם). צלם! שטיי אויף! (אויפגעשטאַנען) ביזטו ברוגז מיט מיר, ווייל דיין געזינד איז ברוגז מיט מיין געזינד?

ז י ב ע ל ע צ ל ם: איך בין ניט ברוגז. (גיט איִם אַ קוש. זיי גייען אוועק אין אָרעם).

צ ע ר. מ י י ס ט ע ר: גנעדיגע פרוי קעניגין? הויך־פּאַר־ערטע מלכה הארץ!

מ ל כ ה ה א ר ץ (וועקט זי אויף דערשראָקען). איר זייט דאס ליבער צערעמאָניע־מייסטער? איך האָב מיך אַזוי דערשראָקען.

צ ע ר. ־ מ י י ס ט ע ר: ווילט איר מיין האַנט? (זי שטייט אויף).

מ ל כ ה ה א ר ץ: וואס פאַר אַ זיסען חלום איר האָט מיר איבערגעשלאָגען.

צ ע ר. ־ מ י י ס ט ע ר: עס טוט מיר זעהר וויי, וואס איך האָב דאס געמוזט טאָן. קען מען אפשר וויסען, פון וואס אַ קעניגין חלום'ט?

מ ל כ ה ה א ר ץ: פאַר וואס דען ניט? (זי קוקט לאַנגזאַם אין פראָנט און כמעט אַלע הערען ווי זי דערציילט דעם חלום). דאס איז געווען אַ חלום פון אַ פאַסטושקע מיט אַ פאַסטוך און ארום זיי אסך ווייסע גע־קרייזעלטע שעפעלעך, און דאס ליכט פון דער מארגען זון. זי האָט גע־זוכט גליק, האָט זי געזוכט און געפונען, און ער האָט געזוכט גליק, געזוכט און געפונען, ווען אַז אַלטע פרוי, אַ טרעפערין איז דערביי געווען און זי האָט זיי געטראָפען און געזאָגט: קינדערלעך, איר זוכט דאס גליק און איר וועט דאס געפינען, און אַז איר וועט דאס געפינען, זאָלט איר דאס האַלטען פעסט און זאָלט דאס היטען ווי איר היט די שעפעלעך אין פעלד.

א ל ע: ווי שיין! ווי זיס! אה, ווי שיין! (פאַלען צו איר צו). ליבע מלכה הארץ, טייערע מלכה הארץ! וואס מאַכט איהר?

פינגט די גרעפין). ליבע קוזינע, איך זייט האַרציג געבעטען אויפצושטיין. איך בין עס, אייער ריצער און קוזין, ריצער לייטנאַנט פון קאַזער.

ד י ג ר ע פ י ן (קאַקעט). האָט מען היינט ניט געבלאָזען דעם האָרן?

ל י י ט נ א נ ט: איך ווייס ניט, מיך האָט מיין ליבענדיג האַרץ אויפגעוועקט.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע: מען האָט ניט געבלאָזען, דער קאַנצלער האָט ניט געהייסען.

ג ר ע פ י ן (קאַקעטיש). איך קען ניט אויפשטיין, גיט מיר אייער האַנט.

ל י י ט נ א נ ט (הויבט זי אויף). איז מיר ערלויבט אויך צו קושען דאָס זיסע הענטעלע?

ג ר ע פ י ן: אָבער נאָר איין קוש, ווייל איך מענער, אז מען ערלויבט אביסעל, פאַרלאַנגט איר צופיל.

ל י י ט נ א נ ט (קושט די האַנט צוויי מאָל).

ג ר ע פ י ן: איר זייט אַזוי שלעכט ווי אַלע מענער. (גיט אים א קלאַפּ מיט דעם פעכער).

ל י י ט נ א נ ט: איך בין ניט שלעכט, טייערע, איך בין נאָר שרעקליך פאַרליבט אין אייך.

ג ר ע פ י ן: ווער גלויבט אייך דען מענער?

ל י י ט נ א נ ט: איך בין אַלע מאָל גרייט דאָס צו באַווייזען.

ש י פ ע ז י ב ע ל ע: טייער פריילין קאַזער, ערלויבט מיר אויך צו קושען אייער ליב הענטעלע, איך האָב אייך נאָך מער ליב ווי ער.

ג ר ע פ י ן: איך ווייס אז אַלע מענער זיינען אין מיר פאַרליבט. נאַ — (ער קושט איר האַנט).

ל י י ט נ א נ ט: אַוועק, דו אידיאָט!

ש י פ ע ז י ב ע ל ע: אָבער איך האָב אויך געקושט... זי האָט מיך אויך ליב!

ל י י ט נ א נ ט: אַוועק, דו אידיאָט!

ק א נ צ ל ע ר (צום צער.-מייסטער בסוד): פאַרגעסט ניט דעם יונגען פּאַעט, ווען איר וועקט די מלכה האַרץ. איר מאַן דעם באַנווי־

ש י פ ע ז י ב ע ל ע: ערלויבט מיר צו קושען דעם זוים פון אייער קלייד.

פ אַ ע ט (אין כעס): אוועק דו נאַר!

ש י פ ע ז י ב ע ל ע: נאַרישער פּאָעט! פאַרליבטער פּאָעט!

צ ע ר. - מ י י ס ט ע ר: (הויבט אויף זיין שטעקען צום צייכען, אַז אַלע זאָלען שווייגען). די קעניגין! (דער עולם מאַכט א וואַרע. ד י ר ע ג י ר ע נ ד ע ק ע נ י ג י ן פון שיפע קומט ארויס. זי איז שוואַרצ־חנ'עוודיג, ליב־רייצענד, דאָך מיט א טונקעלען שאָטען אויף איר ליכטיג פּנים).

ק ע נ י ג י ן: גוטען אווענט, מיינע ליבע. (גיט יעדען די האַנט צום קושען, פיעל טוען עס). גוטען אווענט, אייך אַלעמען. וואָס מאַכט אונזער ליבע פירשטין?

פ י ר ש ט י ן: איך דאַנק אייך מאַיעסטעט. אָט דאַ איז מיין טעכטערל.

ק ע נ י ג י ן: גוטען אווענט, ליב קינד (האַנט־קוש). און דאַ איז דער שאַרמאַנטער ריצער. איר זייט געריכט ריצער, היט אייער ליבע. דאָס איז נאָך דאָס איינציגע וואָס מיר פאַרמאָגען. זי וואַרעמט אונזער יונג לעבען, אַז איר וואָלטען מיר שטאַרבען. וואָס דענקט אונזער קלוגער הער קאַנצלער?

ק אַ נ צ ל ע ר: ווי קען אזא וואונדערבאַרע פרוי זאָגען עפּעס אַנדערש ווי דעם אמת.

ק ע נ י ג י ן: א שאַד וואָס איר זייט א נלח. ווער ווייסט ווי־פיל פרויען איר וואָלט גליקליך געמאַכט, אדער אפשר נאַר אומגליקליך. אבער אַלץ איינס, אומגליקליכע ליבע, איז נאָך אַלץ גליק.

פ י ר ש ט י ן: זעהר געריכט פרוי קעניגין.

ק ע נ י ג י ן: אָט איז דאָך די ליבע שווינער. איך מוז זי באַגריסען. גוטען אווענט ליבע, ליבע מוטער (קושט איר האַנט).

מ ל כ ה - מ אַ מ ע: (קושט זי אין שטערען). אי, ווי חנ'עודיג דו ביזט היינט!

ק ע נ י ג י ן: לעבען אייך, ליבע מוטער, ווער איך פאַרטונקעלט, וועיל אויף אייך רוט די איידעלקייט און שיינקייט פון דער נשמה.

מ ל כ ה - מ אַ מ ע: שווייג, שווייג, מיין קינד. איך בין אַן אַלטע

פ י ר ש ט י ן : וואָס מאַכט איר, מיין ליב קינד? (צו איר מאַנטעל). זע: מיין קינד, ווער דאָס איז, באַגרים די מלכה הארץ.

מ ל כ ה ־ ה א ר ץ : גוטען אווענט ליבע. ווי יונג און ליבליך.

נ ר ע פ י ן (פאַרבייגט לייכט די קני).

מ ל כ ה ה א ר ץ : און דער גאַלאַנטער לייטנאַנט איז נאָך אַלץ אַרום אייך?

נ ר ע פ י ן : אודאי זיינען פאַראַן נאָך פרויען, וואָס קענען געפעלען.

מ ל כ ה ה א ר ץ : איך האָב גאָר ניט געמיינט, גרעפין.

פ י ר ש ט י ן (דער גרעפין שטיל): וואָס איז מיט דיר?

מ ל כ ה ה א ר ץ : עס מאַכט ניט פירשטין. (צום בישאָף, וועלכער איז דערווייַלע אַנגעקומען). גוטען אווענט, אייער עמינענץ.

ק א נ צ ל ע ר : איך קוש אייער האַנט, גנעדיגע מלכה. כאָטש אַ וואַסאַליז, דאָך קעניגין פון אַלע הערצער.

מ ל כ ה ה א ר ץ : פון אייערן אויך, הער קאַרדינאַל?

קאַ נ צ ל ע ר : אפילו פון מיינעם.

מ ל כ ה : ווי גליקליך מאַכט מיך דאָס! כאָטש איך ווייס ניט, מיט וואָס איך פאַרדין דאָס.

ד ע ר פּ א ע ט : (שפּרינגט אויף). וואו איז די מלכה? צערעמאַניע־מייסטער, וואו איז די מלכה?

צ ע ר. ־ מ י י ס ט ע ר : אָט שטייט זי דאָרט מיט דעם קאַנצלער.

פּ אָ ע ט (לויפט צו צו איר און בלייבט שטיין ווי אַ נאַר).

מ ל כ ה ה א ר ץ : גוטען אווענט פּאָעט, וואָס זייט איר אַזוי איבעראַשט? (דער קאַנצלער דרייט זיך אַוועק).

פּ אָ ע ט : (קומט צו זיך). ווי האָט איר געקענט זיין אַזוי האַרטהאַרציג און מיך ניט רופען?

מ ל כ ה ה א ר ץ : עס איז ניט געווען מיין שולד, ליבער קוזין. דער צערעמאַניע־מייסטער און אַ זיסער חלום האָבען מיך געמאַכט פאַרגעסען.

פּ אָ ע ט : אַ זיסער חלום! אך!

ש י פ ע ז י ב ע ל ע : (צו זיבעלע צלם). אָט איז דאָך די מלכה הארץ. לאָמיר זי באַגריסען, ליבינקע מלכה הארץ, טייערע מלכה הארץ.

צו א קעניגין. זעט מען זאָל מיר לאָזען צורו, איך וויל זיין אליין מיט מיינע געדאַנקען.

ק א נ צ ל ע ר: ווי איר באפעלט, מאַיעסטעט. (זי גיט אים די האַנט, ער קושט זי לאַנג און איניג).

פּ א ע ט (צו מלכת הארץ): ערלויבט מיר פארצולייענען מיין לעצטע פּאָעמע. איך האָף, אז זי וועט רירען דאָס הארץ, וואָס איז אזוי קאַלט צו מיינע לידער, ווי די לבנה צו דער נאַכטיגאַל.

מ ל כ ה ה א ר ץ: איר זייט זעהר פּאַעטיש, ליבער קוזין. לייענט.

פּ א ע ט (הויבט אָן לייענען, ביסלעכווייז ווערען אַלע שטיל).

דו ביזט מיר פרעמד —
דו קלינגסט מיר ווי א טאָן
נאָך קיינמאָל ניט געהערט;
ווי א טרוימליד פרעמד און וואונדערבאַר
געשפּילט אויף נייע, פרעמדע אינסטרומענטען.
דו ביזט פאַר מיר מיט סודות פול
ווי אַן אַלטער וואַלד
פון מענשען־פוס נאָך ניט באַרירט.

נייע וואונדערבאַרע וועלטען
זיינען דאָרטען גאָר פאַראַן,
שיין ווי וויגענלידער, וועלכע
מאַמעס זינגען שטיל באַנאַכט.

ערגעצוואו, — איך ווייס ניט ווען —
האָט מיין הארץ שוין דיך געזען.
אפשר אין אַן אַנדער וועלט,
וואו מיר זענען פריער געוועזן.

אַה, געליבטע! ווי איך בענק,
ווי איך גאָר און בענק נאָך דיר! —
— — — — — — — — — —

(אַלע בלייבען שטיל).

פרוי, אַט דריי איך זיך נאָך ארום. וואָס ווייניגער מען זעט מיך, אַלץ בעסער.

ק ע נ י ג י ן : זאָגט דאָס ניט, טייערע, איר זייט ביי אונזער הויף דער סימבאָל פון איידעלער גוטער קלוגשאַפט. זייט מיר מוחל, ליבע מוטער, איך וויל עפּעס פרעגען דעם קאַנצלער. (צום עולם). אונטערהאַלט זיך, גלייך איך וואָלט דאָ ניט געווען. (שטיל). קאַנצלער, זאָגט מיר, וואו איז דער קעניג?

ק אַ נ צ ל ע ר : ער שלאָפט נאָך, מאַיעסטעט.

ק ע נ י ג י ן : ווען וועט ער אויפשטיין?

ק אַ נ צ ל ע ר : דאָס העננגט אָפּ פון אייך.

ק ע נ י ג י ן : וואַרט אויף מיין באַפעל.

ק אַ נ צ ל ע ר : איך בין גרייט אים אויסצופירען.

ק ע נ י ג י ן : און ווייטער?

ק אַ נ צ ל ע ר : איך פאַרשטיי ניט, וואָס אייער מאַיעסטעט מיינט.

ק ע נ י ג י ן : קוועלט מיך ניט, קאַנצלער. איר נאָר אַליין ווייסט, וואָס עס מאַטערט מיך, וואָס מאַכט מיך אַזוי אומגליקליך. האָט רחמנות מיט מיר. איר זייט דאָך מיין איינציגער פריינד.

ק אַ נ צ ל ע ר : אייער פריינטשאַפט, מאַיעסטעט, ערט מיר זעהר, אָבער איך מוז זיין געטריי מיין קעניג.

ק ע נ י ג י ן : אַה, איך בין אַן אומגליקליך באַשעפעניש! פאַר דעם קעניג האָט מען וועלטען מיט געטריישאַפט, ווען ער דאַרף עס ניט, און פאַר דער אָרעמער קעניגין אפילו ניט אַ טראָפּען, ווען זי דורשט נאָך דעם, ווי אַ וואַנדערער אין דער וויסטע.

ק אַ נ צ ל ע ר : מיך רירט אייער שמערץ, קעניגין. אָבער מיין פליכט איז מיר הייליגער פון אַלץ. זי שטייט ביי מיר איבער פריינטשאַפט און רחמנות.

ק ע נ י ג י ן : פליכט, פליכט, דאָס איז אַלץ, וואָס איר מענער ווייסט. מעג דער וועג צו איר זיין אויסגעלייגט מיט צעטראָטענע הערצער.

ק אַ נ צ ל ע ר : אַלץ וואָס איך קען טון פאַר אייך, איז ניט וועקען דעם קעניג ביז איר וועט הייסען.

ק ע נ י ג י ן : איך דאַנק אייך פאַר די ברעקלעך, וואָס איר וואַרפט

צעטומלען אזא אַלט הארץ ווי מיינס מיט קאָמפּלימענטען. מיין הארץ נעהערט שוין דער וועלט און מיין קינד.

מ ל ך ה א ר ץ: די וועלט דאַרף ניט קיין פּרויען הערצער, אָבער אַן אַרימער מאַן קען אַן דעם ניט לעבען.

ק א נ צ ל ע ר (שטיל): מלך פאַרגעסט ניט אייער פליכט. דאָרט זיצט די קעניגין.

מ ל ך ה א ר ץ: איר זייט גערעכט, קאַנצלער. (פאַרנייגט זיך. ביידע גייען צו דער קעניגין).

ק א נ צ ל ע ר: מאַיעסטעט!

ק ע נ י ג י ן (דערשרעקט זיך): אה —

ק א נ צ ל ע ר: דער מלך הארץ.

מ ל ך ה א ר ץ: גוטען אווענט, מאַיעסטעט.

ק ע נ י ג י ן: גוטען אווענט. (גיט אים די האַנט צום קושען. ער קושט זי לאַנג און איניג). איך זיץ דאָ פאַרשטופּט אין א ווינקעל, האָב איך געמיינט, אז איך בין שוין באַהאַלטען פאַר דער גאַנצער וועלט.

מ ל ך ה א ר ץ: איך האָב דעם קאַנצלער צו דאַנקען, ער האָט מיך דערמאַנט, אז איך מוז אייך זוכען.

ק ע נ י ג י ן: האָט אייך ערשט דער קאַנצלער באַדאַרפט צו דער־מאַנען, אז איר דאַרפט באַגריסען אייער קעניגין?

מ ל ך ה א ר ץ: מיין קעניגין צו באַגריסען איז נאָר א פליכט. אָבער די וואונדערבאַרסטע פרוי אין אונזער הויף מוז וואַרטען, ווי דער איידעלסטער וויין, ביז מען גייט דורך די גאַנצע סעודה, פון איבעריגע און צומאָל שלעכטע שפּייזען. אָבער וואָרום זיצט די קעניגין איבער אַלע אין דער איינזאַמקייט און א טונקעלער שאָטען שוועבט איבער איר איידע־לען שטערען?

ק ע נ י ג י ן: האָט איר גאָרניט פאַר מיר, ווי ליידיגע פראַזען און קאָמפּלימענטען? איך ווייס, אז דער מלך הארץ פאַרמאָגט עפּעס בעסערס, ווי דאָס, וואָס ער פאַרטיילט צווישען הויף־פּעבעל. דאָס איז אודאי נאָר פאַר דער אויסגעוועלטער.

מ ל ך ה א ר ץ: אך! די אויסערוויילטע! — אפשר פאַרדעקען נאָר די פראַזען דאָס, וואָס איז שמערצליכער, טיפער און ברענענדער, ווען עס וואָלט זיך ארויסגעגאָסען איבער מיינע ליפּען וואָלט עס מיך

ק ע נ י ג י ן (גערירט): איך דאַנק אייך, פּאָעט.

א ל ע (לויפן גראַטולירען חעם פּאָעט): פּאָעט, עס איז וואונדערבאַר. — איך גראַטוליר אייך. — עס איז ערהאַבען. (גראַד ווען אַלע טומלען זיך גראַטולירענדיג דעם פּאָעט, שרייט אויס דער צערעמאָניע־מייסטער:)

צ ע ר. ־מ י י ס ט ע ר: דער מלך הארץ!

א ל ע: (האָבען שוין פאַרגעסען דעם פּאָעט און לויפען אַנטקעגען דעם מלך האַרץ. עס בלייבען נאָר זיצען די מלכה האַרץ, דער פּאָעט און — אין א ווינקעל — די קעניגין). וואס מאכט איר, מלך הארץ! אה, מלך הארץ! (אַלע טומלען זיך ארום אים).

מ ל כ ה ה א ר ץ (צום פּאָעט): איך וואָלט וועלען קענען די וואונדערבארע, וואס קען באגייסטערן צו אזוינע לידער.

פ א ע ט: פאר וואס קוועלט איר מיך, טייערע מלכה? איר ווייסט גאנץ גוט, ווער עס הערשט איבער יעדען ציטער פון מיין נשמה; איין איינציגער בליק אירער קען מיך גליקליך אדער אומגליקליך מאכען. דער גאַנצער הויף ווייסט דאך דאס.

מ ל כ ה ה א ר ץ: ווענען מיינט איר?

פ א ע ט: אה, געטליכע קעניגין, איר ווייסט, אז איך מיין ניט קיינעם נאָר אייך.

מ ל כ ה (צעלאַכט זיך הערצליך): — ניין, ליבער קוזין, איך וויל אייך זיכער ניט קוועלען, נאר איך האב זיך גאר ניט דערקענט. וואס פאר א מאדנע מענשען איר פּאעטען זייט. איר זעט אזוינע זאכען —

פ א ע ט (מיט זעלבסטבאַוואוסטזיין): דערפאר זענען מיר דאך פּאעטען.

מ ל כ ה ה א ר ץ: אבער אזוי ווייט פון — (שווייגען). ניין, ליבער קוזין, איר קענט מיך ניט. איך בין א פּראסטע, שטילע פרוי, און מיין לעבען, מיין אַלץ, יעדער אָטעם, וואס איך הויך, געהערט נאר איינעם, מיין מאן. —

מ ל ך ה א ר ץ: גוטען אווענט, אייך אַלעמען. וואס מאכט די גנעדיגע פירשטין? און די יונגע גרעפין? די זון און דער מאָרגענשטערן. (האַנטקושען).

פ י ר ש ט י ן: אַ, מלך הארץ, עס איז אַ אומרעכט פון אייך צו

קלינגט! פאַרגעסען אַלץ און אַלעמען. הויף־צערעמאָניעס, פליכטען, ליי־גען, דעם שמייכעל, וואָס צעשניידט דאָס האַרץ. פאַרגעסען אַלץ און איינ־פאַך גליקליך זיין! — עס איז אַ ווייטער וועג אהין און אליין קען מען אים ניט גיין.

מ ל ד ה אַ ר ץ: לאָזט מיך אייך פירען, קעניגין. איך וועל מיט מיין האַרצבלוט די וועגען וואַשען, אַז אייער פוס זאָל חלילה קיין שטרויכ־לונג ניט באַגעגענען.

ק ע נ י ג י ן: ווילט איר אַלצדינג איבערלאָזען און גיין מיט מיר זוכען דאָס גליק?

מ ל ד ה אַ ר ץ: שטילער קעניגין, טויזענט אויגען און אויערען באַוואַכען אונז, קומט דאָרט הינטערן גלאָז, נעמט מיין אָרעם. (זיי גייען). אייביג, אייביג וואָלט איך מיט אייך געגאַנגען!

ק ע נ י ג י ן: ווי הימליש דאָס קלינגט! (אָפּ הינטערן גלאָז).

צ ע ר.־מ י י ס ט ע ר (אַנאָנסירט): זיין עקסעלענץ, גענעראַל פעלדמאַרשאַל און גענעראַל־פּראָקוראַטאָר, קעניגליכע הויכקייט, פירשט טויז פון שיפּע! (אַ דומפּער געמורמעל: אָ, ער איז שוין דאָ).

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע (צו זיבעלע צלם): אַ שלעכטער סימן. די קאָרטענוואָרפערס זאָגען אַז ווען ער קומט מוז געשען אַן אומגליק. איך האָב אים פיינט. זאָל איך אים שלאָגען?

ז י ב ע ל ע צ ל ם: גיי דו נאַר, ער הרג'עט דיך אַוועק מיט אַ בליק פון דעם אויג וואָס ער האָט נאָך.

פ ע ל ד מ אַ ר ש אַ ל: גוטען אָווענט אַלע. צערעמאָניע־מייסטער, איז דער קעניג וואַך?

צ ע ר.־מ י י ס ט ע ר: ניין, הער פעלדמאַרשאַל.

פ ע ל ד מ אַ ר ש אַ ל: פאַרוואָס? (צער.־מייסטער אין פאַרלע־גענהייט).

ק אַ נ צ ל ע ר: עס איז מיין באַפעל און דער וואונש פון קעניג, אים צו לאָזען שלאָפען אַזוי לאַנג ווי מעגליך.

פ ע ל ד מ אַ ר ש אַ ל: קעניגען דאַרפען ניט שלאָפען. גוטען אָווענט קעניגין־מאַמע. גוטען אָווענט פירשטין.

פ י ר ש ט י ן: גוטען אָווענט פירשט. ווי פילט איר זיך אין געזונט?

פאַרברענט, מיך און נאָך אַנדערע מיט מיר. איך וואָג עס נים, קעניגין. די שטערען פון הימעל זיינען אייביג און קיין שטערבליכער קען זיי ניט דערגרייכען. מען קוקט אויף זיי און מען שליסט זייער גלאַנץ שטיל אין האַרצען איין.

ק ע נ י ג י ן: איר קענט ניט וויסען, מלך. אפשר איז גאָר די אָרעמע שטערענדלעך קאַלט דאָרט אויבען. עס איז איינזאַם. עס איז אודאי ווייט פון איין שטערען צום אַנדערען. און עס בענקט זיך, דאָס האַרץ טוט וויי, נאָך א ביסעל וואַרעמקייט. דאָס שטערענדעל וואָלט וועלען, אַז א מענשליכע האַנט זאָל עס נעמען און צופרעסען צו א וואַרעם־קלאַפּענדיג האַרץ. אַה, מלך! ווי טרויעריג איז א שטערען!...

מ ל ך ה א ר ץ: וואָלט איך וויסען, אַז מיין האַרץ און מיין האַנט קענען דאָס גליק ברענגען פאַר אַזאַ ליכטיגען שטערען, איך וואָלט דורך פייער געגאַנגען.

ק ע נ י ג י ן (קוקט אים אָן): איר? איר האָט דאָך אַזוי פיל פרויענהערצער גליקליך געמאַכט. וואָס מאַכט באַ אייך אויס נאָך איינס —

מ ל ך ה א ר ץ: גלויבט איר אויך, אַז אַסך פרויען קענען פאַר־טויבען די בענקעניש נאָך דער איינאָונאיינציגער?

פ י ר ש ט י ן (צום קאַנצלער): וואָס זאָגט איר ניט צו אונזער קעניגין מיט'ן מלך הארץ, עס זאָל איר חלילה גאָר ניט פאַרשאַטען. און זעט דאָרט די מלכה הארץ: זי צאַפּעלט שיר פאַר אייפערזוכט, אַז אפילו דער פּאַעט באַקומט איר שוין ניט.

ק אַ נ צ ל ע ר: קלוגע הויפלייט זען אַלץ און זען גאָר ניט. (גייט אוועק).

ק ע נ י ג י ן: איז נאָך מעגליך, אַז איר זאָלט ליבען אַן אַנדערע, נאָך דעם, ווי איר האָט געליבט די זיסע, גוטע האַרציגע מלכה הארץ?

מ ל ך ה א ר ץ: דערמאַנט מיך ניט, קעניגין, אַן דעם טרויערינגס־טען טעות פון מיין לעבען. מיר האָבען קיינמאָל ניט געפּאַסט איינער צו דעם אַנדערען. זי איז אפשר צו גוט פאַר מיר. זי קען א מאָן ניט אַראָפּ־וואַרפען צו אירע פיס. זי קען אָבער אויך אים ניט אויפהויבען צו יענע אומענדליכע וועלטען פון גליק און פאַרגעסען.

ק ע נ י ג י ן: פאַרגעסען און גליק! ווי וואונדערבאַר דאָס

מלכה הארץ? איך האָב, אז איר זייט ניט אייפערזיכטיג, וואס אייער מאַן האט מיך אביסעל אונטערהאַלטען?

מ ל כ ה ה א ר ץ: ניין, קעניגין, איך בין גאַרניט אייפערזיכטיג.

ק ע נ י ג י ן: און וואס מאַכט אונזער באגייסטערטער זינגער? וואס איז אזוי שטיל? צערעמאָניע־מייסטער, הייסט די מוזיקער קומען.

צ ע ר. ־ מ י י ס ט ע ר: מאַיעסטעט, איך קען די מוזיקער ניט הייסען קומען, ביז זיין מאַיעסטעט, דער קעניג, שטייט ניט אויף.

ק ע נ י ג י ן: טאַ וועקט אים אויף.

פ ע ל ד מ א ר ש א ל (באַפעלט שטרענג): וועקט אויף דעם קעניג!

ק ע נ י ג י ן: גוטען אווענט אייך פעלדמאַרשאַל.

פ ע ל ד מ א ר ש א ל (פאַרנייגט זיך טיף). ד ע ר ר ע ג י ר ע נ־ ד ע ר ק ע נ י ג באַווייזט זיך).

(ער איז פעט, מיט א שוואַרצער דיגליכער באָרד און וואָנסען, מיט גראָבע רויטע ליפען און א פאַרשוואומענעם פנים. פאַרשלאָפען, רייבט זיך די אויגען מיט די פויסטען און גענעצט).

ק ע נ י ג: גוטען אווענט, מיינע ליבע. (גענעצט). איר זייט שוין לאַנג דא? — נו וואס הערט זיך עפּעס קאַנצלער? (שווייגען). איי, דער קאַנצלער איז היינט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט. צערעמאָניע־מייסטער, איז אַלץ אין אָרדנונג?

צ ע ר. ־ מ י י ס ט ע ר: יאָ, מאַיעסטעט, אויף אזוי ווייט, ווי מיין פליכט גייט.

ק ע נ י ג: איך דענק, דו וועסט נאָך גרוים ווערען, דו ביזט א גאַנץ גוטער צערעמאָניע־מייסטער. העלף מיר ארויפגיין אויף מיין טראָן. (ער זיצט שוין). און וואו איז ערגעץ די קרוין פון מיין גאַנצער מלוכה, מיין קעניגין?

ק ע נ י ג י ן (קאַלט): אָט בין איך מיין קעניג.

ק ע נ י ג: איז דיין פּלאַץ ניט ביי מיין זייט? וואס שטייסטו פון דער ווייטענס? (שטאָלץ און קאַלט זעצט זי זיך לעבען אים). פאַר־ וואס איז דאָ אזא שטילקייט? דער קאַנצלער רעדט ניט, אַלע שווייגען. איר ווייסט דאָך, אז איך בין גאַנץ פראַסט. איך מאַך מיר גיט פון צע־ רעמאָניעס. זייט פרייליך, פונקט ווי איך וואלט דאָ ניט געווען. צע־

פ ע ל ד מ אַ ר ש אַ ל: דאַנק, ווי אַ סאָלדאַט, אַלעמאָל אויפ'ן פּאָסטען.

פ י ר ש ט י ן: מעג איך אייך פאָרשטעלען? דאָס איז מיין פּלי־מעניק, דער יונגער ריצער פון קאַזער. אַ לייטנאַנט אין אייער אַרמיי. הער פעלדמאַרשאַל, ער וואַרט אויף אַ דערהעכערונג.

פ ע ל ד מ אַ ר ש אַ ל: איז ער דער חתן פון אייער טאָכטער?

פ י ר ש ט י ן: כמעט אַ חתן.

פ ע ל ד מ אַ ר ש אַ ל: וואָס זאָגט איר איז זיין נאָמען, לייט־נאַנט קאַזער?

פ י ר ש ט י ן: לייטנאַנט ריצער פון קאַזער.

פ ע ל ד מ אַ ר ש אַ ל: איך וועל עס געדענקען.

פ י ר ש ט י ן: אַ שיינעם דאַנק אייך. (ער גייט ווייטער). האָסט געהערט, ער וועט דיך געדענקען.

ל י י ט נ אַ נ ט (צו גרעפין): מעג איך איצט האָפען טייערסטע?

ג ר ע פ י ן (קאָקעטיש): ווייס איך, פרעג ביי דער מאַמען.

פּ אַ ע ט: וואָס איז מיט אייך מלכה? וואָס פעלט אייך, איר זייט בלאַס. (קעניגין און מלך הארץ אונטער'ן גלאָז. די קעניגין פאַרוואַרפט אירע ביידע הענט אַרום דעם מלך הארץ. האַלט אים און קושט אים לאַנג).

מ ל כ ה ה אַ ר ץ: גאָר ניט, גאָר ניט. (צעווייינט זיך שטיל). קוקט ניט אַהין, איך בעט אייך.

פּ אַ ע ט: איר וויינט דאָך.

מ ל כ ה ה אַ ר ץ: מיין הארץ, מיין הארץ! (פאַלט ביים פּאָעט אויפ'ן אַקסעל און וויינט. דער גאַנצער הויף קוקט זיך אום און דערזעט, וואָס עס קומט פאָר הינטערן גלאָז. עס הערשט אַ שרעקליכע שטילקייט פאַר אַ ווייל).

מ ל כ ה מ אַ מ ע: פאַרוואָס וועקט מען ניט מיין זון! וועקט אויף מיין זון! (זי פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט).

ק ע נ י ג י ן (פון הינטער'ן גלאָז): איצט קום, לאָמיר גיין צו זיי. איך בין איצט רואיג און גליקליך, איך קען זיך איצט אַנטקעגען שטעלען אַלע שטורמען. (זיי קומען צוריק צום עולם). וואָס זענט איר אַזוי שטיל מיינע ליבע? זייט פריילוך, אייער קעניגין איז היינט אויך פריי־ליך. איר זייט אַ גוטער אונטערהאַלטער, מלך הארץ. וואָס מאַכט די

שטאַרק הויך. ער באַרואיגט זיך לאַנגזאַם, בליפּעט נאָך אביסעל. עס ווערט שטיל).

פ ע ל ד מ א ר ש א ל: קעניג! — איצט דאַרפסטו אַלץ פאַרגעסען און געדענקען איין זאַך, אַז דו ביזט קעניג און דאַרפסט משפּט׳ן.

ק ע נ י ג (דומפּ רעזיגנירט): טו —

פ ע ל ד מ א ר ש א ל: איך, גענעראַל־אַנקלעגער פון דיין גאַנצער מלוכה, פירשט פון און צו שיפּע, קלאָג אָן די קעניגין. זי האָט געשענדעט דיין קעניגליכען נאָמען און כבוד און דעם כבוד פון טראָן און קעניגרייך. איך פאַרלאַנג זאָלסט איר געבען די גרעסטע שטראָף פאַר אַזאַ פאַרברע־כען, דאָס איז דער: טויט!

א ל ע (זיינען געטראָפען): אה! —

ק ע נ י ג (שוואַך): האָסטו עדות?

פ ע ל ד מ א ר ש א ל: יאָ מאַיעסטעט. דיין קאַנצלער, קאַרדי־נאַל פון צלם און דער גאַנצער הויף. קאַרדינאַל פון שוואַרצען צלם!

ק א נ צ ל ע ר (טרעט ארויס).

פ ע ל ד מ א ר ש א ל (שטיל): איך וויים גלח, אַז דיין האַנט שטעקט אין דעם.

ק ע נ י ג: קאַנצלער, וואָס האָסטו צו זאָגען?

ק א נ צ ל ע ר: איך האָב ליידער גאָר ניט וואָס צו זאָגען. עס איז אמת, אונזער קעניגין האָט געפעלט, אָבער מיר זיינען אַלע פעלבאַר. טויט, דענק איך, איז צו אַ האַרטע שטראָף, אייביגע תפיסה וואָלט געווען שווער גענוג.

ק ע נ י ג: נאָך אַן עדות! — צערעמאָניע־מייסטער, איז עס אמת? געדענק אַז דו האָסט זי אַמאָל ליב געהאַט. אפשר איז די קע־ניגין צו שטרענג צו זיך אליין, און די איבריגע עדות האָבען געהאַט אַ טעות. איז עס אמת?

צ ע ר.־מ י י ס ט ע ר: יאָ, מאַיעסטעט.

ק ע נ י ג: איז קיינער ניטאָ, ווער עס זאָל זאָגען אַ גוט וואָרט פאַר דער קעניגין, פאַר אונזער גוטער, אַלטער קעניגין? (שווייגען).

א י י נ ע ר: מאַכט פּלאַץ, דער חכם גייט!

א ז א נ ד ע ר ע ר: פּלאַץ פאַר׳ן פילאָזאָף!

רעמאַניע־מייסטער, זאָלען קומען די כלי־זמר, און וואו איז ערגעץ, די צווייטע שטיצע פון מיין טראָן, מיין מאַמע?

מ ל כ ה מ א מ ע (לויפט צו אים אַרויף, אומאַרעמט אים). אט בין איך, זונדעלע מיינער. (צעוויינט זיך).

ק ע נ י ג: וואָס וויינסטו מאַמעניו, איך בין גאָט צו דאַנקען גע־זונט, דאַרפסט ניט וויינען אפילו פאַר פרייד אויך ניט. צערעמאָניע־מייסטער, וואו זיינען די כלי־זמר?

פ ע ל ד מ א ר ש א ל (מיט כעס): מען דאַרף ניט! עס איז איצט ניט די צייט פון מוזיק! עס געפינען זיך פאַררעטער צווישען אונז!

ק ע נ י ג: פאַררעטער? ע, גיי, דו רעדסט פון היץ. דו ביזט טאַקע זעהר פאַרזיכטיג, אבער דאָס מאָל רעדסטו נאַרישקייטען. ווער איז דאָס מיין פאַררעטער? דו מיינסט דאָך ניט חלילה איינעם פון געזינד צלם? פאַר דעם קאַווירט מיר אונזער קאַנצלער.

פ ע ל ד מ א ר ש א ל: ניט אין געזינד צלם זאָלסטו זוכען די פאַר־רעטער, נאָר אין דיין אייגען געזינד. אט דאָ אויף דיין טראָן זיצט דער פאַררעטער, דיין קעניגין מיין איך.

ק ע נ י ג (שטעלט זיך אויף מיט כעס): אזוי ווייט זאָלען דיין רעכט און דיין מוט ניט גיין. קוים רעדסטו נאָך אַ וואָרט, ביזטו אַרונטער־געזעצט פון דיין אַמט און פאַרטריבען אויף אייביג.

פ ע ל ד מ א ר ש א ל: איך וועל ניט שווייגען, ווען דו זאָלסט מיך אפילו טויטען דאָ אויפ'ן אָרט. זי האָט דיך פאַרראַטען! דיך אלס מאַן, און האָט בעפלעקט דיין קעניגליכען נאָמען. דאָרט הינטערן גלאָז, ווען זי האָט געמיינט, אַז קיינער זעט זי ניט, האָט זי דיך פאַרראַטען מיט'ן מלך הארץ אין געגענוואַרט פון דעם גאַנצען הויף.

ק ע נ י ג (צעמישט): איז דאָס מעגליך?!

מ ל כ ה מ א מ ע: אמת, זונעלע, און מיינע אייגען האָבען דאָס געמוזט צוזען.

ק ע נ י ג: פון איר אייגען מויל מוז איך דאָס הערען. איז דאָס אמת, קעניגין?

ק ע נ י ג י ן (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף: יאָ).

ק ע נ י ג (זינקט צוזאַמען, באַגראָבט דעם קאָפּ אין די הענט און וויינט

ליים און קעניגען. און דיר קעניג, דו העלד, מאַרטירער מיט דעם גע־
שענדעטען כבוד! דו ריכטער, פאַרוואָס האָסטו דיך אַליין ניט געריכטעט?
ווען דו ביזט צו מיר געקומען, א העלד, א טרוימער, האָסט מיר צוגע־
זאָגט וועלטען פון גליק? ! און וואָס האָסטו מיר דערפאַר געגעבען?
האָסט אויף מיר אַנגעוואָרפען א הויפען מיט שמאַטעס, הויף, יחוס, רע־
פּרעזענטאַציע און איך וועל פאַרשטיקט, איך קען ניט אָטעמען! —
דו האָסט זיך מיט מיר אַנגעזעטיגט, האָסטו מיך געלאָזען אַליין. האָסט
מיין אָרעם יונג לעבען פאַרוויסט! (וויינט). ווי א בלום האָב איך גע־
בליט. האָסטו מיך אָפּגעריסען, מיך אריינגעשטעלט אין א גאָלדענער
וואַזע און מיך געלאָזט פאַרוויאַנען. איך בין נאָך יונג, איך האָב נאָך
א האַרץ. איך וויל נאָך לעבען! אפילו איין מינוט, אָבער לעבען!
לעבען, איינציגען דאָס לעבען מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיין דורשטי־
גער נשמה. איך האָב אים ליב. יאָ, איך האָב אים ליב; מיט דער
ווילדער ליידענשאַפט פון א רייפער פרוי ליב איך אים. און איך האָס
דיך מיט דיין צעלאָזענעם, פעטען קערפּער, מיט דיין צופרידענקייט, מיט
דיינע גראָבע ליפּען, ווי בא א טריפ'ער חיה! דו עקעלסט מיך! (עס
ווערט א געמורמעל צווישען די געסט פון הויף).

פ ע ל ד מ אַ ר ש אַ ל: איר שווייגט דאָס? זי באַליידיגט דעם
קעניג! אונטערטאַנען! ווער עס איז געטריי דעם קעניג, וועט פאַר־
לאַנגען דעם טויט!

א ל ע: (הויבען צו ביסלעך אָן שרייען: „טויט! טויט!“ ביז עס
ווערט איין מעכטיגער געשריי: „טויט!“)

ד ע ר ק ע נ י ג (איבערגעוועלטיגט פון דעם געשריי, שטעלט זיך אויף.
עס ווערט טויטענשטיל): מיר, דער רעגירענדער מלך פון שיפע און אַלע
אַנדערע מלוכות, זיינען דן אונזער מלכה פאַר באַליידיגען אונזער כבוד
און דעם כבוד פון אונזער טראָן צום —

ק ע נ י ג י ן (גיט פּלוצלונג א סורא'דיגען, לאַנגען קוויטש, אין וועל־
כען עס הערט זיך א שרעקליכע אַנגסט): אה —

צ ע ר ־ מ י י ס ט ע ר: די האַנט!

(עס ווערט א גרויסער יאָמער, א געשריי פון אַלע: „ד י ה אַ נ ט!
ד י ה אַ נ ט!“ דער קעניג כאַפּט די קעניגין, און יעדער כאַפּט זיך
זיינס, לויפען צו זייערע פּלעצער און לייגען זיך אַנידער שנעל. דער

דער הויף־פילאָזאָף (אַן אַלטינקער, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. גייט מיט אַ שטעקען).

קעניג: קענסטו, גרויסער חכם, עפּעס זאָגן, וואָס זאָל קלענער מאַכען די שולד פון דער קעניגין?

פילאָזאָף: יאָ, קעניג, אסך קען איך זאָגן, וואָס זאָל אונזער קעניגין רייניוואַשען. אַזוי ריין ווי די זון אין אַ פרילינגס מאָרגען. מיינע ווערטער קענען פליסען ווי אַ קוואַל פון דער זאַפטיגער מוטער ערד. אַבער וואוהין? ווען אייערע אויערען אָפען זיין פאַר די מילדע רייד, וואָס גאָט שיקט מיר אין הייליגע שטונדען? דער רויש פון כלי זיין פילט זיי אָן. — קענען אייערע הערצער צונעמען דאָס מילדע וואָרט פון חכמה, ליבע און מחילה, אין דער צייט ווען עס ברענט אין זיי שנאה און קנאה? ניט אונזער קעניגין, אונזער גוטע, זאַנפטע קעניגין דאַרפט איר פאַר־אורטיילען, ווייל זי ליבט. זי האָט ניט מיט אַ זינדיגער האַנט גערויבט דעם געטליכען אוצר פון הימעל. גאָט אליין האָט עס איר געשיקט פאַר אַ מתנה. זי איז די האַרף אויף וועלכער דער בורא שפּילט זיין אייביג ליד פון שאַפען. זי איז דער שופר, דורך וועלכען דאָס אייביגע געטליכע פאַרקינדעט דעם טאָן פון לעבען. ליבע איז ניט, ווי איר מיינט, דער זינדינער תירוץ פאַר אַ פאַרבאָטענער לוסט. זי איז דער גאָלדענער חלום פון נאָט אין די טעג פון באַשאַפען. זי איז די הייליגע ברכה, וואָס גאָט האָט אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט, ווען זי איז געבוירען געוואָרען. זי איז די פאַר׳כישופ׳טע בלום פון לעבען, זי איז דער קוואַל פון לעבען און דאָס לעבען אליין. זי איז —

פעלדמאַרשאַל (האַקט אים איבער): מיר ווילען דאָ ניט הערען דיינע פילאָזאָפישע דרשות. דער מלך מוז רייניוואַשען זיין כבוד און דעם כבוד פון דער גאַנצער מלוכה. גענוג! — מלך, רעגיר!

קעניג: וואָס האָט איר צו זאָגען מיין געטרייער וואַסאַל, מלך פון הארץ?

מלך האַרץ (פאַרנייגט זיך זעהר טיף): איך האָב גאָר ניט וואָס צו זאָגען מיין קעניג.

קעניגין: אויב קיינער האָט שוין ניט וואָס צו זאָגען, האָב איך צו זאָגען (גייט אַרונטער פון טראָן). איך האָב אייך צו זאָגען, אייך, אייך, אייך אַלעמען, איר אַנקלעגער, מיניסטאָרען, קריגספּירער, הויפ־

י. י. שוואַרץ:

הזשאן.

ה. לייוויק:

(אַ קאָנעטיקעטער אידיליע)

געשריי ווערט לאַנגזאַם אָפּגעשטאָרבען. עס הערען זיך נאָך קרעכצען, וועלכע ווערען שוואַכער, ביז עס ווערט גאַנץ שטיל. עס איז דערווייליע אין גאַנצען טונקעל געוואָרען. אויף דער בינע הערט זיך א רוישען, גלייך א ריזען האַנט וואָלט איבער איר געגאַנגען. עס ווערט מיט אַמאָל ליכטיג, עמעצער האָט אודאי אָנגעצונדען דעם לאָמפּ. די קאָר־טען זעען אויס, אַזוי ווי מען זאָל זיי האָבען פאַררוקט. דאָס ועסטעל מיט די איילענבויגענס פון הינטערגרונט זיינען פאַרשוואונדען. עס איז א ווייליע שטיל).

ד אַ ס ש י פּ ע ז י ב ע ל ע (וואָס איז געבליבען ליגען פאָרענט, גנב'ם אפיר זיין קאָפּ): ריצער צלם — פיינער ריצער צלם —

ר י צ ע ר צ ל ם: וואס ווילסטו? — לאז מיך שלאפען.

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע: פארוואס, ווען עס פארקאכט זיך בא אונז עפעס און מיר האלטען פונקט אין מיטען מוזען מיר אוועק שלאפען?

ר י צ ע ר צ ל ם: נאר איינער, וואס ווייס איך? — פרעג דאס דארט הינטען.

ש י פּ ע ז י ב ע ל ע: — אה! (גיט א טיפען זיפץ און לייגט זיך אנידער).

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם און דיסקרעט).

דאָס רעכט פון אויפפירען און איבערזעצען געהערט צום פאַרפאַסער.

ניט איבערראַשען זיי; פאַר'עקשנ'ט האָבען זיי
געקעמפט פאַר זייער סקאַלפּ מיט ווייב און קינד.
און דזשאַני'ס באָבעס האָבען וואויל געוואוסט
ווי אומצוגעהן מיט ביקס, צוגלייך מיט זייערע מענער,
צו שיסען ווילדע ענטלעך, ענדיקעס און האָזען;
צו שפּרייטען נעצען פאַר'ן גאָלדיג־רויטען פוקס,
דעם שווארצען טכויר און ברוינליך וויכען מינק.

קיין וואונדער ניט, אז דזשאַן טראָגט אין זיין בלוט
דעם פייערבערען פון אומגעצאַמטע קרעפטען,
די פלינקייט און דעם שפּרונג פון ווילדען הירש,
דאָס אויג פון אָדלער, און די האנט פון אייזען.
די צייט האָט בלויז פון דזשאַני'ס פנים אָפּגעווישט
א צוויי דריי שטריכען פון די עלטער זיידעס:
די אייביגע עקשנות פונ'ם קאַמף,
די אייביגע פאַרביטערטקייט פון שטריינגען אויג
און די פאַרשלאָסענע צונויפגעפּרעסטע ליפּען.
און דזשאַני'ס אויגען לויכטען קלאָר און זיכער
און לאַכען בלאָהענדיג; און דזשאַני'ס ליפּען
זיי צוקען תמיד אין א גוטמוטיגען שמייכעל
אנטפּלעקענדיג א מויל מיט פרישע ווייסע ציין.

דערפאַר איז אויך זיין בלוט געוועזען אומרוהיג:
שוין נאָך אלס קינד אין די קענטאָקער בערג
האָט דזשאַן דעם וואלד געלייענט ווי א בוך.
געגראָבען קראַב־עפּעל אין פריען פרילינג
און דזשינסענג וואָרצעל וואָס קוקט אוים ווי אינגבער;
ארויסגעבויכערט בינען פון די בוימער
און טעפּ מיט האָניג אין דער היים געבראַכט.
געוואוסט אין וועלכען פּלאַץ אויף וועלכע בוימער
עס קומען נעכטיגען די ווילדע אינדיקעס.
און ווען ער פלעגט פאַרשווינדען פון דעם קעבין

י. י. שווארץ:

דזשאָן.

(אַ קענטאָקער אידיליע.)

.1

אין זכות פון דריי זאכען האַלט זיך קענטאָקי:
אויף פרויען, פערד, און בראָנפען —
און דזשאָן וואָלט מיט זיין בלוט דעם כלל פארטייידיגט.
דען דזשאָן איז יונג געוועזן און הויך און שטארק,
א זעקספוסיגער ריז מיט מוסקולען ווי שטריק,
מיט בלויע שטראַלענדיגע קינדערישע אויגען.
זיין פנים אייביג ברוין־פארברוינט און לאכעדיג,
דאָס ברוינע האָר פיין געלאָקט וואווילינג געריוש.
און לאכט זיך דזשאָני הויך פאנאנדער אויפ'ן קול
אין א חברותא גוטע יונגען אינ'ם שיינק —
דאן הויבען זיך די פולע גלעזלאך אויף די טישלאך,
באוועגען זיך און ציטערען און קלינגען,
און דאָס צעשוואומען בויך פון שיינקער טרייסעלט זיך.

דען דזשאָני, האָרפט איר ווייסען, ציט זיין יחוס
ביז העט די ערשטע דורות פיאָנירען
ווען ס'איז קענטאָקי נאָך געווען איין גרויסער וואלד,
געפּלאָנטערט און געצווייגט מששת ימי בראשית —
ווי גאָט האָט זי פון האַנט ארויסגעלאָזט.
און דזשאָני'ם זיידעס האָבען אין די ווילדע בערג
די ערשטע שטעגלאך אויסגעלייגט מיט האַק און זעג
און תמיד מיט'ן ביקס געלאָדען נאָנט ביים האַנט
כדי עס זאָלען די רויטהויטיגע טייוואָלים

און געהט, איך בעט אייך, מיט געזונטטען קאָפּ
אין קראנקען בעט. דען דזשאַני האָט געקאָנט
אליין, הינטער א בוים, זיך אָפּוועררען פון צען,
און אויסרינגען צווישען זייערע פינגער.
אזוי האָט דזשאַני'ס רום פארשפּרייט זיך ברייט און ווייט
און פון קענטאָקי ביז די בערג פון טענעסי
האָט מיט דעם יונג געקלונגען. און אז דער יונג
פלעגט פון די בערג אראָפּנידערען אין שטאָט
מיט לאַנגע האָר און לאַכעדיגע אויגען
איז דזשאַני שוין באטראכט געווען אלס העלד.
ניט ווילענדיג פלעגט מען פאר דזשאַני'ן מאכען וועג,
און טרעפט ער זיך מיט א באקאנטען שעריף
פארנויגט ער זיך פאר אים און ציט דעם הוט,
און שמייכעלט פיפיג מיט איין בלויעם אויג.
און מיידלאך קוקען נאָך דעם דזשאָן פאר'גנבה'ט
און רויטלען זיך געגלעט פון בלויען פייער.

אזוי האָט זיך געצווייגען דזשאַני'ס לעבען —
פון בארג אין שטאָט, פון שטאָט צום ברייזעל,
פון ברייזעל אין די שווארצע שטורמדיגע נעכט
באלאָדען מיט „לבנה־שיין" נאָך טענעסי
וואו דזשאַני האָט געהאט שוין זיינע קונדען.
ניט איינמאָל איז דעם יונג שוין אויסגעקומען
צו טראָגען זיין נשמה אין די הענט ;
ס'האָט ניט איין קויל מיט מאוס'ען געפייפ
פארביי דזשאַנ'ס אויערען זיך דורכגעטראָגען ;
און ס'טראָגט זיין לייב די גוטע טרייע שפּורען
פון יענע נעכט, ווען ער האָט ווי דער ווינט
געטראָגען זיך, ווי צוגעוואקסען צו זיין פערד.
נאָר האָט מען יאָרען — לאכט מען אויס פון אלעם.
און דזשאַני האָט געלאכט, ווי ס'לאכט א מענש
אין וועמען ס'שטראָמט א קוואל פון רויטען לעבען

אויף לאַנגע טעג, זיך לאָזענדיג נאָך רויב,
האָט ער געוואוסט שוין וואו צו קריגען אייער
און וואו א ווילדע הון, און וואו צו פאַנגען פיש.
און שפּעטער, ווען דער שניי פלעגט אין די בערג
אראָפּגידערען שטיל און צוטרוילין און זיס,
און צודעקען דעם גרונט ווי מיט א ווייסען ליילעך —
פלעגט דזשאַני לייענען אין שניי א נייעם בלאַט:
ער האָט געוואוסט א יעדען שפּור און טראָט
פון פוקס, פון טכויר, פון ווילדען ראַץ און האָז.
און מיט דעם פיינעם, שאַרפען חוש פון בלוטהונט
פלעגט ער שוין מיט דער נאָז די חיה׳לאך דערשמעקען
און וויסען ווי אזוי די נעצען צו באהאלטען.
און אָוועקגעטיט פלעגט דזשאַני אָנקומען אהיים,
אָן אָנגעלאָדענער מיט רויב, און אָנברייגגען אין שטוב
דעם גרינעם וואלד־געשמאַק און דופט פון שניי
געמישט מיט בלוט פון אָפּגעצויגענע פעלכלאך.

עס האָט ניט לאַנג גענומען, און דער יונג
איז אויסגעוואקסען הויך און קרעפטיג ווי א בוים.
האָט אויסגעפונען אין די בערג א ברייזעל
וואו ס׳ווערט דער ווייסער „לבנה־שיין“ געטריבען.
און זאָגען מוז מען: אז ער האָט געמאַכט
די שעריפס כשר צו פאַרדינען זייער ברויט.
ווייל קיין פאַרבאָרגענעם פאַר דזשאַנ׳ען איז אין וואלד ניטאָ
און לערנען האָט ער זיך געלערנט פונ׳ם פוקס און טכויר —
און ס׳ברייזעל איז אזוי געווען באהאלטען,
פאַרשטעקט וואו ערגעץ אין א פעלז, אזוי
נאַטירליך צוגעדעקט מיט בוימלאך און מיט גראָז,
אז ס׳וואָלט געפאָדערט זיך אָן אויג ווי דזשאַני׳ס
דאָס צו אנטפּלעקען; דערצו האָט מען באַדאַרפט
נאָך האָבען דזשאַני׳ס מוט און פעסטע האַנט.
און קאָנען צילען מיט׳ן ביקס אזוי ווי דזשאַני.

אודאי פלעגט דזשאָן אומבלאָנדזשען אין גאַס
מיט אויגען ברייט צעעפענטע, באַרוישט,
פאַר'שכור'ט פון די הייסע פרויען בליקען,
מיט קלאַפּעדיגען האַרץ, פאַרשטיקטען אָטעם.
דאָס שאָרכען פון אַ פרויען־קלייד האָט אים צענומען,
די היפטען פון די איינג־געשנורטע קליידער,
די שלאַנקע פיין געשניצטע פיס אין זיידענם
זיי האָבען אין זיין בלוט געצונדען פייערען.
איז דזשאָן געוואָרען היימיש אין דעם טאַנצזאַל,
ביז ס'האָט קיין טאַנץ אָהן אים זיך ניט געבונדען.
די מיידלאַך האָבען זיך צו אים געקלעפּט
ווי בינען אַרום האָניג; ס'איז געווען
אַ גלאָרי־רייכע צייט פאַר אונזער דזשאָן.
דער מעשענער טראָמפּייט האָט אים געשפּילט צום טאַקט,
און ס'האָט דער פּויק געקלאַפּט צום ריטם פון זיין בלוט.
ווייל קיינער איז זיינס גלייכען ניט געווען,
און קיינער ניט געשיקט אַזוי ווי ער
אין די באַרימטע בווגעדיגע ניגער־טענץ,
דעם פיינעם בויך־טאַנץ, און דעם הוטשי־קוטשי טאַנץ.
עס האָט געפלאַמט די ערד אונטער די פיס
און מיידלאַך האָבען ווי מלאכים זיך געהוידעט,
און דזשאָני'ס האַרץ און בלוט געבריט מיט הייסע
מיט שוואַרצע, ברוינע, בלויע פייערלאַך.

און דזשאָן איז פון דעם אַלץ געווען באַטרונקען:
ער האָט מיט יעדען נערוו און טראָפּען בלוט
אַריינגעזאַפּט דעם רויטען שטראָם פון לעבען.
ער האָט זיך אָפּגעגעבען זיינע טעג צום רויש
און זיינע נעכט צו ליבע. ס'האָט געדאַכט
דער יונג געהט ווי אויף פליגעל, טרעט עלאַסטיש,
די ברייטע ברוסט פאָראויס, דער קאָפּ פאַרוואָרפען
די קורצע רויכענדיגע ליולקע אין דעם ווינקעל מויל,

וואָס שטורמט ברויזענדיג און קאַכט און זידט.
און ווען ער פלעגט צוריקקומען אין שטאָט
ניט וויסענדיג אליין קיין חשבון פון זיין געלט —
פלעגט דזשאָני זיך בארואיגען בלויז דאן
ווען ער האָט זיך אינגאנצען אויסגעליידיגט.
ווייל געלט ביי דזשאָני'ן איז געווען ביליג —
ער האָט געוואוסט וואו נייע צו באקומען.
און פלעגט אים טרעפען ווען זיך איינרייסען,
א שטייגער, מאכען א געשלעג אין שיינק
און אָפּשלאָגען א ניגער רוק און לענד —
פלעגט מען שוין דזשאָנ'ען אָפּפירען אין קאָורט.
דער דזשאָדזש, א קלוגער דורכגעמאכטער אלטער
מיט יונגע גרויע אויגען הינטער ברילען,
באטראכט אים שמייכלענדיג, און הייסט געלאסען
א בעט צו מאכען פאר'ן יונג אויף זיבען טעג.
די גוטע ברידער פלעגען יעדען טאָג
אים קומען צו באזוך, און אָנברייגגען מיט זיך
די פיינע פלאַטשיגע און רויטע פלעשלאך,
און קעשענעס מיט סיגארעטלאך און מיט פירות.
און דזשאָני שלאָפט זיך טאקע אויס געהעריג
און כראָפּעט אין דער נארע ווי דער בער אין וואלד,
נעמט צו געוויכט, און נאָך די זיבען טעג —
צוריק צום ברייזעל אין די ווילדע בערג.

.2

נאָר דזשאָני'ן האָט גענומען ציען מער צום שטאָט:
ס'האָט אים פארשמעקט דער טומעל און הו־האַ.
דער קינעמאטאָגראף האָט אים פאר'כשופ'ט
און ווי א קינד וואָס שטעהט פאר א טשיקאַווע שפילצייג
אזוי איז ער פארגאפט געזעסען פאר'ן לייליך.
דערצו איז אָנגעקומען אים זיין צייט פון ליבע:

דאָס וואסער פליסט אין קאלטע קלאָרע שטראָמען —
קיין וואונדער אז דאָס פערד געדייט און שפילט און טאַנצט.
דערצו ווערט עס געוואַשען און געבאַרשטען.
געקעמט און אָפּגעהיט ווי ס'אויג אין קאָפּ,
אין שווארצע און אין בלאָנדע צעפּ דער עק פארפלאָכטען.
און פירט מען אים פון שטאַל ארויס צום לופטערען
דאן וויגט די ערד זיך אונטער זיינע פיס.
איז ניט צו הויך און ניט צו קליין, די ברוסט איז ברייט,
דער בויך איז שמאָל, דער קאָפּ איז לייגגליך קליין,
די פייכטע אויגען גרויס און ברוין און קלוג
און ס'ציטערען נערוועז די פייגע אויערען,
די פיס געטאָקט און דין און מוסקולדיג
און ווי א שפיגעל גלאַנצט אויף אים די פעל,
אין וועלכער ס'טאַנצט ווי לעבעדיג א יעדער נערוו.

.3

אזוי ארום פון טאַנצזאַל צו דער שטאַל
האָט דזשאַן געלעבט זיין שטורמדיגען לעבען.
צו קליין געווען דער טאָג, די נאכט צו קורץ —
ער האָט געלעבט — און גאָר. ער ווייס אליין ניט
ווי נאָך עס איז דערצו געקומען, וואָס ער איז
מיט מאַרגאַרעט געוואָרען נענטער, היימישער,
ווי מיט די אלע איבעריגע מיידלאך.
און מארגארעט איז טאקע געווען שעהן:
איז שלאַנק און בלאָנד, מיט רונדע ווייכע גלידער
מיט גרויע מילדע שטיפערישע אויגען
פון אונטער גאָלדיג גלאנצענדיגע ברעמען.
און אז זי געהט ארויס מיט אים אין גאס
אין די געשנורטע רויטע הויכע שטיוועלאך
אויף וועלכע ס'פאלט דער זוים פון ווייסען קלייד,
מיט בלויע שלייפלאך ארום דינעם האלז

און בולט צייכנען זיך ארוים די שטארקע גלידער
פון בלויען העמד און ברוינע סאמעט־הויזען.

אז רויזען האָבען דערנער איז אַן אַלטער כּלל,
און דזשאַני האָט דעם כּלל געלערנט אויף זיין הויט.
ניט איינמאָל האָט מען דזשאַני׳ן איבערראַשט
אין אָפּגעלייגטע געסלאַך פון׳ם שטאָט,
מיט שטעקענער, מיט פרענטלאך אייזען, און מיט שטיינער
אין קוריץ, מיט וואָס נאָר ס׳לאָזט אַ ביין זיך ברעכען
און אים באַארבייט ווי ס׳געהער צו זיין.
ניט איינמאָל האָט דער אמבולאַנס פאר אים געקלונגען,
און דזשאַני האָט געמאָגט צו בענשען גומל
וואָס ער האָט אָפּגעשניטען מיט׳ן לעבען.
דאָס האָבען מאַנען און חתנים־ליבהאָבער
דעם דזשאַן געגעבען אָנצוהערעניש:
ער זאָל אין פרעמדע גערטענער ניט קריכען.
אַ וואָך צי צוויי פלעגט דזשאַן ארומגעהן אויסגעפּוצט
מיט רויטעביילען ווי די אייער אונטער׳ן אויג,
צי מיט אַ שווארצען שלייף ארום זיין האַלז,
אין וועלכען ס׳האָט זיין האַנט זיך אויסגערוט.
נאָר דזשאַן האָט די יסורים אָנגענומען ליב,
און האָט אויף זיי קיין שנאה ניט געטראָגען.
ס׳איז אַלץ געווען אַ חלק פון׳ם שפּיל:
דען געהסטו נעמען האָניג ביי דער בין,
טאָ נעם פאר אומגוט ניט איר בייזען שטאָך.

און נאָך איין ליידענשאַפט האָט דזשאַן געהאַט
וואָס האָט אפשר די אַנדערע איבערוואויגען: פערד.
דען ניט אומזיסט נעמט זיך קענטאָקי איבער
מיט אירע וואונדערבארע שטארקע פערד.
דאָס בלויע גראָז אין אירע ברייטע פלאַכען
איז ווייך און שמעקעדיג און שפּריצט מיט זאפט.

זאָל זיך די מויד איר אייגען קאָפּ פּאַרדרייען —
קיין גוטס דערפון וועט נישט ארויסקומען.

און מארגארעט האָט אויסגעפירט דאָס אירינע:
זי האָט דעם דזשאָן מיט מזל און מיט גליק
געפירט אין טשווירטש אריין. ס'איז שווער אפילו
דער עסק צוגעגאנגען, ווייל דזשאָני האָט
געפיהלט זיך ניט גאָר היימליך אין דער טשווירטש,
פלעגט קיינמאָל נישט אריינשמעקען אהין,
און האָט געוווייכט פון דאָרטען, ווי אַ שטייגער
עס ווייכט דער טייוועל פונ'ם ווייראיך־ריח.
נאָר דאָס מאָל האָבען אים קיין קונצען נישט געהאָלפען.
און אויף צופּוקעניש פון אַלע ווייבער
וואָס האָבען אַלע ארבייטען געוואָרפען
און אָנקוקען געקומען דאָס שען פּאָרעל —
איז דזשאָני גראָד געקומען צו דער צייט,
דעם פּסוק אָפּגעזאָגט ווי ס'דארף צו זיין,
און האָט אהיים געפירט די מארגארעט —
א פיינער יונגער און שטאַטקאָווּנער בעל הבית.

דאָ פּאָדערט זיך צו זיין גערעכט צו דזשאָנ'ען,
און זאָגען, אז ער איז אַ גוטער מאַן.
ווייל אייגענטליך איז ער בטבע גוט,
און מארגארעט איז אים געטריי און גינציג.
דער יונג האָט אויפגעגעבען זיינע בערג
און ארבייט היינט מיט לייטען גלייך צופרידען.
קיין דאגות פון פּרנסה איז ניטאָ,
אויף זייער אויסקומען איז דאָ בשפע:
דאָס שטיבעל זייערס שטעהט אויסערען שטאָט
און טונקט זיך זומער אין אַ ים פון גרינסען.
דער גאָרטען ארום הויז גיט אַלע גרינסען,
וואָס נאָר אַ בעל־הבית'ישקייט דארף האָבען.

און מיט דעם ברייטען ווייסען שטרוי־הוט אויפ'ן קעפּעל
פון וועלכען ס'ראַנגלען זיך ארויס אַ צוויי־דריי לאָקען —
פלעגט דזשאַנ'ען איבערגעהן דאָס הארץ פון גדולה,
און מענער פלעגען טאַקע אומדרייען די קעפּ
און נאָכקוקען דער קליינער מאַרגאַרעט
וואָס וויגט זיך קעציש־בויגיג און גראַציעז
ביים זייט פון הויכען גרויסען דזשאַן.

און מאַרגאַרעט האָט וואויל געליבט דעם דזשאַן
מיט יעדען גליד פון צאַרטען בויגעדיגען קערפּער.
דער יונג האָט אין איר הארצען זיך פאַרקליבען
און איר משפחה האָט אים ניט געקענט,
מיט בייטשען און מיט פויסטען ניט געקענט,
פון דאָרט אַרויסיאָגען. דער אמת איז,
אז די משפחה איז געווען גערעכט:
יאָ, אמת, ס'איז דער דזשאַן אַ פיינער יונג,
אַ יונג אַ ברען, וואָס טויג זיך אויס צו אַלעם —
וואָס העלפט עס אָבער, אז ער איז אַ מזיק,
וואָס האָט צו טאָן מיט פיל נאָר ווייבער ס'איז פאַראַן,
און וועט שוין מיט זיין טויט ניט ענדיגען;
היינט איז ער דאָ, און מאָרגען איז ער דאָרט,
און זיי אַ בריה, כאַפּ דעם ווינט אין פעלד.
די קליינע ברידערלאך האָבען אויף דעם
געזונגען לאַנגע טעג אַ פיין געזאַנג,
וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער:
„דזשאַני דאָ און דזשאַני דאָרט,
דזשאַן איז דאָ אין יעדען אָרט.“
נאָר טענה היינט, און טענה מאָרגען, אז די מויד
וויל גאָר ניט הערען און געדיינקען — און דאָס גאָר.
זיי האָבען אזוי לאַנג און ברייט גע'טענה'ט
ביז ס'האָט זיך זיי דער עסק צוגעגעסען,
זיך אויסגעשפּיגען, מיט'ן האַנט אוועקגעמאַכט,

און מען האָט גערופען זיין נאָמען דזשאַן,
דזשאַן דער אינגערער.

אז ס'האָט דער קליינער דזשאַן גענומען וואקסען
און ברייטער אויפגעפראלט די בלויע אויגען;
און פאטשט מיט זיינע ווייכע קליינע הענטלאך,
און לאכט אויף אַלע חן־גריבלאך פון פנים —
איז דזשאַן געוואָרען מער א היים־זיצער,
און אָנגעהויבען צו פארשווינדען זעלטענער.
די גוטע ברידער פלעגען טאקע חוזק'ען,
באדויערען וואָס פון א מאַן ווי דזשאַן קאָן ווערען,
און דזשאַן פלעגט שמייכלען מיט א שולדיג שמייכעל —
נאָר וואָס האָט ער געקאָנט זיך העלפען?
אז מארגארעט איז ליב און זיס — און בליט.
און דזשאַן דער אינגערער ער וואקסט און לאכט,
און אז ער קומט פארנאכטליך אין דער היים
איז ציט אים שוין זיין הארץ אין ערגעץ ניט.
אין קורצען, דזשאַן איז גאָר אַן אנדער מענש,
און די משפחה איז געקומען צום באשלוס:
אז מארגארעט האָט גאָר ניט שלעכט געטאָן,
וואָס זי האָט פאר'ן יונג זיך ניט געשראָקען.
און אירע ברידער קלאַפען אים אין פלייצע,
און קומען אָפטער מיט'ן דזשאַן פארברייננגען.
מען זיצט געמיטליך אויפ'ן ברייטען גאַניק
אין ראָז־קאָלירטע ווארימע פארנאכטען,
מען וויצעלט זיך, און מען דערציילט זיך נייעס,
און ס'שליינגעלט זיך געדיכט דער בלויער רויך
און ציהט זיך פון די שמעקעדיגע ליולקעס.

.4

ס'איז אין קענטאָקי דאָ אַן אלטער מנהג:
סוף זומער, ווען די פעלדער ווערען אָפגעשניטען,

די קו גיט מילך, די הינער גיבען אייער,
און קוילעט מען דעם חזיר — גיט ער פלייש.
און כאפט זיך דזשאַן באגינען אויף פון שלאָף
איז מארגארעט פון לאנג שוין אויף די פיס:
דער טיש איז גרייט, די קאווע מורמעלט פונ'ם קאַן
און צופט ביים נאָז, די הייסע „ביסקוויטס“ שמעקען.
און מארגארעט, ארומגעכאפט פון ווייסען שירץ,
ראמט צו דאָס הויז, צי פאדיעט אום אין הויף
און גיט די בהמות און געפליגעל עסען.
און קומט דזשאַן אָוועטנצייט צוריק אהיים
איז ציכטיג, ריין אין אַלע ווינקעלאך.
דאָס עסען שמעקט, און מארגארעט איז אויסגעפוצט,
און תמיד מיט אַ גוטען ליבען שמייכעל.
יאָ אמת, ס'טרעפט דער יונג ווערט אָפט פארפאלען
פארשוואונדען אויף אַ גאנצע נאכט, ניטאָ אים,
באווייזט זיך ערשט צוריק אַ שפּראָץ אויף טאָג,
און אָפטמאָל קומט ער מיט צעריסענע מלבושים,
צעבייזלט, צעקיילט, אַ צער אויף אים צו קוקען.
נו וואָס איז דאָ צו טאָן? זי וואשט אים אָפּ
און העלפט אים אויסטאָן זיך, און לייגט אים שלאָפען.
און שפּעטער, ווען ער שלאָפט שוין איין בארואיגט
און שמייכעלט קינדיש אין געזונטען שלאָף,
קאָן זי אליין ניט איינהאלטען אַ שמייכעל:
נו טאקע, קאָן מען זיין אויף אים ברוגז?
ס'וועט גאָר ניט העלפען, צי זי וויל צי ניט,
אַז דזשאַני מוז „זיין שלעכטע זריעה זייען“,
נאָך אַלעמען, איז דזשאַן אין גאנצען אירער,
ער וועט זיך דורכלויפען, זיך דורכשפּילען — און גאָר.
היינט וואָס נאָך מאכען פון איר היים אַ גיהנם?

און מארגארעט האָט געבוירען אַ זוהן,

מיט עפּעל, באַרען, קאַרשען, רויטען קאַווען
מיט גרויסע שוואַרצע דורכזיכטיגע קערנער.
עס מעקען שאָף, חזרים כריוקען,
עס הירזשען פערד, און אייזלען טאָפּטשען,
עס קרייען הענער, און עס שרייען גענז.
די בערגלייט קומען צום יאַריד אַראָפּ
מיט שוואַרצע און מיט געלע שטעכעדיגע בערד
אויף רויטע, ברוינע זון־פאַרברענטע פּנים׳ער,
און מיט קאָלירטע טיכער אַרום האַלז.
אַ בלינדער בעטלער שפּילט אַ וויינענדיגס,
און קליינע ניגער־קינדער דרייען זיך אין טענץ
און וויגען פלינק, געשיקט, די שוואַרצע גלידער,
און בלינצלען ערנסט מיט די אויגען־ווייסלאַך
ווי שמאַנט פון שוואַרצע ערדען־קריג אַרויס.
און שפּעטער, ווען די זון פאַרגעהט פאַרפלאַמט,
און גראַמער ווערט דאָס פעלד און שפּילט אין רויטען —
וואַקסט פּלוצים אויס וואו אויף אַ פּייערוואָגען
אַ שוואַרצער גלח, און פאַרציט אַ נגון,
און ס׳קלייבט אַרום דעם גלח זיך אַ רעדעל.
דער ניגער טרייסעלט זיך און וואַרפט זיך אין עקסטאַז
און קלאַפּט אין פּעטען בויך און אויף די ברוסטען,
די ציינער בלאַנקען און די אויגען גלאָצען,
און אַלע כאַפּען אונטער זיין געזאַנג,
— אַ הייליג ליד אַ גוט באַקאַנטס פון טשווירטש —
און ס׳שפּילט די רויטע שטאַרבענדיגע זון
אויף פּנים׳ער געקאַרבט פון קופּער און טשוגון.

און אַז דער יום־טוב איז אין שטאָט געקומען
האָט דזשאַן געוואָרפען אַלע אַרבייטען.
ס׳נעמט מאַרגאַרעט מיט זיך אַ פּעקעל עסען,
און דזשאַן דער אינגערער פאַרפּוצט אין ווייסען,
דאָס פּנים׳על פאַרפלאַמט, מיט גרויסע אויגען,

און בוימער בויגען זיך אונטער דער לאסט
פון שווערע זאפטיגע און רייפע פרוכטען —
ווערט אין דער צירקעל־שטאַט געמאכט א יום טוב.
עס ווערען אויף א לאַנקע אויסען שטאַט
די לייוועגטענע ביידלאך אויפגעצויגען
וואו ס׳ווערען אויסגעשטעלט אויף מענשענ׳ס וואונדער
דאָס גוטס און שפע פונ׳ם וואלד און פעלד:
די פיינסטע פירות פון די פרוכטבוימער,
די פיינסטע גרינסען פון די גערטענער,
די פיינסטע האנטארבייט אין וואָל און לינען,
וואָס פרויען האָבען אין די לאנגע ווינטערנעכט,
אין שטורמנעכט ביים לאָמפּ פון קעראָסין
אין א פארוואָרפען ווינקעל אין די בערג געשטיקט.
די שענסטע מעלקעדיגע ברייטע קי,
די פעטסטע שפּילעוודיגע שאָף און קעלבער —
און איבער אלץ די אומרואיגע יונגע פערד.
פון איין ברעג פון קענטאָקי ביז צום אנדערען
פארזאמעלט זיך דאָס פאָלק צום גרויסען יום טוב.
דאָס גרויסע פעלד איז יום־טוב׳דיג געפּאקט,
עס שמעקט מיט בלומען, עפּעל, און מיט ערד,
מיט ריחות פונ׳ם שטאל און גרינעם טאבאק.
און איבער אלעם היינגט א בלויער הימעל,
א זאטער, רואיגער, סוף־זומערדיגער הימעל,
און ס׳טראָגען זיך די קלאנגען פון אָרקעסטער.
אזוי ווערט יעדען יאָר געפייערט יום טוב
אויף גאנצע לאנגע לויכטענדיגע זיבען טעג.

האָט איר געזעהן דעם יערענטליכען מארק
אין איינער פון די פיינע דרום שטעט?
דער מארק איז פול, און דאָס געדריינג איז גרויס.
די וועגען איבערפולט מיט גוטס פון פעלד,
מיט גרינס, וואָס שמעקט און לויכט מיט פרישקייט,

מיט גרעלען בלאַנקענדיגען זאַמד, געלעגען איז
דער רונדער רינג אַ ליכטיגער, אַ זוניגער.
עס שטעהען אומגעדולדיג זעקס צי זיבען פערד,
און שלאָגען אומרואיג מיט זייערע קלאָען,
און ציטערען נערוועז מיט אַלע גלידער.
אַ שטריק איז אָנגעצויגען אין דער ברייט פון וועג
און גרייכט ביז צו די נעזער פון די פערד.
נאָר אָט דערלאַנגט אַ פּאָן אַ שטילען פּלאַטער —
און ס'פאַלט די שטריק אַרונטער צו דער ערד.
איין רגע ציען זיך די פערד נערוועז צוריק,
נאָר אין דעמזעלבען אויגענבליק אַ שוס פּאָראויס,
אַ שטרעק זיך אויס מיט אַלע שטייפע גלידער
און ס'פליט און שווינדט דער ברייטער וועג אַהינטער.
אָט פליען זיי צוזאַמען ווי צונויפגעקנוילט,
און ברוסט צו ברוסט, און קאָפּ צו קאָפּ ווי אומבאַוועגליך,
נאָר אָט הויבט איין פערד אָן אַרויסצושווימען,
נאָך אים אַ צווייטער, און דעם רייטער'ס קאָפּ און גוף
איז אויסגעשטרעקט און אָנגעלענט צום ווייטען פערד.
דער עולם אויף די רייען ביינק פון דער „קאַסינאָ“
הויבט אָן זיך אויסטשוכען פון טויטען שווייגען,
דער אָטעם קומט צוריק, געזיכטער פלאַמען,
די ווייסע טיכלאָך פאָכען איבער קעפּ
און ס'הויבט זיך אויף אַ גרויסער פלאַמיגער געשריי.
און דזשאַני, דוכט זיך, שטעהט ניט אויף זיין פּלאַץ,
נאָר שוועבט דאָרט אויף דעם פליענדיגען פערד
מיט פייערדיגע אויגען און צעשפּרייטע הענט —
און ברענט אינאיינעם מיט'ן גרויסען עולם.

דערווייל האָט זיך די זון געזעצט אין מערב:
דאָס גרינע פעלד איז אָפּגעטונקט אין רויטען,
און רויט זענען די ווייסע לייוונט־ביידלאַך
און גרינע שפּיצען פון די ווייטע בוימער.

פּאַטשט מיט די הענט און זינגט און פּלוידערט הויך,
ווען דזשאַני טראָגט אים דורכ'ן גרויסען עולם.
די פּויקען קלאַפּען און דאָס מעש קלינגט צו,
און ס'הויבען אונטען דזשאַני'ן זיך די פיס.

און דזשאַני לאָזט זיך קאָסטען מיט א ברייטער האַנט,
ער לאָזט ניט דורך קיין שפּיל, קיין איינציג ביידעל,
עס דרייט זיך מיט'ן קליינעם דזשאָן ארום
אויף די געשניצטע פערדלאך פון דעם קאַרוסעל,
און אויף די הויכע פליענדיגע וויגען;
און פליט אין קליינעם שווינדעלדיגען באַנדעל,
וואָס לאָזט זיך פון א הויכען בארג ארונטער.
און קומט דער אָווענט — ווערט דער קליינער דזשאָן
באַלאָדען מיט א שלל פון פרישע שפּילצייג:
מיט רויטע, בלויע, גרינע לופטבאַלונען,
מיט שאַכטלאך צוקערוואַרג און קוישלאך פרוכטען,
מיט פייקלאך, און מיט פייפלאך, און מיט פערדלאך.
האָט איינטאָג זיך געמאַכט אַזא געשיכטע:
דער קליינער דזשאָן, פון אָנשטריינגונג און היץ,
פון צופיל זיסקייט און פון דרייעניש,
האָט אָנגעהויבען זיך צו פיהלען שלעכט:
די בעקלאך האָבען זיך צעברענט פון היץ,
דאָס גאָלדען קעפעל האָט זיך אָנמעכטיג געוויגט.
די קלאָרע אויגלאך האָבען זיך פאַרצויגען
און ס'האָבען זיי די שפּילצייג ניט געפרייט.
ס'איז שווער געווען פאַר מאַרגאַרעט צו געהן אהיים
און לאָזען אַזא גרויסען טאָג אין מיטען —
נאָר וואָס זשע העלפט עס, אז דאָס קינד איז קראַנק,
האָט דזשאַני איר אריינגעזעצט אין קאַר, —
און איז אליין געבליבען מיט דעם יום־טוב.

אין פולען גאַנג זיינען געווען די „רייסעס":
אין גרויסען ברייטען צירקעל אויסגעשאָטען

האָט אים זיין שטורמדיגען בלוט פאַרצונדען.
דאָס מיידעל, ווייאָלעט — אַ קינד, אַ פרוי
אין אירע פופצען יונגע יאָרען לעבען
האָט זיך צו'ן אים געשטרעקט מיט פרישע ליפען
און אים געברענט מיט גליענדיגע אויגען.
אַ קינד פון דרום־לאַנד, איז פרי געוועזען רייף
דאָס הייסע בלוט, און קליינע שטייפע בריסטען.
און דזשאָן האָט אויף זיין האלז דערשפירט איר אָטעם,
דערשפירט דעם ווייכען ציטערדיגען צאפּעל
פון אירע פרישע שמעקעדיגע גלידער,
און האָט אין פלאַם געדריקט די קליינע ווייאָלעט
אין זיינע מוסקולדיגע שטאַרקע אָרעמס.
און ס'האָבען גרילען אין דער נאַכט געקלאַפּט,
און פרעש האָבען געזונגען פון די זומפּען;
און ס'האָט אַ שוואַרצער ברענענדיגער הימעל
געבויגען זיך אריבער דעם קענטאַקי־פעלד.

.5

נאָר מאָרגענס, ווען ס'איז דזשאָן געגאַנגען אַרבייטען
האָט אים דער טויט באַגעגענט.
דעם מיידעל'ס פאָטער
האָט זיך ביים וועג פאַרשטעקט צווישען בוימלאַך,
אים אָפּגעוואַרט, און מיט דעם אַלטען ביקס
פינף קוילען בליי אין אים אריינגעיאָגט.
און איידער ער האָט צייט געהאַט צו זאָגען „דזשיזוס“
איז שוין דער יונג געלעגען אויף דער ערד,
ווי ס'ליגט אַ יונגער שטאַרקער דעמבענבוים
געטראָפען פון דעם שווערען בייזען דונער.
פאַר זיין נאָך ניט פאַרגלייזטען בליק האָבען געשוואומען
די שפּיצען בוימער אויף די זייטען וועג,
און שטיקער בלויע פליסענדיגע הימלען;
און ס'איז די גרויסע קיילעכדיגע זון,

דאָס גראָז ווערט טונקעלער, גערדיכטער, בלאָער,
עס לאכען מיידלאך הילכיג אויפ׳ן קול
און יונגען פלייסען זיך און שטיפען זינגענדיג.
ס׳איז די „קאסינאָ“ איינגעטונקט אין ליכט,
און ס׳הילכט און קלינגט דער מעשענער אָרקעסטער.
דער טאַנצזאַל איז געפּאַקט מיט יונגע פּאָרלאַך —
און דזשאַן האָט ערשט באוויזען וואָס ער קען.
די מיידלאַך האָבען זיך ביי אים געביטען,
צעפלאמט און מיד פון טאַנץ ארויסגעפאלען
נאָר ער, ווי קיינמאָל גאָרנישט, געהט זיין טאַנץ
פאר׳שכור׳ט אין דעם שוועבענדיגען עולם.
די אויגען האלב־פארמאכט, דאָס מויל געשלאָסען,
און אויף זיין ברוסט א נאָכגעביגער קערפּער
וואָס טוליעט זיך צו אים געהאָרכזאם ציטערדיג.

און אז ער איז צולעצט ארויס פון טאַנצזאַל,
דאָס מיידעל מיד, שווער־אָטעמדיג ביים זייט,
איז שוין געוועזען גרויסע נאכט אין פעלד.
עס האָט די פרישע קילע נאכט ארומגעכאפּט
די ווייכע שווארצע שמעקעדיגע ערד.
עס האָבען ווייסע שאָטענס זיך געשלייכט אין פעלד
און פּאָרלאך האָבען זיך געשטרעקט אין גראָז,
און מיידלאך האָבען זיך פארשטילט געטוליעט
צו שווארצע שאָטענס אינ׳ם ווייכען גראָז.
און דזשאַני וויים אליין ניט, ווי אזוי
ער האָט פארבלאָנדזשעט אין דעם ווייטען פעלד,
און ווייאָלעט מיט אים, אין שווארצער נאכט.

און איינענטליך האָט דזשאַני ניט געמיינט קיין שלעכטס:
די שווארצע זומערנאכט האָט אים פארכאפּט,
האָט אים פארבלענדט און מיט איר לוסט בארוישט.
די שמעקעדיגע ערד, וואָס יוירט מיט זאפטען

ה. לייוויק:
דאָס קראַנקע צימער.

א.

אין אַ קראַנקען צימער וואוינט דער מלך.
אויף די פענסטער — בלינדע שטאָרען,
אויף די טירען — טויבע פאָרהאַנגען;
פלעקען אַלערליי קאָלירטע
פון פאַרגאַנגענע און ווידער אָנגעוואַקסענע בלאַטירען
מינען זיך אויף אַלע טעפּיכער, געמעלען פון די ווענט...
אין די ווינקלען, אין קרישטאָלענע געפעסען,
אין געווירצטע פאַרפומירטע וואַסערען,
שווימט ארום דער אָפּפאַל פון דער ווייסער דער.
אויפ'ן גלאַנציגען פאַרקעט אין מיטען צימער,
מיט צעשליידערטע, צעשפּרייטע לאַפּעס,
אַ צעשויבערטער, ווי נאָך אַן עפּילעפּסי־אָנפאַל,
ליגט דער טיגער...
אויבען אין דער הויך, אין מיטען פון סופיט,
טויזענט פּים פאַרוואַרפענדיג, פאַרשפּינענדיג,
הענגט און היט געטריי דעם קראַנקען צימער
די געשליפען־פערלמוטערדיגע לוסטרע...

אין אַ שטול פאַרקריפעלט זיצט דער מלך,
הענט און פּים געליימטער מלך,
אָנגעטאָן אין אַ פאַרגאַרטעלטען כאַלאַט.
פון זיין פּנים הענגט אראָפּ, ביז איבערביידע קני,
אַ צעצויגענער, אַ גולמ'דיגער שמייכעל.
זיינע אויגען דרעמלען ניט פאַרמאַכטערהייט
מיט דערטרונקענע פאַרפלייצטע שוואַרצאַפּלען;

וואָס האָט זיך ערשט פון מזרח־זייט פארנומען,
געלעגען רויט פאר אים אין גרינעם גראָז.
און אין זיין אויער האָבען אָפגעהילכט א ווייל
די קלאַנגען פון א וויטען דומפען דונער.

... און ווען ער איז געלעגען אין דער טרונע
א ריינער, א געלייטערטער אין בעסטען קלייד,
די בלאָנדע האָר געלאָקט אין גרויסע רינגען,
דאָס פנים ווייך און בלאס ווי שלאָפענדיג
האָט מארגארעט זיך אלץ צו אים געבויגען —
א יונגע און א בלאסע און א בויגזאמע —
געגלעט די גלאַנצענדיגע ווייכע האָר,
דעם בלאסען שטערען, און געשעפטשעט שטיל,
פאר שעה'ן לאנג געשעפטשעט אין זיין אויער:
„מיין העלד, מיין קינד, מיין אָרים קינד, מיין מלאך,
שלאָף רואיג, שלאָף אין יונגען קבר דיינעם,
דער יונגער דזשאַן וועט אויסוואקסען ווי דו
און וועט פאר דיין פארגאָסען בלוט ניט שווייגען.
מיין העלד, מיין קינד, מיין זיסער מאן, מיין מלאך."
און דזשאַן דער אינגערער האָט זיך געטוליעט
געקוקט דערשראָקען אויפ'ן בלאַסען טאטען,
וואָס איז געלעגען שטיל און ווי געשמייכעלט.

און ס'האָט א הייסע זון ארייננעקוקט אין צימער.
און פויגעל האָבען אינ'ם סאָד געזונגען.
עס האָט געשמעקט מיט פרישע רייפע בלומען,
מיט פרישען טאָג און פעלד און ווייראָך־ריח.

וויפיל צייט עס זיצט שוין דאָ דער מלך, —
ווייס ניט ער און קיינער ניט פון לאַנד,
דאָס געדענקט אפילו ניט דער קאַמערדינער...
אַלע פעלקער פון זיין גרויסען קעניגרייך
האָבען קיינמאָל ניט געזעהן אים אין געזיכט,
ניט אין זיין דערהויבענקייט און ניט אין זיין צעקריפּלונג;
אויך די גאַנצע בעלי יועצים און די תלמידים
ווערען שוין פון לאַנג ניט צוגעלאָזט צו אים.
נאָר דער איינציגער, דער קאַמערדינער,
האָט די זכיה צו זיין אייביג אויף דער וואַך,
שטעהן אהינטער טיר פון קראַנקען צימער
און זיך אָפּרופען אויף יעדען שטאַמעל־קלאַנג פון מלך...
גרויסע שררות, מיניסטאָרען, אויך מלכים
פון די שכנות'דיגע לענדער און פון ווייטע,
האַלטען אין איין אָנקומען צום פּאַלאַץ, —
און זיי מוזען זיך צוריקקערען אנטוישטע
ניט צו אָנקוקען דעם פּנים פון'ם מלך. —
ניט קיין גאָלד און ניט קיין טייערע מתנות
קאָנען אונטערקויפען דעם געטרייען דינער
ער זאָל עפּעס וואָס דערציילען און פאַרטרויען; —
מיט אַ פּנים אַ פאַרשלאָסענעם, אַ קאַלטען,
און מיט הענט, ווי אויסגעשטעקטע שפּיזען,
שטעהט ער און ער היט דעם קראַנקען צימער...

אַז מען קריגט שוין יאָ אַרויס אַ וואָרט פון'ם קאַמערדינער, —
אַז עס קומען אָן די אייגענע, די טרייע אונטערטאַנען,
פילען אָן די הייפען און די פּאַרקען פון'ם פּאַלאַץ,
אַלע מיט פאַרזאָרגטע פּנימ'ער, פאַרצווייפעלטע,
אַלטע לייט און פרויען מיט די קינדער אויף די הענט, —
אַלע נישטערען און זוכען מיט די אויגען
די פאַרדעקטע שויבען פון'ם קראַנקען צימער;
אַלע רופען אין איין קול און בעטען:

זיינע ברעמען, אז זיי מאכען זיך ווען צו,
שלעפען זיי מיט זיך ארונטער אויך זיין שטערען,
ווי מען שלעפט ארונטער א צעפלאצטען פאָרהאנג...

דאמאָלסט, אז דער שטערען פאַלט ארונטער,
קריכען איינציגווייז ארויס די ווייכע קעפלאך
פון דעם מלך'ס נאכטיגע חלומות.
קריכען איינציגווייז ארויס די נאכטיגע חלומות,
שארען זיך אריבער זיינע אקסלען צו די קני,
פון די קני — ארונטער צו דער ערד,
און צעלאָזען זיך מיט דינע פיסלאך
טאנצען אויפ'ן גלאנציגען פארקעט...

שווייגענדיג, גוטברודעריש, אביסעל נייגעריג,
קוקט זיך צו דאָס קראנקע צימער צו דעם טאנץ
פון די טופּענדיגע אויפגעלעבטע פיסלאך. —
טול און פלוש צעעפענען די פאלדען,
טעפּיכער צעלייגען זיך צעשפּרייטער,
און דער ריח פון קרישטאָלענע געפעסען
קרייזעלט זיך און קרייזעלט זיך אין האלבע רינגען;
די צונויפגעהאקטע ליפּען פונ'ם טיגער
שליסען זיך עטוואָס זיך פאנאנדער אין א שמייכעל,
און אזוי אויך מיט א שמייכעל גלאנצען אויף
אלע אויגען פון דער שפּינעוודיגער לוסטרע.

ב.

דאָרט, אויף יענער זייט פון קראנקען צימער,
איז מסתמא נאכט, און אפשר — טאָג;
וואָס דעם מלכ'ס ברעמען זענען צוגעמאכט —
איז ניט קיין באווייז נאָך, אז ס'איז נאכט;
וואָס דעם מלכ'ס ברעמען זענען אויפגעמאכט —
איז ניט קיין באווייז נאָך, אז ס'איז טאָג...

אויסטרייסלען די טעפּיכער און פאָרהאַנגען,
איבערבייטען די קרישטאָלענע געפעסען;
ווי פארגעסענדיג אינגאנצען אָן דעם מלך,
קלאַפּט ער און ער שליידערט מיט די הענט,
שאַרט זיך און ער קלעטערט אויף די ווענט,
צימבעלט אויף די טירען, אויף די שויבען,
לאָזט זיך מיט די טופּענדיגע זוילען
טאַנצען אויפ'ן גלאַנציגען פּאַרקעט...

שוויינגענדיג, גוטברודעריש און נייגעריג
קוקט זיך צו דאָס קראַנקע צימער צו דעם טאַנץ
פון דעם קאַמערדינער'ס אויפגעלעבטע שיך.
טול און פּלוש פאַרמאַכען אַלע פאַלדען,
טעפּיכער פאַרדרייען זיך אין קנוילען,
און דער ריח פון קרישטאָלענע געפעסען
קרייזעלט זיך און קרייזעלט זיך אין גאַנצע רינגען;
די צונויפגעהאַקטע ליפּען פון'ם טיגער
ווערען מערער נאָך צונויפגעדריקט, צונויפגעקריצט,
און מיט אָפּגעטעמפּטע וואַסערדיגע אויגען
קוקט אַרונטער פון סופיט די ליוסטרע;
די צעשראָקענע, צעטריבענע חלומות
נעמען יאָגען זיך צוריק צו זייער נעסט,
גראָבען איין צוריק די ווייכע קעפּלאַך
אין די אויסגעליידיגטע געהירען פון'ם מלך, —
עפענען זיך אויף דעם מלכ'ס ברעמען
און פאַר'חתמ'ענען צוריק זיין אויפגעדעקטען שטערן...

ג.

האַלבע נאַכט. עס שלאָפט דאָס קראַנקע צימער.
און דער מלך ליגט, ווי אַלע מאָל ביינאַכט,
אויסגעצויגען אויפ'ן זיידענעם געלעגער

— גאָרנישט ווילען מיר פון אונזער מלך,
גליקליך לעבען מיר אין זיינע גרענעצען
דורכגעלויכטען פון זיין חכמה און זיין ליבשאפט,
גאָרנישט ווילען מיר, נאָר אָנקוקען זיין פּנים,
הערען נאָר איין קלאנג פון זיינע ליפּען,
צוזעהן איין באוועגונג פון זיין האנט,
זאָל ער זיך באווייזען אונזער מלך, —
דאמאָלסט קומט ארויס דער קאמערדינער,
און ער זאָגט זיך קאלט און רוהיג:
— געהט אהיים, דער מלך האָט געהייסען...
און אז אלע אויגען ברענען אויף פון טרערען,
און אז אלע ליפּען ווערען אויפגעקלעמט פון וועהטאָג,
פאר פּארדראָס און פאָרגעפּיהלטען אומגליק,
און אז אלע נעמען איילען זיך און רופען:
— קומט מתפּלל זיין, מתפּלל זיין, מתפּלל זיין, —
געהט ארויס א צווייטען מאָל דער קאמערדינער
און ער זאָגט נאָך רוהיגער און קעלטער:
— געהט אהיים, דער מלך וויל אליין זיין...
א בארוהיגטער אביסעל, שטילט זיך איין דאָס פאָלק,
ליידיגט אָפּ די פּארקען פון'ם פּאלאַץ,
קערט זיך אום אהיים און שטיקט אין זיך
דעם ניט איינגעשטילטען פאָרגעפיהל פון אומגליק...

און דער קאמערדינער איילט אריין אין קראנקען צימער,
אויף די שפּיצען פינגער געהט ער צו צום מלך,
שרייט אים עפּעס וואָס אריין אין אויער...
וואָס ער זאָל דעם מלך ניט אריינשרייען
געהט עס סיי ווי סיי פארביי זיין אויער, —
ווייל דער מלך האלט נאָך אלץ אין דרעמלען
זיינע נאכטיגע אָהן סופ'יגע חלומות...
טוט א מאך דער קאמערדינער מיט'ן האנט,
נעמט ארומווישען דעם שטויב פון'ם קראנקען צימער,

טוט א בלאָז א צווייטער ווינט פון ערגעץ
און דערמאָנט אָן עפּעס נאָכאַמאָל דעם מלך. —
(...געסט, צי אָנפאַלער. און אפשר קונצענמאַכער;
אפשר בעטענדיגע, קושענדיגע ליפּען;
אפשר רויכערדיגע פייערען פון פאַקעלען...
אפשר פאַלענדיגען שניי אויף פעלדער,
אפשר האָגעל. אפשר אויסגעהאַקטע שויבען...
אפשר פלאַטערען פון פאָנען איבער שיפען...)
— קאַמערדינער, וויל ארויסשרייען דער מלך,
און דער קאַמערדינער קומט ניט, ווייל ער ווייס ניט
וואָס דער מלך וויל ארויסשרייען...
אלע גלידער פון'ם מלכ'ס גוף
וואָלטען וועלען זיך א ריס טאָן און זיך אָפּרייסען,
אויפשפּרינגען, צעלאָזען זיך אין ווילד־געדריי,
איבערקערען מיט'ן קאָפּ אראָפּ דעם קראַנקען צימער,
און אליין אין דעם פאַנאַנדערפאַל פאַנאַנדערפאַלען...

אך, ווי טיף עס וואָלטען זיך די פינגער זיינע
איינגעגראַבעלט אינ'ם פלוש און אים צעפּעדימט;
אך, ווי שאַרף עס וואָלטען זיינע ציין
אריינגעביסען זיך דעם טיגער ביז'ן גאָרגעל,
און ווי שניידענדיג עס וואָלטען זיינע פיס
טאַנצען אויף דער פאַלענדיגער ליוסטרע;
אך, ווי הילכיג זיינע לונגען וואָלטען שרייען:
— קאַ—מער——די——נער.. !

...מלך, מאַך צו דיינע אויגען, —
הילכט דאָס קראַנקע צימער אויפ'ן קול;
מלך, מאַך צו דיינע אויגען,
ווייל איך בענק נאָך דיינע נאַכטיגע חלומות;
דיינע גלידער וועלען זיך פון דיר ניט אָפּרייסען,
דיינע ציינער וועלען זיך אין ערגעץ ניט אריינבייסען;

מיט זיין אומבאַוועגליכען געלייטמטען גוף,
קוקט מיט אויפגעשפּיצטע שוואַרצאַפּלען און שלאָפט ניט.

דאַרפען האָב איך לאַנג באַדאַרפט שוין שלאָפען, —
טראַכט דער מלך;
דאַרפען האָב איך לאַנג באַדאַרפט שוין שלאָפען,
וויל אַרויסריידען דער מלך; —
נאָר די צונג האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט'ן גומען,
און די ציינער האָבען זיך אַזוי ווי אויסגעוואָרצעלט
און צעשאָטען זיך ווער ווייסט וואו אין דער פינסטערניש...
— קאַמערדינער! — וויל אַרויסשרייען דער מלך,
און דער קאַמערדינער קומט ניט, ווייל ער ווייס ניט
וואָס דער מלך וויל אַרויסשרייען...
הייבט אָן רירען מיט'ן קאָפּ דער מלך,
וויל זיין פּנים איינגראָבען אין קישען;
נאָר דער האַלז האָט אָנגעצויגען אַלע אָדערען
און ניט אָפּגעלאָזט דעם קאָפּ זיך אָפּצודרייען...
פּלוצלונג טוט אַ בלאָז אַ ווינט פון ערגעץ,
און דער ווינט דערמאָנט עפּעס דעם מלך. —
(...רייד, צי פאַרבען. אפשר פּנימ'ער פון מענשען.
אפשר פייערדיגע פערד־קאָפּיטעס אויפ'ן ברוק...
אפשר אויפגעוועקטע שאַלענדיגע גלאָקען...
אפשר פּאַסען ליכט פון אַלע זייטען הימעל
וואָס קרייצען זיך און פּעכטען זיך ווי שווערדען...
אפשר שטאָל־געשמידטע רעוועגדיגע פויגלען,
וואָס טאַנצען אויף די ראַנדען פון די שווערדען...?)
— קאַמערדינער! וויל אַרויסשרייען דער מלך,
און פאַרגעסט, — דאָס מויל נאָך ניט געעפענט, —
וואָס ער וויל ביים קאַמערדינער פרעגען.
און דער קאַמערדינער קומט ניט, ווייל ער ווייס ניט
וואָס דער מלך וויל אַרויסשרייען...

איך האָב זיך שוין אָפּגעשפּאַלטען פון פונדאַמענט,
און איך קאָן אין יעדער רגע זיך פאַנאַנדערוואַרפען;
עפּעס האָבען שטורמדיגע פויסטען זיך געקלאַפּט אָן מיר,
פויסטען, קעפּ פון י ע נ ע ר זייט;
עפּעס לאַנג־שוין־לאַנג אַז ד אָ ר ט געהט אָן
אַזאַ מאָדנע טונקעלע מהומה,
ווער קאָן וויסען? ווער קאָן וויסען?... —
זאָל די דריטע וואַנט דעררײדען.
זאָגט די דריטע קראַנקע וואַנט פון צימער:
— איך ווייס אַלץ. איך האָב אַלץ געהערט, געזעהן;
איך בין דורכגעלעכערט דורך און דורך,
איך בין דורכגעשניטען אין דער לײנג און אין דער ברייט, —
בין איך פול מיט אויגען און מיט אויערען.
און איך הער און זעה,
ווען עס קלינגען גלאָקען און עס יאָגען רייטער,
ווען עס פייפען קוילען און עס טאַנצען שרפות,
ווען עס שאַלען האָרנס און עס בלאַנקען העק...
איצטער, אַז די גלאָקען האָבען אָפּגעקלונגען,
אַז די שרפות האָבען אויסגעברענט
איצטער, אַז עס ליגען אויסגעצויגען אויפ'ן ברוק
אַלע שרייענדיגע העלזער, —
זעה איך נאָך און הער
נאָך אַ טונקעלערע, מאָדנערע מהומה,
די מהומה פון דער שטילקייט...
מלך, וואָס וועט אָבער זיין מיט דיר?
אַז עס קלינגען גלאָקען — קלינגען זיי ניט צוליב דיר;
אַז די גלאָקען שווייגען — שווייגען זיי ניט צוליב דיר...
לעבעדיגע האָבען ניט געוואָלט שוין מער
אויפ'ן צונג אַרויפּברײנגען דיין נאָמען;
טויטע וועלען דיך אודאי ניט דערמאָנען,
טויטע ליגען אין די גאַסען, — ליגען זיי... —
זאָל די פערטע וואַנט דעררײדען.

מלך, מאַך צו דיינע אויגען, —
ווייל דער טיגער האָט שוין אויפגעעפענט זיינע...

אַ באַנגאַסענער מיט קאַלטען שוויים, געהאָרכזאַם
פּאַרמאַכט דער מלך זיינע ברעמען;
און די ברעמען, ווי זיי מאַכען זיך נאָר צו,
שלעפּען זיי מיט זיך אַרונטער אויך זיין שטערען.
שווייגענדיג, גוטברודעריש און נייגעריג
וואַרט דאָס קראַנקע צימער, ווי פון שטענדיג,
אויף דער רגע, ווען עס וועלען זיך דערהערען
ווייכע טריטלאַך אויפ'ן גלאַנציגען פּאַרקעט;
נאָר אומזיסט דאָס נייגעריגע וואַרטען, —
אין דער פינסטערניש, נאָך פינסטערער און לערער,
אָהן קיין סמן פון אַ ווען געדאַכטען חלום
גליט אַ תהום פון אויסגעליידיגטע געהירען...

ד.

זאָגט די ערשטע קראַנקע וואַנט פון צימער:
— אַז דו האָסט שוין מער פאַר אונז ניט קיין חלומות,
וועל איך איצט דיר אויסזאָגען דעם גאַנצען אמת:
מיינע ציגעל האָבען זיך שוין אָפּגעקלעפּט איינס פון צווייטען,
און דאָס בלוט וואָס צירקולירט אין זיי,
רינט ביסלעכווייז אַרוים און לייזט זיך אויף
אין די שטינקענדיגע לאַבירינטען־שפּאַלטען;
אַז איך האָב ביז איצט געשטיקט אין זיך
דעם שלעכטען ריח פון מיין קראַנקען און צעפוילטען בלוט, —
צו וואָס נאָך ווייטער שטיקען?
אָנגעריסענע בלאַטירען מוזען פּלאַצען,
און וואָס פריהער — בעסער.... —
זאָל די צווייטע וואַנט דעררײדען.

זאָגט די צווייטע קראַנקע וואַנט פון צימער:
— מיינע וואונדען האָב איך שוין באַצייטענס אויפגעעפענט,

ש. צ. זעצער:

פון זוהר.

אינהאַלט:

רב שמעון און דער מלאך.

דער סוד פון שם „אלהים“.

אַלעגאָריען.

דער כח פון וואָרט.

„אבא“ ו„אמא“.

די סעודה אויף יענער וועלט.

שטן מקטרג.

זאָגט די פערטע קראַנקע וואַנט פון צימער:
— מלך, דו ביזט שוין פון לאַנג ניטאָ, ניטאָ.
די פּאַלאַצען און די פּאַרקען דיינע שטעהען לער,
נאָר דער קאַמערדינער בלאַנקעט זיך ארום,
בלאַנקעט זיך ארום און היט;
ליידיגע פּאַלאַצען דאַרפען ניט קיין היטער,
זאָל דער קאַמערדינער געהן אהיים... —
זאָל די לוסטרע ריידען.
זאָגט די לוסטרע:
— איך וועל גאָרנישט ריידען.
איך האָב שוין צעעפּענט אַלע מיינע אויגען,
איך האָב שוין פארשפּינט דעם נעץ פון מיינע פּיס,
איך האָב שוין אַראָפּגענידערט פון סופיט
נידעריגער, נידעריגער, נידעריגער... —
זאָל דער טיגער ריידען.

זאָגט דער טיגער:
— איך וועל אויך ניט ריידען;
איך האָב שוין צעשויבערט מיינע האָר,
איך האָב שוין זיך צוגעגרייט צום שפּרונג,
איך האָב שוין אריינגעשטאָכען מיינע נעגעל
דאָרט, וואו נעגעל דאַרפען זיך אריינשטעכען...“

— קאַ—מער—די—נער!... —

...אז דער קאַמערדינער קומט אריין — דערזעהט ער:
שטיקער גלאָז פון אויסגעהאַקטע שויבען,
טעפּיכער און פאָרהאַנגען — צעפעדימט,
אַ צעשליידערטע, צעפיצעלטע — די ליוסטרע;
אויפ'ן מיטען גלאַנציגען פּאַרקעט,
איינגעביסען מיט די ציין אינ'ם טיגער'ס האַלז,
שליידערט זיך מיט אויפגעלעבטע הענט און פּיס
אין אַ טייך פון בלוט און שוים — דער מלך.

א) רבי שמעון און דער מלאך

איינמאָל איז ר' שמעון פון הויז ארויס און געזעהן ווי די וועלט איז טונקעל און פינסטער געוואָרען און די ליכטיגקייט איז פון איהר פאַר־שוואונדען.

האָט ער געזאָגט צו ר' אלעזר זיין זוהן: קום און לאָמיר זעהן: וואָס וויל גאָט טאָן מיט דער וועלט.

זענען זיי געגאנגען און האָבען אָנגעטראָפען אויף א מלאך וואָס האָט אויסגעזעהן ווי א גרויסער בארג און ער האָט דרייסיג פייער־פלאַמען פון זיין מויל געצויגען.

האָט צו אים ר' שמעון געזאָגט:

וואָס ווילסטו טאָן.

האָט ער צו אים געזאָגט:

איך וויל חרוב מאכען די וועלט דערפאַר וואָס ס'זענען קיין דריי־סיג צדיקים ניטאָ אין דור. ווארים אזוי האָט קודשא ברוך הוא גוזר געווען אויף אברהם'ן ווי עס איז געשריבען (בראשית ט"ז) היה יהיה. (איז) יהיה בגימטריא דרייסיג.

האָט צו אים ר' שמעון געזאָגט:

איך בעט דיך — געה פאַר קודשא בריך הוא און זאָג אים: בר יוחאי געפינט זיך אויף דער ערד.

איז יענער מלאך פאַר קודשא בריך הוא געגאנגען און געזאָגט צו אים: האר פון דער וועלט עס איז דאָך אנטפלעקט פאַר דיר וואָס בר יוחאי האָט מיר געזאָגט.

האָט קודשא בריך הוא צו אים געזאָגט: געה מאַך חרוב די וועלט און זאָלסט ניט קוקען אויף בר יוחאי.

אז ער איז געקומען — האָט ר' שמעון דערזעהן דעם מלאך.

האָט ער צו אים געזאָגט:

אויב דו וועסט ניט אוועקגעהן וועל איך אויף דיר גוזר זיין דו

איינִיגע באַמערקונגען.

דער לעזער וועט געפינען אַ געוויסע איינהייטליכקייט בנוגע צו דער פּונקטואַציע אין מיינע פּרקים פון „זוהר“ און נאָך אַ פּאָר אַנדערע טעכנישע איינהייטליכקייטען. אין איינִיגע ערטער האָב איך כמעט ווי אינגאַנצען דורכגעלאָזט די פּונקטואַציע, און אין איינִיגע ערטער האָב איך נאָר די „פרומע“ צייכענס געלאָזט און אַזוי ווייטער. איך האָב אָבער דאָס אַלעס בכיון געטאָן און עס איז ניט קיין פאַרזעהן און נאַכלעסיגקייט פון מיין זייט.

די גאַנצע צייט, וואָס איך בין פאַרנומען מיט מיין אַרבייט צו געבען אַ פולשטענדיגע אידישע איבערזעצונג פון „זוהר“ פיל איך און גלויב, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט אַט די אַלע טעכנישע פּונקטען באַדאַרף מען בנוגע צו אַ ספר, ווי דער „זוהר“, ניט גיין אויף דעם געוויינליכען פאַר אַלע ביכער אָנגענומענעם וועג. ביז אַצט אָבער זע איך פאַר זיך נאָך ניט דעם נייעם וועג אינגאַנצען קלאָר. פאַרשידענע מעגליכקייטען שיינען מיר פאָרלויפיג פאַר מעגליך צו זיין.

איך האָב דעריבער באַשלאָסען די אַלע „ווידערשפּרעכענדע מעגליכקייטען“, — אין אַ ניט צו שאַרפער פאָרם, נאַטירליך — פאַר אַ וויילע פּראַאיינִיגען און אויספּרובען זיי אין די פּרקים פון „זוהר“, וואָס איך גיב דאָ אין די „שריפ־טען“. אותיות מחכימות. ווען איך וועל אַלעס האָבען בילדליך פאַר מיינע אויגען וועט מיר גרינגער זיין צו קענען זען און געפינען דעם מער פּאַסיגען און ריכטיגען וועג.

דער סימן *** צווישען איין פּאַראַגראַף און דעם צווייטען אין זעלבען פּרק באַדייט, אַז עס זענען דורכגעלאָזן געוואָרען עטליכע שורות, וואָס זענען ניט נוגע צום ענין און וואָלטען געקענט שטערען די גאַנצקייט און איינהייטליכקייט זיינע.

די האַלבע לבנות ( ) באַדייטען, אַז דאָס וואָרט אָדער ווערטער, וואָס זענען איינגעשלאָסען אין זיי, זענען צוגעגעבען פון מיר.

אין איינִיגע ערטער זענען געוויסע מיסטישע טערמינען און אויסדרוקען, טעאָלאָגישע און מעטאַפיזישע, ניט איבערזעצט און דערקלערט צוליב „כבוד אלהים הסתר דבר“. דאָס וואָס קאָן געטאָן ווערען אין אַ ספר, וואָס איז כלו קודש, קאָן ניט געטאָן ווערען אין אַ ספר, וואָס קודש וחול משמשים בו כאחד.

ש. צ. זעצער.

ב) דער סוד פון שם „אלהים"

בראשית ר' אלעזר האָט אָנגעהויבען (ישעיה מ'): שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה — הויבט אויף אין דער הויך אייערע אויגען און זעהט ווער האָט באשאפען דאָס אלעס.

שאו מרום עיניכם.

צו וועלכען פונקט?

צום פתח־עינים:

צום פונקט צו וועלכען אלע אויגען זענען געווענדעט.

און דאָרטען וועט איר זיך דערוויסען — אז אָט יענער פארבאָרגע־נער זקן צו וועמען אלע אונזערע פראַגען פירען איז דער בורא פון א ל ה געווען.

און ווער איז ער?

מ"י —

אָט יענער וואָס ווערט אָנגערופען דער אויבערשטער מקצה השמים וואָס אלעס געפינט זיך אין זיין רשות.

און דערפאר וואָס צו אים פירען אלע אונזערע פראַגען און ער בלייבט דאָך פארבאָרגען און קומט ניט לידי התגלות ווערט ער אָנגערופען מ"י.

וואָרים נאָך העכער איז שוין דאָרטען גאָר קיין פרעגען ניטאָ.

און אָט דער קצה השמים ווערט אָנגערופען מ"י.

און עס איז אויך אן אנדערער פאראן — אונטען —

און ער ווערט אָנגערופען מ"ה.

וואָס איז דער חלוק צווישען דעם און יענעם?

אלא וואָס דען.

דער פארבאָרגענער קדמון איז דער לעצטער רינג אין דער גאנצער קייט פון אונזער פרעגען און פאָרשען —

ווען דער מענש פרעגט און מיט זיך צו דענקען און וויסען — פון איין מדרגה צו דער צווייטער — ביז צום סוף פון די אלע מדרגות — איז ווען ער קומט צו אהין —

זאָלסט קיינמאָל ניט צוריקקומען אין הימעל און דו וועסט זיך געפינען דאָרטען וואו עזא און עזאל געפינען זיך —

און אז דו וועסט קומען פאר קודשא בריך הוא זאָג אים:

אויב עס זענען קיין דרייסיג צדיקים אויף דער וועלט ניט פאראן — וועלען זיין צוואנציג. ווארים אזוי שטעהט: לא אעשה בעבור העשרים — איך וועל עס ניט טאָן צוליב די צוואנציג.

און אויב עס זענען קיין צוואנציג ניטאָ — וועלען זיין צען. ווארים אזוי שטעהט געשריבען לא אשחית בעבור העשרה — איך וועל ניט פארדארבען צוליב די צען.

און אויב עס זענען ניטאָ קיין צען — וועלען זיין צווי וועלכע זענען איך און מיין זון. ווארים אזוי איז געשריבען (דברים י"ב) על פי שנים עדים יקים דבר — דורך צוויי עדות זאָל א זאך באפעסטיגט ווערען און דבר מיינט נאָר ניט — נאָר די וועלט. וואָרים עס איז געשריבען בדבר ה' שמים נעשו.

און אויב עס זענען ניטאָ קיין צוויי איז דאָך דאָ איינער —

און איך בין עס. וואָרים עס איז געשריבען (משלי י') וצדיק יסוד עולם — און דער צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט.

אין יענעם מאָמענט איז א בת קול ארוים פון הימעל און געזאָגט:

גרויס איז דיין זכות ר' שמעון. וואָרים קודשא בריך הוא איז גוזר אויבען און דו ביזט מבטל אונטען. זיכער איז עס אז אויף דיר איז געזאָגט געוואָרען (תהלים קמ"ה) רצון יראיו יעשה — דעם ווילען פון די וואָס האָבען מורא פאר אים ערפילט ער.

און דאָס איז עס.

ווען דער סתימא דכל סתימין — דער פאַרבאָרגענסטער פון אַלע פאַרבאָרגענע — האָט געוואָלט נתגלה ווערן — האָט ער צוערשט א נקודה געמאַכט.

און די נקודה האָט זיך פאַרמירט מחשבה צו ווערן.

האָט ער אין איר אַלע געמעלען אויסגעמאָלען.

ער האָט אין איר אַלע אויסקריצונגען איינגעקריצט.

און ער האָט איינגעקריצט אין דער בוצינא קרישא סתימא — אין דעם פאַרבאָרגענעם הייליגען ניצוץ — דאָס בילד פון א פאַרבאָרגענעם געמעל וואָס איז קודש קדשים —

א בנין טיפער וואָס שטייגט ארויס פון דער מחשבה — און ווערט אָנגערופען מ״י. ער איז דער אָנהויב פון גאַנצען בנין.

ער עקזיסטירט און עקזיסטירט נים.

טיף איז ער און פארהוילען — ביים נאָמען.

ווערט אָנגערופען נאָר מ״י.

האָט ער געוואָלט לידי התגלות קומען און ביים נאָמען גערופען ווערען —

און האָט זיך מתלבש געווען אין א טייערען לבוש וואָס לייכט —

און האָט אלה באשאפען.

און אלה איז אין שם אריין.

די אותיות האָבען זיך באהעפט איינע מיט די צווייטע און עס האָט זיך דער גאַנצער שם אלהים פאָרמירט.

און ביז ער האָט אלה נים באשאפען האָט ער זיך ניט אין נאָמען אלהים מתלבש געווען.

און די וואָס האָבען זיך פארזינדיגט מיט דעם עגל האָבען צוליב אָט דעם סוד געזאָגט (שמות ל״ב) אלה אלהיך ישראל.

און ווי דער מ״י האָט זיך מיט דעם אלה משתתף געווען אזוי בלייבט דער נאָמען פאראייניגט שטענדיג —

און אין דעם סוד האָט איר קיום די וועלט.

און אליהו איז אוועקגעפלויגען —

און איך האָב אים מער ניט געזעהן —

מ"ה:

וואס האסטו זיך דערוויסט? וואס האסטו געזעהן? און וואס האסטו געזוכט?

אלעס איז ווי פריהער פארהוילען געבליבען.

* * *

האט ר' שמעון זיך אנגערופען:

אלעזר מיין זוהן — זאל אנטפלעקט ווערען דער פארהוילענער סוד וועלכען מענשען ווייסען ניט.

איז ר' אלעזר שטיל געבליבען.

האט זיך ר' שמעון צעוויינט און איז אויף א ווילע געבליבען שטעהן.

נאכדעם האט זיך ר' שמעון אנגערופען:

אלעזר — וואס איז אלה? אויב דו ועסט זאגען: די שטערען און די מזלות. ווערען זיי דאך הארטען שטענדיג געזעהן און זיי זענען מיט מ"ה באשאפען געווארען ווי עס איז געזאגט געווארען (תהלים ל"ג) בדבר ה' שמים נעשו.

אויב עס געהט אויף פארבארגענע זאכען — זאל ניט זיין געשריבען אלה. ווארים אלה איז דאך התגלות.

נאר וואס דען.

דער דאזיגער סוד איז ניט אנטפלעקט געווארען אויסער אין טאג ווען איך בין געוועזן אויף דעם ברעג פון ים.

אליהו איז דאן געקומען צו מיר און געזאגט:

רבי ווייסט דו וואס עס מיינט מי ברא אלה?

האב איך צו אים געזאגט:

דאס זענען די הימלען און זייערע חיילות וואס קודשא בריך הוא האט באשאפען. דער מענש באדארף זיך איינקוקען אין זיי און לויבען אים ווי עס איז געשריבען (דארטען ח') כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך וגומר יי' אדוננו מה אדיר שמך בכל הארץ.

האט ער צו מיר געזאגט:

רבי — א פארבארגען ווארט איז ביי קודשא בריך הוא געוועזן און ער האט עס אין דער ישיבה העליונה מגלה געוועזן.

ג) אַלעגאָריען

ויקם אברהם מעל פני מתו וגומר — ר׳ יהודה האָט געזאָגט פון רב׳ס וועגען וואָס שטעהט געשריבען אין פסוק פאר דעם. עס שטעהט געשריבען: ותמת שרה בקרית ארבע היא חברון בארץ כנען. ותמת שרה — דאָס מיינט מען דעם גוף בקרית ארבע אין דער שטאָט פון פיר — דאָס זענען די פיר יסודות. היא חברון — וואָס זענען געווען באַהעפט אין זיין גוף ביי זיין לעבען. בארץ כנען אויף ד ע ר וועלט וואָס דער מענש קלייבט אויס פאר זיך אויף א קליינער צייט.

און אברהם איז געקומען באַקלאָגען שרה׳ן און באוויינען זי. דאָס איז ווי מיר האָבען געלערנט אַלע זיבען טעג (פון שבעה) באַזוכט די נשמה פון מענשען דעם גוף זיינעם. און דאָס איז עס וואָס שטעהט געשריבען אך בשרו עליו יכאב ונפשו עליו תאבל — זיין לייב ווייטאָגט אויף אים און זיין נשמה טוט אויף אים טרויערען. און אויף דעם אופן איז אויך ויבוא אברהם לספוד לשרה ולבכותה. אברהם וואָס איז די נשמה איז געקומען צו באַקלאָגען שרה׳ן — דעם גוף.

ויאמר ה׳ לה שני גויים בבטנך ושני לאומים. די דאָזיגע צוויי גאים*) זענען דער לעבער און דאָס הארץ. ר׳ יוסי זאָגט: דער מוח און דאָס הארץ. רבי יהודה זאָגט: דער מוח איז דאָ ניט אין כלל. וואָרים עס איז געשריבען בבטנך און דער מוח איז ניט אין בויך נאָר אין קאָפּ. ושני לאומים ממעיך — און צוויי פעלקער פון דיינע געדערים. ורב יעבוד צעיר — און דער עלטערער וועט דינען דעם אינגערען — דאָס איז דער לעבער וואָס איז עלטער און גרעסער און ער באַדינט דאָס הארץ. וואָרים ר׳ יהודה האָט געזאָגט דער לעבער איז קולט אין זיך דאָס בלוט און באַדינט מיט דעם דאָס הארץ.

ויצא הראשון אדמוני און דער ערשטער איז ארויסגעגאַנגען א רוי־

*) גרויסע. ער לייענט גאים אַנשטאָט גויים.

און פון אים ווייס איך עס דאָס אַלעס וואָס איך האָב וועגען דעם דאָזיגען סוד געזאָגט.

איז רבי אלעזר געקומען און די גאַנצע חבריא און האָבען זיך צו דר'ערד געלעגט פאַר אים. זיי האָבען געוויינט און געזאָגט: ווען מיר זאָלען נים געווען קומען אויף דער וועלט נאָר דאָס צוהערען — וואָלט „אבא“ גענוג געווען.

כח התנועה. רבי יצחק זאָגט: דאָס איז דער כח הגוף. רבי אבהו האָט געזאָגט ווען דער גוף ווערט אויפגעבויט און קריגט צוריק זיין קיום און מען ברענגט אים קיין ארץ ישראל מקבל צו זיין דאָרטען זיין נשמה — ווארט דאָרטען אויף אים די נשמה און זי געהט אים ארויס אנטקעגען ווי עס איז געזאָגט ויצא יצחק לשוח בשדה און יצחק — די נשמה — איז ארויסגעגאנגען צו שפּאצירען אין פעלד.

ויעל לוט מצוער האָט ר' אבהו געזאָגט: קום און זעה וואָס ס'שטעהט געשריבען ביים יצר הרע. זאָלסט דיר וויסען זיין אז ער וועט קיינמאָל ניט בטל ווערען פון די מענשען ביז אָט יענער צייט אויף וועלכער איז געשריבען: והסירותי את לב האבן — און איך וועל אוועקנעמען דאָס שטיינערנע הארץ... וואָרים כאָטש ער זעהט אז מענשען ווערען גע'משפּט אין גיהנם קומט ער ווידער צו די מענשען. און דאָס איז וואָס איז געשריבען ויעל לוט מצוער פון צער פון גיהנם פון דאָרטען קומט ער איבערצוהערעדען די מענשען.

האָט ר' יהודה געזאָגט: דריי הנהגות*) האָט דער מענש די הנהגה פון שכל און חכמה. און דאָס איז דער כח פון דער הייליגער נשמה. און די הנהגה פון תאוה וואָס גלוסט צו אלע תאוות רעות. און דאָס איז דער כח התאוה. און די הנהגה וואָס פירט דעם מענשען און שטארקט דעם גוף און זי ווערט אָנגערופען נפש הגוף. האָט רב דומי געזאָגט: דאָס איז דער כח וואָס שטארקט. ר' יהודה האָט געזאָגט: קום און זעה — דער יצר הרע געוועלטיגט קיינמאָל ניט נאָר איבער די דאָזיגע צוויי כחות. וואָס מיר האָבען געזאָגט. דער נפש התאוה יאָגט זיך נאָך שטענדיג נאָך דעם יצר הרע. וואָרים עס שטעהט געשריבען ותאמר הבכירה אל הצעירה אבינו זקן. דער כח התאוה דערוועקט דעם אנדערען כח און רעדט איס אָן און דעם צווייטען צו באהעפטען זיך אָן דעם יצר הרע. און ער זאָגט: לאָמיר אנטרינקען אונזער פאָטער וויין און ליגען מיט אים: וואָס האָבען מיר אויף יענער וועלט. לאָמיר געהן און נאָכפאָלגען דעם יצר הרע און די תשוקות פון די תענוגי עולם הזה.

*) כחות וואָס פירען דעם מענשען.

מער. האָט ר׳ כהנא געזאָגט: דער לעבער איז דער ערשטער. פאר וואָס איז ער רויט ווייל ער שלינגט פריהער דאָס בלוט איין.

ר׳ אלעזר זאָגט: פאר וואָס ווערט ער אָנגערופען ראשון ווייל ער איז דער ערשטער איינצושלינגען דאָס בלוט פון גאנצען עסען און ער איז ראשון לדם אָבער ניט ליצירה. און ווי וועלען מיר איינטייטשען ורב יעבוד צעיר — ווייל ער איז עלטער און גרעסער מיט זיין כמות פון הארצען און ער באדינט דאָס הארץ.

אז רב כהנא איז געקומען האָט ער געזאָגט: אזוי זאָגען מיר אין נאָמען פון די הערען פון דער משנה: די צוויי בנינים פון גוף זענען דער לעבער און דאָס הארץ. וואָרים ר׳ שמעון האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי יהודה: דער לעבער און דאָס הארץ זענען די מנהיגים פון גוף מיט די אלע איברים זיינע. דער מנהיג פון קאָפּ איז דער מוח. פון גוף אָבער זענען צוויי. און דער ערשטער איז דער לעבער. דער צווייטער איז דאָס הארץ. און דאָס איז וואָס ס׳איז געשריבען אין דער פרשה ויתרוצצו הבנים בקרבה — דאָס זענען די צוויי בנינים פון גוף.

ר׳ יוסי האָט געזאָגט: וואָס מיינט דאָס וואָס שטעהט געשריבען ולרבקה אח ושמו לבן. האָט ר׳ יצחק געזאָגט: דער יצר הרע ווערט ניט בטל פון דער וועלט. אינגאנצען וועט ער ניט זיין אָבער אביסעל וועט ער זיין. קום און זעה. פריער ווען ער האָט זיך געפונען אויף דער וועלט האָט ער געהייסען לוט. אין דער וועלט וואָס דארף קומען וועט ער בטל ווערען פון דער וועלט אָבער ניט אינגאנצען און וועט הייסען דאן לבן *) שוין ניט אזא מנוול ווי פריער נאָר אן ארומגעוואשענער. צו וואָס באדארף מען דעם לבן. האָט ר׳ שמעון געזאָגט אויף פריה ורביה באדארף מען אים. וואָרים רבי שמעון האָט געזאָגט אז עס איז קיין יצר הרע ניטאָ איז קיין פריה ורביה ניטאָ.

קום און הער נאָכדעם וואָס דער גוף ווערט אויפגעבויט**) און פארמאָגט שוין זיין פולשטענדיגען קיום. וואָס שטעהט געשריבען: וישלחו את רבקה אחותם ואת מניקתה — און זיי האָבען געשיקט רבקה זייער שוועסטער און איר זויגערין. וואָס מיינט ואת מניקתה. דאָס איז דער

*) ווייס.

**) ווען מען וועט אויפשטעהן תחית המתים.

נעמט ער דאָס וואָרט און באַקרוינט עס מיט דריי הונדערט און זי־בעציג עטרות.

פליט דאָס וואָרט —
עס גהעט ארויף און עס גהעט אראָפּ —
און עס ווערט א הימעל באשאפען.

און אָט אזוי ווערען פון די אלע חכמה־ווערטער הימלען באשאפען וועלכע האלטען זיך אין זייער פולען תקון פאר דעם עתיק יומין און ער רופט זיי נייע הימלען — באנייטע הימלען. די פארבאָרגענע ענינים פון די סודות פון דער חכמה און אָט די אנדערע דברי תורה וואָס ווערען נתחדש האלטען אָן זייער קיום פאר קודשא בריך הוא. און זיי שטייגען ארויף — און עס ווערען די ארצות החיים באשאפען. און זיי לאָזען זיך אראָפּ און קרוינען זיך ארום ארום א ערד — און זי ווערט באנייט און ווערט אינגאנצען א נייע ערד דורך יענעם וואָרט וואָס איז נתחדש גע־וואָרען אין דער תורה.

און דערויף איז געשריבען (ישעיהו ס"ו) כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה עומדים לפני — ווי די נייע הימלען און די נייע ערד וואָס איך מאַך שטעהן פאר מיר. שטעהט ניט עשיתי איך האָב געמאכט נאָר עושה — וואָס איך מאַך שטענדיג פון די דאָזיגע חדושים און סודות פון דער תורה. און דערויף איז געשריבען (דאָרטען נ"א) ואשים דברי בפיך ובצל ידי כסיתיך לנטוע שמים וליסוד ארץ — און איך האָב געטאָן מיינע רייד אין דיין מויל און מיט דעם שאָטען פון מיין האנט האָב איך דיך פארדעקט צו פלאנצען די הימלען און גרינדען די ערד. שטעהט ניט השמים — די הימלען. נאָר שמים — הימלען.

האָט ר' אלעזר געזאָגט: וואָס מיינט ובצל ידי כסיתיך. האָט ער געזאָגט צו אים: בשעת עס איז איבערגעגעבען געוואָרען די תורה צו משה'ן זענען געקומען פיל צענדליגע טויזענטער פון די מלאכי עליון צו פארברענען אים מיט דעם פייער פלאַם פון זייער מויל — און קודשא בריך הוא האָט אים פארשטעלט. און איצט ווען דאָס דאָזיגע וואָרט שטייגט ארויף און שטעלט זיך באַקרוינט אוועק פאר קודשא בריך הוא פארשטעלט ער דאָס וואָרט און פארבאהאלט יענעם מענשען זיי זאָלען פון אים ניט וויסען נאָר קודשא בריך הוא און זיי זאָלען צו אים ניט פיהלען קיין קנאה — ביז עס ווערט פון וואָרט א נייער הימעל

ד) דער כח פון וואָרט

בראשית. ר' שמעון האָט אָנגעהויבען:

ואשים דברי בפיך (ישעיה נ"א) — און איך האָב געטאָן מיינע רייד אין דיין מויל. וויפיל דער מענש דאַרף זיך עס מיען אין דער תורה בייטאָג און ביינאַכט. וואָרים קודשא בריך הוא פאַרנעמט די שטימען פון די וואָס זענען עוסק בתורה. און מיט יעדען וואָרט וואָס דער וואָס מיט זיך אין דער תורה איז מחדש אין איר באַשאַפט ער א הימעל.

מיר האָבען געלערנט: אין יענעם מאָמענט ווען דער מענש איז א דבר־תורה פון זיין מויל מחדש שטייגט דאָס וואָרט ארויף און שטעלט זיך אוועק פאַר קודשא בריך הוא.

און קודשא בריך הוא נעמט דאָס וואָרט און קושט עס און באַקרוינט עס מיט זיבעציג עטרות — אויסגעשניצטע און אויסגעקריצטע.

און דאָס וואָרט פון חכמה*) וואָס דער מענש איז מחדש שטייגט ארויף און זעצט זיך אוועק אויף דעם קאָפּ פון צדיק חי עולמים און פליט פון דאָרטען און שוועבט ארום אין זיבעציג טויזענט וועלטען און קומט צו דעם עתיק יומין.

און די ווערטער פון עתיק יומין זענען אלע ווערטער קלוגע וועגען פאַרבאָרגענע סודות הויכע.

און דאָס דאָזיגע פאַרבאָרגענע וואָרט פון חכמה, וואָס איז נתחדש געוואָרען, באַהעפט זיך נאָך זיין ארויפשטייגען אין די אלע אנדערע ווער־טער פון עתיק יומין און שטייגט ארויף און נידערט אראָפּ צוזאמען מיט זיי און קומט אריין אין די אכצען פאַרבאָרגענע וועלטען וואָס קיין אויג האָט ניט געזעהן אויסער דיר גאָט אליין. פון דאָרטען געהען זיי ארויס און שוועבען ארום און קומען פולע און גאַנצע און שטעלען זיך אוועק פאַר דעם עתיק יומין.

אין יענעם מאָמענט גיט זיך אָפּ דער עתיק יומין מיט דעם נייעם וואָרט און עס איז ביי אים מער אָנגעלעגט פון אלע.

---

*) די חדושים וואָס מען איז מחדש על דרך הקבלה.

ארוים די אשה זונה און פארפעסטיגט זיך אין אים און ווערט א שותף צו אים.

און פון דארטען לאזט זי זיך ארוים און הרג'עט פיל טויזענטער און צענדליגע טויזענטער. ווארים ווען זי האלט זיך אין יענעם הימעל איז איר רשות און כח געגעבען דורכצופליען די גאנצע וועלט אין איין רגע. און דערויף שטעהט (ישעיה ה') הוי מושכי העון בחבלי השוא — וויי־געשרייען אויף די וואס ציען דעם אומרעכט מיט די שטריק פון פאלש־קייט. העון — דאס מיינט דעם דוכרא *) כעבות העגלה חטאה און ווי די גראבע שטריק פון א וואגען — די זינר. ווער איז דאס די חטאה. דאס איז די אשה זונה וואס ווערט אנגערופען חטאה. ער ציט צו אט יענעם א וואס ווערט אנגערופען עון מיט די האזיגע חבלי השוא. און נאכדעם כעבות העגלה חטאה — אט יענע זונה וואס ווערט אנגערופען חטאה. ווארים דארטען פארפעסטיגט זי זיך ארומצופליען און הרג'ענען מענשען. און דערויף ווערט געזאגט: כי רבים חללים הפילה — ווארים זי האט פיל קרבנות אומגעבראכט. אויף וועמען געהט עס דער הפילה — אט אויף יענער חטאה וואס הרג'עט מענשען.

און ווער איז עס גורם דערצו.

א תלמיד חכם וואס האט ניט דערגרייכט די מדרגה פון לערנען יענעם און ער לערנט יא — רחמנא ליצלן.

האט ר' שמעון געזאגט צו דער חבריא: איך בעט זיך ביי אייך איר זאלט ניט ארויסברענגען קיין דבר־תורה פון אייער מויל וואס איר ווייסט ניט ווי געהעריג און עס איז ניט די פרוכט פון א גרויסען בוים **) כדי איר זאלט ניט גורם זיין דערצו — יענע חטאה זאל הרג'ענען מאסען מענשען אומזיסט.

האבען זיי זיך אנגערופען אלע און געזאגט: גאט זאל אונז אויס־היטען. גאט זאל אונז אויסהיטען.

*) זכר, דער איש תהפוכות.

**) איר האט עס ביט געהערט פון א גרויסען אויטאריטעט.

און א נייע ערד באשאפען. און דאָס איז וואָס איז געשריבען: ובצל ידי כסיתיך לנטוע שמים וליסוד ארץ. דערפון איז געדרונגען אז יעדעס וואָרט וואָס איז פארבאָרגען פון אויג שטייגט ארויף פאר א העכערען צוועק. דעריבער שטעהט (דאָרטען) ובצל ידי כסיתיך. און פארוואָס איז דאָס פארשטעלט און פארהוילען פון אויג — פאר א העכערען צוועק. און דעריבער איז געשריבען לנטוע שמים וליסוד ארץ ווי עס איז געזאָגט געוואָרען.

ולאמר לציון עמי אתה — און זאָגען צו ציון: ביזט מיין פאָלק: זאָגען צו די דאָזיגע ווערטער וועלכע זענען באהעפט איינע צו די צווייטע עמי אתה. זאָלסט דו ניט לייענען עמי *) אתה — מיין פאָלק ביזט דו. נאָר עמי**) אתה — מיט מיר ביזט דו — צו זיין א שתוף מיט מיר. אזוי ווי איך האָב מיט מיין וואָרט באשאפען הימעל און ערד ווי עס איז געלערנט געוואָרען בדבר ה' שמים נעשו — דורך גאָט'ס וואָרט זענען די הימלען געמאכט געוואָרען — אזוי ביזטו אויך.

בעלי זכיה זענען די וואָס זענען עוסק בתורה. און אפשר וועסטו זאָגען אז דאָס וואָרט פון יעדען ניט מומחה איז בכח דאָס צו טאָן — קום און זעה אז דער וואָס זיין וועג איז ניט איבער די סודות פון דער תורה און ער איז מחדש זאכען וואָס ער ווייסט ניט אויף קלאָר און געהעריג — שטייגט דאָס וואָרט און עס געהט ארויס אנטקעגען דעם (משלי ט"ז) דער איש תהפוכות לשון שקר***) פון דער הייל פון גרויסען תהום. ער גיט א שפרונג פינף הונדערט מייל אנטקעגען וואָרט. און ער נעמט עס און געהט מיט דעם וואָרט צו זיין הייל און ער באשאפט דאָרטען מיט דעם א הימעל פון שוא****) וואָס ווערט אָנגערופען תהו. און דער איש תהפוכות פליט אין יענעם הימעל זעקס טויזענט מייל מיט איין מאָל.

און אז דער דאָזיגער הימעל פון שוא ווערט באשאפען געהט באלד

---

*) מיט אַ פת"ח אונטער דעם עיי"ן.

**) מיט אַ חיריק אונטער דעם עיי"ן.

***) דער מענש פון קרומע וועגען און פאלשען צונג.

****) שוא ושקר.

ויאמר —

ע ר האָט געזאָגט צ ו אלהים:

יהי אור.

דער האר פון בנין זאָגט —

און דער מייסטער מאכט באלד.

און אזוי זענען אויפגעשטעלט געוואָרען די אלע בנינים וואָס זענען באשאפען געוואָרען בדרך האצילות.

ער האָט געזאָגט יהי רקיע. יהי מאורות.

און אלעס איז געוואָרען באלד.

ווען ער איז געקומען צום עולם הנפרד וואָס איז דער עולם הנבדלים — האָט דער מייסטער געזאָגט צום האר פון בנין:

לאָמיר מאכען א מענשען אין אונזער פאָרם און אין אונזער געשטאלט.

האָט דער האר פון בנין געזאָגט:

עס וואָלט אודאי גוט געווען צו באשאפען אים. ער וועט אָבער זינדיגען פאר דיר. וואָרים ער איז א כסיל. און אָט דאָס איז עס וואָס שטעהט געשריבען (האָרטען י') בן חכם ישמח אב ובן כסיל תוגת אמו.

האָט זי זיך אָנגערופען:

היות ווי זיין זינד איז אין אמ"א אָנגעהאנגען און ניט אין אב"א — וויל איך אים באשאפען אין מיין געשטאלט.

און אָט דאָס איז עס וואָס שטעהט געשריבען ויברא אלהים את האָדם בצלמו —

און אבא האָט זיך ניט משתתף געווען אין זיין באשאפען.

ווען ער האָט זיך פארזינדיגט — וואָס שטעהט? —

ובפשעכם שולחה אמכם.

דער מלך האָט צו אמ"א געזאָגט:

האָב איך דען דיר ניט געזאָגט אז ער וועט זינדיגען.

און דאמאָלס האָט ער אים ארויסגעטריבען.

און אויך אמא מיט אים פארטריבען.

און צוליב דעם שטעהט געשריבען:

בן חכם ישמח אב ובן כסיל תוגת אמו.

ה) „אבא" ו„אמא"

ויאמר אלהים נעשה אדם. (תהלים כ"ה) סוד ה' ליראיו וגומר.

האָט יענער זקן הזקנים אָנגעהויבען און געזאָגט:

שמעון שמעון — ווער איז עס דער וואָס האָט געזאָגט? ויאמר אלהים נעשה אדם — ווער איז דאָס דאָ אָט דער אלהים? דערווייל איז אָט יענער זקן הזקנים אוועקגעפלויגען —

און ער האָט אים ניט געזעהן.

און היות ווי ר' שמעון האָט געהערט ווי ער האָט אים גערופען שמעון און ניט ר' שמעון — האָט ער געזאָגט צו די חברים זיינע:

עס מוז אודאי קודשא בריך הוא זיין. וואָרים עס איז וועגען אים געזאָגט געוואָרען: ועתיק יומין יתיב. איז יעצט די צייט צו רעדען וועגען יענעם סוד. וואָרים עס איז אודאי דאָ א סוד פאראן אויף וועלכען עס איז קיין רשות ניט געגעבען געוואָרען אים מגלה צו זיין. איצט אָבער ווייזט אויס איז יאָ געגעבען געוואָרען רשות דאָס צו טאָן.

האָט ער אָנגעהויבען און געזאָגט: ווי א מלך וואָס האָט געהאט פיעלע בנינים צו בויען און ער האָט געהאט א בוימייסטער. און יענער בוימייסטער האָט גאָר ניט געטאָן נאָר מיט דער ערלויבניש פון מלך. ווי עס איז געזאָגט: (משלי ה') ואהיה אצלו אמון.

דער מלך איז אודאי די חכמה העליונה אויבען.
און דער מיטעלסטער זייל איז דער מלך אונטען.
אלהים דער מייסטער אויבען איז אימא עלאה.
אלהים דער מייסטער אונטען איז די שכינתא דלתתא.

און א פרוי האָט קיין רעכט ניט צו טאָן עפּיס אָהן דעם רשות פון איר מאַן.

און די אלע בנינים וואָס זענען באשאפען געוואָרען אויף דעם דרך האצילות האָט אב"א געזאָגט מיט א וואָרט געווענדט צו אמ"א: אזוי און אזוי זאָל זיין —

און באלד איז דאָס געוואָרען.

ווי עס איז געזאָגט געוואָרען: ויאמר אלהים יהי אור. ויהי אור.

ער האָט געזאָגט: הבריא, הערט די דברים עתיקים וואָס איך וויל מגלה זיין נאָכדעם וואָס עס איז פון אויבען רשות געגעבען געוואָרען צו זאָגען עס.

וועֶר איז דאָס וואָס האָט געזאָגט: ראו כי אני אני הוא? אלא וואָס דען.

דאָס איז די אַלערהעכסטע עלה וואָס שטעהט איבער די אלע עלות. יענער וואָס ווערט אָנגערופען עלת העלות איז אַן עלה פון די י׳ עלות. וואָרים יעדער איינער פון די דאָזיגע עלות טוט קיין עובדא ניט ביז ער נעמט ניט קיין רשות פון דעם וואָס איז איבער איהם. ווי מיר האָבען עס געזאָגט אויבען ביי נעשה אָדם. נעשה איז אוודאי אויף צוויי געזאָגט געוואָרען, וואָרים דער האָט געזאָגט צו דעם וואָס איז העכער פון אים; נעשה: יעדער איינער פון זיי טוט גאָר ניט נאָר מיט דעם רשות און אויף דעם וואָרט פון דעם וואָס שטעהט העכער פאַר איהם. און דער העכערער פאַר אים ווידער טוט אויך גאָר ניט ביז ער איז זיך ניט מתייעץ מיט זיין חבר. אָבער אָט יענער וואָס ווערט אָנגערופען עלת על כל עלות וואָס ניט איבער איהם און אונטער איהם איז אַ גלייכער צו איהם פאַראַן ווי עס איז געזאָגט געוואָרען (ישעיה מ׳) ואל מי תדמוני ואשוה ואמר קדוש — ער האָט געזאָגט: ראו עתה כי אני אני הוא ואין אלהים עמדי וואָס ער וואָל נעמען אַן עצה פון אים — ווי עס איז געזאָגט געוואָרען: ואמר אלהים נעשה אָדם. האָט זיך די גאַנצע חבריא אויפגעשטעלט און געזאָגט: רבי גיב אונז רשות צו רעדען אויף דעם פּלאַץ.

האָבען זיי געזאָגט: האָסט דאָך געזאָגט אויבען אַז די עלת העלות האָט געזאָגט צו כת״ר נעשה אָדם.

האָט ער צו זיי געזאָגט: זאָלען אייערע אויערען הערען וואָס אייער מויל רעדט. האָב איך אייך דען ניט געזאָגט אָט ערשט אַז עס איז פאַראַן אַזוינער וואָס ווערט אָנגערופען עלת העלות און עס איז נאָך ניט יענער וואָס ווערט אָנגערופען עלת על כל עלות. וואָרים דער עלת על כל עלות האָט ניט קיין צווייטען און האָט ניט קיין שתוף און חשבון. וואָרים עס קען אַ אחד אויך אין שתוף זיין ווי זכר און נקיבה און עס איז געזאָגט געוואָרען אויף זיי (תּאַרטען נ״א) כי אחד קראתיו. ער איז אָבער איינער אָהן חשבון און אָהן שתוף. און צוליעב דעם האָט ער געזאָגט ואין אלהים עמדי.

בן חכם דאָס איז דער אדם פון אורח האצילות
ובן כסיל — דאָס איז דער אָדם פון דרך הבריאה.

* * *

איז די גאנצע הבריאה אויפגעשטאנען און געזאָגט:

רבי רבי — איז דען פאראן א פירוד צווישען אב"א און אמ"א — אז פון אב"א'ס צד זאָל ער זיין אין דרך אצילות און פון אמ"א'ס צד אין דרך הבריאה. האָט ער געזאָגט צו זיי: חבריא חבריא. עס איז ניט אזוי. וואָרים אָט דער אָדם דאצילות איז זכר ונקבה געווען — פון אב"א און אמ"א'ס צד. און דאָס איז דער ויאמר אלהים יהי אור. ויהי אור. יהי אור — פון אב"א'ס צד. ויהי אור פון אמ"א'ס צד. און דאָס מיינט אָדם דו פרצופין. דער אָדם אָבער האָט ניט קיין פאָרם און געשטאלט. אלא וואָס דען.

אייגער פון אמא עלאה'ס כנויי"ם באטרעפט אלהים. און אָט יענער נאָמען איז אור וחושך. און צוליב אָט דעם חושך וואָס געפינט זיך אין יענעם נאָמען — האָט אבא געזאָגט אז ער וועט זיך פארזינדי־גען פאר דעם אָדם דאצילות וואָס איז אור — לבוש עליון. און דאָס איז אָט די ליכט וואָס קודשא בריך הוא האָט באשאפען אין ערשטען טאָג און באהאלטען זי פאר די צדיקים. און דער חושך איז אָט דער וואָס איז באַשאפען געוואָרען אין ערשטען טאָג פאר די רשעים ווי עס איז געזאָגט געוואָרען (שמואל א' ב') ורשעים בחושך יהמו. און צוליב אָט יענעם חושך וואָס איז אָנגעברייט געווען צו זינדיגען אנטקעגען יענעם אור — האָט אבא ניט געוואָלט זיך משתתף זיין אין אים.

און דעריבער האָט ער געזאָגט: נעשה אָדם בצלמנו. בצלמנו איז אָט יענער אור וכדמותנו — איז אָט יענער חושך וואָס איז א לבוש צום אור אזוי ווי דער גוף איז א לבוש צו דער נשמה. ווי עס איז געשריבען (איוב י') עור ובשר תלבישני.

האָבען זיי זיך אַלע געפרעהט און געזאָגט: גרויס איז אונזער זכות וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו הערען זאכען וואָס זענען ניט געהערט געוואָרען ביז איצט.

און ווידער האָט אָנגעהויבען רבי שמעון און געזאָגט (דברים ל"ב): ראו עתה כי אני הוא הוא ואין אלהים עמדי וגומר.

ו) די סעודה אויף יענער וועלט

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט אז די סעודה פון די צדיקים אויף יענער וועלט איז ווי דאָס וואָס איז געשריבען (שמות כ״ד) ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו — און זיי האָבען געזעהן גאָט און געגעסען און געטרונקען. און דאָס איז עס וואָס מיר האָבען געלערנט ניזונין — זיי ווערען געשפייזט.

און ווידער האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: אין איין פלאַץ האָבען מיר געלערנט נהנין — זיי זענען נהנה. און אין א צווייטען פלאַץ האָבען מיר געלערנט נזונין — זיי ווערען געשפייזט. וואָס איז דער אונטערשיד צווישען דעם און דעם. אלא וואָס דען. דער טאטע האָט אזוי געזאָגט: די צדיקים וואָס זייער זכות איז ניט גאָר גרויס געווען וועלען נאָר נהנה זיין פון יענער לויטערקייט. וואָרים זיי וועלען ניט משיג זיין אזוי־פיל. די צדיקים אָבער וואָס זענען יאָ גרויסע בעלי זכיה געווען וועלען געשפייזט ווערען ביז זיי וועלען א השגה שלימה משיג זיין — און קיין אנדער עסען און טרינקען אויסער די איז ניט פאראַן. נאָר דאָס איז עס די סעודה און נאָר דאָס איז עס דאָס טרינקען.

און פון וואנען ווייסען מיר דאָס.

פון משה׳ן.

וואָרים עס איז געשריבען (שמות ל״ד) ויהי שם עם ה׳ ארבעים יום וארבעים לילה לחם לא אכל ומים לא שתה — און ער איז געווען דאָרטען מיט גאָט פערציג טעג און פערציג נעכט. קיין ברויט האָט ער ניט געגעסען און קיין וואסער האָט ער ניט געטרונקען. און אויף דעם אופן וועט אויך זיין די סעודה פון די צדיקים אויף יענער וועלט.

האָט ר׳ יהודה געזאָגט: די סעודה פון די צדיקים אויף יענער וועלט איז צו משמח זיין זיך מיט ז י י ן שמחה. און דאָס מיינט וואָס ס׳איז געשריבען (תהלים ל״ד) ישמעו ענוים וישמחו, די פרומע וועלען הערען און זיך פרעהען. רב הונא האָט געזאָגט פון דאנען (דאָרטען ה׳) וישמחו כל חוסי בך לעולם ירננו — און עס וועלען זיך פרעהען די

זיינען זיי אלע אויפגעשטאנען און צו דר'ערד געלעגט זיך פאר אים און געזאגט: א בעל זוכה איז דער מענש וואס זיין באשעפער האט איהם באוויליגט מגלה צו זיין סודות באהאלטענע וואס זיינען צו די הייליגע מלאכים ניט אנטפלעקט געוואָרען.

געוואָרען — האָבען זיי א פסוק געפונען און גע׳דרש׳ענט. וואָרים עס שטעהט געשריבען ואכלתם לחמכם לשובע — און איר וועט עסען אייער ברויט צו זאט. ווי ר׳ זירא האָט געזאָגט: מיט אלערליי מינים איינ־רעדען האָט הקדוש ברוך הוא איינגערעדט די אידען ער זאָל זיי מחזיר למוטב זיין. און דאָס איז דאָס גרעסטע פון אלע. וואָרים ער האָט זיי געזאָגט: ואכלתם לחמכם לשובע. און ביי די קללות שטעהט: ואכלתם ולא תשבעו — און איר וועט עסען און ניט זאט ווערען. און דאָס איז ביי זיי ערגער געווען ווי אלע קללות. פאר וואָס. וואָרים עס איז גע־שריבען (שמות ט״ז) מי יתן מותנו ביד ה׳ בארץ מצרים — הלואי וואָל־טען מיר געווען געשטאָרבען פון גאָט׳ס האנט אין לאנד מצרים. האָט ר׳ זירא געזאָגט: דערפון איז געדרונגען אז צוליב דער אכילה האָבען זיי אויף זיך דעם טויט געבעטען. און ווען גאָט האָט געזעהן זייער תאוה האָט ער צו זיי געזאָגט: אויב איר וועט הערען צום קול פון די מצוות וועט איר עסען צו זאט — כדי צו בארואיגען זייער געדאנק.

און דאָס אייגענע איז אויך דאָ.

די רבנן האָבען געזעהן אז דער גלות ציט זיך האָבען זיי זיך גע־שטיצט אויף די פסוקים פון דער תורה און האָבען געזאָגט אז עס שטעהט זיי פאָר צו עסען און צו פרעהען זיך אויף דער גרויסער סעודה וואָס קודשא בריך הוא איז גרייט צו מאכען פאר זיי. און דערפאר ליידט דער רוב וועלט גלות — צוליב אָט יענער סעודה.

אלע וואָס שיצען זיך אין דיר. זיי וועלען זינגען אייביג. האָט געזאָגט ר׳ יצחק: ביידע זענען אויף יענער וועלט.

און מיר האָבען געלערנט — האָט רב יוסי געזאָגט: דער יין המשומר וואָס שטעהט פון ששת ימי בראשית אָן — דאָס מיינט מען די אלע דברים עתיקים וואָס זענען צו קיין בן אָדם ניט אנטפּלעקט געוואָרען פון זינט אָן די וועלט איז באַשאפען געוואָרען און זיי זענען אָנגעבערייט אנטפּלעקט צו ווערען פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט. און האָס איז דאָס טרינקען. און דאָס עסען איז אודאי נאָר דאָס.

האָט ר׳ יהודה ברבי שלום געזאָגט: אויב אזוי — וואָס איז דער לויתן און וואָס איז דער שור הבר ווי עס איז געשריבען (איוב מ׳) כי בול הרים ישאו לו — ווארים דעם אָקס פון די בערג וועלען זיי צו אים ברענגען האָט רבי יוסי געזאָגט: און עס שטעהט דאָך (ישעיה כ״ז) בעת ההיא יפקוד יי׳ בחרבו הקשה והגדולה והחזקה על לויתן נחש בריח ועל לויתן נחש עקלתון והרג את התנין אשר בים — אין יענער צייט וועט באַפעלען גאָט מיט זיין שווערער און גרויסער און שטאַרקער שווערד אויף דעם לויתן וואָס איז ווי אַ גראַדער שלאַנג און אויף דעם לויתן וואָס איז ווי אַ קרומער שלאַנג און ער וועט הרג׳ענען דעם גרויסען פיש וואָס איז אין ים. האָבען מיר דאָך דאָ דריי. נאָר וואָס דען — עס איז אַ רמז מיט וועלכען ער איז מרמז אויף די מלוכות.

האָט געזאָגט רבי תנחום: עס איז ניטאָ וואָס צו זאָגען געגען דעם וואָס די רבנן האָבען געזאָגט. אודאי איז עס אזוי.

רבי יצחק האָט געזאָגט: איך בין געווען פאַר רבי יהושע און געפרעגט אים וועגען דעם ענין. איך האָב געזאָגט: די סעודה פון די צדיקים אויף יענער וועלט — אויב עס איז א ז ו י לעגט זיך עס מיר ניט אויפ׳ן הארצען. ווארים רבי אלעזר האָט דאָך געזאָגט: ד צדיקים אויף יענער וועלט איז אויף דעם אופן ווי עס איז געשריבען (שמות כ״ד) ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו. האָט רבי יהושע געזאָגט: ריכטיג האָט רבי אלעזר געזאָגט און אזוי איז עס.

און ווידער האָט רבי יהושע געזאָגט: אָט די הבטחה וואָס די רבנן האָבען צוגעזאָגט צו די מערסטע מענשען פון דער וועלט אז ס׳שטעהט זיי פאַר די סעודה פון לויתן און שור הבר און זיי וועלען טרינקען דעם גוטען וויין. וואָס שטעהט און ווארט פון זינט די וועלט איז באשאפען

איז וואָס איז געווען אין טאָג ווען ער האָט געמאכט די סעודה. עס שטעהט געשריבען (בראשית כ"א) ויגדל הילד ויגמל — און דאָס קינד איז געוואקסען און אנטוועהנט געוואָרען. ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק — און אברהם האָט געמאכט א גרויסע סעודה אין טאָג פון אנטוויינען יצחק'ען —

אברהם האָט געמאכט א סעודה און האָט גערופען די אלע גדולי הדור צו דער סעודה. און מיר האָבען געלערנט: אויף יעדער סעודה של שמחה געהט יענער מקטרג און זעהט: אויב דער בעל שמחה האָט געפעדערט פון זיין גוטס צו אָרימע לייט און אויך אין הויז ביי אים געפינען זיך אָרימע לייט — געהט דער מקטרג אוועק פון הויז און געהט ניט אריין אהין. און אויב ניט — געהט ער אריין אהין און דערזעהט ווי מען טומעלט זיך דאָרטען און מען איז זיך משמח אָהן אָרימע לייט און אָהן מתנות שיקען צו אָרימע לייט — געהט ער ארויף אויבען און איז מקטרג אויף אים.

אברהם — ווען ער האָט איינגעלאדען די גדולי הדור איז דער מקטרג אראָפּגעקומען און האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער טיר פאַר־שטעלט ווי אן אָרימאן — און עס איז ניט געווען קיינער וואָס זאָל זיך אומקוקען אויף אים —

אברהם האָט באדינט די אלע מלכים ושרים. שרה האָט אלעמען די קינדער אָנגעזויגען. וואָרים זיי האָבען ניט געגלויבט אז זי האָט גע־בוירען יצחק'ן. נאָר זיי האָבען געזאָגט, אז ער איז אן אויפגעקליבענער און פון מארק האָט מען אים געבראכט. דעריבער האָבען זיי געבראכט זייערע קינדער מיט זיך. און שרה האָט זיי גענומען און געגעבען זיי זויגען פאר זייערע אויגען. און אָט דאָס איז עס וואָס שטעהט געשרי־בען: מי מלל לאברהם הניקה בנים שרה — ווער וואָלט עס געזאָגט אברהם'ן אז שרה וועט געבען זויגען קינדער — אודאי ק י נ ד ע ר.

און יענער מקטרג שטעהט זיך ביי דער טיר.

האָט זי געזאָגט: צחוק עשה לי אלהים — געלעכטער האָט מיר גאָט געטאָן.

איז באלד יענער מקטרג ארויף פאר קודשא בריך הוא און געזאָגט צו אים:

ז) שטן מקטרג

האָט זיך אָנגערופען ר' שמעון און געזאָגט: דער וואָס פרעהט זיך אין די יום־טובים און ער גיט ניט צו קודשא בריך הוא זיין טייל — האָט דער שטן אָט יענעם רע עין פיינט און ער איז מקטרג אויף אים און נעמט אים אוועק פון דער וועלט און איז אים גורם צרות אויף צרות פיל.

און גאָט'ס טייל איז — צו פארשאפען פרייד דעם אָרימאַן כפי ער איז ביכולת דאָס צו טאָן.

וואָרים קודשא בריך הוא קומט אין ד י טעג צו זעהן אָט די צע־בראָכענע כלים זיינע. ער קומט צו זיי און דערזעהט אז זיי האָבען זיך ניט מיט וואָס צו פרעהען. וויינט ער איבער זיי און געהט צוריק אויבען חרוב צו מאכען די וועלט.

קומען די ישיבה־קינדער *) פאר אים און זאָגען:

האר פון דער וועלט — דו ווערסט אָנגערופען רחום וחנון. זאָל דיין רחמנות נידערען אויף דיינע קינדער.

זאָגט ער צו זיי:

איך האָב דאָך די וועלט באשאפען נאָר אויף חסד וואָרים עס איז געשריבען: (תהלים פ"ט) אמרתי עולם חסד יבנה — איך האָב געזאָגט די וועלט זאָל אויף חסד זיין געבויט. און אויף דעם האלט זיך די וועלט.

זאָגען פאר אים די מלאכי עליון: האר פון דער וועלט — אָט איז יענער**) וואָס האָט געגעסען און געזעטיגט זיך און געקאָנט גוטס טאָן צו די אָרימע לייט — און ער האָט זיי גאָר ניט געגעבען.

קומט דאן אָט יענער מקטרג און מאָנט ערלויבניש און יאָגט זיך נאָך אָט יענעם מענשען.

ווען מען האָבען מיר אויף דער וועלט א גרעסערען פון אברהם אָבינו וועלכער האָט געטאָן גוטס צו אלע באשעפענישען.

---

*) די נשמות פון די צדיקים.

**) זאָל ער אַליין די שטראָף ליידען און ניט די גאנצע וועלט.

לידער אין וואָרט און בילד :

מ. בראָדערזאָן
דריי לידער.

דוד זון
קוויינטען.

ח. קרול
לידער.

מאַרק שוואַרץ
צייכנונגען אין פען און טינט.

באַרטשינסקי
ד. העכט :
עטשינגס.

הערשעלע
בארעלאך.

האר פון דער וועלט — דו האָסט געזאָגט אברהם אוהבי — אברהם וואָס האָט מיך ליב. האָט ער געמאַכט אַ סעודה און גאָר ניט געגעבען — ניט דיר און ניט די אָרימע לייט. און ער האָט פאר דיר אפילו קיין טויב ניט מקריב געווען. און ווידער. שרה האָט געזאָגט אז דו האָסט געלאכט פון איר.

האָט קודשא בריך הוא צו אים געזאָגט: ווער נאָך איז אויף דער וועלט ווי אברהם.

און ער האָט ניט אָפּגעטראָטען פון דאָרטען ביז ער האָט צעטומעלט די גאנצע שמחה. און קודשא בריך הוא האָט באפוילען צו ברענגען יצחק'ן פאר אַ קרבן. און עס איז נגזר געוואָרען אויף שרה'ן אז זי זאָל שטאַרבען פון צער איבער איר זוהן.

אָט דעם גאנצען צער האָט גורם געווען דאָס וואָס ער האָט די אָרימע לייט גאָר ניט געגעבען.

ש. צ. זעצער:

געקעמפּט, געקעמפּט מיט זיך...

געקעמפּט, געקעמפּט מיט זיך —
און אומבאזיגט געבליבען:
עס ווייקט אין זינד מיין הארץ —
און אומריין — מיין געדאנק.

אָ, גאָט, מיין גרויסער גאָט,
דערבארעם זיך אויף מיר —
און שיק מיר צו דיין הילף:
וואָרים צו שוואך בין איך —
צו באקעמפען זיך אליין.

עס בענקט מיין הארץ און גארט
צו זעהן דיין אָנבליק, גאָט.
עס בענקט מיין הארץ, עס גארט —
צו הערען דיין הייליג וואָרט.

גאָלד.

פון בלויע זומער־נעכט מעוברת שפריצט ארויס א גאָלדען בליץ,
דערזאָגט פון ווייטען דונער־קריץ...

און ס'גיט אינאיינעם פון די זאמדען־בערגלאך זיך א זעץ
א גאָלדענער, א בייכיגער, אן אלטער ליז,
א קאלט־פארגליווערטער, און עגל זהב־געץ...

און ס'קומען ש ט י ל ע מ י י ד ל א ך פון די בלויע נעכט.
און יעדער ווינט די צעפּ די הייסע פלעכט.

און עמיצ'ס לאנגע צארטע פינגער ווייטאָג'דיג פארברעכט,
און מורמעלט: „ב'האָב דיך האָלד,
מיין קרוין... מ י י ן ג אָ ל ד . . . איך האָב דיך האָלד!"

און איינע פון די פרויען נעמט ארום דעם האלז פון גאָלדען קאלב.
און אלע איבעריגע בילדען גלייך א לעבעדיגען לאָרבער־קראנץ
אין קארעהאָד, אין תאוה'דיגען טאנץ.
און טריפען שמחה'דיגען טרערען־זאלב...

און ס'שלאָגט פון ליז א שטורעמדיגע היץ,
ווען ס'שפריצט אין זומער־נעכט — מעוברת — בליץ נאָך בליץ. —

בלינד.

ס'איז א נאכט, א שווארצע נאכט, ווי בלינד!
און ווי בלינד איז אויך מיין הייליג זינד.
און ווי בלינד, נישט זיכער איז דער וואנטער־ווינט.
און ווי טרויעריג, פון נאכט פארבלענדטע, בילען הינט.
די לבנה איז אין כמארע־שלייער איינגעשפינט.
און א רעגען אָהן רחמנות אויף די וועגען בלינדע רינט.
און א בעטלער ביי א קרייץ פארשלאָפען דיענט.
אויף א בלאָטקע איצט א שד א ליכטעל צינדט.
פירט מיך איצט מיין הארץ צו גאָט דורך תשובה בלינד!
— וואס וועט זיין אצינד?

מ. בראָדערזאָן:
די יונגע פרוי שטייט אויפ'ן וואַרט־טורעם.

די יונגפרוי־ש י י נ ק י י ט שטייט פאַר'צער'ט, און וואַרט, און וואַכט.
און ס'גייט אוועק א טאָג, און ס'גייט אוועק א נאַכט.

און א ו נ ז באוואַכט די פרוי, באוואַכט איר יוגענט ריין,
און אין איר לאַכען — טרערט, און שמייכעלט אין געוויין.

און וואָס איז איר באַשערט, און וואָס איר אויג באַגערט —
דאָס ווייסט האָך אונזער הארץ, וואָס סוד־סודות הערט!

פאַרקלערט איז איצט איר בליק — די אויגען אויפגעמאַכט:
וואָס האָט די רגע איצט, איצינדער איר געבראַכט?

פון נאָענטען, צי פון ווייט אַ מינעזינגער רייט,
אַ פלינקער ריטער רייט — דער ריטער איז ד י צ י י ט...

און ס'גייט אוועק א נאַכט, און ס'גייט אוועק א טאָג.
אַ קלאָג־ליד קלינגט און שטיל א טרויעריגער גלאָק.

ווער ווייסט פון צייט דעם ברעג? ווער ווייסט פון צייט דעם וועג?
ווי גייט די צייט פ א ר ב י י אין פריידען, צי אין שרעק?

אין אומעטיגע ט ע ג פאַרגייט די זון, ווי ר ו י ט,
און ס'קומט די אלטקייט אָן, געאָרעמט מיט'ן טויט...

אין אומעטיגע נעכט איז טיף דער הימעל בלאַס:
פאַר האָס איז עס אזוי? צו איז עס נאָר אין שפּאַס?

און ס'גייט אוועק א טאָג, און ס'גייט אוועק א נאַכט — — — —
און אויף דעם טורעם וואַרט די יונגפרוי, און זי ו ו א כ ט.

ווינטער.

אין טיף געפאלענעם שניי
לויף איך
יונג —
מיינע פיס דערהויבען שטאפלען
צום הימעל.

אין בלאסקייט פון אליין
טראָגען די טורעמס לבנה־העמדער —
פרייען זיך די נאכטוואנדלער,
ציטערט אין הארץ ביי זיי
א נס.

* * *

איך
אויף אומזיכטבארע פליגעל
צי
ווייט ווייט —

שטראלט מיך,
דערהויבט מיך
יעדע רגע.

בלויערהייט
פיל איך
נאָט.

א תפלה.

גאָט — שטארק זיך אין אונז,
לאָז דיין ווילען נישט א וואקעל טאָן,
היל דיך אין בלויע שלייערען
פון מילדקייט.

דוד זון:
קווינטען.

דאָס גאָלד פון דער ערשטער זון
באַטויט
ליגט אויף מיין קאָפּ,
דער גרונט פון ים
אין מיינע אויגען —
אויף דער שוואַנגערער שווארצער ערד
בין איך
אָדם הראשון.

פון מיין זיין.

בין איך ווילד,
טראָג איך מיינע הענט
צום וואסערפאל
פון גרינע בלוטען —
לויף איך קרום
אין זאַלץ־גריבער
מיט מיינע יונגע פיס —
— לאָך איך יונג
דורך זיבען שווארצע הימלען
און פריי זיך
איך בין.

ווילדע געננ
דרייען זיך פאר מיינע אויגען —
רייסען זיך מיינע טריט
בלוי
צום שווארצען.

טרייע,
גוטע,
מאַמע! — —

ווער האָט עס מיר אין האַרץ געפּליסטערט:
מאַמעס לעשען זיך די אויגען
פאַר קינדערס טרערען
און — וועלטען פאַרגייען
פאַר מאַמעס צער — —
ליבע —
שרעקסט זיך נישט פאַר דעם,
וואָס בלאַנזשעט אין אייביגען בלוט?

לאָדזש.

גאָט — שוועב־אויף אין אונז,
דערהויב רגע איבער רגע,
פארטיף דיין טיפקייט,
שאַף דיין שאפונג.

גאָט — זיי גאָט אין אונז!

חיים קרול:

פון בוך „אַליין“.

1

דער קלאָרער, ווייסער לייב
פון א נאקעטען עפּעל
ווערט באלד געעלטערט. —

מיין טאָג,
ביים ערשטען ליכט —
געטויט.

.2

כ'האָב היינט געפרעגט
מיינע פריינט: —
דריי פאר'חלומ'טע פלעשלאך,
אין וועלכע כ'צינד די ליכטער
פון מיין געמיט —
„ווער בין איך?“
און די פלעמער אין זייער מיילער
האָבען זיך פארלאָשען.

.3

פריינדין —
שוועסטער נאכט —
ווי טריי גלעטסטו מיין דערשראָקענעם שטערן,
און ווי גוט הויכסטו אין מיינע אָפענע אויגען.



הערשעלע:
בארעלאך.

א.

אינ'ם גלח'ס גארטען, פאר'ן קרומען צוים,
וואו די שמאלע זשיקע בלעזעלט זיך אין שוים,
איז געוואקסען לאנג אן אלטער גרויער בוים —
פול מיט בארעלאך;

אינ'ם טיפען הערבסט, די טריבע סליחות־טעג,
אינ'ם הימעל־גרוי, פארקלויבען זיך אין וועג,
אלע פייגעל הויך און שוועבען ווייט אוועק —
אין די כמארעלאך — — — —

אינ'ם בית־המדרש קומען זיך באנאנד,
אויפגעוועקט צו תשובה — פונ'ם שמש'ס האנט,
אלץ ארום צו השכמה, רב און קהל שפאנט,
אויס די שפארעלאך;

אויפ'ן ברייטען שליאך, צום שטאטישען יריד,
נאך די סוחרים־פורען — טאטע־מאמע מיט,
שלעפט מען זיך קונדסים צום באגלייט געהיט,
ווי די נארעלאך...

אינ'ם גלח'ס גארטען, רייסען זיך די היינט,
אינ'ם ווייסען קוימען, בייזערט זיך דער ווינט,
און דער אלטער בוים, צעטרייסעלט זיך געשווינד —
טיילט אונז בארעלאך — — —

אָפּטמאָל ראש־השנה, נאָכ'ן עסען גלייך,
קינד און קייט צו תשליך וואַרפט די זינד אין טייך,
און א פרום־געמורמעל ציט זיך אין דער הייך —
צו די כמארעלאך — — —

אויפ'ן וואַסער־פלאך צעקייקעלט זיך א וואַל,
פון די פעלדער — הוסט פאַרהילכט בייז א שאַל,
אינ'ם מערב־שוואַרץ פאַרגייט דער לעצטער שטראַל,
ווי די שפּאַרעלאך;

פון די סעדער — וועלק, אקעגען צווינטער־גאַנג,
טראָגט זיך ווייט פאַרביי א שיקסישער געזאַנג,
טוליעט אונז פאַרטרויט, פאַרטומעלט אין געדראַנג,
ווי די נאַרעלאך...

אינ'ם גלח'ס גאָרטען, רייסען זיך די הינט,
אינ'ם ווייסען קוימען בייזערט זיך דער ווינט,
און דער אַלטער בוים, צעטרייסעלט — גרוי פאַרשפּינט
פּוסט; אָן באַרעלאך — — —

ד.

אינ'ם גלח'ס גאָרטען, פאַר'ן קרומען צוים,
וואו די שמאָלע זשיקע בלעזעלט זיך אין שוים,
איז געוואַקסען לאַנג אן אַלטער גרויער בוים —
פול מיט באַרעלאך;

איינמאָל, שוין אין סוכות, נאָך די ערשטע פרעסט,
אינ'ם שווערען שניי, פאַרקראָכען פייכט צו געסט —
גליטשען זיך, געפונען ס'שיקסעל אין איר נעסט —
קאַלט און כמאַרעלאך — — —

ב.

אינ'ם גלח'ס גאָרטען, פאַר'ן קרומען צוים,
וואו די שמאָלע זשיקע בלעזעלט זיך אין שוים,
איז געוואַקסען לאַנג אַן אַלטער גרויער בוים —
פול מיט באַרעלאַך;

תמוז־היים, אין פרייטאָג, פריי פון חדר גראָד,
איילט מען זיך צום וואַסער, צו דער שבת־באָד,
טובלען זיך אויף כשר, שפּיגלען זיך בסוד —
אין די כמאַרעלאַך — — —

פון'ם וועבטער־שטיבעל, אויפ'ן פענסטער — קרום,
ווינקט צו אונז אַ שיקסעל, שמייכעלט זיס און שטום,
דער בית־מדרש'ניק פאַרגלאָצט די אויגען — פרום
דורך די שפּאַרעלאַך;

מיר, פאַרזאַמלען זיך דערנעבען אים אין קרייז,
ער, צעצוכעט זיך, צעאָטעמט שווער און הייס,
מיר, צעגליען רויט, באַגיסען זיך אין שווייס,
ווי די נאַרעלאַך...

אינ'ם גלח'ס גאָרטען, רייסען זיך די הינט,
אינ'ם ווייסען קוימען, בייזערט זיך דער ווינט,
און דער אַלטער בוים, צעטרייסעלט זיך פון זינד —
שיט אונז באַרעלאַך — — —

ג.

אינ'ם גלח'ס גאָרטען, פאַר'ן קרומען צוים,
וואו די שמאָלע זשיקע בלעזעלט זיך אין שוים,
איז געוואַקסען לאַנג אַן אַלטער גרויער בוים —
פול מיט באַרעלאַך;

ה. לייוויק:

מנחם.

זעליג קעסנער:

אָקטאַוו מירבאָ.

פאַר'ן האַלצען בריקעל צלמ'ט ניי ס'געצעלט,
ליידיג שיינט דאָס פענסטער, ליידיג — ווייט דאָס פעלד,
עפּעס פינטעלט אונז דער פּלאַץ אָהן בוים פארשטעלט —
דורך אין שפּאַרעלאַך;

דער בית־מדרש'ניק צעגוידערט כלומר'שט שטיל,
מיט א הספּד־קלאַג, ביים שדים־ראָד אין מיל —
מיר, משוררים, באַגלייטען ס'פּורים־שפּיל,
ווי די נאַרעלאַך...

אינ'ם גלח'ס גאָרטען, רייסען זיך די הינט,
אינ'ם ווייסען קוימען, בייזערט זיך דער ווינט,
און דער אַלטער בוים — אלס נעגעל־עדות דינט
פאַר די באַרעלאַך — — —

ה. לייוויק:

מנחם.

וואס האט יעדער פון אונז צו טאן מיט דעם, וואס מיר רופען אידיש פאלק מיט זיינע טיפען, קאריקאטורען, מיט זיין אינטעליגענץ און ארבייטער־מאסען, מיט זיינע באבעס און היינטוועלטיגע מיידלעך, מיט זיינע העלדען, סיי די, וואס ווערען פארשטאנען ווי אייגענע, און סיי די, וואס ווערען געדענקט ווי פרעמדע, מיט זיינע משומדים, בעלי תשובות, הענדלער און קרעמער, וואנדערענדיגע און איינגעזעסענע? אבסטראקט גענומען ווייסען מיר: מיר זענען אלע אידען, אין אונז פליסט עפעס אזא בלוט, וואס דער צוווייטער פון אונז קען עס גלייך דערשפירען, מיר האבען אהינטער אונז עפעס אזא מאדנע גרויסע געשיכטע, אלטע הונ־דערטער דורות ליגען אויף אונזערע אקסלען, מיר האבען פיזישע אויס־צייכנונגען: נעזער אזוינע, אויגען, האר־קאליר, אומרואיגע צוויי הונדערט און אכט פערציג אברים. צווישען די פעלקער פארנעמען מיר דעם פלאץ פון א באליידיגט געשלאגען פאלק, און אונזער נאציאנאלער טרוים איז דערלייזט צו ווערען, און נאך און נאך סמנים. אבער פריוואט, פערזענ־ליך, אלע טאג, אלע שעה, אין דעם קרייז פון אונזערע אייגענע יחיד'ישע איבערלעבונגען, צוזאמענשטויסען, פון דער רגע, ווען מיר שטייען אויף פון בעט ביז מיר לייגען זיך שלאפען צוריק — צי קענען מיר דען לעבען, און צי לעבען מיר טאקע מיט דעם שטענדיגען באוואוסטזיין, אז מ י ר ז ע נ ע ן א ל ע א י ד ע ן, אז מיר האבען א שיכות צו אלע זיינע טיפען, אז מיר זענען א טרויעריגער, צעבראכענער דור פון לאוראס, היינריכס און הערצעלס, און אז מיר האבען הינטער זיך אזא גרויסע פארגאנגענע געשיכטע? אזוינע פראגען האב איך מיר געפרעגט, לייע־נענדיג מנחם'ס ניט לאנג ערשינענעם בוך „זאמד". איך האב זיך גע־פרעגט ניט, חלילה, צו טאדלען מנחם'ן, אדער צו פארמינדערען דעם ווערט פון זיין בוך. נאר פארקערט, איך האב געוואלט קלאר מאכען

בייטער, געשעפטסלייט, רעדנער, דאָקטוירים, שרייבער, מיידלעך פון פאַר־שידענעם אויסזען, — ווייס איך, גאָר ניט טראַכטענדיג דערביי, אַז איך האָב אַ שיכות צו זיי און זיי צו מיר. איך בין זייערער. דאָס איז פאַר מיר אַ נאַטירליכקייט און ניט קיין פּראָבלעם, און איך בין מיט גאָר נישט פאַראַנטוואָרטליך צו זיי אַלס איד. און איך דאַרף ניט טראָגען אויף זיך זייער לאַסט, און זיי דאַרפען ניט טראָגען מיינעם. איך בין צו זיי ניט געקומען פון ערגעץ פון דער פרעמד. איך בין צו זיי איבערהויפּט ניט געקומען. איך בין מיט זיי, ווייל איך בין מיט זיי. איך בין ניט מחויב צו קלאָגען אויף זייער גורל, דערפאַר ווייל איך בין אַ איד. זיי ווילען עס נאָר ניט. ניטאָ קיין מאָטיוועו, אַז איך זאָל באַזונדער, פון אַ זייט ערגעץ, פאַרנעמען זיך מיט זייער אַלגעמיינעם מזל, אַז איך זאָל זיין צו זיי באַ־זונדער ווייך, סענטימענטאַל, נעמענדיג אין אַנבעטראַכט זייער גלות און אַזוי ווייטער און א. וו. אויב איך האָב זיי ווען עס איז פיינט בתכלית השנאה, האָב איך ניט קיין מורא פאַר דעם, איך באַגיי ניט קיין עולה מיט דעם קעגען דעם עם ישראל, ווייל איך בין איינער פון זיי, און האָב זיך אַליין אויך אַפּטמאָל פיינט בתכלית השנאה. איך ציטער ניט באַזונדער מיין הוט פאַר דער טראַגעדיע פון דער אידישער טאָכטער, אָדער פאַר דעם באַזונדערען גורל פון׳ם אידישען אינטעליגענט. אויב זייער טראַגיזם רופט אין מיר אַרוים עקעל, האָב איך ניט קיין מורא צו טראָגען אין זיך דעם געפיל פון עקעל, ווייל איך דאַרף זיי ניט שאַנעוועו. איך דאַרף זיי ניט מיטפילען, צוזאַמענגנעמען זיי אונטער איין דאַך. אויב איינער אָדער איינע פון זיי פאַראינטערעסירט מיך — נעם איך זיי אויף, קוק איך אויף זיי, בענק נאָך זיי, גיי נאָך נאָך זייערע טריט. אָבער קוקען אויף יעדען שטענדיג ווי אויף אַ טייל פון אַ כלל דאַרף איך ניט. איך בין ניט העכער פון זיי און ניט נידעריגער. איך בין אָבער אַנדערש פון זיי און יעדער פון זיי איז אַנדערש פון מיר און אויך פון דעם צווייטען, ווייל יעדער איז איינער און אַנדערש — פּרט און ניט כלל, און אויב איך קלאָג ווען אויף זייער גורל — איז ניט אויף זייערען, נאָר אויף מיינעם.

נאָר אַז אַנדערשמאָל קומט אַ רגע גאָר אַן אַנדערע. אומגעריכטער־הייט ווי דו גייסט אַזוי איבער די גאַסען צווישען דיינע נאַטירליכע איינענע, און דו טראַכסט זיך גאָר וועגען זאַכען, וואָס האָבען קיין שום שיכות ניט צו דעם לעבען פון די אַרומיגע — גיבען מיטאַמאָל אַ ציטער

פאַר זיך אַליין מיינע אייגענע אנרעגונגען, וואָס איך האָב געקראָגען פון׳ם בוך, און דערזען אין בילד די שווערקייט און די, אַזוי צו זאָגען, נאַציאָנאַלע וואונד, וואָס מנחם וויל אויפוועקען אין מיר און אין יעדערען פון אונז. פאַר אים אַליין האָט מנחם די וואונד שוין אויפגעוועקט, ניט נאָר אויפגעוועקט, נאָר ארויסגעשלעפּט זי פון אונטער דעם באַרג פון אַלע איבעריגע וואונדען און אוועקגעשטעלט אין פאָראויס, געמאַכט פאַר זיין לייט־מאָטיוו, פאַר דעם צענטער. און אַז מנחם האָט דאָס געוואָלט, און אויב ניט באוואוסטזיניג איז בלינדערהייט, — אין דעם צווייפעל איך ניט. אינ׳ם גאַנצען בוך איז ניטאָ קיין איין שורה, וואָס זאָל רעדען וועגען עפּעס אנדערש, ווי נאָר וועגען דעם לייט־מאָטיוו זיינעם. דאָס גאַנצע בוך איז איין כונה אויפצורייצען די וואונד, וואָס מער פאַנאַנדערצועפּענען זי, אָנשטעקען אַנדערע מיט איר, שפּילען זיך מיט איר, און אָפּט אויך צעוויינען זיך איבער איר.

האָט מנחם מיט אַלע זיינע פּאָעטישע מיטלען דערוויזען ארויפצוצווינגען אויף מיר זיין לייטמאָטיוו? יאָ, ער האָט עס דערוויזען; אָבער צי האָט מנחם דערפירט זיין לייטמאָטיוו צו דער הויך פון גרויסען אומגליק, אַלץ פאַרכאַפּענדער קאַטאַסטראָפע, וואָס דאָס אַליין איז אַ שיין און אַ טרייסט. אדער, צי האָט ער די פינסטערניש פון זיין לייטמאָטיוו דורכגעשטראָכען מיט עפּעס אַן אייגענעם שיין? — ניין, דאָס האָט ער ניט דערוויזען. אמת, אַ פּאָעט איז ניט מחויב אימיצען צו טרייסטען, אָדער פאַר אימיצען צו זוכען אַ שיין. און אויב אַ פּאָעט נעמט זיך אונטער צו זוכען אַ טרייסט און געפינט ניט — ווער קען צו אים עפּעס האָבען. אָבער צוגעהן צום אָפּגרונט פון נאַציאָנאַלען אומגליק און נאָר אַ וואָרף טאָן אַזוי אַ בליק אויף אים, און אַוועקגיין אָן דער זייט און אָנכאַפּען זיך נאָר פאַר די שאָטענס, וואָס ציען זיך פון אים; אין האַרצען פאַרלייקענען אים, ניט אָננעמען אים, און אין אַ מינוט פון ווייכקייט נאָר רחמנות האָבען אויף אים, באַוויינען אים — דאָס איז אַ סמן פון נאָך ניט דערזעענעם אמת.

ווידעראַמאָל: וואָס האָב איך און יעדערער פון אונז צו טאָן מיט די אַלע מענשען, וואָס מיר באַגעגענען טאָג איין טאָג אויס און וואָס רופען זיך — אידען? אַז איך גיי, למשל, איבער דער איסט־סייד, און איך זע אַזויפיל פאַרשיידענע אידישע געשטאַלטען, פּעדלער, אַר־

אויסערגעוועהנליכער וויזיאָן, וועט פֿאַרוואַנדעלט ווערען אין דער אויבענ־אויפיגער אויסערליכער וואַנדערער־טעמע, האַטעלען מאַטיוו, גלות־פֿאַר־לייקענונג, צאינה וראינה־בענקעניש, ווייל טיף אין זיך וועסטו שטענדיג וויסען, אַז דאָס וואָס דו האָסט גערופען אין י ע נ ע ר רגע: קומט זוכען נייע לענדער... — איז נאָר געווען אַז אויסברוך פֿון אַן אינווע־ניגסטען קול אין דיר, וואָס האָט געדאַרפט פֿון דיר אַרויסשרייען, אַרויס־שרייען און מעהר גאָר ניט. דאָס איז ניט געווען קיין רוף נאָך פֿאַ־לעסטינא, אַ טאַדלען, אַ פֿאַרוואורף, אַ פֿאַרלייקענונג פֿון גלות; ווייל דאַמאַלסט האָסטו גוט און שאַרף געזעהען, אַז ס'איז נ י ט אַ וואוהין צו געהן, ניטאָ קיין לענדער אַזוינע פֿאַר אונז און וועט ניט זיין, ווייל מיר זענען ניט קיין וואַנדערער, נאָר עפּעס אַנ־דערש, עפּעס מעהר פֿון דעם. ניט קיין האַטעלען איינוואַוינער, נאָר איינגעמויערטע, איינגעגראָבענע אין גראָבע, דיקע ווענט פֿון פֿעסטונגען, פֿעסטונגען מיט טויזענדער ניט געזעהענע אונטערהיילען, לאַבירינטען, קאַמערען — אונזערע פֿעסטונ־גען. דיין רוף: „קומט אוועקגעהן" איז געווען, פֿאַרקערט, אַ באַשטע־טיגונג, אַ קלאַפּ אין די טירען פֿון די פֿעסטונגען, אַ באַהעפֿטיגונג מיט אַלעמען, אַ צונויפגיסען און אויפלייזען זיך. דער ביטערער בעכער האָט אַ פֿינקעל געטאָן פֿאַר דיינע אויגען, און דו האָסט איהם אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט און געטרונקען. ביז'ן דעק געטרונקען...

מנחם דער דיכטער האָט פֿריהער, דוכט מיר, ווי עמיצער אַנדערש, דערזעהן י ע נ ע מינוט אין איהר גאַנצען אמת, דערזעהן, אַנגעשטעלט מויל און אויערען און געפּלעפּט געוואָרען. אָבער אַנשטאָט, קומענדיג צו זיך נאָך דער געזעהענער וויזיאָן, באַהאַלטען דעם סוד אין זיך, ניט אַרויפבריינגען איהם מעהר אויף די ליפּען, האָט מיט איהם פּאַסירט דאָס, וואָס עס האָט ניט געטאָרט פּאַסירען: ער ה אָ ט י ע נ ע מ י נ ו ט פֿ אַ ר וואַ נ ד ע ל ט א י ן ד ו י ע ר, ניט געהאַט גענוג מוט און האַרטקייט צו זיך אַליין אויפצוגעבען אַזאַ רייצענדען מאַטיוו, אַזאַ פֿאַר־טיגען פּאַטעטישען אינהאַלט, און ער האָט דעם סוד אויסגעזאָגט, און ניט

דיינע קני און ס׳גיט דיר אַ ברען אין מח: אָ ט ד אָ ס ז ע נ ע ן
ז י י ד אָ ד ד י א י ד ע ן, אָט די מאָדנע מענטשען די טויזענט יאָ־
רינע... און ס׳הייבט דיר אָן קלאַפּען איבער׳ן קאָפּ דאָס וואָרט: איד,
איד, איד, און עפּעס קריגט דאָס וואָרט אַ באַזונדער קלאַנג, פאַרב, ריח,
אַ באַזונדער שליטה אויף דיר. און אַלע, וואָס אַרום, ווערען איינס, און דו
ביסט אויך אינ׳ם איינס. דו ווילסט פאַרשטעלען דאָס פּנים מיט די הענט
און אין דיר שרייט אַזאַ שניידענדיגער זיכערער אייביגער קול: איד, איד.
אינדערפרי און באַטאָג און באַנאַכט, אין גאָס און אין שטוב, דורכאויס,
דורכאויס...

האָסט ניט מער קיין אַנדערע אינטערעסען, קיין אַנדערע אילו־
זיעס און קיין פאַרלאַנגען אחוץ די איינאיינציגע אילוזיע — איד, און
מער גאָר נישט. דאָס גאַנצע לעבען דיינס ווערט אָפּגעריסען, אָפּגע־
שניטען פון דיר און אַוועקגעשליידערט ערגעץ, און דו שטייסט עפּעס
אַזוי ווי באַ אַן אָנפאַנג, אָדער באַ אַ סוף, אויף אַ גרענעץ פון אונטער־
גאַנג, אָדער פון אויפגאַנג. ס׳איז אַלץ איינס, נאָר וואָס דו זאָלסט טאָן
דאַן, ווייסטו ניט. — צי אַוועקזעצען זיך אין מיטען דער גאָס און זיצען
און ניט רירען זיך, ווי אַ פאַרגליווערטער שטיין; צי פאַלען אויף די
קני אין אַ פאַרגאַנגענעם געוויין; צי גאָר נעמען לויפען הענדום פּענדום
איבער אַלע קוואַרטאַלען, איבערקערען טישלעך, קלאַגען, רייסען טירען,
שויבען, כאַפּען אַלעמען פאַר די קליידער און נעמען זיי שלעפּען; קומט.
קומט אַלע. קומט אַוועקגיין פון דאַנען, קומט אַנטלויפען... קומט זוכען
ערטער, לענדער, נייע לענדער... קומט אַלע, אַלע!...

דאָס געדויערט אָבער נאָר איין רגע. מער טאָר עס ניט און קען
ניט געדויערען. ווארום אויב ד אָ ס זאָל פאַרוואַנדלט ווערען אין
דויער — איז אַלץ אויס. קענסטו ניט לעבען מער סיידען זאָלסט זיך
אַנשלאָגען אָן דעם שוועל פון אומזין, אָדער, אויב דו ביסט ניט
גענוג שטאַרק צו זעהן דעם גאַנצען אמת פון דעם און דו ווילסט זיך
האַלטען אָן דעם שטענדיג — וועט די שאַרפקייט אָפּגעטעמפּט ווערען.
עס וועט ווערען וואַכעדיג און פּראַגראַמאַטיש, סענטימענטאַל־ליריש.
וועסט אָנהויבען מיינען, אַז דו ווייסט עפּעס באַשטימט און קלאָר,
דו ווייסט אַן אויסוועג, אַ תרופה, און דער גרויסער אונבאַגרייפ־
ליכער אידישער אונגליק, וואָס האָט זיך געוויזען פאַר דיר אין אַזאַ

קינסטלער, וואָס אין מנחמ'ען, ווייסט דאָס, וועהטאַגט, רוהט ניט. דער קינסטלער וויל ז י י נ ע געהיימנישען געשטאַלטיגען; דער קינסטלער וויל ניט קיין אַנטפלעקטע מאָטיוווען, ער וויל די פאַרבאַרגענע, ער וויל ניט ציהען אַלץ פון איין קוואַל — ער וויל איבערהויפט ניט שטעהן ביי אַן אָפענעם קוואַל און שעפען מיט גאַנצע הויפענס; דער קינסטלער וויל דאָס טייערסטע, — צוגעדעקטע קוואַלען, פאַרהאַקטע אויף זיבען שלעסער, און קיין שליסעל זאָל ניט זיין. מיט די אייגענע נעגעל זאָל ער רייסען די שלעסער, מיט'ן שטערען זאָל ער שלאָגען אין די טירען און נ י ט ק ע נ ע ן א ר י י נ ג ע ה ן...

ניט קיין דיכטער וואָלט מיט די לאַאוראַ'ס און היינריך'ס שנעל פאַרטיג געוואָרען. ער וואָלט פאַר זיי געפונען גלייך די ישועה, די גאַנגבאַרסטע ישועה פון היינטיגע צייטען — ציוניזם. אָבער מנחם דער דיכטער ווייס, אַז דאָס וועט זיי ניט ראַטעווען; זייער אומגליק ליגט ערגעץ טיפער, זיי ליידען פון אַ היים, פון גלות, אָבער דאָס זענען נאָר רייד, אַן אויסרייד. און דעם אמת באַהאַלטען זיי. און מנחם לאָזט זיי באַהאַלטען, צווינגט זיי ניט צו אַנטפלעקען זייער אמת, ער איז צו גוט צו צווינגען זיי. ער צווינגט זיי ניט, הויבט זיך אָן דוכטען, אַז אויך ער, מנחם, איז איינער פון זיי, זייער גלייכען. אין דער אמת'ן שטעהט מנחם פון דער זייט, אָדער געהט נאָך הינטער זיי נאָך זייערע טריט, און האָט נאָר רחמנות אויף זיי, זוכט פאַר זיי פאַרוויגענדיגע ווערטער און פאַלט אריין, אוים רחמנות צו זיי, אין געוויין. און ער היט זיך, דאָס געוויין זאָל ניט זיין צו שטאַרק, צו ביטער — זיי זאָלען חלילה ניט אריינפאַלען אין אַ גרעסערער פאַרצווייפלונג. און עס ווילט זיך איהם, מנחמ'ען, גאַנץ אָפט אַ קריץ טאָן מיט די ציין. ער פיהלט, אַז ער האָט זיי פיינט, עס עקעלט איהם פון זיי, און ער וואָלט געוואָלט, אַט אַזוי ווי ער געהט הינטער זיי, אַ זעץ טאָן זיי מיט'ן קולאַק איבער'ן קאָפּ און אויסשרייען: נעהמט אייך צו אַלדי שוואַרצע יאָר מיט אייער קלאָג־מוטערשען טראַגיזם!... און אָט, דוכט זיך, עפענען זיך שוין זיינע ליפּען און עס פויסטען זיך זיינע הענט, אָבער דער כח קומט ניט, דער איד, דער ניט אָפּטרעטענדיגער איד וואָס אין מנחמ'ען, דער רחמן בן רחמן, קריגט די אויבערהאַנט און זינגט.

און דאָס זעלבע מיט דער פּאָעמע „דער פרעמדער“, מיט דער

נאר אויסגעזאגט, צופויקט איהם א פ ע ן אויף אלע ראגעז, און עס איז געווארען ז י י ן פאעזי.

און עס האט ווידער פאסירט דאס, וואס עס האט געמוזט פאסירען: דאס שארפע טיפע אייגענארטיגע פון י ע נ ע ר זעהונג זאל אפגעטעמפט ווערען, אלטעגליך, אל־באקאנט־נאציאנאל, דאס מיסטעריעזע זאל צושוואומען ווערען, פון'ם אומבאגרייפליכען אידישען אומגליק, וואס דער דיכטער האט געזעהן אליין און אנדערש, און פארביג, זאל ווערען גרוי, כללי'ג, אלעמאל אונטער איין שיין, אין איין באשטימטער לופט. די אידישע טראגעדיע זאל ווערען די טראגעדיע פון'ם אייביגען וואנדערער, ד א ס א ו ן נ י ט מ ע ה ר. מיר אלע איינטיילנעמער אין דער טראגעדיע זענען האטעלניקעס, באדענלאזע, טראדיציאנלאזע, מיר שטעהען הינטער די פענסטער פון אונזערע באקאנטע קריסטען, און קוקען מיט קנאה ווי דארט ברענען היימישע יאלקעס, ווי עס טראגט זיך פון דארט דער ריח פון געשמאקע פסח'דיגע טארטען; אריינגעהן קענען מיר ניט, אהיים געהן האבען מיר ניט צו וועמען, געהן מיר ארום איבער שנייאיגע וועגען היינט א הערשעל, מארגען א היינריך, איבער־מארגען א נענריך, — און טאמער קומט שוין עמיצער אונז אויסלייזען — איז ער גאר א פ ר ע מ ד ע ר, א זייטיגער, ער פארשטעהט אונז ניט, און מיר פארשטעהען איהם ניט. איז וואס זאלען מיר טאן? מיר ווייסען ניט. ביסטו א וואנדערער — זוך ניט קיין היים, דאס איז דער גורל פון וואנדערער בלוט". בענק, אז דו ווילסט, נאך דיינע זיידעס און באבעס, געה פארביי דעם פארקאן פון די אלטע בית עולמ'ס און קלעם אין בענקעניש, בעט ביי גאט עס זאל שוין קומען דער טאג פון אפרוה.

איך פיהל דורכאויס, אז דער קינסטלער, וואס אין מנחמ'ען, האלט אין איין בייסען די פינגער, האלט אין איין פראטעסטירען: ניט אמת! ניט דאס איז דער וועג, ניט ד א ס האסטו געזעהן! דו טארסט ניט און דו קענסט ניט ארומטראגען זיך מיט דעם מאטיוו פון גלות פארלייקענונג. א קינסטלער פארלייקענט ניט, א קינסטלער ב א ש א פ ט, א קינסטלער האט א סוד, ז י י ן סוד. און מעג ער אלץ צושטערען, פארווארפען, איבערקערען די גאנצע וועלט מיט'ן קאפ אראפ — אבער זיין סוד בלייבט; בלייבט ניט קיין ארויסגעזאגטער, ניט קיין אנטפלעקטער, און דארום — ניט קיין צושטערטער, ניט קיין אפגעלייקענטער. דער

ערשיינונג פון זיין ערשטען בוך לידער. מיך אינטערעסירט דאָס, פאַר־שטעהט זיך, אָבער ניט דאָס איז געווען די הויפּט־רעגונג, וואָס האָט מיך ניט געלאָזען רוהען און געטריבען צו זאָגען דאָס אויבענגעזאָגטע.

מיך אינטריגירט, איבערהויפּט, דער פּ ל אַ נ ט ע ר אין וועלכען יעדער פּאָעט פּלאָנטערט זיך. וואוהין און פון וואַנען רייסט ער זיך? און וואָס שלאָגט ער זיך אָפּ, און צו וועמען ווענדט זיך דער בליק פון זיינע אויגען? מיך רעגט יעדער פּאָעט אָן און פאַר זיך, אַ ט א ז ו י ו ו י ע ר א י ז, און איך נעם אים אָן אַט אזוי ווי ער באווייזט זיך, אזוי ווי ער ו ו י ל זיך, באווייזען. און אין דעם זין איז מנחם, ווי אַן אמתער פּאָעט, א ן א מ ת פאַר זיך אליין.

דאָס בוך „זאמד“, נאָך דעם ערשטען בוך „א רינג אין דער קייט“. איז אַנ׳עטאַפּ ווייטער, ניט נאָר אין מנחם׳ס ליטעראַרישער טעטיגקייט, נאָר, איך וואָלט געזאָגט, אין מנחם׳ס לעבען, אין מנחם׳ס פּלאָנטער.

מנחם האָט דאָס בוך „זאמד“ אזוי ווי ניט אָנגעשריבען, נאָר א ר אָ פּ ג ע ר ע ד ט פון׳ם הארצען, האָט געמוזט אראָפּריידען און פארטיג ווערען מיט דעם, זאָל עס מער ניט הוידען זיך איבער די אַקסלען. ס׳איז געווען אַ לאַסט און ווי אַ לאַסט ארונטערגעוואָרפען געוואָרען. מנהם׳ען קומט ערשט אנקעגען דאָס שווערסטע, דאָס **אָ פּ גּ ר ו נ ט** י ג און זיין וועג צו דעם איז אָפּען פאַר אים, אָפּגעראַמט פון זייטיגקייטען. אויבענאויפיגקייטען. עס איז שווער צו לאָזען זיך טרעטען אויפ׳ן וועג צו אָפּגרונטען, אָבער ס׳איז רייצענד, צוזאָגענדיג, ניט פאַר קיינעם, נאָר פאַר זיך אליין. עס איז טונקעל, און — אפשר? ווער ווייס? — אפשר ליכטיג...

פאעמע, וואס האט באדארפט און געקענט זיין די וואונדערליכסטע, ווען מנחמ׳ס שנאה און פאראכטונג, וואס איך שפיר אין איהם, וואלט ניט אויפגעגעסען געווארען פון זיין אידישער רחמנות׳דיגער ליבשאפט. ווארום דאן וואלט דער פרעמדער ניט געווען שוין קיין פרעמדער, ער וואלט געווען אנ׳אייגענער גלייך פון אנפאנג, און דאן, נאך מער, וואלט דער איינענסטער געווארען א פרעמדער. די טראַגעדיע פון דעם פרעמדען וואלט ניט געווען דערפאר, וואס ער קען ניט, און וואס די ארומיגע אומשטענדען לאזען איהם ניט, אויסלייזען; נאר זי וואלט זיך אנגעהויבען ערשט דאן, ווען ער וואלט דערזעהן, אז ער קען שוין, און מען לאזט איהם, אויסלייזען, און נאך מעהר דאמאלסט, ווען ער האט שוין אויסגעלייזט. ווארים, איך זאג נאכאמאל, ווער ווייס, אפשר איז יעדער אויסלייזער א פרעמדער? אפשר טאר קיינער, אנ׳איינצעלנער, ניט קומען אויסלייזען? אפשר האט ער קיין רעכט ניט אויף דעם? קאן ניט האבען די זכיה דאַרויף, מוז באצאלען דערפאר מיט׳ן אייגענעם בלוט, מיט׳ן אייגענעם קאפ, מוז אוועקגעשליידערט ווערען, פארלארען ווערען, באשטראפט ווערען, ווייל עס קומט איהם די שטראף?

אפשר וויל גאר דאס פאלק ניט אויסגעלייזט ווערען פון עמיצען, ווייל אליין זיך אויסלייזען, און אויב דאס פאלק בענקט נאך דעם איינעם, וועט עס אבער קיינמאל, ווען דער איינער קומט, ניט אנערקענען אים. און מעג ער זיין טויזענד מאל אן אייגענער, וועט דאס פאלק אייביג זאגען: ניין, ניט דער, ניט דער. און מיט רעכט, ווייל קיינמאל וועט דער איינער ניט זיין דער. און אלעמאל וועט דער איינער מוזען שטארבען אין מדבר, אליין, פארלאזען, ניט האבענדיג אנגעקוקט אפילו דאס צוגעזאגטע לאנד. און אויב ניט אין מדבר — איז אין משוגעים־הויז, אדער אויף דער תליה...

איך האב זיך אפגעשטעלט אין מיינע עטליכע ווערטער הויפטזאכליך, אויף דעם הויפט־מאטיוו, אויף דעם פילאסאפישען הינטערגרונט פון מנחמ׳ס בוך. עס איז ניט געווען אין מיין אויפגאבע צו ריידען וועגען דער ליטעראַרישער זייט פונ׳ם בוך, אויף זיין פערז, אויף זיין טעכניק, וואס האט דורכגעמאכט א גאנץ גרויסע אנטוויקלונג זינד די

ווערק איז בלויז איינס איבערזעצט אין ענגליש: די ניט וויכטיגע דראמע „געשעפט איז געשעפט". און זאָל שוין אַן אמעריקאַנער לעזער נייגעריג ווערען און וועלען עטוואס מער אַיסגעפינען וועגען מירבאָ'ס לעבען און ווערק, וועט ער ניט האבען וואו זיך צו ווענדען. אין די פּינף אדער זעקס געשיכטען פון דער מאָדערנער פראנצויזישער ליטעראַטור וואס געפינען זיך אין ביבליאָטעק ווערט מירבאָ'ס נאָמען אפילו ניט דערמאַנט. אין אַן ערשט־ערשינענער מאָנומענטאַלער „געשיכטע פון דעם פראַנצויזישען ראָמאַן" גיט פּראָפעסאָר סעינטסבעריִ דרייסיג בלעטלעך צו פּאָל דע קאָק און ניט איין שורה צו אָקטאַוו מירבאָ... בלויז אין איין בוך פון קריטיקען איבער דער מאָדערנער פראַנצויזישער ליטעראַטור האָב איך געפונען מיר־באָ'ס נאָמען דערמאַנט. און אין דעם בוך איז ער געקרוינט געוואָרען מיט דעם עפּיטעט „דער שמוציגסטער שרייבער, וואָס די ליטעראַטור האָט ווען אַרויסגעבראַכט"...

אַזאַ שטעלונג איז גאַנץ נאַטירליך פאַר אמעריקע. אמעריקע איז דאָס לאַנד פון דעם „אַפּליפט"; זי איז נאָך אַלץ ניט אַרויסגעוואַקסען פון דער טעאָריע, אַז די הויפּט אויפגאַבע פון אַ קונסטווערק איז צו „דער־הייבען" דעם לעזער, צו געבען אים אַ פאַרצוקערט און צוגעפּוצט בילד פון לעבען. קוקענדיג פון אַזאַ שטאַנדפּונקט אויף די ווערק פון אָקטאַוו מירבאָ זענען זיי געוויס „קראַנקהאַפט, עראָטיש, פּאָרנאָגראַפיש", א. א. וו. שוין די נעמען אַליין פון זיינע ביכער זיינען אָפּשטויסענד: „דאָס טאָג־בוך פון אַ דינסט־מיידעל", „דער גאָרטען פון פּייניגונגען". „איינאונ־צוואַנציג טעג פון אַ נעוראַסטעניקער"...

מער אָדער ווייניגער איז יעדען שרייבערס לעבען פאַרבאָרגען אין די ביכער וואָס ער האָט געשריבען. מירבאָ'ס לעבען איז כמעט אין גאַנצען דאָ אין זיינע ביכער. זיי זענען אַלע געשריבען אין דער ערשטער פּערזאָן און דער העלד איז אומעטום — אין אַן עטוואס פאַרשלייערטער פאָרם — אָקטאַוו מירבאָ אַליין. אין דעם פאָרוואָרט צום „ט אָ ג־ב ו ך פ ו ן א ד י נ ס ט ־ מ י י ד ע ל" זאָגט מירבאָ, אַז ער האָט איבערגעגעבען איר געשיכטע וואָרט פאַר וואָרט ווי זי האָט עס אים

זעליג קעסנער:
אקטאוו מירבא.

געלעבט האט אקטאוו מירבא שטורעמדיג און ברויזענד; געשטארבען איז ער שטיל און כמעט אומבאמערקט. זיין טויט איז געקומען ווען פראנקרייך איז געשטאנען ביים אפגרונט. אין דעם פלאקער און גערודער פון דער מלחמה זענען געשטארבען פיל וועמעס טויט עס וואלט אין רואיגערע צייטען אנגעפילט די צייטונגען און זשורנאלען. כמעט גלייכ־צייטיג זענען דאן געשטארבען די דריי באדייטענדסטע פיגורען אין דער פראנצויזישער ליטעראטור: דער פאעט עמיל ווערהארן, דער קריטיקער רעמי דע גורמאן און — אקטאוו מירבא. אין די דריי יאר, וואס זענען פאריבער זינט מירבא'ס טויט איז ניט ערשינען קיין איינציגע ערנסטע קריטיק, קיין ערענהאפטע אפשאצונג פון זיין ווערט. פראנקרייך האט זיך באנוגענט מיט טויט — באריכטען און ביאגראפישע נאטיצען אין די טעגליכע צייטונגען.

איצט, ווען עס ווערט עטוואס שטילער און פרידליכער, ווען דער טומעל און שרעק פון געשלעג איז פארשוואונדען, הויבט אייראפא אן זיך ארומקוקען און מאכען א חשבון אויף פון אירע גייסטיגע פארלוסטען. זי נעמט זיך יעצט טאן דאס, וואס זי האט פארפעלט צו טאן אין דעם הרהא פון דער מלחמה. איין פאריזער פארלאג האט שוין גענומען אויף זיך די אויפגאבע פון פארעפענטליכען אין בוכפארם א גאנצען אוצר פון ערציילונגען און עסקיזען, וואס מירבא האט געשריבען אין זיינע יונגע יארען, אן אוצר וואס איז ביז אהער געלעגען באגראבען אין דעם שימעל פון טעגליכע צייטונגען און זשורנאלען. א צווייטער פארלעגער האלט יעצט אין דרוקען א ניט־פארענדיגטען ראמאן און אן אנצאל פאליטישע און ליטערארישע אפהאנדלונגען, געשריבען אין פערשידענע פעריאדען פון מירבא'ס לעבען.

אמעריקע האט פארשוויגען מירבא'ס טויט פונקט ווי זי האט איגנא־רירט זיין עקזיסטענץ ווען ער האט געלעבט און געשאפען. פון אלע זיינע

שארפע, כאראקטעריסטישע ריח פון דער ערד, א ריח וואס לאזט זיך שפירען אין זייער שאפען אפילו ווען זיי שרייבען א קאמעדיע פון סאלאן אדער א בודואר־אינטריגע. ווען פלאבער אין „סאלאמבא" גלאריפיצירט דעם גלאנץ און הערליכקייט פון אמאליגער קארטהאגא, אדער בארבי ד'ארעווילי זינגט לויבגעזאנגען צום „דאנדיאיזם", פילט מען אין דעם שרייבער ניט דעם עלעגאנטען פאריזער, נאר דעם נארמאנדישען פויער.

א נארמאנדיער פון געבורט איז אויך מירבא געווען. ער איז געבא־רען געווארען דעם 16טען פעברואר, 1850, אין דעם קליינעם דערפעל ט ר ע ו ו י ע ר. זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס, ווי אויך זיין פאטער, א קליין־שטעטעלדיגער דאקטאר. האבען אויסגעלעבט זייערע יארען אין דעמזעלבען דערפעל, איינזאפענדיג אין זיך פאר לאנגע דורות די רויע, ערדישע געזונטקייט פון נארמאנדיע.

פון מירבא'ס יונגע יארען ווייסען מיר בלויז דאס, וואס ער אליין דערציילט אין א פארשלייערטער פארם אין זיין אויטאביאגראפישען רא־מאן „ס ע ב א ס ט י א ן ר א ש". עס איז א בלאס, נעפעלדיג בוך אין פארגלייך מיט זיינע שפעטערדיגע ווערק: דער ערשטער טייל איז א באנאל לויב־געזאנג צו פעלדער און וועלדער און אזוינע זעלטענע ערשיינונגען ווי דאס אויפגיין און אונטערגיין פון דער זון. בלויז אין דעם צווייטען טייל דערגרייכט ער שטארקייט און אריגינאליטעט אין דער פיינליכער באשרייבונג פון דער ענדערונג. וואס קומט פאר אין דעם יונגען טרוימער, ווען זיין נאאיוויטעט און אומשולד שטויסט זיך אן אן דער גרויזאמער פאנאטישקייט פון דער „יעזואיטען שולע".

אין נאך עטליכע כאראקטעריסטישע באמערקונגען וועגען מירבא'ס יונגע יארען געפינען מיר אין דעם זשורנאל פון די ברידער ד ע ג א נ־ק ו ר.

אגב, עס איז כמעט אוממעגליך א טראכט צו טאן וועגען דער פראנ־צויזישער ליטעראטור פון דעם לעצטען יאהר־הונדערט און זיך ניט אפ־שטעלען פאר די גיגאנטישע פיגורען פון די ברידער זשול און עדמאן דע גאנקור. זיי וועלען קיינמאל ניט פארנעמען אין דער ליטעראטור־געשיכטע א פלאץ אלס גרויסע קינסטלער, נאוועליסטען אדער דראמאטורגען. זייערע דראמען האט מען שוין לאנג פארגעסען און זייערע ראמאנען לעזט זעלטען ווער; אבער וואו עס וועט נאר גערעדט וועגען פון דער מאדערנער אייראָ־

דערציילט. נאר דאס איז בלויז א ליטעראַרישע מאַסקע. מער ווי איין פראַנצויזישער שרייבער וואָלט זיך געוואונשען די מעגליכקייט אי־בערגעבען זיינע געדאַנקען אין אַזאַ וויציגען און אַרטיסטישען סטיל ווי דאס פּראָסטע דינסט־מיידעל אין מירבאָ׳ס בוך... דאס דינסט־מיידעל איז מירבאָ אַליין. אין זיין לעצטען בוך „איין־און־צוואַנציג טעג פון א נעוור־ראַסטעניקער“ וואַרפט מירבאָ אַוועק אַלע מאַסקעס און שלייערן און ניט איבער זיינע געדאַנקען און איבערלעבונגען מיט דער אומפאַרשעמטקייט און אינטימיטעט פון א קאַזאַנאָוואַ אָדער א רוססאָ.

פול מיט ווידערשפּרוכען און גרויסע, ניט אָנגעפילטע פויזען איז די ביאָגראַפיע פון אָקטאַוו מירבאָ. לעזענדיג זיינע ביכער קען מען זיך פאָרשטעלען א דעגענעראַט, וועלכער אינטערעסירט זיך בלויז מיט דעם אָפּשייליכען און ברוטאַלען אין ליטעראַטור, און וועלכער קוויקט זיך מיט עראָטישע בעלגישע גראַוויורען. אָבער דאס אַלץ איז בלויז א האַלבער אמת; מיר ווייסען אַז מירבאָ איז אַליין געווען א מאַלער, אַז זיין ביבלי־אָטעק און בילדער־קאָלעקציע זענען געווען פון די שענסטע אין פראַנק־רייך און האָבען קאָנקורירט מיט דער בארימטער „מעזאָן דע גאָנקור“. מיר ווייסען אויך פון די באַהויפּטונגען פון זיינע פריינד אַז זיין פּערזענליך לעבען איז געווען פּונקט דער היפוך פון דער ברוטאַליטעט און גרויזאַמ־קייט פון זיין שאַפען.

ווידערשפּרעכענד איז אויך מירבאָ׳ס אויסזען: א קיילעכדיג, רויט־רויט פּנים פון א פּויער און הולטיי, א פּנים בהמטאַל און אָנגעפילט מיט בלוט, מיט שרייענדיגע, צעוואָרפענע האָר, אָבער א פּנים פון וועלכען עס שיינען אַרויס א פּאָר שיינע, סענטימענטאַל פאַרחלומ׳טע אויגען.

גוסטאַוו פלאָבער, מאָפּאַסאַן, ד׳אָרעווילי, דער מאַלער פּעליציאַן ראָפּס, אַט די אַלע שטאַמען פון נאָרמאַנדיען, און ווי פאַרשידענאַרטיג זייערע פּערזענליכקייטען און ווערק זאָלען ניט זיין, האָבען זיי צום ווייִ־ניגסטען איין כאַראַקטער־שטריך געמיינשאַפטליך: עס פילט זיך אין זיי א געוויסע ערדישקייט. זיי זענען די קינדער פון זייער מוטער־ערד, נאָרמאַנדיע, ניט פּאָלירט און ניט ראַפינירט, דורכגעדרונגען מיט דעם

פאַרגעסען ווערען. וועט דאָך אייַן ווערק בלייבען אימער לעבעדיג און אינטערעסאַנט אַזוי לאַנג ווי די פראַנצויזישע שפּראַך וועט געלעזען ווערען — איך מיין דעם „זשורנאַל דע גאַנקור".

אין דעם אָנהויב פון זייער ליטעראַרישער קאַריערע האָבען די ברי־דער גאַנקור באַשלאָסען אַריינשרייבען יעדען איינדרוק, פּאַסירונג, אָדער געדאַנק, וואָס עס וועט זיי איינפאַלען, אין אַן אינטימען טאָגבוך. ווען זשול דע גאַנקור איז געשטאָרבען, האָט זיין ברודער עדמאָן דאָס טאָג־בוך אָנגעהאַלטען. אַ לאַנגע צייט איז דאָס טאָגבוך געלעגען אין מאַנו־סקריפּט. אַ לאַנגע צייט האָט זיך עדמאָן דע גאַנקור ניט געקענט באַ־שליסען עס אָפּצודרוקען. אָבער עטליכע יאָר פאַר זיין טויט האָט ער עס דאָך איבערגעגעבען זיין פאַרלעגער. איינציגווייז האָבען אָנגעפאַנגען צו ערשיינען די בענדער פון דעם „זשורנאַל דע גאַנקור" און אין אַ קורצער צייט זענען זיי געווען פאַרגאַנצט אין ניין דיקע בענדער.

די בעסטע אָנווייזונג אַז די „אימפּרעסיאָניסטישע מעטאָדע" איז די ריכטיגע האָט איר אין די ניין בענדער. דער „זשורנאַל" איז אַן צווייפעל דער בעסטער ראָמאַן, וואָס די ברידער דע גאַנקור האָבען גע־שריבען... זייערע באַשרייבונגען פון׳ם לעבען פון זינדיגע אַקטריסעס אָדער אָבנאָרמאַלע דינסט־מיידלעך זענען קאַלט און טויט ווי אַ פילאָזאָפישע דיסערטאַציע; אָבער אין באַשרייבען דאָס ליטעראַרישע לעבען פון פראַנקרייך זענען זיי פאַרבענרייך און אינ־טערעסאַנט. דער „זשורנאַל דע גאַנקור" איז ריכטיגער „דער ראָמאַן פון 40 יאָר פראַנצויזישער לי־טעראַטור". אַ ראָמאַן אין וועלכען די העלדען זענען פלאָבער, מאָפּאַסאַן, זאָלאַ, קאַטול מענדעס, גאַטיע, און הונדערטער אַנדערע.

„היינט נאָכמיטאָג איז ביי אונז געווען גוסטאַוו פלאָבער. ער האָט אויסגעזען טרויעריג. די אורזאַך דערפון, האָט ער אונז געזאָגט, איז וואָס ער האָט זיך צוקריגט מיט זיין לעצטער מעטרעסע, די מאַדאַם ב... דערביי האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק אַז יעדער אינטעליגענטער מענש מוז האָבען צום ווייניגסטען דריי געליבטע, אַז איינע פאַרלאָזט אים, זאָל ער האָבען אַן אויסוואַל פון די איבערגעבליבענע צוויי"...

אָט די עטליכע שורות פון דעם „זשורנאַל דע גאַנקור" זענען פאַר מיר ווערט מער ווי אַ צענדליג לאַנגע אָפּהאַנדלונגען פון געאָרג בראַנדעס אָדער ברונעטיער... זיי גיבען אַ ריכטיגער און אינטערעסאַנטער בילד פון

פעאישער ליטעראַטור וועט זייער נאָמען דערמאָנט ווערען מיט רעספעקט און אַכטונג. עס איז כמעט אוממעגליך צו דערמאָנען איין מאָדערנעם שרייבער און ווען עס פילט זיך ניט דער איינפלוס פון זייער פער־זענליכקייט.

ניט דאָ איז דער פלאַץ צו באַטראַכטען אַלע זייערע בייטראַגען צו דער וועלט־ליטעראַטור. לאָמיר בלויז דערמאָנען זייער גרעסטען אויפטו: דעם טויט־קלאַפּ וואָס זיי האָבען געגעבען דעם לאַנגען, שווער־סאָפּענדיגען ראָמאַן אַלאַ זאָלאַ מיט זייער טעאָריע פון דעם „אימפּרעסיאָניסטישען ראָמאַן“. אַ ראָמאַן, האָבען זיי געזאָגט, מוז ניט נויטיג זיין אַ באַשריי־בונג פון יעדער איינצעלהייט פון אַ מענשענס לעבען, פון וויג ביז'ן קבר: דער איינציגער וועג צו שרייבען אַ ראָמאַן אָדער דערציילונג איז „אַנוואַר־פען“ אַ סעריע קורצע, אימפּרעסיאָניסטישע בילדער פון די אינטערע־סאַנטסטע מאָמענטען פון זיין לעבען. דעם שרייבער'ס קונסט דאַרף הויפּטזעכליך זיין די קונסט פון אויסקלייבען בלויז יענע סצענעס וואָס וועלען אין זייער סומע פּראָדוצירען אַן עפעקט פון אינטימער באַקאַנט־שאַפט מיט דעם „העלד“, די קונסט פון „טאַקטפולען אויסענלאָזען“. ווי וואָלטער פּעטער האָט עס אויסגעדריקט. בלויז שוואַכע און טאַלאַנטלאָזע שרייבער גיבען יעדע איינצעלהייט און באַשרייבען די מינדסטע פּאַסירונג פון זייער העלד'ס לעבען. (ווי זאָלאַ). זיי טוען דאָס בלויז דערפאַר, ווייל זיי פאַרמאָגען ניט דעם חוש פון „ליטעראַרישען אויסקלייבען“. עס איז גרינגער צו געבען אַלעס איידער אויסצוקלייבען בלויז דאָס וויכטיגסטע...

עס מאַכט ניט אויס וואָס די ביכער פון די ברידער דע גאָנקור זענען קאַלט און לעבענסלאָז, — זייער טעאָריע איז אָבער אַ ריכטיגע.

די „אימפּרעסיאָניסטישע מעטאָדע“ איז ביז היינט פאַרבליבען די איינציגע קינסטלערישע מעטאָדע. ניט אָפּשטעלענדיג זיך אַ טראַכט טאָן וועגען דעם, באַנוצען זי כמעט אַלע מאָדערנע שריפטשטעלער. די ביכער וואָס די ברידער דע גאָנקור האָבען געשריבען וועגען דער יאַפּאַנעזישער קונסט פון דעם 18טען יאָרהונדערט לעזט יעצט קיינער ניט. דאָך איז דער גאַנצער מאָדערנער אינטערעס אין דער אָריענטאַלער קונסט צו פאַר־דאַנקען די נאָכזוכונגען פון די צוויי ברידער. אַזוי, אַז ניט אַלס שאַפער וועלען זיי באַרימט בלייבען, נאָר אַלס וועגווייזער און כראָניקער.

אָבער ווען אַלעס, וואָס די ברידער גאָנקור האָבען געשריבען וועט

שאַרל באַרלער האָט געשריבן ווענן אַפּיום אין זיין „קינסטליכן גן־ערן“ איז ניט אמת. פאַרקערט, אָפּיום הויכערן איז דאָס גרעסטע פאַרגעניגען, וואָס א מענש קען זיך פאָרשטעלן. דערזעלבער מאַן גיט מירבאָ אַלע נויטיגע רויבער־מאַטעריאַלן, אפילו א כינעזישען כאַלאַט. פיר מאַנאַטן ליגט מירבאָ אויסגעצויגן אויף זיין בעטעל, אין זיין כאַלאַט מיט די ווילדע אָריענטאַלישע בלומען, און רויכערט ליולקע נאָך ליולקע, איבער־לעבענדיג די שענסטע און פאַנטאַסטישע אָפּיום חלומות. אין א קורצער צייט דערגרייכט ער א שטופּע פון פיזישער און נערוועזער ערשעפּונג. ער גיט צו, אַז בלויז די ערשטע צייט פאַרשאַפט אָפּיום אַן אַנגענעמע פרייליכקייט, אָבער נאָכדעם לאָזט עס איבער א גייסטיגע פוסטקייט און טרויעריקייט, א שרעקליכע, אומבאַשרייבליכע מרה שחורה“.

וואָס דע גאַנקור דערציילט ווייטער איז ניט קלאָר, מירבאָ׳ס פאָטער געפינט אויס זיין באַהעלטעניש און צווינגט אים צו פאַרלאָזן דעם אַפּיום־הויכגעווייקטען צימער און באַבלימעלטען כאַלאַט, און נעמט אים מיט אויף א רייזע קיין שפּאַניען. דע גאַנקור דערמאָנט מירבאָ׳ס מיט־אַרבייטען אין זשורנאַל „לע גאַלוואַ“, זיין ליבעס־ערפאַרונג און אַנטוי־שונג. אָבער ווען ער קומט צו דער אינטערעסאַנטער טעמע, שטעלט זיך דער פּיאַקער אָפּ נעבען גאַנקור׳ס הויז, און די מעשה איז אויס...

1882 קאָן געגומען ווערען אַלס דאָס יאָר ווען אָקטאַוו מירבאָ איז געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופּע פון זיין זשורנאַליס־טישער קאַריערע. עס איז געווען דער אַנפאַנג פון דער „פּען דע סיעקל“ באַוועגונג. אין פראַנקרייך, אַזוי גוט ווי אין גאַנץ אייראָפּע האָבען די יונגערע קינסטלער אַנגעפאַנגען צו „זוכען זאָנדערבאַרע פאַרגעניגענס, שפּירען נייע ריחות, הערען זעלטענע מעלאָדיען“. דאָס מאָדערנע לעבען האָט זיי ניט אינטערעסירט. זיי האָבען געפילט די אַלטקייט פון דער וועלט אויף זייערע יונגע פּלייצעס און האָבען געזוכט זעלבסטפאַרגעסונג. „ליבע איז באַנאַל, און איך האָב שוין געלעזען אַלע ביכער“, האָט געזונגען סטעפאַן מאַלאַרמע, און אין דעם האָט ער אויסגעדריקט דעם יאוש און דעקאַדענץ פון זיין גאַנצער עפּאָכע.

פלאָבער איידער א הונדערט־בלעטערדינע חקירה איבער זיין אָפּשטאַמונג און אזוי ווייטער וואלט געגעבן. אין אזוינע בילדער איז דער „זשורנאל דער גאָנקור" זעהר רייך, כמעט אויף יעדן בלעטעל געפינט איר א פּערל פון קריטיק אדער בעאָבאַכטונג און דערצו קאָנט איר דאָרט אפילו לעזן די באַשרייבונג פון א געוויסען ענגלענדער, וואָס פלעגט איינבינדען זיינע ווערטפולסטע ביכער אין דער הויט פון געטויטע פרויען...

און אין דעם אכטען באַנד פון דעם „זשורנאל" געפינט זיך די פאָל־גענדע שילדערונג פון מירבאָ'ס יונגע יאָרען.

„דעם 11טען יולי, 1889, דערציילט, עדמאָן דע גאָנקור, האָט ער פאַרבראַכט מיט אָקטאַוו מירבאָ און זיין פרוי. ווען דע גאָנקור איז געוועזן פאַרטיג צו גיין, האָט זיך מירבאָ אָנגעבאָטען אים אָפּפירען אהיים. זיצענדיג אזוי פיאַקער דערציילט מירבאָ קורצע, אָפּגעהאַקטע סצענעס פון זיין לעבען און דע גאָנקור גיט זיי דאָ איבער אין זיין נערוועזען סטיל.

„צו 17 יאָר פאַרלאָזט אָקטאַוו מירבאָ די יעזואיטען שולע און קומט קיין פּאַריז. ער פירט דאָ דאָס פרייליכע און זאָרגלאָזע לעבען פון א פּאַריזער הולטיי. זיינע טעג און נעכט פאַרברענגט ער אין טעאַטער, קאָנצערט־זאַלען און בילדער גאַלערען. ווען ער האָט שוין מער נים קיין געלט, לאָזט ער זיך זוכען ארבייט.

פּונקט אין דער צייט ווערט געגרינדעט די צייטונג „ל'אָרדר". דאָ מאַכט מירבאָ זיין ליטעראַרישען דעביוט מיט א דיפיראַמב צו מ אַ נ ע, מ אָ נ ע און ס ע ז אַ ן. נאָר זיין רעדאַקטאָר וויל ניט ליידען מירבאָ'ס באַליידיגונגען געצילט אויף די קעפּ פון די אקאַדעמיקער, און מירבאָ נעמט זיך צו דראַמאַטישער קריטיק. אבער אויך דאָס מוז ער שנעל אויפ־געבען, ניט דערפאַר וואָס זיינע קריטיקען זענען צו שאַרף, נאָר פּשוט ווייל ער פאַרלאַנגט צופיל פרייע בילעטען פאַר זיינע געליבטע..."

און יעצט, זאָגט דע גאָנקור, קומען פיר מאָנאַטען פון א משוגענעם לעבען, פיר מאָנאַטען פון אָפּיום רויכערן. מירבאָ טרעפט א מאַן, וואָס איז ערשט צוריקגעקומען פון כינע. דער מאַן דערציילט, אַז אלעס, וואָס

שריבען אין די טעגליכע און וועכענטליכע זשורנאַלען. ער האָט זיך געוואָרפען אויף אַלע געביטען. ליטעראַטור, קונסט, פּאָליטיק, אַלעס איז געווען מאַטעריאַל פאַר זיין פייערדיגער פען. לעזענדיג די אַרטיקלען, פילט זיך, אַז זיין איינציגער אימפּולס פון שרייבען איז געווען דער דאָרשט נאָך זעלבסטפּאַרגעסונג. זיין צעשטרייאונג האָט מירבאָ גע־פונען אין דורכלעכערן אַויפגעבלאָזענע העלדען און זען ווי זיי זינקען צו דער ערד, אין שטעלען זיך אויף דער זייט פון די שוואַכערע, פון די אונטערדריקטע און באַליידיגטע. אים האָט אינטערעסירט דער קאַמף, ניט די פראַגע פון אבסטראַקטער גערעכטיקייט.

נעמט דעם באַרימטען אַרטיקעל אין „פ י ג א ר א“, אַן אַרטיקעל וואָס האָט ארויסגערופען דעם שימפּענדיגען ענטפער פון דעם אַקטיאָר קאָקלען, וועלכער האָט באַוואויגען אַלע קאָמעדיאַנטען פון פּאַריז אויס־צודריקען זייער „האַס און פאַראַכטונג“ צו אַקטאָוו מירבאָ. אָדער נעמט די רעקלאַמע, וואָס מירבאָ האָט געגעבען מאַרים מעטערלינק'ס „פּ ר י נ־צ ע ס י ן מ א ל ע“. מירבאָ איז געווען א צו גוטער מבין, ער זאָל ווירקליך דענקען, אַז די קלינגענדיגע פּוסטקייטען פון דעם יונגען בעלגיער וועלען פאַררוקען שעקספּיער'ן אַן א זייט. נאָר גאָר ניט. עס איז בלויז געווען א געלעגענהייט פון שטעלען זיך נגנגען דער וועלט.

נעמט אפילו דעם דרייפוס פּראָצעס, אין וועלכען מירבאָ האָט זיך אריינגעוואָרפען מיט א גרעסערען אימפּעט אפילו פון זאָלאַ און אַנאַטאָל פּראַנס. פיל ענליכע פּאַרברעכענס זענען אין יענער צייט באַגאַנגען געוואָרען. נאָר גראָד דער האָט געגעבען מירבאָ די געלעגענהייט צו גיין נענען שטראָם.

„איך האַלט, אַז אין דעם העכסטען מאָמענט פון געשלעכטליכער געשפּאַנטקייט שטייט דער מענש צום נאָענסטען צו גאָט; דאַן פאַלען פון אים אוועק אַלע קליינליכקייטען און ערדישע נאַרישקייטען, דאַן ווערט ער אַליין א גאָט“, אַזוי האָט מירבאָ געשריבען אין איינער פון זיינע קירצערע דערציילונגען. בלויז ווען מיר נעמען אין אַנבאַטראַכט די אַנשויאונג פון דער ליבע קענען מיר קריגען א קלאָרען באַגריף פון מירבאָ'ס שאַפען.

אין ענגלאַנד האָט זיך עס אָנגעפאַנגען מיט וואָלטער פּעיטער׳ס אומ־שולדיג ביכעלע „ר ע נ ע ס א נ ס“. האָט זיך געשטאַרקט מיט אָסקאַר ווײַלד׳ס פּאַראַדאָקסען און מיט דער קראַנקהאַפטער קונסט פון אָברי בירדזלי, אויסלאָזענדיג זיך אין אַ קורצען פלאַקער פון פּערווערזיטעט. מען האָט גענומען טרוימען פון דעם ווילדען מיסטיציזם און ווײַ־רויכ־ריגער התלהבות פון דעם מיטעלאַלטער. זייערע מאָלער זענען געווען דאַ ווינטשי און באָטיטשעלי, זייער באַליבטסטער שרייבער — דער מאַרקיז דע סאַד... „יעדער אינטעליגענטער מענש מוז האָבען כאָטש איין ביכעלע פון דע סאַד“, האָט געשריבען סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי...

אין פראַנקרייך איז עס געווען נאָך שטאַרקער. הויסמאַנ׳ס „צור־ריקגייענדיג“ איז געוואָרען די כרעסטאָמאַטיע פון יעדען יונגען שרייבער. הויסמאַן אליין האָט געזוכט צו פאַרגעסען די „אייביגע אי־דיאָטישקייט פון דער וועלט“ אין דיאַבאַליזם. ער האָט זיך אריינגע־לאָזען אין די פאַרבאָרגענסטע און אָפּשײַליכסטע שטודיען איבער דער „שוואַרצער מעסע“ און האָט געענדיגט זיין ווילד לעבען אַלס פרומער קאַטויל אין אַ מאָנאַסטיר. דער קריטיקער רעמי דע גורמאָן נעמט זיך שטודירען די מיסטישע פּאָעטען פון דער לאַטייניישער דעקאַדענץ. עריק סאַטיע קאָמפּאָנירט מוזיק מיט אַזוינע טיטלען ווי „ד י א ב אָ ל י ש ע פּ אָ ע מ ע,“ „ה י מ ן צ ו ם ש ט ן.“ קאַטול מענדעס שרייבט אָן זיין „מ ע פ י ס ט אָ פ ע ל א“...

זיבער האָט אויך אָקטאַוו מירבאָ געפילט דעם איינפלוס פון דער באַוועגונג. ער האָט אויך ווי הויסמאַן געוואונשען, אַז די גאַנצע מענש־הייט זאָל האָבען איין גרויס פּנים, אין וועלכען ער זאָל קענען אריינ־שפּייען... אָבער מירבאָ איז געווען אַ נאָרמאַנדישער פּויער; ער איז גע־ווען צו געזונט, צו ערדיש, ער זאָל קענען דינען דער „שוואַרצער מעסע“ זיין זעלבסטפאַרגעסונג האָט ער געזוכט אין לעבען שטאַרק, שטורמיש. שרייענדיג. ער האָט זיך אריינגעוואָרפען אין דעם לעבען ווי אַ הונגעריגער טיגער אין די ארענא. ער האָט אויסגעקליבען דעם שטאַרקסטען קרבן. דעם וואָס צייגט דעם גרעסטען ווידערשטאַנד; און אים האָט ער צע־ריסען אויף שטיקער, אויפגעגעסען הויט און ביינער, און דערנאָך ארומ־געלעקט דאָס פאַרגאָסענע בלוט.

נעמט די טויזענט און איין אַרטיקלען, וואָס מירבאָ האָט דאָן גע־

פאַרוואָסערט און צוגעפּאַסט צו די אילוסטראַציעס פון פעליציאַן ראָפּ... פון די אייראָפּייער דרויסען פון פראַנקרייך, איז פּיליִיכט פּשיבישעווסקי געקומען צום נאָענטסטען צו מירבאָ׳ס קאָנצעפּציע פון דער ליבע אין זיין סעריע „דער ווילדער טאַנץ פון ליבע און טויט“. אגיך ער האָט געזאָגט, (פּיליִיכט נאָכגעזאָגט) אַז „בלויז צוויי טעמעס זענען דאָ פאַר דעם קינסטלער: ליבע און טויט; און דער העכסטער מאָמענט פון ליבע איז זעהר ענליך צום טויט“...

ווען „ד א ס ט א ג ב ו ך“ איז ערשינען, האָט פאַר א קורצער צייט אויסגעזען, אַז מירבאָ ווערט פּאָפּולער; אמת א גאַנץ ניט געוואונשטע פּאָפּולאַריטעט, א פּאָפּולאַריטעט פון וועלכער מירבאָ וואָלט געוואָלט דער ערשטער זיך אָפּצוזאָגען. דאָס בוך האָט זיך פאַרקויפט גוט; עס זענען שוין געווען פלענער פאַר א לוקסוס אויסגאַבע מיט בעלגישע גראַווירען... אָבער עס האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען, דאָס פּובליקום, וואָס האָט זיך מיט א ווילדען אימפּעט א לאָז געטאָן קויפען דאָס בוך דענקענדיג אַז זיי האָבען דאָ א „ניי־בעלגיער“. זענען גיך אָפּגעשפּרונגען צוריק מיט אָפּגעברענטע פינגער. זיי האָבען דערזען, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט׳ן בוך; האָבען אָנגעהויבען צו פאַרשטיין, אַז מירבאָ סימפּאַטיזירט ניט מיט זיי, אַז ער לאַכט זיך גאָר אפשר אויס פון זיי, אַז ער שטעלט ארויס אין ליכט פון דער נעזונטער לאַכענדיגער זון אַלע זייערע פאַרבאָרגענע מיאוס׳קייטען. פיל מער צום הארצען איז זיי געווען דער גרינגער ציניזם פון מאַרסעל פּרעוואָ אָדער אפילו די קאַלטע, אריסטאָקראַטישע עראָטיק פון פּאָל בורזשע.

מיט דעם „טאָגבוך“ שטעלט זיך מירבאָ אַוועק אַלס איינער פון די גרעסטע סאַטיריקער אין דער וועלט־ליטעראַטור. הויסמאַן, וועלכער האָט געהאַסט די מענשהייט נאָך מער ווי מירבאָ, האָט זיך צוריקגעצויגען אין זיין „ראַפינירטען טהעבאַאיד“ און פון דאָרטען געשריבען צו זיינע „צען קלוגע לעזער“ וועגען דער „אייביגער מענשליכער דומהייט“. („בעטיז יומען“). אָבער מירבאָ האָט זיין גאַנץ שטורמיש לעבען פאַרבראַכט צווישען די וועמען ער האָט געהאַסט; ער איז געווען פאַרבונדען

פאַר אָקטאַוו מירבאָ איז נאָך די ליבע ניט געווען באַנאַל. פאַר־קערט, זיין פאַרלאַנג איז געווען צו פאַרגרעסערן און פאַרלענגערן דעם „געטליכען מאָמענט", צו גריבלען זיך אין די פאַרבאָרגענסטע געהיימ־ניסע און עקזאָטישסטע ערשיינונגען פון דער ליבע. ניט פאַר זיין גע־זונטען פאַרשטאַנד איז געווען דער מיסטיציזם און די סימבאָליסטיק פון דעם מיטעלאַלטער אָדער די עראָטישע התלהבות פון דער לאַטיינישער דעקאַדענץ. פיל נעענטער צו זיין האַרצען זענען געווען די נאָכזוכונגען פון קראַפט־עבינג און העוולאָק עליס...

אפילו אין זיין ערשטען בוך „בריוו פון מיין הייזעל" מערקט זיך שוין דאָס פאַרנעמען זיך מיט דעם אַבנאָרמאַלען אין דעם געשלעכטס־אינסטינקט. אין זיין צווייטען בוך, „ס ע ב א ס ט י א ן ר א ש" זעט זיך צום ערשטען מאָל זיין שטאַרקע נייגונג צום סאַדיזם, אַ נייגונג, וואָס ווערט פאַרשטאַרקט פון בוך צו בוך. זיין מייסטערווערק „די קריי־צונג" איז, חוץ אַלעם, אַ שטודיע אין גייסטיגען סאַדיזם. דאָס באַרימטע „ט א ג ב ו ך פון א ד י נ ס ט ־ מ י י ד ע ל" איז אין אַ געוויסען זין אַן אַרטיסטישע פּאַראַפראַזע פון קראַפט־עבינג'ס „פּ ס י כ א פּ א־ ט י א ס ע ק ס ו א ל י ס"... די געשלעכטליכע וואַקכאַנאַליע אין דעם „ג א ר ט ע ן פ ו ן פּ י י נ י ג ו נ ג ע ן" איז אַ פראַז־פּאַעמע צום סאַדיזם.

אָקטאַוו מירבאָ איז ניט געווען דער איינציגער צו פאַראינטערע־סירען זיך מיט דעם אַבנאָרמאַלען און עקזאָטישען. דאָס באַנאַלע, אַל־טעגליכע לעבען פון דעם מענשען האָט ניט אינטערעסירט דעם יונגען שרייבער פון יענער צייט. בלויז ווען דער מענש איז אין די הענט פון אַ גרעסערער קראַפט פון זיך אַליין, ווען ער טוט דאָס, וואָס אַ פאַרבאָרגענע, איינגעבאָרענע נייגונג טרייבט אים צו טאָן; אין קורצען, ווען דער מענש איז אויס מענש, נאָר אַן אַטאַוויסטישע חיה, בלויז דאַן איז ער מאַטעריאַל פאַר דעם קינסטלערס פּען. עס האָט זיך געפילט, אַז כמעט אַלע איינגערע שרייבער פון אייראָפּע האָבען זיך אונטערגעשריבען אונ־טער דער דאָזיגער פּראָקלאַמאַציע. נעמט די גאַנצע באַוועגונג וואָס האָט זיך באַצייכענט מיט'ן נאָמען „נ י י ב ע ל נ י ע ן" כמעט די שרייבער לעמאַניע, עהקוד, דעמאַלדע, דעם פּאָעט האַנאַן; אין אַ געוויסען זין איז זייער גאַנץ שאַפען ניט מער ווי אָקטאַוו מירבאָ

הויז, א הויז וואו עס קומען אפט אריין דער בארימטער ראמאנען שרייבער פאול בורזשע און דער אנגעזעענער קריטיקער און דראמאטורג זשול לעמעטר. דאס מיידעל פאסט אויף איינמאל צו טרעפען בורזשע אליין און דאן בעט זי אים, אז אזוי ווי ער האט זיך בארימט געמאכט מיט זיין אנאליז פון דער פרויען-נשמה, וואלט ער פיליכט זיך פאראינטערעסירט אין איר פראבלעם?... אבער ווען זי דערציילט עס אים, שענקט ער איר א קאלטען בליק און ערקלערט איר, אז „עס איז אוממעגליך צו אנאליזירען איר נשמה, ווייל דינסט-מיידלעך האבען נים קיין נשמות. א נשמה האט בלויז א מענש, וואס פארדינט צום ווייניגסטען 44,000 פראנק א יאר"...

עטליכע טעג שפעטער מארקירט דאס מיידעל אויס צו טרעפען זשול לעמעטר אליין. זי ווענדט זיך צו אים מיט דערזעלבער בקשה. ער הערט אויס איר מעשה זעהר געלאסען און ווען זי ווערט פארטיג, צעלאכט ער זיך ציניש, און וויל זי גראב ארומנעמען...

דאס אינטערעסאנטסטע און אומערווארטסטע איז אבער דער קינסטלערישער סטיל פון דעם בוך. דער אומדערשראקענער לייב, וועלכער האט אלעם געוואגט און זיך ערלויבט פרייהייטען אין באצוג צו יערען אנגענומענעם געזעץ אדער מאראלישען גלויבען, איז געשטאנען אין ערפורכט פאר דעם אדיעקטיוו און געציטערט פאר דעם אדווערב, ווי א פרומער איד פאר גאט...

פאר דעם וואס אינטערעסירט זיך מיט מירבא'ס לעבען און פערזענליכקייט איז דאס וויכטיגסטע בוך „די איין-און-צוואנציג טעג פון א נעווראסטעניקער" דא שרייבט שוין ניט מירבא אונטער דער מאסקע פון א דינסט-מיידעל אדער א פיקטיווען העלד, דא שטעלט ער זיך ארויס אפען און ניט פארשלייערט: איך, אקטאוו מירבא, האב געטאן דאס און דאס. און דענק אזוי און אזוי. עס קען קוים אנגערופען ווערען א ראמאן. ניכער א סעריע זכרונות און אויטאביאגראפישע עפיזאדען, אלע צוזאמענגעבונדען מיט דער צייט — דריי וואכען אויף א קוראָרט.

עס פאסירט זעהר אפט מיט די וואס שרייבען מעמוארען, אז די יעניגע, וואס האבען אינטערעסאנט געלעבט קענען ניט שרייבען שיין.

מיט זיי אויף טויזענט אופנים. זיין האַס און פאַראַכטונג האָט ער זיי ניט אַרויסגעשריען. ער האָט עס אויסגעדריקט אין אַ מער סובטילער פאָרם — ער האָט אָנגעשריבן דאָס „ט אָ ג ב ו ך פ ו ן א ד י נ ס ט־מ י י ד ע ל״...

עס האָט ניט געמוזט זיין גראָד אַ דינסט־מיידעל. יעדער אַנדערער אָביעקט וואָלט געווען פונקט אַזוי גוט פאַר מירבאָ'ס צוועק. נאָר גראָד דער האָט אים געגעבן די מעגליכקייט אין איין בוך צו סאַטיריזירען דעם גאַנצען פּאָליטישען, מאָראַלען און ליטעראַרישען צושטאַנד פון פראַנקרייך. אין דער פאָרם פון די זכרונות פון אַן אויסערגעוויינליך קלוג און וויציג דינסט־מיידעל, אַ מיידעל וואָס דינט אַלע ווײַלע אין אַ נייעם הויז, האָט ער געפונען צום גרינגסטען צו אַטאַקירען די ערשיינונגען פון פראַנצויזישען לעבען, וועלכע ער האָט צום שטאַרקסטען געהאַסט. אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז נאָך פאַרבליבען פון דעם דרייפוס פּראָצעס, די אויפגעבלאָזענע זעלבסטצופרידענהייט פון דער „בורזשואַזי״, די שאַרלאַ־טאַנסטוואָ און דעגענעראַציע פון דעם ליטעראַרישען לעבען. דאָס אַלץ איז געווען דאָס צילבּרעט פאַר מירבאָ'ס פאַרניכטענדען סאַרקאַזם. מיט דעם „טאָגבוך״ האָט זיך מירבאָ ערוואָרבען פיל מער פיינד ווי מיט אַלע זיינע האַרבע קריטיקען; מער ווי איין דועל איז פאָרגעקומען, ווייל דער אָדער יענער אָנגעזעענער מענש האָט זיך געפילט געטראָפען... איין קליינער ביישפּיל וועט ווייזען אויף וויפיל אָקטאַוו מירבאָ איז געווען געוואָגט אין אַריינברייננגען אין דעם „טאָגבוך״ די נעמען און געשטאַל־טען פון זיינע קאָלעגען: —

ווען דאָס דינסט־מיידעל איז נאָך געווען אַ „יונג אומוויסענד קינד״ האָט זי אַ העסליכער, אַלטער שכן פאַרגוואַלטיגט. אין שפּעטערע יאָ־רען האָט דאָס מיידעל שוין דורכגעלעבט די ליבעס פון אויסוואָורפען און פון גרויסע מענשען, פון קינסטלער אַזוי גוט ווי פון פערד־אַנטריי־בער. און דאָך, ווען זי דערמאָנט זיך אָן אַלע אירע ליבעס ערפאַרונגען, פילט זי מער צוציאונג צו דעם עקעלהאַפטען אַלטען, וואָס האָט זי פאַרגוואַלטיגט, ווי צו אַלע אירע עלעגאַנטע פאַריזער. דאָס, פילט זי, איז אַ טיף פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם, אַ פּראָבלעם, וואָס זי אַליין קען ניט לייזען.

עס פּאַסירט גראָד אַז אין יענער צייט דינט זי אין אַ ליטעראַרישען

סאַטירע פאַרנעמען פיליייכט אַ זעהר אַנגעזעענעם פּלאַץ צווישען די ליטעראַרישע פאָרמען. נאָר אפילו אין דער בעסטער סאַטירע פילט זיך אַז דער שרייבער פּראָפּאַגאַנדירט. ער וויל ווייזען אַז אַזאַ און אַזאַ זאַך טויג ניט און אַז אַן אַנדער זאַך איז בעסער, און דאָרט וואו עס איז דאַ פּראָפּאַגאַנדאַ איז ניטאָ קיין קונסט... אין דער „ק ר י י צ י ג ו נ ג" איז נאָך מירבאָ ניט דער בייסענדער סאַרקאַסטיקער אָדער שאַרפער איראָניקער, דאָרט איז ער דער ריין־קינסטלער. ער האָט ערפאַרונגען צו דערציילען; ער האָט געדאַנקען וועגען קונסט, ליבע, און לעבען וועלכער וויל אַרויסזאָגען אין דער שענסטער פאָרם, וואָס ער קען נאָר.

איבערהויפּט די פאָרם. בלויז אין נאָך איין בוך — „ד ע ר ג אַ ר־ ט ע ן פ ו ן פּ י י נ י ג ו נ ג ע ן" — האָט מירבאָ דערגרייכט אַזאַ שטופע פון סטיליסטישער שיינקייט ווי אין דער „קרייציגונג". אָבער אין דעם „גאָרטען" איז די שיינקייט אַ ווילדע און עקזאָטישע, אַ שיינקייט פון אַפּיום־חלומות און פון אַ צעהודערטער פאַנטאַזיע. אין דער „קרייציגונג", ווידער, פילט זיך דאָס שטונדען־לאַנגע זוכען נאָך דעם איין־און־איינציגען וואָרט, נאָך דעם פּאַלירטען זאַץ. וועגען סעזאַן דערציילט מען, אַז ווען אַ בילד־הענדלער האָט אים געבעטען ער זאָל ענדערן אַ דעטאַל אין זיינעם אַ בילד, האָט ער געענטפערט אַז אויב ענדערן דעם קלענסטען טייל פון זיין קאָמפּאָזיציע מוז ער זי אינגאַנצען איבערמאָלען. דיזעלבע זאַך פילט זיך דאָ אין מירבאָ'ס סטיל. נעמט אַרויס איין פּאַראַגראַף, דעם קלענסטען טייל פון אַ קאַפּיטעל, און איר צעשטערט דעם גאַנצען קאָמפּאָזיציאָנס־פּלאַן.

דער אינהאַלט אין קורצען וועט קלינגען באַנאַל און אויסגעדראָשען: די ליבע פון אַ קינסטלער פאַר אַ פּראָסטיטוטקע. קיין טעמע איז ניט, אַזוי באַליבט ביי דעם פראַנצויזישען שרייבער, ווי דאָס לעבען פון דער פרוי פון גרינגען פאַרגעניגען. זאָלאַ האָט זי שטודירט אַנאַטאָמיש און פיזיאָלאָגיש אין זיין „נ אַ נ אַ"; די גאָנקורס האָבען זי שטודירט לאַבאָראַטאָריש דורך אַ מיקראָסקאָפּ... מאַרסעל פּרעוואָ האָט זי באַשריבען אין אַ גרינגען, וואָוויל־אינגערישען סטיל. אָבער ניט איינער פון די אַלע קען אויף איין מינוט פאַרגליכען ווערען מיט מירבאָ'ס „ק ר י י־ צ י ג ו נ ג". די פרוי וועלכע ער מאָלט איז אַן אַנדערע, די ליבע איז

(למשל קאַזאַנאַוואַ) און פּאַרקערט, די וואָס שרייבען שוין גאָר שיין, האָבען געלעבט נישטיג און פּוסט, (ווי דזשאַרדזש מור). אָקטאַוו מירבאָ איז איינער פון די זעלטענע אויסנאַמען. געלעבט האָט ער שטורמיש, ניט אימער עסטעטיש פיליכט, אָבער שטענדיג אינטערעסאַנט... געשריבען האָט ער שטענדיג אויסערגעוויינליך שיין און קינסטלעריש, אפילו ווען ער האָט באַהאַנדעלט די אפשייליכסטע טעמען. דער ודוי וואָס אָקטאַוו מירבאָ לאָזט איבער אין די „איין־און־צוואַנציג טעג" איז אייגענאַרטיג אין דעם זין, וואָס מירבאָ קימערט זיך אַבסאָלוט ניט וועגען דעם לעזער'ס פּאַראורטיילען. זשאַן זשאַק רוססאָ שלאָגט זיך טויזענט מאָל על חטא פאַר יעדער זינד, וואָס ער באַשרייבט אין זיינע „קאָנפעסיעס". אפילו קאַזאַנאַוואַ פּרובירט צו פּאַרטיידיגען זיינע אַוואַנטורען, אָבער מירבאָ בעט ניט אנטשולדיגונגען און ווייס ניט פון זינד. אַזוי האָט ער געטאָן, און איצט גלוסט זיך אים שרייבען וועגען דעם... עס פילט זיך אָפּטמאָל אפילו אַ געוויסע טראַציגקייט אין זיין שרייבען: ווייסט וואָס פאַר אַ פאַרדאַרבענער מענש איך בין! זעט, וואָס פאַר אַ ביכער איך האָב אין מיין פאַרשלאָסענער ביבליאָטעק! קוקט וואָס פאַר אַ בילדער עס הענגען אין מיינע פּריוואַטע צימערן!

„טעכניש זענען „ד י א י י ן ־ א ו ן ־ צ ו ו א נ צ י ג ט ע ג" מירבאָ'ס מייסטערווערק. אין געוואַגטער און אָריגינעלער סטיליסטיק, אין טרעפליכער כאַראַקטעריזאַציע, איבערשטייגט דאָס דאָזיגע בוך אפילו זיין „טאַגבוך פון אַ דינסט־מיידעל". מיט עטלעכע קליבענע ווערטער, מיט אַ פּאָר פּינטעלעך און פּאַסעקלעך, און אַמאָל מיט אַ קורצען, כאַראַקטעריסטישען אנעקדאָט, מאָלט ער אויס אַן אומפאַרגעסליך בילד פון דער זאָנדערבאַרסטער פיגור. אין דעם בוך מער ווי אין יעדען אַנדערען זעט זיך מירבאָ'ס פּאַרטיפּטקייט אין דעם אַבנאָרמאַלען און פּאַטאָלאָגישען: מערדער, משוגעים, דעגענעראַטען און אַלערליי אויסוואָרפען פּאַראַדירען דורך די בלעטער פון די „איין־און־צוואַנציג טעג" שטאָלץ און אומפאַרשעמט.

לאָמיר נעמען מירבאָ'ס ערשטען באַדייטענדען ראָמאַן: „ד י ק ר י י צ י ג ו נ ג". אין פיל הינזיכטען איז עס זיין בעסט בוך. איראָניע און

פ י י נ י ג ו נ ג ע ן" אריגינעל בלויז אין דער באַהאַנדלונג פון דער טעמע. דער מאַטעריאַל איז שוין אָפּט באַנוצט געוואָרען. כינע־זישע עקזאָטיק און פּערווערזיטעט האָבען שוין די דייטשען מעטאַדיש באַהאַנדעלט אין דיקע „ביכער פאַר דער פּראָפּעסיע". און סאַדיזם איז שוין אויך ניט אַזאַ זעלטענע ערשיינונג אין דער פראַנצויזישער און בעל־גישער ליטעראַטור. גאַנץ זיכער איבערשטייגט דער מ א ר ק י ז ד ע ס א ד אָקטאַוו מירבאָ אין גרויזאַמקייט און ווילדקייט פון פאַנטאַזיע. נאָר, לעזענדיג די לוקובראַציעס פון דעם ליבען מאַרקיז קען דער נע־זונטער מענש גערירט ווערען בלויז צום געלעכטער. ד ע ס א ד איז זיכער געווען א גרויסע פערזענליכקייט אין דער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור און האָט באַאיינפלוסט פיל שרייבער (מען דערציילט, אַז פריד־ריך ניטשע האָט שטאַרק ליב געהאַט אים צו לעזען), אָבער שריי־בען האָט ער ניט געקענט. ווי א באַרימטער פראַנצויז האָט זיך אויס־געדריקט, „אויב אַלע פּאָרנאָגראַפיסטען זאָלען שרייבען אין אַזאַ משונה'־דיג שווערען סטיל ווי דער מאַרקיז דע סאַד, וואָלט פאַר אונז געבליבען צו לעזען בלויז קינדער־מעשה'לעך און הייליגע תפילות"...

דער „גאָרטען" איז מירבאָ'ס „טור דע פאָרס"; עס איז דער קלי־מאַקס פון זיינע יאָרען־לאַנגע גריבלענישען אין דעם אבנאָרמאַלען און זיין לאַנגיעריגען דינסט צום קולט פון געשלעכט. ער האָט ענדליך גע־פונען א טעמע, אין וועלכער ער האָט געקענט לאָזען זיין פאַנטאַזיע וואַנדערען אָן גרענעצען. ער האָט אויסגעקליבען פאַר זיין פּלאַץ א פאַרבאָרגענעם טייל פון כינע, א לאַנד פון אוממענשליכער גרויזאַמקייט, פון פאַר'חלום'טער שיינקייט געמישט מיט אָפּשייליכקייט.

שטעלט זיך פאָר: א גאָרטען וואָס האָט געקענט עקזיסטירען בלויז אין אַן אָפּיום־צערודערטער פאַנטאַזיע; א גאָרטען פון ווילדער, אומער־דישער שיינקייט: פאַנטאַסטישע צוואַקסענע בלומען; קאָלירען פון א שכור'ן חלום, באַרוישענדע, אַפראָדיטישע ריחות. נאָר איבער די צאַר־טע און הימעלדיגע קאָלירען פון די בלומען פליסט לאַנגזאַם דאָס בלוט פון געפּייניגטע מענשליכע לייבער; די וויירוויכדינע ריחות פון די פלאַנ־צונגען מישען זיך אויס מיט דעם אָפּשטויסענדען גערוך פון מענשליך פלייש, וואָס ווערט לאַנגזאַם געבראָטען מיט רויט־אָנגעגליטע שפּיזען; דאָס שטילע מעלאַדישע טרילען פון די פויגלען הערט זיך צווישען די

אַן אַנדערע, און דעם העלד, וועלכער איז מירבאָ אַליין, האָט נאָר מירבאָ געקענט באַשרייבען.

די „ק ר י י צ י ג ו נ ג" איז, אַן צווייפעל, אויטאָביאָגראַפיש, עס פילט זיך, אַז יעדע סצענע און פּאַסירונג איז אַ דורכגעלעבטע. עס איז אַ בוך, וואָס מירבאָ וואָלט אין זיינע שפּעטערע יאָרען ניט געקענט אָנשרייבען, און וואָלט ער עס שוין יאָ אָנגעשריבען וואָלט ער עס פאַר־וואַנדעלט אין אַ ברוטאַלען וויץ... ער איז נאָך דאַן געווען יונג; דאָס לעבען האָט געשלאָגען פון אַלע זייטען. פון דעם ווייטאָג האָט ער טיף געליטען און שיין געשריבען, אָבער שפּעטער איז ער פאַרהאַרטעוועט געוואָרען. ער איז שוין מער אין לעבען ניט געווען אַנטוישט, ווייל ער האָט שוין מער אויף גאָרניט געוואַרט. ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָס לעבען איז אַן אידיאָטישע פּוסטקייט, אַן שכל און אַן שיינקייט, און האָט ער געליטען, האָט ער גלייך געענטפערט דער מענשהייט מיט אַ פּראָקלאַמאַציע פון האַס און פאַראַכטונג.

„ד י ק ר י י צ י ג ו נ ג" און דער „ג אָ ר ט ע ן פ ו ן פּ י י־נ י ג ו נ ג ע ן" זענען פון אַלע מירבאָ'ס ווערק מיר צום נאָענטסטען צום האַרצען. און דערצו זענען זיי אין אַ געוויסען זין צוזאַמענגעבונדען, און מער ווי איין פּאַראַלעל קען צווישען זיי געצויגען ווערען. די „קריי־ציגונג" איז טיילווייז אַן אָוועורטורע צום „גאָרטען"; דער סאַדיזם און „אָרגיע פון ליבע און טויט" איז אין אַ שוואַכערע, ווייניגער דעפי־נירטער פאָרם פאַראַן אויך אין דער „קרייציגונג". דאָס בילד פון זשוליע אין דער „קרייציגונג" איז אַ בלייכער אָנבליק פון קלאַראַ אין דעם „גאָר־טען" פּונקט ווי דער שרייבער מינטיע איז אַ בלייפעדער־שטודיע פאַר דעם פּאָרטרעט פון דעם שוואַכלינג אין דעם „גאָרטען פון פּייניגונגען".

דער „גאָרטען פון פּייניגונגען" איז אַ בוך וועלכען עס איז שווער צו באַשרייבען און נאָך שווערער צו פאַרשווייגען. עס איז אַ בוך צום ליב האָבען אָדער צום האַסען. גלייכגילטיג בלייבען צו אים איז אוממעגליך.

פּונקט ווי „ד י ק ר י י צ ו נ ג" איז דער „ג אָ ר ט ע ן פ ו ן

דאַ באַנוצט איז זינגען אַ לויב־געזאַנג צו דער כאַאָטיש־פאַנטאַסטישער שיינקייט פון דעם גאָרטען.

אַלע פּאַראַדאָקסען פון זיין לעבען און שאַפען זענען אין דעם בוך אין זייער שטאַרקסטער פאָרם: דאָס געמיש פון אידילישקייט, פּאָעטי־שער שיינקייט און צערטליכקייט מיט דער ווילדסטער גרויזאַמקייט און העסליכקייט; דאָס באַנוצען אַ וואונדער־שיינע שפּראַך אין באַשרייבען די עקעלהאַפטסטע אינצידענטען; זיין ווילדער פרויען־האַס וואָס ווערט אַזוי אָפט פאַרוואַנדעלט אין גייסטיגען פּריאַפּיזם; ער לעבט אויסגעבונ־דען און אויסגעקניפּט מיט דעם אַלטעגליכען לעבען פון די מענשען וועמען ער האַסט, ער פאַרנעמט זיך מיט זייערע קליינליכע, פּאָליטישע און נאַ־ציאָנאַלע פּראָבלעמען; ער זאַמעלט ערשטע אויסגאַבען פון שרייבער וועלכע ער האַסט און רייסט אַרונטער. אָבער זיין שרייבען איז די נע־גאַציע פון אַלע נעגאַציעס; ניטאָ קיין מאָראַל, שיינקייט, יושר, קונסט אָדער שכל אין לעבען. עס איז בלויז דאָ ליבע און האַס, און צווישען דיביידע איז דער אונטערשיד אַ גאַנץ קליינער... אין דעם העכסטען „געטליכען" מאָמענט פון ליבע איז דאָ פּונקט אַזוי פיל האַס ווי ליבע.

אָקטאַוו מירבאָ איז אַ רייכע טעמע; עס איז דאָ פּלאַץ פאַר חקירה, אויסטייטשונג און אַנאַליז. עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו מאַכען אַ פּסיכאָלאָגישע שטודיע פון מירבאָ'ס גייסטיגען סאַדיזם, זעען אויף וויפיל זיין צעבראָכען לעבען האָט באַאיינפלוסט זיין אייגענאַרטיג שריי־בען. עס איז דאָ פּלאַץ פאַר אַ לענגערער, מער פּינקטליכער ביאָגראַפיע, אַ ביאָגראַפיע, וואָס זאָל וואַרפען מער ליכט אויף די טויזענט און איין פאַרבאָרגענע געהיימניסען פון מירבאָ'ס לעבען, אַ ביאָגראַפישע שטודיע, וואָס זאָל מער אָדער וויניגער פאַרשטענדליך מאַכען די פּאַראַדאָקסאַלע זייט פון מירבאָ: דעם ווילדען געמיש פון נאָרמאַנדישער ערדישקייט מיט פּאַרפומירטער פּערווערזיטעט; דעם שרייענדיגען, אומעסטעטישען טאָן פון זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען און די עלעגאַנטע, קינסטלערישע סטי־ליסטיק פון זיינע ראָמאַנען.

דאָס אַלעס האָב איך ניט געטאָן. מיין צוטריט צו אָקטאַוו מירבאָ

פאַרשטיקטע געשרייען פון די קרבנות, וואָס ווערן צעריסן אברים׳ווייז...

עס איז אוממעגליך, אַז אַ קאַטאַלאָג פון די אַלע שוידערנדיגע פּיי־ניגונגען זאָל לאָזן אַן אַנדער געפיל ווי עקעל. אַנדערש איז עס, אָבער, ווען מען לעזט דעם בוך. דאָרטען זענען אַפּשייליכע באַשרייבונגען גע־מישט מיט פּראָז־פּאָעמען פון רייצענדער שיינקייט. דער איינדרוק, וואָס עס לאָזט איבער איז שווער צו באַשרייבן. אַמאָל באַרוישט עס און פאַרטויבט די געדאַנקען אַזוי, אַז דער לעזער וואַנדערט פאַרטומעלט און באַוואוסטלאָז אין דעם גאָרטען, געפירט פון מירבאָ׳ס צויבער־קראַפט, פּונקט ווי דער האַלב־דערשטיקטער שוואַכלינג, וועלכער איז דער העלד פון ראָמאַן, ווערט געפירט פון דער פרוי. אַן אַנדערשמאָל דער־וועקט עס אַ געפיל פון עקעל געמישט מיט באַוואונדערונג.

די הויפּט פיגור אין אָט דעם ווילדען קאָשמאַר איז די ענגלענדערין קלאַראַ, וועלכע שפּאַצירט לאַנגזאַם דורך דער גאַנצער פאַנטאַסמאַגאָריע פון ליידען און טויט, אַפּשטעלענדיג זיך לעבן די עקעלהאַפטסטע פּיי־ניגונגען און צוקוקענדיג מיט אַן איבערעגענדיגען שמייכעל די ליידען פון די קרבנות. אַלע פרויען — טיפּען וואָס מירבאָ האָט ביז אַהער געמאָלען זיינען געוועזן בלויז פאַרבערייטונגען פאַר דער פרוי אין דעם „גאָרטען“. אין דעם בוך האָט ער געבראַכט צו דער העכסטער שטופע און קלאָרער אַרויסגעזאָגט זיין קאָנצעפּציע פון דער פרוי אַלס פאַרניכטונגס־קראַפט, די פרוי, וואָס איז אַ חיה פון תאוה. קלאַראַ איז דאָ די גרויס־פּריסטערין פון סאַדיזם, די פרוי, וואָס רייצט אירע אָבנאָרמאַלע פאַרלאַנגען מיט בילדער פון ברוטאַלע פּייניגונגען און עקעלהאַפטען טויט.

דער „ג אָ ר ט ע ן פ ו ן פּ י י נ י ג ו נ ג ע ן“ איז אַ פּאַסענדער פינאַל פאַר מירבאָ׳ס שאַפען. אין דעם בוך געפינט זיך אין דער קאָנ־צענטרירטסטער פאָרם מירבאָ אַליין; עס איז דער תמצית פון זיין קונסט און וועלטאַנשויאונג. און וואָלט בלויז דאָס בוך געבליבען פון אַלע מירבאָ׳ס ווערק וואָלט עס דאָך געוועזן גענוג אויף צו געבען אַ באַגריף וועגען אַלע אָריגינעלע איינגענשאַפטען פון מירבאָ׳ס זשעני.

אַפילו אין אַזאַ אָפּיום־פאַנטאַזיע ווי דער „גאָרטען“ זעט זיך נאָך אַלץ מירבאָ׳ס ערדישקייט. ער איז נאָך אַלץ דער רויער, ניט פּאָלירטער, נאַטאַנדישער פּויער, דורכגעדרונגען מיט דער איינגעבאָרענער ליבע צו דער נאַטור. זיין גאַנצע ערפאַרונג אַלס קינסטלער מיט׳ן פּענזעל האָט ער

מאקס וועבער:

ליבער

האלצשניטען

סקולפטור

עסעיס

דזש. טאפעל:

צייכענונגען

עסעיס

העריטאן:

צייכענונגען

ב. קאפמאן:

פון בוך „בענוועבו“

איז א ריין פערזענליכער; אין אנדערע ווערטער, איך האָב דאָ גיכער געטאָן גערעכטיגקייט ניט מירבאָ׳ן נאָר זיך אליין... איך האָב פארשוויגען מירבאָ׳ס דראַמען („געשעפט איז געשעפט“, „די שלעכטע פירער“, „דער פּאַרטפעל“) און אַ סעריע פאַרסען און בורלעסקען, פשוט ווייל איך גלויב, אַז זיי זענען ניט ווערט דערמאָנט צו ווערען אין דעמזעלבען אָטעם מיט זיינע ראָמאַנען. די דראַמען זענען אָפּטמאָל שטאַרק און אינטערעסאַנט, אָבער זיי זענען פון דעם טענדענציעזען סאָרט, וואָס פיל אייראָפּייער פון יענער צייט האָבען געשריבען, אָדער געקענט שרייבען. איך האָב אויך ניט פיל גערעדט פון מירבאָ׳ס יוגענט־ארבייט, אַ מעשה וועגען א משוגענעם גלח, אַ פּאָר בענד נאָוועלען און עסקיזען, אויך אַ דיק בוך רייזע־בילדער. אָט די אלע האָבען בלויז אַן אויסערליכען ווערט; זיי וועלען דינען אלס מאַטעריאַל פאַר דעם צוקינפטיגען קריטיקער אָדער ביאָגראַף, אלס מאַטעריאַל פאַר שטודירען די אנטוויקלונג פון מירבאָ׳ס זשעני. אָבער קיין אינערליכען ווערט, קיין קונסט־ווערט האָבען זיי ניט.

וואָס איך האָב פּרובירט טאָן איז געבען אַ פערזענליכען איינדרוק פון בלויז די פון מירבאָ׳ס ווערק, וואָס זענען מיר, פערזענליך, ליב און טייער, די ווערק, וואָס שטעלען אים, אין מיין מיינונג, אויף איינעם פון די העכסטע פּעדעסטאַלען פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, אין נאָענטער שכנות מיט אַנאַטאָל פראַנס, פלאָבער, הויזמאַן, און זייער גלייכען אין דער וועלט ליטעראַטור.

מירבאָ איז אַ שרייבער וועגען וועמען עס איז שווער זאָגען נביאות. עס קען זיין, אַז אין קומענדע יאָרען וועט „די קרייציגונג“ געשטודירט ווערען אלס מאָדעל פון סטיליסטיק. עס קען אָבער אויך זיין, אַז מירבאָ זאָל בלייבען אַ מלחמה קרבן... אַז זיין גאַנץ שאַפען זאָל אין קומענדע יאָרען גאָר ניט צוציען דאָס „לעזענדע פּובליקום“, און אַז בלויז קוריאָזען־זוכער וועלען גיין פון איין ביכער געשעפט צום צווייטען אין זייער נאָכפראָגע נאָך דער ערשטער אויסגאַבע פון דעם „גאָרטען פון פּייניגונגען“, די אויסגאַבע, וואָס אַנטהאַלט די עראָטישע אילוסטראַציעס פון אוגוסט ראָדען...

אַן אוצר, אַ קרוין, אַ פּערל.
אָ, ווי רייך איז דער מאָרגען, —
אויף יעדען גראָז
זיצט אַ בריליאַנטענע קרוין פון טוי.

די שטערען פון הימעל
זענען איינגעזאַפּט געוואָרען אין דער זון.
האָט דער מאָרגען פאַר דעם
פערלדיגע שטערען פון טוי
אויף דער ערד צעשפּרייט.

דער טויטער בוים

אַ טויטער בוים שטייט ביי אַ לעבעדיגען בוים.
שטייט נאַקעט, עלענד, שטום.
זיינע צווייגען טייטלען אויפ'ן הימעל —
זיינע צווייגען — אויפגעשריבענע צייכענס — טויט.

נאַקעט, עלענד, שטום איז דער בוים.
קומט אַ ווינט
הויב אָן דער בוים צו ריידען
צו דעם לעבעדיגען בוים.
ער זאָגט:
„איך בין האָ, איך בין דאָ,
איך בין אויך דאָ“.

אַ פּינטעלע

בלויז אַ פּינטעלע אויף דער וועלט בין איך,
אָבער ווי אַ שטערן אין הימעל שיין איך.
בלויז ווי אַ שטיינדעל אויפ'ן ברעג ים בין איך,
אָבער אין דער צאָל פון דער וועלט בין איך דאָ.

מאַקס וועבער:

דונער און בליצען

עס דונערט!
האַס הארץ פאַלט איין,
די נערוועז צעטרייסעלט,
די אויערען ווערען טויב,
די נשמה זינקט איין.
עס בליצט!
דער הימעל איז צעשפאלטען,
פייערדיגע בייטשען —
דער בליץ —
מלאכים ליכט —
אויף א רגע
באלויכט דעם מענשענ׳ס וועלט.
קאַן זיין, —
ווען עס וואָלט שטענדיג געדונערט,
שטענדיג געבליצט,
שטענדיג.
וואָלטען די מענשען געוואָרען מלאכים,
די ערד א הימעל,
און אלצדינג הייליג.
הייליג.
געטליך!

מאָרגען טוי.

אויף יעדען גראָז אן אוצר,
אויף יעדען גראָז א קרוין,

א פינטעלע אין דעם רוים פון צייט איז מיין לעבען,
אָבער דאָך איז מיין לעבען פאר מיר אַן אייביגקייט.
א פינטעלע, — א מענש.
א פינטעלע, — א שטערן.
א פינטעלע, — די צייט.
א פינטעלע, —
א פינטעלע איז דער גאַנצער זיין.
מיליאַרדען שטערען שיינען אין רוים פון דער צייט,
און די אייביגקייט ציילט, —
ציילט, ציילט, ציילט....

מאקס וועבער דאָס פליען

MAX WEBER

דרוק פון א קאָלאָסאַלער סטאַטוע, אין דער צייט, ווען א געוועהנליכע מיטעלמעסיגע סטאַטוע מעג זיין ווי גרויס, זעהט זיך אָן ווי א שפּילקע־קעפּעל, איינפאַך דערפאַר, ווייל עס פעהלט איר אַט דער אומבאַגרע־ניצטער חוש פאַר רוים און ווייטקייט. דאָס אייגענע קאָן אויך געזאָגט ווערען וועגען מאַלעריי און אַנדערע פּלאַסטישע קונסטען. ביי דעם סאַמע לעצטען ברעג פון יעדער זאַך איז נאָך אַלץ דאָ א ווייט גרייכענדיגע פאָרטזעצונג אין דעם רוים אַריין, אויב די זאַך איז נאָר אויסגעדריקט מיט קראַפט און ענערגיע. די עקזיסטענץ פון דער אידעאַלער דעמענסיע איז אָפּהענגיג פון די דריי מאַטעריעלע דעמענסיעס, און איז אינגאַנצען געשאַפען דורך פּלאַסטישע מיטלען דורך פאַרבען און מאַטעריע, אויפגע־בויט אין רוים און ליכט.

דאָס א י ד ע אַ ל ע ווערט אויף אַזאַ אופן פאַרקערפּערט און אַנטפּלעקט דורכ'ן ר ע אַ ל ע ן. מאַטעריע איז דער אַנהויב פון עק־זיסטענץ; און עקזיסטענץ און לעבען פאַראורזאַכט און שאַפט די אידיי.

סעזאַנס אָדער דזשיאָטאָס אויפטואונגען זיינען העכסט רעאַל און פּלאַסטיש און דערפאַר זיינען זיי אַזוי זעלטען און אויסגעצייכענט. דאָס אידעאַלע און דאָס וויזיאָנערע מוז דורכאויס האָבען פאָרם, אפילו מלאכים קומען אַראָפּ אויף דער ערד. און דורך קיין אַנדער וועג, ווי גייענדיג אויף דער ערד און קוקענדיג צום הימעל, קאָן מען דאָס גלייכגעוויכט ניט דערגרייכען. דער גרעסטער חלום אָדער זעאונג איז דאָס, וואָס ווערט געגעבען פּלאַסטיש, דורך אויפפאַסונג פון זאַכען אין דער נאַטור. “Pour les progrès à realiser il n'y a que la nature, et l'oeil s'eduques à son contract. זאָגט סעזאַן. רוים איז לייַ־דיג פון א פּלאַסטישען שטאַנדפּונקט. וואָס שטאַרקער און מעכטיגער די פאָרם איז אַלץ אינטענסיווער איז דער חלום אָדער די זעהונג. בלויז אויף רעאַלע חלומות קאָן מען בויען; אפילו געדאַנקען זענען מאַטעריע. דאָס איז אַלץ די טעאָריע פון זאַכען. די פּיראַמידען און טעמפּלען, דער אַק־ראָפּאָליס און די פּאַלאַטין געביידען — זענען חלומות רעאַליזירט דורך פּלאַסטישע מיטלען; קאַטעדראַלען און דעקאָראַציעס, טונעלען, בריקען און טורעמס, דאָס אַלץ איז מאַטעריע אין דעם רוים,ביידע אין איינעם, — אָבער ניט אָפּגעזונדערט איינס פון צווייטען.

מאַקס וועבער:
עסעי

איך גלויב, אז אין פּלאַסטישער קונסט איז פאַראַן א פערטע דימענסיע, וואָס קאָן אָנגערופען ווערען דאָס באַוואוסטזיין פון א שטאַרקען און איבערוועלטיגענדען זין, פאַר דעם רוים און ווייטקייט, וואָס שפּרייט זיך אין אַלע ריכטונגען אויף אמאָל, און קומט צו איהר עקזיסטענץ דורך די באַוואוסטע דריי מאָסען.

דאָס איז ניט קיין פיזישע אייגענשאַפט, ניט קיין מאַטעמאַטישע היפּאָטעזע און אויך ניט קיין אָפּטישע אילוזיע. דאָס איז רעאַל. און מען קאָן דאָס באַגרייפען און פילען. דאָס עקזיסטירט אין דעם דרויסען און דעם אינווייניג פון געגענשטאַנדען, דאָס איז דער רוים, וואָס נעמט אַרום דעם בוים, דעם טורעם, דעם באַרג און די אַלע אַנדערע קערפּערליכע זאַכען; אָדער די אינטערוואַלען צווישען זאַכען, ווען מיר זעען זיי נאָר ווי געהעריג איז. דאָס איז ענליך צו דער עמאַנציפּאַנעלער קראַפט, וואָס גיט צו פאַרב און טיפקייט צו מוזיקאַלישע קלאַנגען. דאָס רייצט די פאַרשטעלונג און וועקט דעם שאַפונגס כוח. דאָס איז די אומבאַגרעניצטקייט פון אַלע זאַכען. דאָס איז די אידעאַלע מאָס, — און איז דערפאַר אזוי גרויס ווי די אידייע אַליין, ווי די באַגרייפונגסקראַפט אָדער ווי די פאַרשטעלונג פון דעם שעפער.

צוויי געגענשטאַנדען קאָנען זיין פון איין און דער זעלבער מאָס און זאָלען דאָך ניט אויסזען פון איין און דערזעלבער גרויס; ניט איבער וועלכער ניט איז אָפּטישער אילוזיע, נאָר איבער א גרעסערער אָדער קלענערער אומפאַסונג פון דער אזוי גערופענער, פערטער דעמענסיע, פון אומענדליכקייט.

די פאַרצייטיגע און די בעסטע פון די אסירישע, עגיפּטישע און נרישע סקולפּטור־אַרבייטען און אויך די בילדער פון על־גרעקאָ, סעזאַן און אַנדערע מייסטערס זיינען וואונדערבאַרע ביישפּילען פון פּלאַסטישער קונסט, וואָס פאַרמאָגען די דאָזיגע זעלטענע אייגענשאַפט. א טאַנאַגראַ, אַן עגיפּטישע אָדער א קאָנגאָ סטאַטועטקע מאַכט אָפטמאָל דעם איינ־

י. טאַפּעל:

עסייעס

1. די טעמע.

אויף די טונקעלע ווענט פון מיין צימער לייכט אויף אן ערשיינונג. איך האב עפּעס אומקלאר געזוכט, דוכט זיך, אין זיך. עפּעס האט מיר געשטערט צו זען, צו באַנעמען און צו פרייען זיך מיט דער זון. און מיטאַמאל, פון זיך אליין, צווישען טאג און נאכט, האט א בליץ געטאן א פּלאַסטישע ערשיינונג; א מיקראָקאָזם — א ווייטער מאָטיוו, עטליכע זילבען פון א וואָרט, דריי דימענסיעס, א שימער פון פארבען — און פארשוואונדען. און כאטש דער לעבעדיגער שיין איז אראָפּ פון די ווענט, גלויב איך דאך, אז דאס וואס האט זיך פאר מיר איינמאל באוויזען, בלייבט אייביג מיין. מיט מיין אויסדויער און אין מיין פארבענקטקייט, וועל איך צוריק ארויסרופען אט יענעם שפּילעוודיגען אפשיין אין דער פינסטער.

איך האב איינגעפרעסט א רויז צווישען צוויי דינע בלעטלעך אין א בוך. און איך מיש דאס בוך און זוך די ווייסע רויז. און אזוי מישענדיג און אזוי זוכענדיג, געפין איך ניט און געפין יא. געפין ניט און געפין — רויזען אויף רויזען.

און אט אזוי נישטער איך ארום שטיל אין מיינע פארבארגענישען. און — דערזע מיט אמאל הונדערטער קאפּריזען, און ניט-געלייטערט-קייטען, און פארמען, וואס לייקענען זיך אפּ איינס דאס אנדערע.

בלייב איך אויף א ווייל צעטומעלט. נאר אז איך הויב אן פאנאנדער-צעקלייבען דעם קנויל, זע איך איין, אז די ווידערשפּרוכען נעמען זיך דערפון, וואס איך, דער איינער, בין גאר צעטיילט אויף צוויי געשטאלטען, וואס איינער זוכט דעם צווייטען צו באשרענקען. ווענד איך זיך נאכאמאל צו זיך אליין: אויסדויער, ליבע!

א דריטען מאל קומט די ערשיינונג, ווי פון א ווייטען לאנד, און קומט נענטער און זיכערער. מיט ציטעריגע פינגער ריר איך אן דעם זוים פון איר קלייד. אלע מיינע חושים ווערען שטארק וואך. און אט איז די צייט איהר אין דער ליכטיגער נשמה אריינצודרינגען — מיט מיינע חוש-ווערטען און חוש-מעגליכקייטען. אט יעצט ווען זי איז מיר נאך

חויש. טאפּעל — צו לייוויק׳ס „גולם“

פּייערן, לייטערט זיך אין אַזויפיל ליידענשאַפטען, אַז זי איז ווייניגער ווי גאַרנישט אין פאַרגלייך מיט דער דערפילונג.

און די טעמע, דאָס איז די פאַרגאַנצטע אויפפאַסונג, דער זיגזאַג פון שטימונגען, דער סך הכל און דער אייגענאַרטיגער פאַרבינד פון אַלע מיינע רעגונגען.

איינגען, ליכט פון מיין ליכט, האַרץ פון מיין האַרץ. אַט יעצט ווען זי איז מיר אַזוי בלוט־נאָענט. באַלד וועט זי מיר זיין אַ פרעמדע, און מיט איר גאַנצער ליכטיקייט וועט זי מיר קוים קענען באַלייכטען אַ ווינקעל אין מיין זכרון.

און ווי איך באַטראַכט אַזוי מיין איינגען באַשאַף, זעה איך ווי עס פאַראַנדערשט זיך, אונטער דעם צאַרטען, אומבאַמערקליכען באַריר פון מיינע חושים. זאָל פון ערגעץ אַן אומגינסטיגער ווינט אַ בלאָז טאָן, און עס ווערט פאַרלאָשען ווי אַ ליכט, און מיין ליד בלייבט אַ ברוכשטיק — אַ פראַגמענט. נאָר די מאָס קינסטלערישער אויפריכטיקייט, וואָס איז מיר באַשערט, וואַכט איבער מיר. און ווען אַ צופעליקייט פליט אַן פון ערגעץ, ווארענט מיך דאָס געוויסען.

און דאָס ליד איז ווי אַ נייער קוואַל פון אַ שטיין אַרויס, אַ קוואַל, וואָס פאַלט דאָס ערשטע מאָל צו דער ערד, און זוכט זיך ערשט אַ וועג צום ים. און ביז וואַנען עס איז ניט דערגאַנגען ווייס איך ניט דעם וועג דערפאַר.

ווייל יעדע געדאַנקען־ווענדונג ענדערט די פּערספּעקטיווען, און דאָס גלייכגעוויכט דאַרף זיך איינשטעלען אויפסניי.

דאָס ליד קריגט אַן אַנדער אויסזען און רייסט זיך צו אַ פאַר־ווירקליכונג. עס עפענען זיך אַלץ נייע מעגליכקייטען, אַנדערע שליסען זיך אָפּ, און ווידער אַנדערע שליסען זיך אויס. די טעמע ווערט מיר קלאָר. די אויפפאַסונג ווערט גאַנץ.

וואָס איז אַזוינס געווען יענע ערשטע רעגונג, יענער אומבאַשטימ־טער ווילען, וואָס האָט מיך געמאַכט זעען די זעאונג? אַמאָל בין איך געניינט צו גלויבען, אַז יענער ווילען איז שוין געווען דאָס גאַנצע ליד. עס האָט זיך גאָר געגוטיגט אין דער פאַרמיטלונג פון ווערטער, וואָס זאָ־לען דינען ווי אַ פענסטער אַרויסצולויכטען דאָס ליד פאַר דיר.

נאָר מיט מער זיכערקייט גלויב איך, אַז יענער ערשטער ווילען איז געווען דער ערשטער, אומבאַדייטענדער פונק וואָס האָט ערשט געדאַרפט אַרויסרופען דאָס ליד.

הינטער יעדער שטימונג ליגט געוויינליך אַ קאָנקרעטע זאַך, דאָס וואָס האָט צעשטערט די נאַטירליכע געמיטליכקייט, וואָס האָט באַוואוסט־זיניג אָדער ניט, געשאַפען אַ רעגונג. נאָר די זאַך גייט דורך אַזויפיל

ביי די פיס, נעמט ער טאַנצען פאַר פרייד. צוזאַמען מיט'ן ליכט בייטען זיך די שטימונגען, און אַז דער הויכער שטאָלצער וואַלד צעוויינט זיך, איז זיין געוויין אַזוי אומהיימליך ווי ס'געוויין פון אַ דערוואַקסענעם מענשען.

טיף פאַרגראַבען אין זיך שטייט דער וואַלד. די רעגענס, וואָס פאַלען אויפ'ן קאָפּ פון באַרג קומען באַוואַסערן די פיס פון וואַלד. די ווינטען, וואָס פאַרדולען אַ וועלט קומען אין וואַלד אריין ווי שאַרבענדיגע מייז, און מענשען, וואָס האָבען ליב וואַלד, ווערען דערביי שטיל און ערפורכטיג.

אַלס קינד האָט מען מיך געשראָקען מיט וואַלד; גזלנים וואוינען אין וואַלד, און ניטגוטע פאַרפירען אין וואַלד — ער, גזלנים וואוינען אין די אָפענע שטעט, און ניטגוטע וואוינען אפשר אין די זיבען הימלען. דער וואַלד איז אייגענטליך אַ קינדער פּלאַץ, דער וואַלד האָט ליב קינדער, ווייל קינדער זענען גלייך צו זונענליכט. און ווען אַ וואַלד שטייט ווינטער אין בלויען שניי, נעמט זיך אים שטאַרק בענקען ווען דער זומער גייט קומען, און כאָטש אַלע ביימער זענען איין וואַלד ווי אַלע פינף פינגער זענען איין האַנט — דאָך האָט יעדער בוים זיין אייגענעם חלום און זיין באַזונדער בענקעניש. און זיי פילען אַזוי ווי זיי וואַלטען זיך וועלען אַפּרייסען און אַנטלויפען. נאָר אַז עס קומען קינדער זיך שפּילען אין וואַלד, פאַרגעסען זיך די ביימער און נעמען זיך פרייען די פרייד פון די קינדער.

און נאָך מער פון קינדער האָט דער וואַלד גערן די ברוינע וועווערקעס מיט די ציטערדיגע קעפּלעך. און נאָך ליבער האָט דער וואַלד־פייגעל: רויטע, געלע, גרינע, בלויע, גרויע, וואָס עסען ווערעם און זינגען לידער. און אַז מענשען ווייסען ווער עס האָט זיי ליב, ווייסען פייגעל אודאי. און נאָך איידער עס גרינט זיך דער ערשטער קנאָספּ, קומען זיי צושווימען אויף זייערע גרייטע פליגעל אהין וואו מען באַגערט זיי, און נעמען גלייך מאַכען יום טוב אין וואַלד.

פון יאָר צו יאָר קומען זיך די ביימער נענטער צוזאַמען, רינג אויף רינג ווערען זיי גרעבער. דער וואַלד צעוואַקסט זיך אין דער טיף און ווערט געדיכט. פון מאָלצומאָל שיסט ארויף אַ ניי גרין בלימעל פון צווישען די גראָבע אַלטע ביימער, און נעמט פאַנאַנדער די הענט ווי

2. וואלד.

איך וויל גלויבען, אז די וועלט און אלץ וואס אויף דער וועלט איז אונטער דעם רשות פון א לעבעדיגען גאט. דערפאר איז דאס יעדע זאך אזוי פולקומען און וואויל אין שיין. און פולקומען איז יעדע זאך מיט איר אייגענער פולקומענהייט. באטראכט א בלום, א מענש, א בוים, א ווארעם. נאר איין זאך קען איך מיר ניט דערקלערען: האט גאט אזוי פארשיינט א בלאט, אין איר אויסגעצאקט שפיצען, זי פארצויגען מיט א דינער נעץ פון טונקעלע אדערן, איר געגעבען אזא ריינעם גרינעם קאליר, כדי א ווארעם זאל עס צעפרעסען און פאראומווירדיגען? איז גאט א ווידערשפרוד, איז פולקומענהייט בלויז א צופאל?

אויף וואס איז דער וואלד? ניט אויף דעם, אז מען זאל פון אים האלץ האקען.

א וואלד איז ניט קיין צופאל. און ער קומט מיטאמאל, אזוי ווי די צוויי הונדערט אכט און פערציג אברים. א בוים און צוויי זיינען ניט קיין וואלד, אפילו אלע בוימער פון וואלד זיינען ניט דער וואלד. די שא־טענס אויף די בוימער, דער ווידערקול צווישען די בוימער, דער מאך, וואס איז גרינער און ווייכער ווי גראז — ענדער איז דאס דער וואלד.

פעלדער שפרייטען זיך, בערג ליגען, וואלד שטייט. מיט די טויזענ־טער הענט פארנומען איבערן קאפ שטייט דער וואלד — און טראכט. און זיינע טראכטונגען בלייבען סודות אויף אייביג. א פריי פעלד פאר־מאגט ניט קיין סודות. דער ים באהאלט זיין סוד פאר א צייט, באלד אבער שליידערט ער אים ארויס אויף׳ן זאמד פון ברעג. די סודות פון וואלד בלייבען צווישען בוים און בוים, און די רייד פון בוימער זענען שטומע רייד.

פון דרויסען איז א וואלד ענליך צו א טונקעל גרינער וואנט. אינע־ווייניג איז ער ענליך צו א מענשליך הארץ, בלויז אביסעל זונענליכט, און ער צעשפילט זיך ווי א זינגפויגעל. און ווי נאר ער טיילט איין דאס ביסעל ליכט, דא א פאס, דארט א פלעק, און עטליכע זיגזאגען די בוימער

3. צ י י ט.

דער מענש איז א געבענשטע באשעפעניש, דערמיט וואס ער באזיצט מער אייגענשאפטען פון אלע אנדערע באשעפענישען. וואלט דער מענש געווען א בוים מיטווארצלען אין דער ערד, וואלט ער פארמאגט נאר איין איינציגען הארייזאנט. איז ער אבער געבענשטער פאר דעם בוים, און עס ציט אים ארויסצוגיין פון זיינע פיר איילען. און עס שטייען פאר אים אויף אלץ נייע הארייזאנטען. וואלט ער געווען א חיה אין וואלד, וואלט פאר איהם דער ים געווען פארשלאסען, און אפילו ווען ער וואלט געוואנדערט פון דאנען ביז כינע וואלט געווען ווי ער וואלט גאר קיינמאל נים ארויסגעגאנגען פון די גרעניצען פון זיין לאנד. דער מענש אבער האט א זכרון, וואס האלט פאר אים אויף די אלע געענדערטע הארייזאנטען.

און גאט האלט רעכענונג פאר אלעמען, פאר דעם מענשען אזוי גוט ווי פאר די ביימער, חיות, פיש, פייגעל און שטיינער. אפגעגאנגען אזוי־פיל און אזויפיל זונען, אריינגעלעבט אין זיך אזויפיל און אזויפיל הארי־זאנטען — גענוג. פירט אבער דער מענש אויך אליין זיין רעכענונג, נעמט ער און ציילט איבער. איז ער מיד, געפינט ער אז גענוג, לייגט ער זיך אוועק אויף דער פייכטער ערד. קומען זיינע בלאסע עלטערן און נעמען אים צו צו זיך. געפינט ער אבער, אז נאך ניט גענוג, שטעלט ער זיך אוועק און גייט איבער אין זכרון די אלע וועגען איבער וועלכע ער איז געגאנגען מיט די פיס פון זיין קערפער. ווערען אים דערמאלט זיינע הארייזאנטען מאפעלט ליב, קומט שוין גאט אליין און רופט אים אפ צו זיך.

אז אויבערהאנט פירט דעם מענשען איבער די וועגען פון דער ערד און צווישען די פלאנעטען און זונען אין רוים. און וואס מער דער מענש הייבט אן צו דערזעען און וואס ווייטער ער וויל דערגיין, אלץ האסטיגער ווערט זיין לעבען, אלץ אנגעשטרענגטער, ווייל ער טאר זיין צייט נים פאררעכענען, אפילו אויף קיין איין רגע נים.

איינער וואַלט זאָגן: וואו בין איך דאָס? נאָר פאַרפאַלען, זיין שיקזאַל איז אַזאַ. איז ער שיין, איז זיין שיינקייט אַ טרייסט פאַר אים.

און אַז די צייט וואָס פליט איבער דער וועלט דערנענטערט זיך צום וואַלד, ווערט אַ שרעקליכער טומל. אירע צעבויגענע בליצען נעמען שפּאַלטען די קרעפטיגסטע בוימער. זי ברעכט זיי אָדער רייסט זיי אויס, דרייט זיי איבער מיט די וואָרצלען אַרויף, און גראָבט איין זייערע קעפּ אין דער ערד. זי זעגט זיי אונטער. זי בויערט זיי אויס, גיסט אויס דעם ווייַן פון זיי און טריקענט זיי אויס אויף פּאַראַד, צעפּאַלען זיי פון זיך אַליין. זי נעמט אַ יונגען בוים און שלאָגט מיט אים ווילד איבער דעם קאָפּ פון אַן אַלטען, ביז ביידע צעברעקלען זיך אויף שפּענער.

דערנאָך שטייט דער וואַלד פאַר'עקשנ'ט. שטיל זעט ער צו דעם בראַך, און שווייגט.

ער טוט גאָר ניט. פון זיך אַליין ווערט אַלץ צוריק רעכט. דער וואַלד איז דאָך ניט קיין שטוב, וואָס אַז איין וואַנט פאַלט איין, ברעכט זי איננאַנצען צוזאַמען.

אַזוי ווי יענער לעגענדאַרישער פויגעל, וואָס הייבט זיך אויף פון זיין אייגען אַש, אַ באַנייטער, אַזוי שטייט אויף דער וואַלד, מיט דעם כח פון דער ערד, און מיט דעם גרויסען ווילען, וואָס ציט אים צום הימעל, בלייבט דער וואַלד — וואַלד.

און די צייט ווערט א טייך. און די פאַרקערפּערטע געגענוואַרטען ווערען שיפען, וואָס גייען אויפ'ן טייך. געלויבט זענען די שיפען, וואָס דערגייען צו אונזערע ברעגען.

נאָר דאָס וואַסער פאַרצערט די שיפען: גאַנץ איז זיי אוים לעבער. ניט געבליבען גאָר נישט פון דער רגע, וואָס אַ מענש האָט זיך מיט איר באַהעפט און זי געלייטערט און פאַרקערפּערט. דער רום דערפון גייט נאָך אביסעל אום איבער דער וועלט — נאָר אַז אַ ממשות, אַזוי ווי מיין שאָטען אויפ'ן זאַמד. אין די מוזעאומס ליגט דער שטויב — פון וויפיל טויזענט יאָר? און די הייליגע ערטער — וויפיל שיכטען טויטע אויף טויטע? און אין די מוזעאומס — שטויב, פון וויפיל טויזענטער יאָרען?

נאָר גענוג איז פאַר דעם מענשען זיינע געציילטע עטליכע יאָרען. ווען אפילו די וועלט וואָלט זיך מיט אים אָנגעהויבען און מיט אים געענדיקט! זיין אייגענע ווילדע אומרו האָט דאָך אים מיד געמאַכט. זיינע אייגענע האַריזאָנטען האָבען דאָך אים געצייטיגט.

וואָס פון דעם מענשען ווערט ווייס איין גאָט. אַליין וואָס מיר ווייסען איז, אַז שטויב גייט צו שטויב. און פון דעם שטויב אַרויס פאַנגט שוין זיין לעבען קיינמאָל ניט אָן פון דאָסניי. און וואָלט די וועלט, חלילה, איינגאַנצען חרוב געוואָרען, וואָלט געווען אַן אַנדער וועלט, נאָר קיין מענטש וואָלט שוין אפשר קיינמאָל ניט געוואָרען, ווייל דער מענש איז אַ מדרגה אין דעם לעבען פון דער וועלט — אַ דערגרייכטער פונקט אין דער שנור וואָס ציט זיך פון דער ערשטער ביז דער לעצטער אומענדליכקייט.

און די צייט האַלט אַ שווערד מיט צוויי שאַרפען און פליט איבער דער צעצווייגטער מענשען־משפחה. מיט איין שאַרף עפענט זי דעם טראַכט פון דער מוטער, און דאָס קינד קניפּט זיך אָפּ פון איר לעבעדיגען לייב, און מיט דעם צווייטען שאַרף דערשלאָגט זי די מוטער מיט דעם פאָטער, און שטויב גייט צו שטויב. און אַזוי פליט די צייט איבער דער גאַנצער וועלט, פאַרזייט און רייסט אויס, מאָלט אויף און ווישט אָפּ; ציט אויף דאָס ערשט־געקומענע מיט אַזויפיל זאָרגפעליקייט, און פירט עס דערנאָך אוועק מיט דער זעלבער זאָרגפעליקייט.

צייט איז אַ ניט פאַרענדערליכער עלעמענט, וואָס ליגט באַהאַלטען אין דעם מענשען, און דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין זאָגט איר אונטער, ווען דער סוף דאַרף קומען. וואָרט זי אַזוי לאַנג מיט איר איינטעניגער געדולדיקייט, ביז דער סוף קומט, און אָפּטמאָל געשעט אַן אויסערליכע סיבה: פאַראַנען פייער אויף דער וועלט, און דער שווערד, און דאָס וואַסער, און שטילע ניטגעזעענעליידען. — און דער סוף קומט פאַר דער צייט.

די צייט גייט אַן, נאָר זי זאַמעלט ניט די יאָרען אַזוי ווי אַ מענש זאַמעלט געלד. זי גייט אַן און בלייבט שטענדיג ביי דער איינער רגע. די געגענוואַרט איז דאָס גרויסע ליכט פון לעבען, און זי וואַרפט דאָך אירע ליכטיקייטען אויף פאָרענט און אויף הינטען, און באַשאַפט דאָס וואָס מיר רופען „נעכטען“ און „מאָרגען“.

און ווען דאָס גרויסע ליכט פאַלט אויף מיין באַוואוסטזיין, דאַן צעשפּילען זיך מיינע געבענשטע חושים, און עפּעס ווערט דערפון, אַ פרייד טויכט אויף. און די אַלע ווערטזאַכען, וואָס איר געפינט, זענען דאָס געבליבען פאָר סימנים, אַז ערגעץ־וואו האָט זיך אַ מענש צוזאַמענגעטראָפען מיט יענער געגענוואַרטיגער רגע.



א. הערישאָן דער פארצווייפעלטער קעניג



א. הערױסאָן

פּאָרטרעט פֿון אַ מײדעל



א. הערימאַן — צו ראבאַי׳ס בוך „איך דערצעהל


אין דערצעהל
דערצעהל.
ונגען
נאוועלען
פון א. ראבאי

זינגען אַ יוגענט־ליד, און אויפ׳ן וועבשטול פון קומער וועל איך דאָך שפּי־
נען אַ ליד פון פרייד, און וועל באַערדיגען שמערץ מיט געזאַנג.

און בעטוועגני האָט ווייטער גערעדט: איך האָב געזעהן אַ הויפען
פלייש שפּאַצירען אין גאַס, און אָנשטאָט אַ זיסען גערוך האָט עס גע־
אָטעמט אַ שטינקענדיגען ריח. פאַרפוילט איז דער אָטעם, וואָס בלאָזט
פון זייערע טויטע לייבער און פאַרפוילט דער גערוך פון זייערע טריט.
זיי גייען ארויס פון זומפּען און טונקען זיך איין אין האָניג, כדי די פרוכט
וואָס זיי גנב׳ענען ביינאַכט זאָל ניט באַמערקט ווערען בייטאָג. זיי קליי־
דען זיך צאַרט און לאַכען פרעך און דער טאָג איז שווער מיט זייער
פאַנאַנדערפאַלונג. אָ, ווי אָפּשטויסענדיג זיי זענען אין זייער מאַסקע
פון פאַלשקייט! ווי וואונדערליך איז אָבער דער לייב אין זיין מעב־
טיגען וואָגלען און ווי גרויסאַרטיג איז דער אָדלער אין זיין ציקלאַנישען
געדריי, וואָרים דאָס, וואָס ער איז ליכטיג מיט לעבען דאַרף ניט קיין
דרויסענדיג ליכט, און שיינקייט איז דאָס איז דאָס, וואָס פאַרנאַכט דעם
געדאַנק אין קרייזען, אין וועלכע ער קאָן אָהן דעם ניט אריין. אפילו
דער שמערץ פון דער שטאַרבענדיגער בלום איז איר שיינקייט, וואָרים
ארוםביידען איז ארומגעוויקעלט דער רוים פון לעבען.

ווער עס גייט ארונטער באַרג ווייס די פרייד פון קלעטערען;
ווירקליך, איך האָב געפונען דעם שפּיץ פון לעבען. עס איז דער ווילען
צו באַזיגען. אָבער אַזוי ווי דאָס באַזיגטע זוכט נקמה און עס איז ניטאָ
קיין סוף צו זיין שטרעבען, דעריבער איז שיין די פרייד אין די אָרעמס
פון קומער — וואָרים זי קען זיך אליין. אָבער מיאוס איז די פאַרגלי־
ווערטקייט, וואָרים זי קען זיך ניט. פאַרברענט בין איך פון די פלאַמען
פון לעבען, דערפאַר פרייט זיך מיין נשמה מיט איר טויט.

ווער עס לייגט אָבער זיין קאַלטע האנט אויף מיינע שלייפען —
יענער פרירט מיין בלוט אין מיין הארצען און מאַכט מיין נשמה וויינען
אויף איר לעבען.

איך האָב געבלאָנדזשעט דורך פיל ווייטענישען און האָב געקרייזט
דורך פיל פעלדער פול מיט זונשיין און בלומען און יעדע זאך האָב איך
אָנגערופען מיט אַ נאָמען. און פיל וואונדער האָב איך געשאַפען און פיל
געהיימנישען האָב איך אנטדעקט. און פיל געטער האָב מיר ארונטער־
געריסען פון זייערע פאַלשע פּעדעסטאַלען און זיי אריינגעשליידערט אין

ב. קאפמאן:

פון בוך „בענטוועגו"

און אזוי האָט גערעדט בענוועגו, ווען ער איז ווידער ארויף אויפ'ן בארג.

פערל זענען באהאלטען אין מיין בוזים און איך היט זיי פון פרעמדע אויגען.

א געזאנג וויגט זיך איבער מיין ים און איך ווייז פארוואָס קיינער הערט עס ניט.

א ליבע־געזאנג האָב איך געזונגען צו מיין געליבטער, אָבער זי האָט דאָס ניט פארשטאנען.

מיין איינאייניציגע, וועמען איך האָב אויסגעקליבען פון צווישען אלע אנדערע, איז ניט אנדערש פון די אנדערע.

שוואך איז געוועזען איר ווילען, דאָך האָט זי געשמייכעלט און נאָכגעאמט די הייליגע. טויט האָט זיך געוויגט אין איר בוזים, דאָך איז זי געקומען א פריידיגע, ווי עס וואָלט געוועזען די טואונג פון איר ווילען.

אָ, מיינע ברידער. דער וואָס איז און וויים עס ניט, איז ווי א שטייענדיג וואסער. אָבער ווער עס וויים וואָס ער איז — איז ווי א קוועלענדיג וואסער, איז ווי א לויפענדיגער טייך. א בריליאנט, וואָס ווערט ניט גענוצט, קלייבט מיט דער צייט אויף זיך אָן אזויפיל שטויב, און בלאָטע, אז מען קאָן אים קוים ארויסזעהן.

מיין הארץ קלאָגט אין מיר און טויט האלט מיין נשמה אין צוואנג — דאָך זאָגט מיין ווילען צו מיר: נאָך בין איך דיין שקלאף, נאָך בין איך דיין האר.

א וויגליד וועל איך דיר זינגען, א ליבע־ליד וועל איך דיר זינגען.

עס צייטיגען זיך די פרוכט פון מיין הארצען און איך ווייז אויפ'ן טויט פון מיינע געבאָרענע, דאָך וועל איך מיט פריידען ברייננען נייע געבורטען.

טרויעריג איז מיין הארץ, ווארום עס ווערט אלט, דאָך וועל איך

איך און זיך באווייזען צווישען אייך. און די ווערטער וואָס איך רייד זיינען זיינע און דאָס איז וואָס ער רעדט צו אייך.

פארנעמט, אפילו ווי אין אייער אייגען פלייש זעהט איר מיך איצט. אָנגעטאָן אין אייער אייגען קלייד צייג איך זיך פאר אייך, אז איר זאָלט מיך געדענקען ווען איך וועל זיך אומקערען צוריק אין מיין קעניגרייך און אייך רופען אהין. און כדי איר זאָלט אָן מיר דערקענען ווער איך בין, רעד איך צו אייך אין אייער אייגען לשון, אז ווען אפילו איר הערט מיך מער ניט, זאָלט איר מיך הערען אין זיך.

איינער וואַרפט א הויפען שטרוי אויפ׳ן מזבח, א צווייטער שפּענער און א דריטער הויפענס קוילען — אָבער פון אלעמען טאנצט ארויס איין פלאַם. איך בין דער פארצערער פון אלץ און דער אויפבויער פון אלץ. דורך דעם פארניכטען פון דעם אויפגעאָפּפערטען ברענג איך זיי אין קעניג־רייך פון אייביגען ליכט. וואָרים אלץ וואָס ברענט ווערט פארוואנדעלט אין הייליגען ליכט.

ווער עס וויל בויען דאָס געצעלט פון אייביגען פלאַם, מוז וואַרפען אויפ׳ן פייער אייביגען ברען־מאטעריאַל.

אן אומענדליכער קוואל פון ליכט שטראָמט ארויס פון מיין הארצען. פון וואנען קומט עס? און באלד דערהער איך די שטארבענדיגע האָלאָ־וועשקעס זינגען: „דאָס זיינען מיר, דאָס זיינען מיר. געבענשט זיינען מיר, וואָס גייען איבער א גיכען טויט צו אן אייביגען לעבען.“ און אזוי פארניכטענדיג אלץ ברענג איך אפילו די נידעריגסטע אין קעניגרייך פון די הויבע. וואָרים וואָס עס ברענט דאָס הויבט זיך הויך. און כדי אלע געבאָרענע זאָלען וויסען, אז איין פאָטער האָט זיי געגעבען לעבען — און איינער נעמט צו דאָס לעבען פון זיי. דאָך איז עס ניט מיין האס, וואָס פארניכטעט זיי — נאָר מיין ליבע.

א, דאָס איז נאָך אלץ ניט פארשטאנען, אז די בין פארצערט דעם האָניג וועלכען זי ליבט. פארשאָלטען איז דער, וואָס איז ניט איינבאליבט און ניט בארירט, און געבענשט איז דער וואָס איז באליבט, כאָטש פאר־ניכטעט.

א סך זיינען מיינע ווערטער, וואָס וועלען אויסקומען ווי ווידער־שפּרוכען, אָבער זיי זענען עס ניט.

איין טאָג קלעטער איך דעם בארג ארויף און דעם צווייטען ארונטער.

די גראָבענס פון וואנען זיי זענען אויפגעקליבען געוואָרען. און איך האָב געפרעגט: צו וואָס איז דער בוים דאָ? וואָס נוצט ער מיר? און איך האָב אים ארויסגעריסען מיט די וואָרצלען און אים אריינגעשמיסען אין טיפען אָפגרונט פון פארגעסענהייט. און איך האָב ווידער געפרעגט: צו וואָס איז די פלאנצונג דאָ? און דער פויגעל, די חיה? און אלעס וואָס איך האָב געזעהען מיט מיין אויג האָב איך געפרעגט דעם שכל און ווערט דערפון, און דאָך עס פארוואָרפען פון זיך און פארגעסען. ביז איך אליין בין געבליבען איינזאם אין דער וועלט. און איך האָב געקלאָגט: אָט שטיי איך צווישען מיינע דערשלאָגענע קינדער, אינמיטען פון א וויסטען פעלד, וואו די ערשטע האנט האָט פארזייט די קערנער פון לעבען, און די צווייטע האנט האָט פארשפרייט די קערנער פון טויט.

פארניכטענדיג אלץ, האָב איך זיך אליין דאָך ניט געקאָנט פארניכטען, און איך האָב דערהערט דאָס קול פון מיין זיין אויסשרייען: איך בין דער, וואָס האָט דיר געגעבען לעבען און איך בין דער, וואָס גיט דיר טויט. איך אָבער בין אומשטערבליך.

און באלד איז דאָס גאָלד געוואָרען א פראגמענט פון מיין זיין, און דער פראגמענט האָט ווידער געשריען צו אן אנדער פראגמענט ביז טויזענטער ווידערקלאנגען האָבען גענומען הילכען אין דער לופט און הילכען זיך אלץ ביז איך וועל זיי ווידער צוריקרופען צו זיך.

וויי! אָט אין דעם כח מיינעם ליגט אויך מיין שוואכקייט. ווער וואָלט עס דענקען דאָ צו געפינען. אין מיין עצם שטראָפען ליגט מיין אייגענע שטראָף.

אָ, הערט זיך צו איר אלע צו דעם קול, וואָס שרייט פון א ווילדעניש און פון נעפעל.

הערט זיך צו צו מיין געוויין, וואָס קלאָגט צוגלייך מיט אייערע עופ׳עלעך.. אזוי ווי זיי בין איך שוואך אין באגער צו ווערען גרויס, דאָך געדענקט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט: —

איך בין דער פאָטער פון בליצען און דונערען און מיט מיין אייגענעם פייערדי געז רוט שמיים איך מיין ברוסט. ווארים ווער עס וויל אריין אין די טויערען פון אייביקייט מוז עס טאָן דורך זעלבסטפארניכטונג.

אין מיר האָט פארהוילען זיין געטליכקייט, כדי ער זאָל זיין צווישען

וויינענדיג אויפ׳ן טויט פון דער בלום באמערקט איר ניט ווי נייע בלומען שפּראָצען אויף איבעראל.

ער אָבער, וועלכער גיט אייך לעבען און טויט האָט נאָר מיר אנט־פּלעקט א חכמה — אלע שטראָמען קומען ארויס פון דעם מיטען פון זייער הארץ און זייער ליכט לויפט צוריק צום זעלבען מיטען. טאָ פאר וואָס זאָל איך ארויס פון אים צום זוכען וואונדער?

איך דריי זיך צענויף אין א רינג און לאָז מיין נשמה וואנדלען דורך א לאבירינט פון טיפסטע געהיימנישען.

איך הער זיך צו צו דעם קלאפּען פון מיין הארץ און בין ערשטוינט דערפון אזוי ווי איך וואָלט געהערט דעם ווינט שטורעמען אין וואלד. איך הער זיך צו צו דעם פליסען פון מיין בלוט דורך מיינע אָדערען און פיל דאָס אייגענע, ווי ווען איך זע א טייך לויפען דורך בערג און טאָלען. און אזוי ווי ער, וואָס האָט מיך געלערענט יעדען שכל, שרומפּט זיך צוזאמען און צעשפּרייט זיך ווידער, ברענגענדיג פרוכט אין זומער און טויט אין ווינטער, אזוי טו איך זיך אויך אייביג שרומפּען און צע־שפּרייטען.

ווער גיט מיר לעבען און וועמען גיב איך לעבען? קער איך ניט אום דאָס וואָס איך האָב גענומען? וואָלט איך געקאָנט פארשלאגען גוטס ניט האָבענדיג דעם קוואל פון גוטס, אָדער שלעכטס, אויב איך וואָלט ניט געהאט דעם קוואל פון שלעכטס?

און טוט ניט דער, וואָס נעמט, דאָס אייגענע ווי דער, וואָס גיט? איך זאָג: וואָס פאר א קראפט איז דאָס, וואָס פילט מיך אָן מיט לעבען? איך פרעג אָבער אויך, וואָס פאר א קראפט איז עס וואָס שפּראָצט ארויס פון מיר?

בין איך ניט דער באשעפער פון אלע געהיימנישען, זיינען זיי ניט באהאלטען אין מיר און ארום מיר?

זאָל איך דען לויבען דאָס וואָס איז ארום מיר און שפּאָטען פון דעם, וואָס איז אין מיר? אָדער איך זאָל זיין ווי דער געלערענטער נאָר, וואָס טוט שפּאָטען פון דעם, וואָס איז ארום אים און רימען דאָס, וואָס איז אין אים?

ניין, ניט ביז איר האָט ארייננעדרונגען איין מיטען פון אלע זאכען און אין דעם ווילען פון די זאכען, וועט איר פארשטיין די איינינקייט פון

און איניגע וועלען זאָגען: „מיר האָבען געזעהן דעם נביא אויפ'ן בארג“, און אנדערע וועלען שרייען „מיר האָבען אים געזעהן אין טאָל“. אָבער בלויז די קלוגע וועלען וויסען, וואוהין איינער גייט אהין קערט ער זיך אום. און אז ווער עס גייט בארג אראָפּ מוז קומען צו דעם אָרט וואו דער בארג הויבט זיך אָן.

אָבער איר וואָלט בעסער געוואָלט איך זאָל ריידען צו אייך ווי איר ווילט. פרעג איך אייך, צו וואָס ניצט עס אייך? וועט דאָס קינד בעטען די בריסט, ווען עס קאָן עסען פון שיסעל?

פיל וועלען מיך פרעגען, וואָס ביזטו? און צו זיי ענטפער איך, איך בין דאָס, וואָס איר רופט מיך אָן. און אין וואָס איר וועט מיך זוכען, דאָרטען וועט איר מיך געפינען, ווארים איך בין דאָרטען, וואו אפילו דאָס העכסטע וועט זיך אויפהויבען.

זייענדיג אָהן אן אָנהויב און אָהן א ברעג, וועט איר מיך זוכען צווישען די העכסטע און געפינען צווישען די נידעריגסטע, ווארים מיט אייער אָנפאנג וועט איר אויך געפינען אייער אויסלאָז. זוכענדיג מיך איבעראל וועט איר מיך געפינען איבעראל. דאָס וואָס שיסט ארויף קומט פון דאָס נידעריגע. דאָך איין טראכט גיט ארויס די זאָמען פון לעבען און טויט.

און נאָך מער קלוגשאפט האָט בענוועגו אנטדעקט אין דעם אייביגען קוואל פון שכל. און די שטימע פון אלמעכטיגען האָט ווידער גערעדט אין אים. און ער האָט געזאָגט:

איר וועט קיינמאָל ניט דערגרייכען דעם בארג פון שאפען קריכענדיג אויף דער לייטער פון צעפרידענקייט. דאָרט וועט איר בלויז באטראכטען דאָס, וואָס איז שוין געשאפען געוואָרען. בלויז אויף די פליגלען פון שטורעם קאָנט איר זיך דערהויבען צום לעבענס־קוואל, פארניכטענדיג דערביי דאָס, מיט וואָס איר בויט. אזוי ווי דער פלאָם קלעטערט אויפ'ן פייער־בארג און פארברענט זיין אייגענעם באָדען.

און אָט הער איך זיי שרייען פון די טיפעניישען. דו האָסט אונז גענגעבען אויגען צום זעהן, אויערען צום הערען, נעזער צום שמעקען, קאָנען מיר דען בלייבען בלינד אָדער טויב אָדער טעמפּ?

און בענוועגו האָט זיי געענטפערט: געבענשט זיינען די, וואָס איר שעלט, און פארשאָלטען זאָלען זיין די, וואָס איר בענשט.

„די שטייג פון בורא", א צווייטע האט איר א נאמען געגעבען „די שטייג פון משה" און א דריטען רופט איר „די שטייג פון קריסטוס דעם דער־לייזער". איצט אבער קומט דער לעצטער, וואס איז אויך דער ערשטער און מיט דונער שרייט ער (ווארים נאך אלץ זיינען אייערע אויערען פאר־שטאפט): איך בין מיין אייגען לאנד און קיינער זאל מיך ניט איינשליסען אין זיין פאסטקע.

זייענדיג אליין א גאט קאן מיך קיינער ניט פארשטיין אזוי גוט ווי איך אליין קאן. און אין מיטען שטורעם ווען איך בענק נאך שטילקייט קאן איך אייך אלעמען פארניכטען, ווייל איך אליין מעג בלייבען אין פרידען און אומבאלעסטיגט.

אבער ניט ליבענדיג בלויז זיך אליין ליב איך אייך, און אויף מיין ברוסט בויג איך ארונטער מיין קאפ אין פיין און צייג אייך דעם וועג, וואס פירט צו מיין שטילען קעניגרייך. און מיט דעם צייג איך אייך, אז עס איז דא גרעסערס, אבער דאס ליגט באהאלטען אין איינפאכען, און אז גאט איז דא, אבער קיינער אויסער אים ווייס אים ניט.

איבער א בלוטיגען ים בין איך היינט געגאנגען, מאכענדיג א זיל־בערנעם וועג פאר זיך.

א, גאט, צו וואס טויג דעם מענשען זיין כוח, אז ער ווערט דאך שוואך דורך אים? ווי קאן דער נאכטשטורעם שיינען אויב ניט בלאנ־דזשענדיג אין דער פינסטערנייש?

ווי עס עקעלט מיך פון אט די שטענדיג צעפרידענע זעלבסט באַ־רימער. אפילו א בריליאנט קלייבט אויף זיך שטויב און מוז געווישט ווערען אום צו ווערען ריין. דאס ווייסען זיי ניט. איך אבער ווייס דאס, כאטש מיין פארנעם איז מעכטיג און די וועלט איז מיין געצעלט. ווארים אלץ וואס לעבט אויף דער וועלט לעבט אין מיר, דאך בין איך שוואך און קיין אנדער פלאץ קאן איך ניט געפינען פאר זיך ווי בלויז מיין אייגען הויז.

די וועלט בויט איר היים אין מיר, איך בוי מיין היים אין דער וועלט. גנעדיג בויג איך מיין קאפ און זאג צו זיך: גרויס, רוים און זעליגקייט פאר מיר, ווארים איך בין דער קוואל פון אייביגען שאפען.

פארנעמענדיג זיך אין זיך, בין איך דער ווילען וואס ווערט קיינמאל ניט פארניכטעט. און דאס וואס איך בין, דאס צערשטער איך בלויז כדי איך זאל קאנען שאפען א גרעסערען איך. דאך זיפצט מיין נשמה אין

זיי אלעמען, און דעם אייביגען ווילען פון אלץ, וואָס זיצט אין יעדער זאך.

און בענוועגנו האָט ווייטער גערעדט צו זיי און האָט אזוי געזאָגט:

ניט מיט אזויפיל יאָרען איז מיין קאָפּ געבויגען, נאָר מיט אזויפיל לײדען. אײנזאם איז דער װעג װעלכע איך טרעט, און פינסטער איז די נאכט פון מיין וואנדערען. מיין גאָרטען איז פוסט פון בלומען און דערנער שטעכען מיינע קנאָכען. איך האָב געזען א טויב פלאטערען איבער מיין קאָפּ, איבער דעם דאך פון מיין ארון־קודש און איך האָב אויפגעעפענט די טיר פאר איר. און טאָג און נאכט בין איך מיר געזעסען לעבען מזבח קוקענדיג אין דעם רויטען נעפּעל, דעם רויטען נעפּעל, וואָס איז געהאנגען אין דער לופט ווי א בלוט פלעק.

און איך האָב געקוקט אויף דער ווייסער טויב אין מיטען פון דעם גלות געוועב ביז מיינע אויגען זיינען מיר טונקעל געוואָרען, ביז מיין עצם פּילען האָט גענומען ווערען טעמפּ. און אין וואנזין האָב איך אויס־געשריען: ארויס, ארויס, דו טויב, פון ווייסען טויט. דו צארטער צעשטע־רער פון מיין קראפט. מיין טאָג איז איינגעשטילט געוואָרען אין שטילען געוויין און מיין נאכט איז פארוואנדעלט געוואָרען אין א אומעטיג ליד.

איך בין ארויף אויפ'ן דאך פון מיין טעמפעל און האָב זיך אוועק־געזעצט אין די שטראלען פון דער זון און איך האָב געלאכט און געוויינט. און אין דער זון האָב איך דערזען דעם ברענענדיגען אָדלער פון מיין יוגענד, און האָב דאָרטען אויך דערזעהן דעם קופערנעם לייב פון מיין מיטאָג און איך האָב פארשטאנען, אז מיין שעה איז נאָך ניט געקומען, ווארים אין דער גילדערנער זון האָב איך מיין טויב ניט געזעהן.

אָבער איצטער שפּאצירען ארום דער זון אי דער אדלער אי דער לייב, אי די טויב. און איך וויים, אז מיין שעה איז געקומען צו אנטפלעקען זיך פאר אייך מיט געזאנג און לויב, כדי איר זאָלט נאָכפאָלגען מיין ביישפּיל און ארײן אין אייער אייגענעם קרייז וואָס איז אין מיר.

זוכענדיג מיך און ניט געפינענדיג מיך, וועט איר געפינען זיך, דורך אייער שטרעבען צו מיר, און פארשטייענדיג זיך אליין וועט איר אויך מיך פארשטיין.

איך בין ניט דער וועמען איר קאָנט וויסען, נאָר דער וועמען איר וועט קיינמאָל ניט דערוויסען, כדי איר זאָלט אייביג שטרעבען צו זיך זוכענדיג מיך.

פאר יעדען האָט איר געמאכט א שטייג. איינע האָט איר אָנגערופען

לידער:

ב. לאַפּין

ס. משעסטער

נחום י.

ש. בודין

חאשעל וועפּריגסקי

יעקב גלאַטשטיין:

אין פאַנטעזן פון האלב-געטער.

מיר: צעבראָכען ביזטו און שוואך, צו וואָס טראכסטו בלויז פון זיך אליין און פון קראפט. ווארים וואָס איז דאָס, וואָס מאכט דיך אזוי צעבראָכען, אויב ניט דיין פילזייטיגקייט? אָט די רו און די זעלבסטצופרידענקייט, וואָס אָטעמט פון דעם זעלבסטבארימער!

אין מיין דופטיגען לאבירינט וואנדער איך פארלאָרען או זאין פיין נוץ איך די רוט, וואָס באלאנגט צום האר.

און בענוועגו האָט ווידער גערעדט: ווער עס וועט ניט גיין מיט מיר, וועט בלאָנדזשען אין דער ווילדעניש. אָבער ווער עס וועט מיר נאָכפאָלגען, וועט ווערען איינס מיט מיר. דאָס קעניגרייך פון פריידען איז אין יעדען באזונדער, אָבער דער שליסעל צו דעם ליגט ביי מיר. ביי יעדען האָב איך געמיינט ליגט זיין ווילען. אין יעדען ליגט זיין אייגענער ווילען.

ניט ווי די אין דער פארגאנגענהייט קום איך צו זיין אייער פאסטוך און איר מיינע שאָף. ניין, איר אליין מוזט זיין אייער אייגענער פירער און אזוי ווי איך, מוזט איר זיין די ערשטע און די לעצטע ארויפצוקריכען דעם בארג וואָס ליגט איבער אייך.

ניט אין זיין א י י ע ר פירער ליגט מיין פרייד, נאָר אין דעם, וואָס איך בין מיין אייגענער פירער. אָבער דאָס אלין ליגט אין דעם טראכט פון אייביגקייט, און די פרוכט וואָס איך פלאנץ וועט געקליבען ווערען ביי מיר אזוי גוט ווי ביי אייך.

ניט מיט דעם קול, וואָס וועט איין טאָג פארשטילט ווערען, רעד איך צו אייך, נאָר מיט דעם קול, וואָס ווערט קיינמאָל ניט שטיל.

און ניט אין קיין אנדערענס פלאץ שטיי איך, נאָר אין מיין איינענעם. דאָך וואו איך שטיי שטייען אלע.

א סך זיינען די, וואָס פרעדיגען אן אנדערענס לערע, אָבער זיי ווייסען ניט וואָס זיי טוען — און אנשטאט גיין צום קוואל נאָך וואסער ניט אמת, גייען זיי אָדער מיט לעדיגע הענט, אָדער זיי פרואווען שעפען פון א טרוקענעם ברונעם.

און א סך זיינען די, וואָס בייטען גאָט אויף א מענשען. ניט צו זייער אייגענעם ווילען עפענען זיי זייער הארץ, נאָר צו דעם ווילען פון אן אנדערען. און דאריבער זיינען אפשייליך צו מיר אָט די אלע, וואָס טראָגען א צלם אויף זייער האלז, און די אלע וואָס בויען פאר זיך טעמפלען און ווייסען ניט, אז זיי זיינען אליין זייערע טעמפלען.

וואו עס טרויערט פאַרמויערט אין ציגעל
און אין שטיין, דעם פאַרשעמטענס געוויין,
וועט עס דאָרטען זיך וויגען אין וויגעל,
דער וואָס דאַרף צו אונז קומען צוגעהן!

גאַנצע יאָהרען פאַרשוואָרען פון וועמען,
וועט ער ליגען אנטשיויגען אין וויג,
שטום און בלינד מיט פאַרבעלימטע ברעמען,
ווי פאַרגליווערטע מאַסע א שטיק.

טאַטע־מאַמע פאַרפרעמדטע, פאַרקלעמטע,
פון דעם לעבען פאַרבייזטע, און שטום,
אין דעם יאָך איינגעשפּאַנטע, פאַרשעמטע,
אויפ׳ן קינד קוקען קיינמאָל זיך אום!

און ער וועט אלס געשפּעט יעדען דיגען,
מענשען וועלען פאַרשטעלען ס׳געזיכט, —
ווי עס וואָלטען בלוט־דורשטיגע שפּינען
אנגעפּאַלען אויף זיי אומגעריכט.

נאָר דאָס קינד, — וואָס פאַר זינד פון די מענשען
ליגט און צער׳ט איינגעשפּאַרט אין זיין פּיין, —
וועט מיט שטום־קראַנקע ליפּען זיי בענשען,
זיי זאָל גרינגער און לינדערער זיין!

און אוועק וועלען טעג, ביז ס׳וועט קומען
די דערוואַרטע, געגאַרטע מינוט,
ווען די רייד וועט אָנקומען צום שטומען,
ליכט וועט עפענען דאָס אויג אים ביז בלוט!

דורך זיין מויל וועט גאָט׳ס קול צו אונז ריידען,
זיין געזיכט וועט אָפּשטראַלען גאָט׳ס ליכט;
ער וועט יעדען דעם לעבען באַשיידען,
סיי דעם מענש, סיי דעם וואָרים, וואָס קריכט.

ב. לאַפּין:

רעד צו מיר אידיש...

רעד צו מיר אידיש, דעם אויפריכטיג פּראָסטען,
הער מיר די שפּראַך פון דעם פּלאַפּלענדען קינד;
ס'ליגט אזא חן אין דעם נאָהענט־פּאַרלאָזטען, —
ס'צערטעלט און וואַרימט, זאָגט צו, און פאַרבינדט...

ס'האָט שוין דערעסען דער אייביגער קאַלטער,
פוסטער און קלינגענדער וואָרט פון דער פרעמד,
ווי אין א זון־טאָג א האָגעל צעפאַלט ער
מאַכטלאָז אין סטעפּ פון די טרוקענע זעמד...

כאָטש מיר פאַרמאָגען קיין לאַנד נישט קיין אייגען,
ס'האָט דאָרט מיין שפּראַך ווי מיין פעלד ניט געבליט;
כ'האָב פון מיין מאַמען זי טיף איינגעזויגען,
ס'האָט מיר איר טרער יעדען אות אויסגעגליט...

ס'אָטעמט א זעל אין דעם וואָרט ווי ביי מענשען;
ס'ווערט וואָס געבוירען פון איטליכען קלאַנג;
כ'פּיל נאָך די ליפּען מיין מאַמע'ס מיך בענשען,
בענשען אויף אידיש, וואָס קלינגט ווי געזאַנג!..

רעד צו מיר אידיש דעם אויפריכטיג־פּראָסטען,
רעד מיר די שפּראַך פון דעם פּלאַפּלענדען קינד;
ס'ליגט אזא חן אין דעם נאָהענט־פּאַרלאָזטען —
ס'צערטעלט און וואַרימט, זאָגט צו און פאַרבינדט...

דאָס קראַנקע קינד.

אין די שלענגיקע, ענגיקע געסלאַך,
פול מיט בייסיגע, כעס'יגע רייד,
וואו דער טאָג ציט זיך מיד און דערעסלאַך,
וואו די נאַכט קומט אראָפּ ווי א פרייד;

ס. טשעסטער:

קרויט.

האָ וואָלט קומען, ווער אין זומער,
זען וואָס הערט זיך מיט מיין קרויט?
איך האָב דאָך הילף אזוי געדאַרפט!
האָט זיך ווילדער גראָז געצווייגען,
און געפּלאָנטערט אויפ׳ן פעלד:
איז געוואַקסען, אין די אויגען,
העכער, העכער אויפ׳ן פעלד;
ציהענדיג דאָס לעצטע חיות
פון דער האַרטער ערד.
וואָלט כאָטש קומען ווער אין זומער,
זען וואָס הערט זיך מיט מיין קרויט.

האָ וואָלט קומען, ווער אין זומער,
רייסען גראָזען, שפּריצען, יעטען,
שפּרייטען סם׳ען, ווערים טויטען, —
לויזער מאַכען האַרטע בייטען,
מיט׳ן האַנט, צו מיט׳ן רידעל.
איצטער שטעכט עס יעדענס אויגען;
ווער עס פאָרט און גייט פאַרביי:
„דיין קרויט! דיין קרויט!
ווי דיין קרויט האָט זיך צעוואַקסען,
און ווי ריין דאָס פעלד דערביי,
קאָנסטו שכן, ניט פאַרקויפען
כאָטש אַ קאָפּ, צו צוויי?"

האָ וואָלט קומען, ווער אין זומער,
העלפען כאָטש מיין אַלטער מאַמען: —
אָנשעפען אַ קריגעל וואַסער,
צי אַ קענדעל קאַלטען קוואַס?
ווען זי איז אליין געזעסען,

און א זינען געפינען וועט יעדער
אין דעם פיין, וואָס דאָס ז י י ן האָט פארשאפט;
דער צעמאָלענער אונטער די רעדער
ביז צום סוף וועט נאָך פּרובען זיין קראפט!

ס'וועט דער גלויבען דערהויבען אונז העכער, —
ס'וועט זיין ליכטיג־דורכזיכטיגער שיין
אויך אין איינזאמען הארץ פון פארברעכער,
ווי א קינדערשער חלום אריין!

פארוואָס וויינט דאָס קינד.

האָב איך, מיין גאָט, קענען דיר ווען געשטעלט זיך,
האָב איך אליין ניט דערציילט דיר מיין זינד?
האָב איך אין יאוש אמאָל דען געשעלט דיך? — —
זאָג, גאָט, פארוואָס וויינט דאָס קינד?

ס'זענען די מענשען אין טאָג־רויש פארנומען,
ווער האָט דען צייט צו באמערקען זיין זינד?
כ'הער פון א פענסטער א כליפּען א שטומען — —
זאָג, גאָט, פארוואָס וויינט דאָס קינד?

אלע שוין רוהען.... די זינדער אפילו,
איך אליין רו ניט, כ'פארגיי אין מיין זינד;
ס'פלאטערט א קינדערש געוויין ווי א תפלה — —
זאָג, גאָט, פארוואָס וויינט דאָס קינד?

וויל איך די שטאָט און די מענשען פארלאָזען,
ערגיץ צו וויינען אליין אויף מיין זינד!
יאָגט מיך א קינדערש געוויין אין די גראָזען — —
זאָג, גאָט, פארוואָס וויינט דאָס קינד?

יונגינקער קינד, שוין מיט קנייטשען דיין שטערען...
זאָג כאָטש אָהן ווערטער, אין וואָס איז דיין זינד?
וואשסטו די וועלט־זינד אראָפּ מיט די טרערען? — — — —
זאָג, גאָט, פארוואָס וויינט דאָס קינד?

אין די הייזער.
ווער פון וויין און ווילדער תאוה
וואַרפט זיך אין אַ בעט אַ ווייכען,
קאָן אנשלאָפען גאָר ניט ווערען.
דריקט די נאַכט מיט רויער פוילקייט,
מע קאָן קיין הונט אין גאַס ניט הערען.
און מיט לייבער האַלב פארפוילט,
אין דער קעלט און אויפ'ן ווינט,
ווי די ווערים אויפגעקנוילט,
הויל און הונגעריג ווי הינט,
ליגען מענשליכע געשטאַלטען —
מיט לייבער האַלב פאַרפוילט,
ווי ווערים אויפגעקנוילט.

די זון פאַרגייט.

די זון פאַרגייט.
אַזוי געהט אויך אַ פרוי, אין חופּה־נאַכט, צו איהר געלעגער
פול מיט צייטיגע פאַרלאַנגען ; —
טראָגענדיג אַ פרייד, און פּיין אין איהרע גלידער,
פרייד און פּיין און שטילען ציטער : —
ווי אויף פעלדער גייען אין דער פרי די שניטער.

נחום י.
די בוימער לאָזען זיך פאַנאַנדער.

...און פאָרענדיג פאַרנאַכט
דורך די באַלעבטע גאַסען פון דער שטאָט
האָב איך געטראַכט
פון אייביגקייט, פון גאָט,
געזוכט דעם אורשפּרונג פון געדאַנק,
דעם ערשטען הויך פון אונזערע געפיהלען
און נאָכגעפאָלגט דעם אומגעריכטען דראַנג
פון ווילען.

אינ׳ם שטוב אן אויפגעדרייטע,
קוואטשענדיג, מיט הוילע יאסנעס,
קייענדיג דעם הארטען ברויט.

איצט געהענדיג פארביי מיין פעלד,
טוען זיי א בייזען קוק,
און שטארען שפּיציג. מיט די אויגען
ווי עס שטייט מיין קרויט און גרינט,
רייסט זיך מיט א הונדער הארטקייט,
זיך וויקלענדיג פון ברייטע בלעטער
אויף קאטשאנעס אין דער הויך.
„קאָנסטו שכן ניט פארקויפען
כאָטש א קאָפּ, צי צוויי?“

אלעמען מיין קרויט פארקויפען!
אלעמען מיין קרויט פארקויפען!
מיט א האק, צי מיט א מעסער,
שטייפע קעפּ ארונטערהאקען —
לאָזען ליידיגע קאטשאנעס
טארטשען אויפ׳ן הוילען פעלד?!

האָוואָלט קומען, ווער אין זומער,
פון מיין האנט דעם רידעל נעמען,
ווען איך בין וואקעלדיג געשטאנען
ווי א סטראשידלע אויפ׳ן פעלד.
איך וואָלט דאן, ווי מיין שכנ׳ס אייזעל,
גאָר דעם יאָך אראָפּגעוואָרפען,
און אויסגלייכען די מידע ביינער,
זיך קייקלענדיג אין גראָז.

רוי און פינסטער.
אין די בעטען מענשען שלאָפען,
שלאָפען אין א שלאָף א שווערען.
לאָזט זיך שטיל דאָס שלאָפען הערען

און ווי א נאָכגעגעבען קינד,
באגרייפען מיר ניט, וואָס מיר ווילען.
די ביימער לאָזען זיך פאנאנדער,
און אלץ פארשווינדט: דער חלום, דער באשייד; —
נירוואנא, תהו, זעליגקייט און טויט...
די ביימער לאָזען זיך פאנאנדער,
די ביימער לאָזען זיך פאנאנדער...

ש. בודין:
פיטסבורג.

פרי שטארבען
די מאָרגענס אין די שפיצען
פון דיינע בערג — פיטסבורג.
שווער צעבראָכט זיך
דער טאָג
אין טויזענט טויזענטער רינגען
שווארץ שווארצע זיך שיטען
און פארשיטען דיך — פיטסבורג.
רויכען פון גאז און פאבריקען,
אָפגעזעצטע טומאנען
נאכטען דיינע טעג,
און דיינע נעכט ווי רויטע שלייערען, צעגליטע,
הענגען צעהאנגען
אויף דיר
רויט אָנגעצונדענער
ריז
פיטסבורג.

כ׳האָב טיף געפילט, און די געהיימע קראַפט געשפּירט
און ס׳האָט דער רעיון מיך פאַרפירט
אין זיינע ווייטע, נעפּעל־איינגעהילטע ווינקלען.
ווי שווארצע שטערען האָבען אָנגעהויבען פינקלען
באַגריפען פון אומענדליכקייט, נירוואַנאַ, גליק.
נאָר פּלוצלונג האָט זיך אָפּגעשטעלט מיין בליק:
די ביימער לאָזען זיך פאַנאַנדער!...
די ביימער לאָזען זיך פאַנאַנדער,
אין אָוועגטיגע שטראַלען,
ווי ברוינע, גרין־באַשפּרינקעלטע, וואַלען.

.....,,און דער וואָס זאָגט:
ווי שיין עס איז דער בוים, ווי שיין עס איז דאָס פעלד,
איז חיב אין זיין לעבען.״
אזוי געוואוסט האָט אונזער אלטע וועלט.
און דורך די טונקעלע געוועבען,
צייט דורות לאַנג,
האָט זיך געהייליגט דער געדאַנק.
ווי שיין עס איז דער בוים, ווי שיין עס איז דאָס פעלד: —
מיר הערען אויף די אייביגקייט אין זיך צו פילען.
א טיפע בענקשאַפט הויבט זיך אין אונז אויף
נאָך אונזער גוף,
וואָס וועלקט און פוילט. און קיין זאך קאָן אונז דאַן ניט שטילען. —
און דער וואָס זאָגט:
ווי שיין עס איז דער בוים, ווי שיין עס איז דאָס פעלד,
פאַרשפּילט זיין וועלט.

....די ביימער לאָזען זיך פאַנאַנדער, —
נאָר מיר וואָס טוען דאָ,
פאַרפלאָנטערט ביז דער לעצטער שעה
אין נעץ פון אומפאַרמיידליכקייט און זינד?
מיר מוזען אונזער וועלט פאַרשפּילען...

יעקב גלאטשטיין:

אין פאַנטעאָן פון האַלב־געטער.

א שפּיל.

זלמן פינסאָנ׳ען אַ מתּנה.

א יולי־נאַכט 1920.

א י ך און ז י.

אי ך: היינט מוזען מיר מיט אונזערע יונגע כחות
שטורמען דעם פּאַנטעאָן.
ז י: זע, ווי אָרים זענען מיינע קליידער
און די וועלט האָט נאָך דיין נאָמען ניט געהערט.
אַ טרער ציטערט אויף שוואַרצע אויגען
און פאַלט אַראָפּ אויף דר׳ערד.
אי ך: אָבער מיר ציילען נאָך אין די צוואַנציגער אונזערע יאָרען.
לאָמיר מיט אונזערע יונגע כחות
שטורמען דעם פּאַנטעאָן.
ז י: לאָמיר.
ס׳געדענקען די ווענט פון פּאַנטעאָן לאַנג־געשטאָרבענע נעכט.
אויף זיינע פענסטער ציטערט דער שטויב פון צעפאַלענע נעכט.
אין אונזערע אָרעמס טראָגען מיר א יולי־נאַכט 1920
צו די ווענט פון פּאַנטעאָן.
אַ בלאָע נאַכט שפּילט זיך מיט׳ן הימעל.
אונזערע הירשען־טריט זענען די מוזיק פון דער נאַכט.
מיר ביידע:
הענט און הענטלאך קלאַפּען אויפ׳ן טויער.
עפענט די טויערען.
עפענט די טויערען.
אין אונזערע אָרעמס טראָגען מיר אַ יולי־נאַכט 1920.
צו די ווענט פון פּאַנטעאָן.
פאַרגליווערטע שטילקייט ענטפערט מיט אַ קרעכץ
אויף אונזער רוף.
מיר ביידע: ס׳צעשפּילט זיך דער רויטער כעס
אין אונזערע בלוטען.

ראשעל וועפרינסקי:

ווען...

ווען איך זאָל קינדערלאך געבוירען
יעדען יאָר א קינד ביז איך וועל האָבען צען,
ווי וואונדערליך דאָס וואָלט געווען.
איך וואָלט זיי דורך די טעג געזויגען און געוויגט,
און אין די אָווענטען וואָלט איך ביים געלען ליכט ביז שפעט
לייבעלאך פון וואָל פאר זיי געשטריקט,
העמדעלאך אוןווינדעלאך וואָלט איך פאר זיי געוואשען,
פארטאָג ווען אלע שלאָפען
וואָלט איך צעהאנגען אויף די שטריק,
און וואָלט א ווייליגקע געשטאנען,
געקוקט אין גרויסען בלויען הימעל
אויב ס'וועט היינט רעגענען,
און ס'וואָלט מיין הארץ
באהאלטען אָנגעקוואָלען פון דעם שירך, שאָרך, שירך,
וואָס דער ווינט מאכט
טרייבענדיג די שטריק
הין און הער, הין און הער
אויפבלאָזענדיג בייכלאך אין די העמדעלאך און ווינדעלאך,
ווי די פאָנען פון א זעגעל שיף.
די פאָנען פון מיין זעגעל שיף,
ווי וואונדערליך דאָס וואָלט געווען.

כוואַליעס.

כוואַליעס וואָס דו האָסט אויפגעברויזט אין מיין הארץ,
שלאָגען זיך אָן אָן די ברעגען פון מיינע ליפען,
ווי עס שלאָגט זיך אָן דער ים אין זיינע ברעגען
און בלייבט אליץ שטום.
נאָר מיינע אויגען בלייבען ניט שטום ,
זיי בלייבען ניט שטום מיינע ניט פארדעקטע אויגען
און איך באהאלט זיי ניט פאר דיר.

צו די פיס פון די דאַמען — גראָע הערען.

א י ך : צו איר.

זאָלען זיך ניט רויטלען דיינע באַקען,

לאָז ניט אראָפּ דיינע ברעמען,

שעם זיך ניט פאר די געהויבענע געסט.

שעמעוודיג און אומזיכער טרעטען אירע פיס

אויף די פלוש־דיוואַנען.

א י ך : דערקענסטו אלע הערען?

ז י : יאָ. כ'האָב די פנים'ער זייערע אויף די פּאָדער־בלעטער פון בי־
כער מיט רוקענס גאָלדענע געזען.

אַ רייכער דינער געזאנג קלאמערט זיך אָן די ווענט פון זאַל.

ווערטער האַלזען ווערטער.

עס שמעקט מיט דעם ריח פון אַלע קלימאַטען

דער פארשידען־צונגיגער געזאַנג.

א י ך : הערסט דעם געזאנג פון די הערען צו די דאמען מיט די קליינע
גאָלדענע טופליעס.

וועל איך מיין געזאנג צו דיר פון דער יולי־נאכט 1920

זינגען צו די ווענט פון פאַנטעאָן.

ז י : וועט מען הערען דיין געזאנג?

וועט מען פארשטיין דיין געזאנג?

א י ך : כ'צייל נאָך אין די צוואנציגער מיינע יאָרען.

און ס'איז מיין שטימע קלאָר ווי' א יונגען לייב'ס.

און ווער דארף הערען מיין געזאנג.

ווער דארף פארשטיין מיין געזאנג.

כ'וועל בלויז מיין געזאנג צו דיר פון דער יולי־נאכט 1920

שיקען מיט אַ לופט־קוש צו די אוראלטע ווענט פון פאַנטעאָן.

א י ך : זאָלען דיינע יונגע גלידער ניט ציטערען.

זעסט מיט מיין פשוט'ען הוט פארנייג איך זיך

צו די דעקאָלטירטע דאמען מיט די קליינע גאָלדענע טופליעס.

און צו די גראָע הערען.

ביי די פיס פון די דאַמען זיצען אלץ די גראָע הערען.

מיין פארנייג הענגט אַ פארשעמטער אין דעם זאַל.

און יונגע כחות האָבען מיר,
באלד וועלען אונזערע הענט אייזען־האמערס ווערען.
שטארקער.
עפענט די טויערען.
עפענט די טויערען.
יונגע גלידער אין געפעכט מיט אַלטע טויערען —
צעפאלען אלטע טויערען אויף שטויב צו דר׳ערד.
גערוך פון טויזענטע פארשימעלטע פערפומען
רייסט זיך צו אַנטלויפען אויף דער גאַס.

איך: שרעק זיך ניט, טייערע,
מיט אויפגעהויבענע קעפ לאָמיר גיין אריין.
הארט ביי דער טיר
אַ גראָער דינער אין בלאָע הויזען
און אַנגעשפּארטער שטויט.

איך:
צום דינער.
כ׳האָב קיין איינלאדונגס־בריף ניט געקראָגען
בין איך אָבער אליין געקומען.
כ׳וויל מיינע און אירע תענוג־ווייען פון אַ יולי־נאכט 1920
ברענגען צו די ווענט פון פאנטעאָן.
אומבאוועגליך שטעהט דער דינער ביי דער טיר.
קנעכטשאַפט איז פארגליווערט אין זיין בליק.

ביידע: לאָמיר ווייטער גיין.
בלאָע פלוש־דיוואַנען.
בלאַסע שענדעליערען־ליכט.
שפּיגלען לאַנגע אויף די ווענט.

איך: האָב קיין מורא ניט צו באטרעטען
בלאָע פלוש־דיוואַנען,
מיט דיינע אָפּגענוצטע שיך.
סאַמעטענע סאָפאַס קושען דורשטיג די ווענט פון לאַנגען זאַל.
אויף די סאָפאַס הערקאַלטירטע דאַמען מיט קליינע
גאָלדענע טופּליעס.

מ. ל. האַלפּערן:
לידער.

פּרץ הירשביין:
אין שאָטען פון דורות.

ז י: די גראָע הערען האָבען מסתמא מיינע אָרימע קליידער באמערקט.
א י ך: אָהאָ דינער, לאקעיען.
מיר ווילען אויך א פּלאַץ אין גרויסען פאנטעאָן.
טויטע, פארפרוירענע שטילקייט.
א י ך: קיינער ענטפערט ניט.
לאָמיר אליין פארנעמען דעם אויבענאָן.
ז י: זעה, ווי אָרים זענען מיינע קליידער
און קיינער האָט נאָך דיין נאָמען ניט געהערט.
א י ך: מיין רויט בלוט שטורמט אין מיינע גלידער.
מיט שפּאָטישע אויגען צום געזאַנג,
וואָס קלאמערט זיך אָן די ווענט.
און כאָטש די אויגען פון מיין געליבטער זענען ניט באגראמטע
און אירע פיסלאך ניט באזונגען.
איז זי גלאט אזוי א וואויל קינד
און איך, דער מידער פארנאסער,
רו שטונדען לאנגע אויף איר שוים.
דער געזאַנג ווערט אַלץ רויכיגער און וויכער.
א י ך: אויף די קניען פארשטיינערטע האלב־געטער.
איך מיט מיין ניט־כוואליענדיגען שניפּס
קום מיט מיין געליבטע אין דעם דאָזיגען פאנטעאָן.
אין אונזערע אָרעמס א יולי־נאכט 1920
טראָגען מיר צו די ווענט פון פאנטעאָן.
אין אונזער קעל דער געזאנג פון א יולי־נאכט 1920
שטורמט צו די ווענט פון פאנטעאָן.
די קעפּ פאררויסען געהען מיר שטאָלץ צום אויבענאָן.
א י ך: האָב ניט מורא, טייערע, צו באטרעטען
בלאָע פּלוש־דיוואנען
מיט דיינע אפּגענוצטע שיך.
מעכטיג שאַלט אונזער געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען אין זאַל.
צו די פיס פון די דאַמען זיצען אַלץ די גראָע הערען.
ביים טיר שטעהט אָנגעשפּארט דער גראָער דינער,
קנעכטשאַפט איז פארגליווערט אין זיין בליק.

בלומר'שט אויף א פויגעל וואס פליט,
און ער שניידט אים איבער דעם גארגעל.

מיינען די גוים אז דאס איז א שפאס —
לאכען זיי, מיט די קעפ צו דער זון.
טוט זיי אלעמען אפ דער שד
חאס אייגענע, וואס ער האט אפגעטאן
דעם ארימען איר אבראמקא.

ליגען די גוים אין אוועגטגאלד,
ווי רויטע שטיקער ברויט אויף דער ערד.
נעמען זיך די ראבען צונויף,
און זיי בענשען דעם, וואס האט באשערט
פאר זיי אזא גרויסע סעודה.

לויפט דער שד צו דער ווינטמיל צוריק,
און ווי א מאלפע טאנצט ער און שפרינגט
פון פליגעל צו פליגעל, אין אוועגטגאלט,
און ער קרייט ווי א האן, און ער פייפט און זינגט
ווי דער נארישער ווינט וואס הארעוועט.

די מעשה מיט דער וועלט.

— איך באפעל מען זאל איינגעמען די וועלט,
האט דער קעניג געזאגט.
איז דאס לאנד געווארען דערפון,
האט די מאמע איר לעבעדיגען זון
ווי אן אמת'ען טויטען באקלאגט.
אבער דאס אקעראייזען אין פעלד,
און די זויל אונטער'ן שוסטער'ס האמער,
און די מויז אין קאמער
האבען שטילערהייט געלאכט

מ. ל. האַלפּערן:

די מעשה מיט דער פליג.

אויפ׳ן ווינטמילפליגעל אין אָוועטנגאָלד,
זיצט אַ שד און וויינט פאר פארדראָס.
פון הונגריגען דאָרף איז אנטלאָפען אַ פליג —
זשומט זי און דרייט זיך ארום זיין נאָז,
און לאָזט אים נישט דרימלען.

הערט דער מילנער ביים ליידיגען ראָד
אז מע וויינט אין דרויסען — ווייסט ער נישט ווער,
מיינט ער, אז דאָס איז זיין ווייב, וואָס קומט
צו פרעגען פארוואָס ער זיצט ווי אַ בער,
און מאָלט נישט קיין ברויט פאר די קינדער.

לאָזט ער דאָס ליידיגע מילראָד גיין,
און ווארפט זיך אליין ווי קאָרן אריין.
קוקט די זון דורך אַ שפּארע און מיינט
אז זי מאכט רויט דאָס מעל מיט איר שיין —
ווייזט זי דעם שד דאָס וואונדער.

לויפט דער שד אין דאָרף אריין
מיט דעם וואונדער וועגען דעם רויטען ברויט.
דערקענט אבראַמקאַ אז דאָס איז אַ שד
וואָס וויל די גוים פארמוטשען צום טויט,
מיט אַ מעשה וועגען אַ וואונדער.

שטופּט ער זיך פונ׳ם רעדעל אַפיר,
און ער זאָגט אז מע איז שוין פון מעשות מיד,
לאכט דער שד, און ער ווייזט אים אָן

די באַלאַדע פון דעם קעניג,
וואָס האָט אַליין געבראַכט די שיך צום שוסטער,
ער זאָל זיי אים פאַרריכטען.

די הענט און דאָס פּנים ווי סמאָלע שוואַרץ,
אָבער דאָס ליד וואָס ברענט אין האַרץ —
טראַסציאַ־טוואָיע־מאַטיערי.
דער קעניג אַליין אין זיין גאַנצער פּראַכט,
האָט די שיך צו פאַרריכטען געבראַכט —
טראַסציאַ־טוואָיע־מאַטיערי.
איז אָבער אַ יתום געקומען פרי׳ר,
לאָזט מען דעם קעניג שטיין ביים טיר —
שטייט דער קעניג שטאָלץ און שטייף,
גיט דער שוסטער ווי אַ באַן אַ פייף —
טראַסציאַ־טוואָיע־מאַטיערי.

באַצאָלען דאַרף מען פאַר לאַטעס אויף שיך.
נאָר אַז סע מאַכט זיך, מע האָט נישט ביי זיך —
טראַסציאַ־טוואָיע־מאַטיערי.
בעט זיך דער קעניג, צו רירען אַ שטיין,
— כ׳וועל באַצאָלען מאָרגען. לאָז מיך גיין —
טראַסציאַ־טוואָיע־מאַטיערי.
שרייט דער שוסטער באַצאָל מיר שוין,
און ער כאַפּט אַראָפּ ביי דעם קעניג די קרוין —
שטייט דער קעניג מיט די פאַרלאַטעטע שיך,
און דער שוסטער מיט אַ קרוין אויפ׳ן פּליך —
טראַסציאַ־טוואָיע־מאַטיערי.

ווען מען האָט זיי די בשורה געבראַכט —
די דאָזיגע פינסטערע בשורה.

איצט האָט מען שוין איינגענומען די וועלט.
וואָס זאָל מען טאָן מיט איר?
זי קאָן נישט אריין אין דעם קעניג'ס שלאָס.
מע האָט פארגעסען צו נעמען א מאָס
פון דער וועלט — ווען מע האָט געמאכט די טיר.
אָבער דאָס אקעראייזען אין פעלד,
און די זויל אונטערן שוסטער'ס האמער,
און די מויז אין קאמער,
קייקלען זיך פאר געלעכטער שוין.
סע ציטערט אזש ביי דעם קעניג די קרוין
פון זייער פארשייט געלעכטער.

די הויפלייט מיינען, די וועלט זאָל דערווייל
א באוואכטע אין דרויסען שטיין.
נאָר דער קעניג איז ווי דער טויט אזוי בלאַס.
ער האָט מורא די וועלט קאָן נאָך ווערען נאַס
ווען סע וועט א רעגען גיין.
אָבער דאָס אקעראייזען אין פעלד,
און די זויל אונטערן שוסטער'ס האמער,
און די מויז אין קאמער,
לאכען אזוי, אז סע איז שוין א שרעק.
זיי שטארבען שיעור פאר געלעכטער אוועק,
וואָס די וועלט שטייט נאָך אלץ אין דרויסען.

2.

זיצט דער סולטאן משה לייב די הענט אין ביידע ארבעל,
קראצט אים מיט א גאָלדען שארבעל
דער אבעסינטשיק קאלי־באבי ;
קריכט ארײן אויף אלע פיר הער עלטער־גבאי
פון די יעוונוכען,
וואָס פארשפרייט געריכען,
פון די טייערסטע געווארצען
אין דעם הארעם.
ווערט דעם סולטאן משה לייב'ן ווארים,
כאפט ער די געליבטע פון זיין הארצען
פאר'ן הענטעל,
לויפט מען און מע ברייננגט א שפאניש ווענטעל.
גיט ער א באפעל לא גווארדיא קאפוזיש —
קען דער יעוונוך נישט קיין פראנצוזיש
טייטשט דאָס אים דער הויפהאר מיט די ברילען :
— זיינע מאיעסטעט דער סולטאן — מאכט ער — ווילען
ער זאָלט אזוי גיט זאן אויסטין ביז די לאבער
אלע זאנע צוואיאינצוואָנציג שאינע וואבער,
און ער זאָלט צעלאיגען זאי
ווי זעלנער אין א ראי,
די איידלע פאָרענט און די גרעבערע אין ביסכען וואיטער,
וואיל זאָ בעשטאיט ער.

3.

פארוואָס איז אזוי אומעטיג דער סולטאן משה לייב ?
ער טראכט פון מירטלען זיין פארלוירענער. —
זיבען וויסטע רויבער האָבען זי געפאנגען,
ווען זי איז אויף שפאציר געגאנגען
אין פאמאראנצענגארטען לעבען קאוועפעלד.
דער יעוונוך חאכאטש איז אויסגעווען א וועלט
ביז ער האָט זי געפונען ערגיץ ביי א ים־ברעג דאָרט

משה לייב ביים ברעג ים אין קוני־
איילענד — אין האלבער נאכט.

1.

משה לייב, ווייסט וואס,
זאל זיך דיר אויסדאכטען, אז זאמד איז גראז,
צי אפשר טאקע זיידען בעטגעוואנד.
וועט דיך דער ים פארוויגען אויפ'ן קול,
מיט מעשות פון א סולטאן אין א לאנד,
וואס טוליעט זיך צו צוויי און צוואנציג ווייבער מיטאמאל;
וועט דיך די שיינקייט זייערע פאר'שכור'ן ווי וויין,
וועסטו אין הארעם מיט נעוואלד אריין,
און אויסרייסען די באהד
דעם אלטען הולטיי דארט,
און דורך א פענסטער אים אריינוואַרפען אין ים,
וועט פון דעם פליסק זיך אויפכאפען א פיש
דארט אין דער טיפעניש,
וועט ער ארויסקומען און וועט א מאך טאן, — האם.
וועסטו זיך אויף דעם סולטאנ'ס ארט אנידערלעגען
און וועסט זיך אויסמאלען, אז דו ביזט ער,
וועסטו שוין מער נישט דארפען זיין אט דער,
וואס ליגט ביים ים אין קוניאיילענד דארט אין רעגען.
וועט מירטעל האבען צוגעמאכט די טיר
פאר עמיצען אן אנדערען — און נישט פאר דיר,
וועסטו נישט דארפען ברוגז זיין פארוואס איר טעכטערל
האט דורכ'ן קוקערל ארויסגעלאכט,
ווען דו אין דרויסען אין דער נאכט
— צום צענטען מאל פארטריבען —
ביזט ווי א גולם שטיין געבליבען.

מיט טויטע ים־חיות, וואָס שטינקען אין אַ פּאָגע,
כמעט ווי קריסטען אין די קלויסטערס זייערע ווען ס׳איז חגא — — — —
אין זאמד,
ביים פּארקאַן דאָרט, אוואו סע האָבען זיך פאַרצאַמט
די רייכע לייט, וואָס פּרעגלען ווי חזרים זיך אין אייגען שמאַלץ,
אין פייער פון דער זון און אין דעם וואַסערזאַלץ —
דאָרט האָט ער זי צום ערשטען מאָל דערזעהן
אין מיטען טאָג, אין זומערצייט איז דאָס געווען,
איין העמדעל אויפ׳ן לייב — אַ שוואַרצס —
און קורץ ביז צו די לענדען קוים — און מיט אַ נאַקעט האַרץ —
און אויך אין זאָקען בלויז אַ פּאָר — אָהן שיך —
אַזוי האָט זי אינאיינעם מיט אַ קינד געוואַלגערט זיך,
און האָט אים נישט דערקענט.
נאָר ווען זי האָט דערזעהן אין זיינע הענט
דאָס כתב פון אים — איר סולטאַן משה לייב,
האָט זי געוויינט אויף אַללאַס גרויסע שטראָף.
שוין זיבען יאָר — האָט זי געזאָגט — האָט זי ווי אָן אַ סוף
געוואַרט.
דער טאָג האָט זי געמאַטערט און די נאַכט גענאַרט,
און זי האָט אַלץ געהאָפט דערלייזט צו זיין.
נאָר איצט קאָן זי נישט געהן צוריק צו זיך אין לאַנד אריין,
איר קינד — איר איינציג גליק,
געבוירען דאָ — וועט בענקען דאָ אַהער צוריק,
צו אירע היגע חבר׳טאָרענס צו די קליינע — — —
אַללאַס און דעם סולטאַנ׳ס הייליגע מעקאַ
איז פאַר איר אַ נאָמען בלויז פון דעם טאַבעקאָ,
וואָס איר פּאַפּאַ קויפט צוליב די שמאַטקעלאַך, די שענע,
וואָס מע גיט צו יעדען פּעקעל —
ער וויל, אַז זי — זיין טעכטעריל דאָס פינפיעריגע,
זאָל אויסנייען פאַר אים פון דעם אַ תפלין־זעקעל.
אַזוי האָט זי — דערצעהלט האַכאַטש — גערעדט, גערעדט
אין דעם קוני איילאַנד דאָרט... אין דעם אַמעריקע...

אויף א פארוואָרפען אָרט.
א אידעל מיט א האָרב איז איצט איר מאַן,
ער האָט פאר איר מיט גערשטען זיבען מאָס באצאָלט,
און מיט א האָרקעמעל פון פאלשען גאָלד.
און ווייל סע שטעהט אין הייליגען קאראן
אז זי א ווייב,
אן אשת איש,
דארף ריין האלטען דאָס לייב,
פארטיליגט זי דערפאר
איר בענקעניש
צו אים, דעם סולטאן, איר געליבטען האר — — —
חאכאטש האָט איינמאָל זיך מיט איר באשטעלט
צו קומען זי ארויסצוגנב'ענען ביינאכט
האָט זי פאר אים די טיר פארמאכט,
און האָט ארויסגעוויינט א מורא'דיג געוויין.
האָט ער אהיים זיך אומגעקערט אליין.
און אָט וואָס ער דערציילט:
נישטאָ קיין מירטעל מער אויף אַללאָס וועלט,
א קראנקע פרוי איז דאָ
אויף אזא אינזעל, וואָס איז ווי א מדבר וויסט;
קיין בוים אויף מיילען ווייט נישטאָ,
בלויז זאמד און דאָ און דאָרט א בערגעל מיסט,
און קעז, וואָס וויינען מיט'ן ים און מיט'ן צפון־ווינט.
די שטיבלאך זעהען אויס
ווי אויפגעשטעלט פאר הינט
און אָרימע שניידערס בלויז,
און גאסענרייניגער באוואוינען זיי.
און זי וואוינט אויך אין אזא באנגאַלאָ —
קיין קוימען איז אפילו אויפ'ן דאך נישטאָ,
איין פענסטער בלויז, וואָס געהט ארויס צום בעי —
א טייך אזא — ער ציט זיך ווי א לאנגער עק
פון ים ארויס — און ער פארפלייצט דעם ברעג

ביז אַלצדינג ארום האָט זיך פארלוירען
און איז געוואָרען גאָרנישט.

האָב איך אין דער שטיל זיך געבעטען ביי דיר
דו זאָלסט זיך מער נישט דערמאָנען צו מיר,
האָסטו מיך אָנגעקוקט קאַלט און פרעמד
ביז איך האָב זיך פאר זיך אליין פארשעמט,
האָב איך מיין ליולקע אָנגעצונדען
און איך האָב מיין שניפּס מיר איבערגעבונדען
כלומר׳שט — איך זע דיך גאָרנישט.

האָסטו איבערגעלאָזען דעם ברעג און מיך
אינאייגעם מיט איינעמס צוויי אַלטע שיך
און דורכזיכטיג־לויטער שיין און קראַנק,
אזוי ווי די זון ביים אונטערגאנג
מיט וואָלקענס ווי מיט צירונג באהאנגען
ביזטו אוועקגעגאנגען — פארגאַנגען.
איז געבליבען נאַכט, און גאָרנישט.

.5

משה לייב וועט אויסטראַכטען א שיף וואָס געהט אַוועק,
און אזוי לאַנג וועט ער איר נאָכקוקען פון ברעג
ביז ער וועט זעהן דעם לעצטען וואָלקען רויך פארשווינדען.
און דעמאָלט וועט ער ווי די ליכט צוקאָפּענס,
וואָס מען טוט זיי ביי א טויטען צינדען,
א פייער ביי דעם ברעג פון ים צעלעגען,
און ווי מע וויגט זיך
ביי דעם קדיש וואָס מע זאָגט פון טויטענ׳ס וועגען,
וועט ער זיך וויגען ביי דעם פייער,
און וועט קלאָגען
אויף דיין נשמה, וואָס ער האָט ביים ים געפונען,
אויף דיין נשמה, וואָס ער האָט ביים ים פארלוירען,
פארלוירען — — — אָנגעוואוירען — — —
אויף אייביג, אויף אייביג אָנגעוואוירען — — —

און האָט דערביי געגלעט
מיט ציטערדיגע הענט
דאָס קינד איר'ס אויפ'ן שויס,
און ווי אַן אָנגעט זון, וואָס לעשט זיך אויס,
האָט ווייגענעדיגער צער געברענט
אין אירע אויגען,
און אויף איר שיינעם קאָפּ,
ווען זי האָט צו דער ערד אַראָפּ
איר שטערען צוגעבויגען, — — —

.4

א הינטעל מיט א קינד ביים ים
האָבען געפונען א גאָלדענעם קאַם,
האָט איטליכס פון זיי פאַר זיך געוואָלט
דעם שיינעם קאַם, דעם קאַם פון גאָלד,
און די שיינע פרוי אין ים פארפאַלען
האָט ארויסגעוויינט פון די ווייסע וואַלען
דאָס ליד פון גאָרנישט.

די פרוי האָט געוויינט און דער ים מיט איר,
האָב איך געטראַכט וועגען דיר און מיר,
האָט דאָס הינטעל מיט'ן קינד מיר געבראַכט
דעם גאָלדענעם קאַם, וואָס כ'האָב אויסגעטראַכט.
האָט דאָס קינד געקוקט מיט דיינע אויגען,
האָב איך זיך געשטרעקט און צוגעבויגען
צום זאַמד אַראָפּ און צו גאָרנישט.

האָב איך אַראָפּגעלאָזט מיין קאָפּ,
ווי אַלעמאָל ווען איך נאָר זיך אָפּ,
און איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מיר טוט וויי,
נאָר אַ טרויער אַזאַ, וואָס איז ווייס ווי שנײ,
האָט דאָס ליכט פון די אויגען מיר אויסגעפּרויען

און ווען די נאכט וואָס קומט, הייסט אים אליין זיך היטען
פאַר אלע בייזקייטען וואָס קומען מיט'ן חושך — — —

געבענשט זאָל זיין דער גרויסער וואנדילייא.
אז זיס ווי ברויט מיט האָניג איז זיין משל.
און ליכטיג איז עס ווי דער שענסטער שטערן.
דער שטאָלץ אין אונז צעשפּרייט דאָך אויך די פליגעל
ווען אונז באפאלט די שנאה צו א ברודער.
נאָר אז עס קאָן דער האָן נישט אויסמיידען די נאכט
אפילו ווען ער גרייכט צום העכסטען בוימשפּיץ,
ווי קענסטו אויסמיידען דעם אומעט דיינעם
וואָס איז אין פינסטערקייט געגליכען צו אן עלפאנט,
וואָס קאָן דיך טראָגען איבער וויסטענישען
מיט אלע דיינע ווייבער אויף זיין פּלייצע,
מיט אלע דיינע קינדער אויב דו ווילסט נאָר.
און ווען דו זאָלסט אפילו ווי דער טיגער שטארק זיין,
צי קאָן ער נישט דיין בלוט אין זאמד צעגיסען,
און ווי א וואָרים דיך מיט זיינע פיס צעטרעטען ?

און וואָס איז שוין ווען דו ביזט קלוג אפילו
מיט רייד ווי גאָלד דיין אומעט צו באצירען ?
דער קליגסטער קלאָון האוואיא פון גולדאטי
האָט אויסגעלערנט בוהאדא זיין עלפאנט,
אז ער א ל י י ן זאָל אָנטאָן זיך דעם מאנטעל — — —
און וואָס האָט ער געזאָגט אין זיינע נסיסה־שטונדען ?
— מיט לייבען און מיט וועלף, מיט לעמפּערטען און טיגערס
האָב איך א לעבען לאנג צו שפּילען זיך באוויזען,
ווי אין א זומערטאָג מיט קינדערלאך אין גאָרטען,
נאָר מיט מיין בוהאדא, מיין ליבען עלפאנט,
האָב איך א לעבען לאנג זיך אָפּגעמאטערט.
און ווי ס'איז שווער א בארג פון אָרט צו רירען,
איז שווער געווען פאַר מיר אים אויסצולערנען

א גינגעלי מיין אומעט.

זיי קלאָר מיין גינגעלי,
ווען ער, דיין אָרעמער יאַהאַמאַ, האָט דערזען
די רויטע צייכענים אויף דיינע ווייסע הענט,
און ווען ער האָט דערקענט אויף זיי
דעם אָטעם פון טשאַהי־טשאַהו זיין פריינט,
האָט ער אפשר געהאַרפּט פאַרנויגען זיך פאַר דיר
ביז צו דעם זוים פון קלייד וואָס נעמט ארום דיין לייב,
און מיט די אויגען בלויז א קוש טאָן דיר צום לעצטען מאָל דיין האַרץ;
נאָר אז דער קאָפּ זיינער וואָס איז שוין גרוי ווי זילבער
האָט ווי א טויטענקאָפּ ארויסגעוויינט צו אים
פון שפּיגעל דיינעם,
האָט ער דאָך נישט געקאָנט זיך צווינגען מער
דעם אומעט זיינעם לענגער צו באַהאַלטען.
עס קאָן דאָך נישט דער האָן
דעם עלפאַנט צודעקען מיט זיינע פליגעל.
און וועמער איז שטאָלץ אויב נישט דער האָן דער נאַר.

— — —

ווי זאָגט דער גרויסער וואנדילייא:
דאָס מינדסטע פויגעלע קאָן זינגען ווען די זון גייט אויף,
קאָן פליען ווען די זון גייט אויף,
און בלויז דער האָן, דער נאַרישער, צעשרייט זיך,
ווי נאָר פאַר אים אליין האָט זיך די זון באוויזען.
און בלויז א קינד א קראַנקס וואָס קאָן נישט שלאָפען, וועקט ער,
און בלויז דעם אָרימען דעם זאָרגענקעניג וועקט ער,
דעם וועכטער, מעג ער קרייען אין אויער אריין אפילו —
ער גייט אהיים און לייגט זיך דוקא שלאָפען.
און ווען צעשפּרייט דער האָן די פליגעל זיינע?
ווען ער באַפאַלט א שוואכען ברודער זיינעם,
צוליב א זערנעלע וואָס יענער האָט געפונען.

פרץ הירשביין:
אין שאָטען פון דורות.

פ ע ר ז א נ ע ן:

ר פ א ל ל ו ר י א.
ה י ר ש, זיין זוהן.
מ ל כ ה, הירש'ס כלה.
ב אָ ב ע, רפאל'ס מוטער.

ע ר ש ט ע ר א ק ט.

אַ האַפען שטאָדט ביים אַטלאַנטישען ים אין צפון־שפּאַניען. אַ קליינע דירה, וואָס קומט אַרויס מיט טיר און פענסטער אין אַ שמאָל געסעל אַריין. אַ טיר פיהרט אין אַ צווייטען צימער אַריין.

זומער נאָך האַלבען טאָג. די טיר איז אָפען און אויף די פלאַכע, גלאַטע שטיינער פון ברוק ליגען זוניגע ליכט־פלעקען. אין שטוב עטליכע פעקלאך ניט קיין פאנאַנדערגעבונדענע.

ר פ א ל (ברענגט אין אָרדענונג אַנ'אַלט קופערטעל, בעט עס אויס מיט אַ טוך, נעמט אַרויס פון אַ פעקעל אַ ספר־תורה און לעגט זי אַריין אין קופערט אַריין. אין יענער צייט הייבט זיך אָן צו דערטראָגען פון דרויסען אַ געזאַנג פון עטליכע פרויען־שטימען, וואָס דערמאָנט זעהר שטאַרק דעם ניגון פון אַ ק ד מ ו ת. ער מאַכט צו דעם קופערט און הערט זיך אַיין.)

ב אָ ב ע (קומט אַרויס פון אַנדערען חדר מיט אַנ'אויסדרוק פון פאַר־וואונדערונג אויפ'ן פנים.)

ר פ א ל: מאַמע?

ב אָ ב ע: האַ, יאַ, וואָס טוסטו, רפאל?

ר פ א ל: וואָס טוסטו, מאַמע?

ב אָ ב ע: הערסט?

ר פ א ל: איך הער. און קען עס נישט פאַרשטעהן.

ב אָ ב ע: דאַכט זיך פון שול דער ניגון. האַ, ערב שבועות?

ר פ א ל: נישט משיג צו זיין, מאַמע. דורות! איך הער זי'ערע טריט הינטער'ן פענסטער.

ער זאָל דאָס קונצשטיק וווייזען, זיך אליין צו לייגען,
עס זאָל זיך אויסדאכטען דעם צירקבאַזוכער,
אז ער האָט זיך געלעגט צו שלאָפען אויף א ווייל —

צו שלאָפען אויף א ווייל, א בוהאדא, מיין עלפאנט — — —

צו שלאָפען אויף א ווייל, א גינגעלי, מיין אומעט — — —

יאָהאָמאָ׳ס באַגליד.

פליט די באַן מיט מיר אין טאָג אריין,
זעה איך דיך אין טוי און מאָרגענשיין,
מיין גינגעלי.
גיט מיין בענקעניש צו דיר פאָראויס,
ווי א פויגעל אזא ווייטען פלי,
מיין גינגעלי.
בין איך לענדערווייט אוועק פון דיר,
ברענגט דער מאָרגענווינט דיין אָטעם מיר,
מיין גינגעלי.
זינגען טייך און גראָז און בוים ביים וועג
פון דיין ליכט און שיינקייט אין דער פרי,
מיין גינגעלי.

גליט אין מיר א לויטערער מיין טרוים,
ווי די זון ביי דיין געלעגערהוים,
מיין גינגעלי.
וויגען ציטערדיגע מיינע הענט —
פרייד און טרויער — ארום מיינע קני,
מיין גינגעלי.

ה י ר ש: מיר דאַכט זיך אויך דאָס אייגענע.

ר פ א ל: אפשר איז דאָס טאַקי אזוי.

ה י ר ש: איך האָב געוואוסט, אז מיר וועלען ניט זיין די ערשטע אהער אריבערצוקומען.

מ ל כ ה: איך קלער אויך אזוי.

ה י ר ש: ווען איך זאָל וויסען, אז דאָס וועט ברענגען רוה פאַר'ן פאָטער.

ר פ א ל: איך האָב מיר קיין מאָל ניט געקענט אויסמאָלען אין מיין מח, אז איך זאָל אהער ווערען פארטריבען; אז רפאל לוריא וועט זיין דער איד וואָס וועט נאָך אזוי פיעל דורות ברעכען דעם חרם, וואָס זיין אומה האָט ארויפגעלעגט אויף דער מדינה.

ב אָ ב ע: ווערע צו אונזערע יאָהרען.

מ ל כ ה: לאָמיר פאַנאַנדערבינדען די פעקלעך.

ר פ א ל: זאָל מען נישט וויסען, אז מיר זיינען אידען. זאָלען זיי נישט מיינען, אז דאָס אידישע פאָלק האָט שוין מיט זיי שלום געמאַכט.

ב אָ ב ע: פארזינדיגט אונזערע טעג.

ה י ר ש: מיר לעבען אין א צייט, וואָס ניט יעדע זינד ווערט פאַר א זינד פאררעכענט.

ר פ א ל: אָבער נישט יעדערער קען די זינד פארטראָגען אויף זיינע פלייצעס.

ה י ר ש: קום גאָר מיט מיר ארויס אין גאַס.

מ ל כ ה: פאַראַנען אזעלכע שמאָלע געסעלאך; מען קען באַלד דערקענען, אז אידען האָבען אמאָל דאָרט געוואוינט.

ה י ר ש: אפשר וואוינען זיי נאָך דאָרט איצטער אויך. קום, פאָ־טער, מיט אונז.

מ ל כ ה: די באָבע וועט אויך געהן; יא, באָבע, איהר וועט געהן מיט אונז?

ב אָ ב ע: הא, וואוהין האָב איך צוגעהן?

ה י ר ש: געפינען נאָך אידען.

ר פ א ל: הלואי זאָל עס נישט געשעהן.

מ ל כ ה: ווען מען דערוויסט זיך, אז מיר זיינען אין שפּאַניען, וועלען נאָך אידען אהער אריבערגעקומען.

ב אָ ב ע: אזוי מיינסטו, מיין קינד?

ר פ א ל: דורות, דורות. און די אייגענע זון האט יעמאָלט אויך געשיינט.

ב אָ ב ע: קען מען דען וויסען ווער ס'האט דא געוואוינט אין דער שטוב; איז זעהר אַלט.

ר פ א ל: דאָס געסעל... די שטיינער פון ברוק... דורות...

ב אָ ב ע: הערסט? זינגען נאָך. מען קען מיינען, אידישע טעכ־טער זינגען.

ר פ א ל: אפשר האָבען זיי געזונגען אין יענע יאהרען.

ב אָ ב ע: דער וואָס אין הימעל וועט רחמנות האבען. אפשר וועט אונז דאָ קיינער נישט טאָן קיין בייז.

ר פ א ל: ווער ווייסט?

ב אָ ב ע: געלויבט איז דער אויבערשטער, וואָס מיר האבען די ספר־תורה ארויסגעראַטעוועט.

ר פ א ל: געמאכט אַ אָרט אין קופערט.

ב אָ ב ע: געלויבט איז דער אויבערשטער.

ר פ א ל: דאָ איז די מזרח־וואַנט.

ב אָ ב ע: אפשר וועט דער וואָס אין הימעל זיך דערבארימען. (דאָס געזאַנג דרויסען פאַרשטאַרקט זיך. ביידע הערען זיך צו.)

ה י ר ש און מ ל כ ה (קומען אַריין מיט פעקלעך.)

ב אָ ב ע: אָט זיינען די קינדער.

ה י ר ש: הערסט, פאָטער, הערסט, באָבע, ווי מען זינגט דאָ?

מ ל כ ה: מיר קומען אזש טרערען אין די אויגען.

ה י ר ש: דאָ זינגט מען; אין די גאסען טאנצט מען — אַ יונג פאָלק.

ר פ א ל: אינגער פון אונזערס.

מ ל כ ה: דער ים נאָהנט. מען זעהט פון ווייטען ווי שיפען שווי־מען.

ר פ א ל: וואו זענט איהר איצטער געווען?

ה י ר ש: ביים ים. געגאַנגען דורך ענגע געסלעך.

מ ל כ ה: אז איך קוק צו די מענשען אין די גאסען דאכט זיך מיר, איך זעה צווישען זיי אידען.

ה י ר ש: דאָ נאָהנט פאַראַן אַ גאָרטען מיט אַ טורעם־זייגער אין מיטען, גאָר ביים ים.

ר פ א ל: וואָס, מאַמע, קום, זיי זשע מוחל.

ב אָ ב ע: איך? לאָזט מיך. מה רעש?

מ ל כ ה: איך וועל דיך פיהרען.

ב אָ ב ע: איך האָב אביסעלע מורא, קינדערלאַך.

ה י ר ש: ווער וועט דיר דען שלעכטס טאָן, באָבע?

ב אָ ב ע: די מורא זיצט אין מיר. צי דען קען איך, קינדערלאַך, די מורא פון זיך ארויסטרייבען?

ר פ א ל: ווער האָט עס געזונגען הינטערען פענסטער? מען האָט געקענט מיינען אז בכיון זיינען זיי אהער געקומען.

ה י ר ש: מען זינגט דאָ און מען טאַנצט אין אַלע גאַסען.

מ ל כ ה: קליינע קינדערלאַך טאַנצען אין די גאַסען.

ר פ א ל: האָסט זיך צוגעהערט צו די נגונים?

ה י ר ש: אַריענטאַליש.

ר פ א ל: דאָס אַלץ?

מ ל כ ה: איך האָב אַזש שיער ניט געוויינט.

ה י ר ש: קום, פאָטער, אין גאָס אַרוים.

ב אָ ב ע: געהט אייך געזונטערהייט; נישט זאַמט זיך לאַנג.

ר פ א ל: לאָמיר געהן.

מ ל כ ה: זיי ניט אומעטיג, באָבע. (קושט די באָבע, געהען אַרוים.)

ב אָ ב ע (בלייבט אַליין. פלאָנטערט זיך אַ ווייל־ע אַרום איבער'ן צימער, שעפטשעט אין דער שטיל, ווי עפּעס אַ תחינה וואָלט זי זאָגען.)

א ן א ל ט ע פ ר ו י (באַווייזט זיך אין טיר. ס'פנים איהר'ס, כאָטש זעהר צעקנייטשט, דאָך קוקט פון דעם יוגענד אַרוים. אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען. קוקט צו דער באָבען.)

ב אָ ב ע (באַמערקט זי. פאַרוואונדערט, אָהן ווערטער.)

ד י א ל ט ע: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): נישט פארגעסען אַ לייבליכע שוועסטער.

ב אָ ב ע: הא, וואָס?

ד י א ל ט ע: דערקענסט מיך נישט?

ב אָ ב ע: הא, וואָס? גאָט איז מיט דיר.

ה י ר ש: איך קלער אויך אַזוי.

מ ל כ ה: פאַר וואָס טראָגען אידען אַזוי לאַנג אַ שנאה אין הארצען?

ר פ א ל: רעד נישט אַזוי, מיין קינד. זיי גוט בודק ביי זיך אין הארצען, צי וועסטו דאָרט כאָטש אַ שפּראָץ שנאה צו אימיצען געפינען. ביזט דאָך אַ אידישע טאָכטער, זאָג, צו וועמען טראָגסטו אַ שנאה אין הארצען?

מ ל כ ה: איך? צו קיינעם ניט.

ר פ א ל: מיר טראָגען אַליין די שטראָף, נישט קיין שנאה!

ה י ר ש: אָבער דער חרם, פאָטער?

ר פ א ל: איז דאָך דאָס בייז אויפ׳ן אידענס קאָפּ געפאַלען, האָבען דאָך אידען זיך געלאָזט וואָנדערען אין פרעמדע מדינות; האָבען דאָך קינדער פון אָט דער דאָזיגער אומה געטאַנצט און גאָט געלויבט יעמאָלט, ווען אונזערע טאַטעס האָבען זיך געלאָזט וואָגלען איבער דער וועלט.

ה י ר ש: האָט מען דאָך אַ חרם אַרויפגעלעגט?

ר פ א ל: כדי שלום צו מאַכען מיט׳ן אייגענעם גורל, כדי דאָס הארץ זאָל נישט אויסגעהן פון צער און בענקען.

ה י ר ש: וואָס ווייסען די קינדער פון לאַנד פון אונזער חרם?

ר פ א ל: מיין זוהן, לאָמיר וועגען דעם מעהר נישט רעדען.

מ ל כ ה: מיר מאַכען זיך אַליין טרויעריג.

ר פ א ל: געוויס באַדאַרף מען דעם טרויער פאַרטרייבען פון זיך.

ה י ר ש: קום, באָבע, מיט אונז, — וועסטו זעהן וואָס פאַר אַ שמאָלע געסעלאַך זיי האָבען דאָ.

ב אָ ב ע: זאָל שוין זיין.

ה י ר ש: קום, אַז מען וואוינט אין אַ שטאָט, באַדאַרף מען וויסען וואָס הינטערען שטאָט טוט זיך. קום דו, פאָטער, מיט אונז.

ר פ א ל: אפשר וועל איך מיטגעהן.

מ ל כ ה: מען וועט דאָך ניט אייביג זיצען אין שטוב.

ר פ א ל: דאַכט מיר, אַז אייביגקייט בין איך שוין דאָ.

ה י ר ש: כאַ־כאַ־כאַ, און קיין איין נאַכט נאָך ניט איבערגענעכ־טיגט.

ר פ א ל: וואוהין ווילסטו געהן?

די אַלטע: כּי־כּי־כּי, זאָגט מען דאָך דיר: אַ ליבליבע שוועס־טער.

באָבע: שרעק מיך נישט, כ'בין אַנ'אַלט מענש. קאָם וואָס איך לעב.

די אַלטע (דערנעהנטערט זיך): קוק אין די קנייטשעלעך פון מיין פּנים. דיין ליבליבע שוועסטער.

באָבע: וואָס ווילסטו פון מיר? געה געזונטערהייט; כ'האָב שוין אַזוי אויך גענוג.

די אַלטע: אָט אַזוי האָט מען פּחד פאַר אַנ'אייגענער שוועס־טער.

באָבע (ווישט די טרערען): וואו זיינען זיי? זאָל חלילה עפּעס מיט זיי נישט טרעפען. (וויל אַרויסגעהן פון שטוב און האָט עס מורא צו טאָן.)

די אַלטע (עפענט אויף דעם קאַסטען און גראַבט איין לאַנג דעם קאָפּ אין דער ספר־תורה. הויבט זיך אויף, ווישט די טרערען און אַזוי אָהן ווער־טער געהט זי אַרויס.)

באָבע: (געהט צום טיר און קוקט צושראָקען נאָך דער אַלטער.)

הירש און מלכּה (קומען אַריין.)

מלכּה: האָסט ניט געהאַט קיין מורא, באָבע, צו זיין אַליין?

באָבע: האַ, דו גאָר?

הירש: מיר זיינען געקומען דיך אַרויסנעמען, באָבע; דער טאַ־טע וואַרט אויף אונז.

באָבע: איהר האָט דאָ קיינעם נישט געזעהן?

הירש: וואָס מיינסטו?

באָבע: אַנ'אַלט מענש דאָ געווען.

מלכּה: אַ אידיש קינד?

באָבע: געווען דאָ אין שטוב.

מלכּה: ווען, איצטער?

באָבע: נאָר וואָס.

הירש: וואָס האָט זי געוואָלט?

באָבע: מיך איבערגעשראָקען, קינדערלאַך.

מלכּה: האָט גערעדט צו דיר?

ד י אַ ל ט ע: געמיינט — האָסט דאָ קיינעם ניט; גאָר פאַרגעסען, אז אַ שוועסטער אַ ליבליכע געפינט זיך דאָ. כי־כי...

ב אָ ב ע (געהט צו נעהנטער און באַטראַכט זי): ווי הייסט? ווי אַזוי?

ד י אַ ל ט ע: אַ שוועסטער, אַ ליבליכע שוועסטער.

ב אָ ב ע: מיין זוהן איז אַוועקגעגאַנגען.

ד י אַ ל ט ע: ער ווייס אויך נישט פון מיר.

ב אָ ב ע: ווער האָט דיר דערצעהלט, אַז מיר זיינען דאָ?

ד י אַ ל ט ע: נישט געקענט רוהען; ס'האַרץ האָט מיר גענזאָגט.

ב אָ ב ע: ווי אַזוי הייסטו?

ד י אַ ל ט ע: אפילו מיין נאָמען פאַרגעסען, וועה איז מיר.

ב אָ ב ע (געהט צום טיר אומרוהיג. קוקט אַרויס ווי אימיצען ערוואַר־טענדיג.)

ד י אַ ל ט ע: זיי קומען שוין?

ב אָ ב ע: ווער?

ד י אַ ל ט ע: די קינדער מיין איך.

ב אָ ב ע: יא, זיינען אַנגעקומען אהער.

ד י אַ ל ט ע: איך ווייס.

ב אָ ב ע: וואָס טוסטו דאָ?

ד י אַ ל ט ע: ווי הייסט וואָס איך טו דאָ — אזא שאלה וואָס דו פרעגסט.

ב אָ ב ע: האָסט געוואוסט פון אונז?

ד י אַ ל ט ע: צרות אויף דער וועלט, האָט מען זיך דערמאָנט אַן מיר. געוואוסט, די צרות וועלען זיי שוין מסתמא אריבערברענגען.

ב אָ ב ע: אַ פולע וועלט מיט צרות.

די אַלטע: געוואוסט, געוואוסט.

ב אָ ב ע: וואו וואוינסטו דאָ?

ד י אַ ל ט ע: מען ווייסט אַוואו.

ב אָ ב ע: ביזט אַ אידיש קינד, הייסט עס.

ד י אַ ל ט ע: ווייסט אפילו נישט וואו דו וואוינסט, וועה איז מיר. דאָ האָב איך דאַך געהאַט מיין דירה אַ צייט צוריק.

ב אָ ב ע: ביזט אַ אידיש קינד?

מ ל כ ה: עפּעס מוז זיין.

ה י ר ש: אפשר וועט זיך די באָבע צולעגען.

מ ל כ ה: די באָבע איז שלעפעריג.

ה י ר ש: קום, באָבע, אין אַנדערען חדר, וועסטו זיך צולעגען.

ב אָ ב ע: וואָס, האָ? און איהר וועט אַוועקגעהן?

מ ל כ ה: הירש אָדער איך וועלען בלייבען מיט דיר.

ב אָ ב ע: קינדערלאך, לאָזט מיך נישט אַליין.

ה י ר ש: שרעק זיך ניט.

ב אָ ב ע: מען טאָר מיך שוין מעהר נישט לאָזען אַליין; איך האָב מורא.

ה י ר ש: גוט, באָבע, מיר וועלען דיך ניט איבערלאָזען. (ביידע פיהרען די אַלטע אין צווייטען צימער אַריין. אין אַ ווייל‎ע אַרום קומען זיי ווידער אַרויס.)

מ ל כ ה: וואָס טראַכסטו, הירש?

ה י ר ש: איך קלער, אז דאָ אין לאַנד קענען מענשען לעבען גליק־לאַך.

מ ל כ ה: וואָס איז דאָ געווען מיט דער באָבען?

ה י ר ש: אַנ'אַלט מענש, האָט זיך איבערגעשראָקען, אָדער אפשר איז זי אַנדרעמעלט געוואָרען.

מ ל כ ה: וואָס וועט דאָ ווערען פון אונז?

ה י ר ש: דאָ וועלען מיר אָנהויבען בויען אונזער לעבען.

מ ל כ ה: דאָ?

ה י ר ש: כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט געלעבט אונטער אַזעלכע לוי־טערע הימלען.

מ ל כ ה: און אויב די שרעקען וועלען אהער אויך דערגרייכען?

ה י ר ש: אויף מיינע פּלייצעס וועל איך דיך דורכנעהמען; דיין יוגענד וועט מיר דעם וועג באַלייכטען.

מ ל כ ה: כ'האָב שיער ניט געוויינט, ווען כ'האָב געהערט די מייד־לאַך זינגען.

ה י ר ש: אין מיר האָט דאָס לעבען אָנגעהויבען צו טאַנצען זעהענ־דיג ווי די קינדער טאַנצען.

באַבע: אוי וועה, קאָם וואָס דאָס חיות איז אין מיר נעבליבען.
הירש: דאָ זיינען פאַראַנען נאָך אידען!
מלכה: מען באַדאַרף אָנזאָגען דעם פאָטער.
באַבע: וועה איז מיר.
מלכה: וואָס איז, באָבע?
באַבע: שווינדעלט מיר אין קאָפּ פאַר שרעק.
הירש: האָט ניט געזאָגט וואו זי וואוינט.
באַבע: זאָגט, אַז זי איז מיינע אַ לייבליכע שוועסטער. האָב איך דאָס שוין באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז, אוי וועה איז מיר.
הירש: דערמאָן זיך, באָבע, אפשר האָסטו געהאָט ערגעץ אַ שוועסטער?
מלכה: טאַקי, באָבע.
באַבע: ס'טייטש.
הירש: האָסט פאַרגעסען אָן איהר.
באַבע: קינד וואָס דו ביזט! וואָלט איך נישט וויסען אַז כ'האָב אַ שוועסטער? אַזוי נאַריש בין איך שוין, וועה איז מיר? איך זאָג צו איהר: איך וואָלט דאָך וויסען, אַז איך האָב נאָך אַ שוועסטער. מאַכט זי: אַמאָל פאַרגעסט מען אָן אַ לייבליכע שוועסטער. אַזאַ זאַך קען דאָך גאָרניט געמאָלט זיין.
הירש: כאַ־כאַ־כאַ. באָבע, האָב ניט קיין פאַראיבעל, אפשר ביזטו גאָר געשלאָפען. אפשר האָט זיך עס דיר גאָר גע'חלומ'ט?
באַבע: ס'טייטש אַ חלום, אַז איך בין געוועזען אויף!
מלכה: די באָבע קוקט טאַקע אויס שלעפעריג.
הירש: אמת, מלכה?
באַבע: איז צוגעגאַנגען צום קאַסטען, אויפגעעפענט און אַ קוש געטאָן די ספר־תורה; פון וואַנען האָט זי געוואוסט, אַז דאָרטען איז גאָר פאַראַן אַ ספר־תורה?
הירש: באָבע, ס'איז געוועזען אַ חלום!
באַבע: כ'האָב פאַראיבעל אויף דיר, מיין קינד.
מלכה: אַן אַלטע פרוי געוועזען?
באַבע: אוי וועה איז מיר.
הירש (אָן אַ זייט צו מלכה'ן): וואָס זאָגסטו?

מ ל כ ה: און מיר?
ה י ר ש: אזוי וועט אונזער הארץ אָנהייבען צו זינגען!
מ ל כ ה: ווען מיר זיינען ארויס פון דער סכנה, האָט דאָס לעבען אנגעהויבען צו קלינגען ארום מיר מיט ליכטיגע גלאָקען. איך וויל אזוי לעבען! (זי פּרואווט איבערזינגען די מעלאָדיע, וואָס האָט זיך פריהער אָוויי־לע געטראָגען פון דער גאַס).
א ן א ו נ ב א ק א נ ט ע ר י ו נ ג ע ר מ א ן (באַווייזט זיך אין דער אָפענער טיר. באַטראַכט זיי ביידען מיט אַ צופרידענעם שמייכעל. באַמערקען איהם; וואַרפען זיך ביידע דורך מיט פאַרוואונדערטע בליקען).
א ו מ ב א ק א נ ט ע ר: אַ גוטער מארגען! שעהן און ליכטיג היינט ביי אונז.
ה י ר ש: יאָ, זעהר שעהן.
א ו מ ב א ק א נ ט ע ר: און איהר פיהלט זיך דאָ ווי פרעמדע.
מ ל כ ה: (שטעלט זיך זייט ביי זייט מיט הירש'ען).
א ו מ ב א ק א נ ט ע ר: אז מען ברענגט נאָך אהער די ליבע, קען מען דאָ טאַנצענדיג פאַרברענגען די טעג.
מ ל כ ה: פרעג איהם ווער ער איז.
א ו מ ב א ק א נ ט ע ר: כאַ־כאַ־כאַ! שפּאַניען איז נאָך אַלץ אונטערען הימעל; און די זון שיינט דאָ העל און וואַרים.
ה י ר ש: ווער זענט איהר?
א ו מ ב א ק א נ ט ע ר: קוק מיר אַן אין פּנים, אפשר וועסטו מיך דערקענען.
ה י ר ש: (אומרוהיג, כאָטש ער שטאַרקט זיך): קומט אַריין נעהנ־טער.
א ו מ ב א ק א נ ט ע ר (אַריינקומענדיג): אַן'אומבאַקאַנט־באַ־קאַנטער פריינד.
מ ל כ ה: ווער איז ער?
א ו מ ב א ק א נ ט ע ר: כאַ־כאַ־כאַ! ביי אונז לאַכט מען זעהר הויך. פון אַלטע צייטען לאַכט מען דאָ הויך.
מ ל כ ה: דאָ זינגט מען אויך.
א ו מ ב א ק א נ ט ע ר: יאָ, דאָ זינגט מען, דאָ טאַנצט מען. מיט אַ חשק צום לעבען זיינען פול אונזערע ביינער. (קוקט זיך אַרום).

מ ל כ ה: וואָס וואָלט איך איצטער געטאָן אָהן דיר? איך טראַכט אמאָל — איך וויל עס גאָר ניט זאָגען.

ה י ר ש: וואָס האָסטו געטראַכט איצטער צו דערצעהלען?

מ ל כ ה: איך מיין די באָבע. ווענען האָט זי דאָ געזעהן?

ה י ר ש: וואָס עס חלום'ט זיך דער עלטער איז ניט פאַר אונז צו באַשיידען.

מ ל כ ה: דער פאָטער איז טרויעריג.

ה י ר ש: ס'איז ניט קיין וואונדער.

מ ל כ ה: און אַז איך בין טרויעריג.

ה י ר ש: מיר געהערען צו אַנ'אַנדער דור.

מ ל כ ה: אפשר זיינען יענע דורות געווען רוהיגער.

ה י ר ש: וואָס האָט געגעבען די רוה פון יענע דורות? דעם איצטיגען שטורם! איך וויל לעבען אין אַ שטורעמדיגען דור, ניט אין דער טויטער שטילקייט.

מ ל כ ה: איך וועל זיין שטאַרק.

ה י ר ש: דו ביזט מיין ליבע, וואָס שטעהט העכער פון אַלע צייטען און בינט צונויף דור מיט דור.

מ ל כ ה: אַ, ווען מיר וואָלטען געקענט מאַכען, אַז אונזער פאָטער זאָל אַזוי פיהלען!

ה י ר ש: אַ חרם... איך ווייס ניט זיין באַדייט. קיין זאַך באַדאַרף אין וועג ניט שטעהן פאַר דעם וואָס וויל אָנהויבען אַ ניי לעבען. וואָס האָבען אונז די שפּאַנישע הימלען געטאָן, וואָס מיר האָבען זיי פאַרשאָלטען?

מ ל כ ה: דער פאָטער זאָגט, אַז דאָס האָבען מיר אויף זיך אַרויפגעלעגט די קללה.

ה י ר ש: וועלען מיר ביידע די קללה פאַרוואַנדלען אין אַ ברכה. לאָמיר זיין די ערשטע, וואָס וועלען די קללה אַרויסטרייבען פון אונזער לעבען.

מ ל כ ה: פאַר וואָס באַהאַלטען מיר זיך דאָ אין אַ ווינקעלע?

ה י ר ש: ווייל עס לעבט אין אונז די שרעק פון דורות.

מ ל כ ה: ווי שעהן די מיידלאַך האָבען דאָ פריהער געזונגען.

ה י ר ש: קינדער פון דעם לאַנד.

און גאַר אומזיסט. געהט איהר דאָ אַפּט אַרויס צום ים? אַ, יאַ, איהר זענט דאָך היינט אָנגעקומען; ס'איז דער אַטלאַנטישער ים, ער וואַשט אונ־זערע ברעגעס.

ה י ר ש: מיין פאָטער איז דאָרטען. ער וואַרט אויף אונז ביים ברעג.

א ו מ ב ט ק ט נ ט ע ר: דער אַטלאַנטישער, ווי אַלע ים'ען, קענען האַלטען סודות, און ניט פאַר יעדען דערצעהלט ער, וואָס עס איז אויף איהם פאַרגעקומען נעכטען, אייערנעכטען, און מיט אַ עטליכע הונדערט יאָהר צוריק.

ה י ר ש: וואָס מיינט איהר?

א ו מ ב א ק א נ ט ע ר: כ־כאַ־כאַ־כאַ! אייביגע סודות וואָס מאַ־כען פרעמד די געפיהלען פון ברודער צו ברודער... אוואו, זאָגט איהר, איז אייער פאָטער?

(פון דרויסען דערטראָגט זיך ווידער דאָס געזאַנג פון אַ פרויען־כאָר).

א ו מ ב א ק א נ ט ע ר: איהר האָט ליב אונזערע געזאַנגען דאָ? ליכטיגע געזאַנגען! האַ־האַ, די קינדער טאַנצען. אַ גרויסע פרייד צו זעהן. (געהט אַרויס).

מ ל כ ה (כאַפּט אָרום הירש'ען): ווער איז ער? כ'האָב מורא פאַר איהם!

ה י ר ש: וואָס איז דאָ מיט אונז?

מ ל כ ה: זעהסט, ער שטעהט נעבען די קינדער.

ה י ר ש: אפשר איז ער געשיקט געוואָרען אויסצופאָרשען ווער מיר זיינען?

מ ל כ ה: מען ווייסט שוין, אַז מיר זיינען דאָ.

ה י ר ש: גוט אַזוי; איך האָב זיך ניט געוואָלט אריינ'גנב'ענען אַהער.

מ ל כ ה: וואָס האָט ער אַזוי געלאַכט?

ה י ר ש: מיר פאַרדריסט, וואָס איך האָב איהם ניט גענומען אויפ'ן פאַרהער אַביסעל שטרענגער.

מ ל כ ה: איך טראַכט, אַז די באָבע איז ניט געשלאָפען. זי וועט ניט פאַרבייטען קיין חלום אויף דער ווירקליכקייט.

הירש: די שטוב באַקאַנט?

אומבאַקאַנטער: אַ באַקאַנטע גאַס; אַ באַקאַנט הויז.

הירש: שוין לאַנג דאָ אין שפּאַניען?

אומבאַקאַנטער: איך וואָלט אייך באַדאַרפט זאָגען מיין נאָמען, נאָר וואָס איז דער חלוק? אַמאָל אייגענע ברידער פאַרענדערען זייערע נעמען; ווילען ווערען יעדערער אַליין בעל־הבית פאַר זיך אויף גאָט'ס וועלט. כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!

מלכה: איהר זענט דאָ געבוירען געוואָרען?

אומבאַקאַנטער: ווי עס קלינגט די שטימע ביי אונזערע שוועסטער פון אַנ'אַנדער לאַנד!

הירש (מוטיג): איך שפּיר אויך דורות אהינטער מיינע פּליי־צעס. כאַ־כאַ־כאַ!

מלכה: מיר זיינען ניט אַליין; מיט אונז איז געקומען אונ־זער פאָטער און אַ באָבע.

אומבאַקאַנטער: דאָס שלאָפט זי דאָרט אין אַנדערען צי־מער. (שטעלט זיך אין טיר פון אַנדערען חדר און קוקט לאַנג און ערנסט).

הירש: וואָס זעהט איהר דאָרט?

אומבאַקאַנטער: אַט אַזוי איז עס שוין מיט דער עלטער. כ'האָב פאַרגעסען צו פרעגען — אפשר האָט איהר עפּעס נויטיג?

מלכה: מיר דאַנקען אייך.

אומבאַקאַנטער: דעם ערשטען טאָג דאָ איינגאַנצען. ביי גוטע מענשען וואוינט איהר דאָ.

הירש: מיר דאַנקען אייך.

אומבאַקאַנטער (עפענט אויף אַ פענסטער): איהר זעהט, דאָ וואַקסען ביי'נ'אייך בלומען הינטערען פענסטער.

מלכה (שפּירט זיך אומרוהיג. איז שוין פאַר דער צייט אָריין אין אַנדערען חדר און ווידער אַרויסגעקומען און זיך געשטעלט זייט ביי זייט מיט הירש'ען).

הירש: איך דאַנק אייך פאַר אייער גוטהאַרציגקייט.

מלכה: אפשר ווייסט ער, ווער די אַלטע איז, וואָס די באָבע דער־ציילט?

אומבאַקאַנטער: אַלץ ווערט מיט דער צייט אַ רעטעניש.

ר פ א ל: וואו איז זי איצטער?
ה י ר ש: אין אַנדערען צימער. שלאָפט.
ר פ א ל: אַזוי האָט זי דערצעהלט?
ה י ר ש: איך קלער, איהר האָט זיך גע'חלומ'ט.
ר פ א ל: געווען דאָ אין שטוב, אַ שוועסטער?... זי האָט נישט קיין שוועסטער.
ה י ר ש: דעריבער קלער איך דאָך, אַז זי האָט געמוזט אַנשלאָפען ווערען, ווען מיר זיינען ארויסגעגאַנגען.
ר פ א ל: אפשר שלאָף איך אויך און אַלץ וואָס עס קומט פאָר מיט מיר איז אַ חלום און נישט מעהר.
ה י ר ש: באַדאַרפסט ניט זיין אומרוהיג, פאָטער.
מ ל כ ה: דאָ איז געווען אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן אויך.
ר פ א ל: אַלץ פאַר דער קורצער צייט? איהם האָט אויך די באָבע געזעהן?
מ ל כ ה: ניין. מיט איהם האָבען מיר גערעדט. איז נאָר וואָס ארויסגעגאַנגען.
ה י ר ש: אביסעל האָט ער מיר אויסגעזעהן פאַרדעכטיג.
ר פ א ל: הייסט עס נישט קיין חלום...
ה י ר ש: דער באָבען האָט זיך געווים גע'חלומ'ט.
ר פ א ל: פאַר וואָס אַזוי געווים?
ה י ר ש: ווייל פאַר אַ שוועסטער האָט זי זיך אָנגעגעבען.
מ ל כ ה: מיר האָבען ניט געקענט דערגעהן ביי איהר, ווער ס'איז געווען, און וואָס זי האָט גערעדט מיט איהר.
ר פ א ל: אַזוי הייסט עס! ווייסט מען אַז מיר זיינען דאָ פאַראַנען.
ה י ר ש: דער יונגערמאַן איז, דאַכט מיר, אַ איד.
ר פ א ל: אַ איד, הייסט עס.
ה י ר ש: האָט מיר אויסגעזעהן פרעמדלאַך, ווי ער האָט זיך געהאַלטען.
מ ל כ ה: האָט געפרעגט, צי מיר געהען ארוים צום ים. — דער ים, זאָגט ער, באַהאַלט אין זיך סודות פון נעכטען און אייערנעכטען און פון פאַר הונדערטער יאָהרען צוריק, און האָט זיך צולאַכט.

ה י ר ש: אַלץ קען טרעפען ביי היינטיגע צייטען. דו ציטערסט דאך. וואס איז מיט דיר?

מ ל כ ה: איך ווייס ניט.

ה י ר ש: זעה ווי אַלץ דאַ נויגט צו אונז דעם קאָפּ מיט צופרידענ־קייט. מיר האַבען זיך דאך ניט אַריינגעגנב'עט אהער.

מ ל כ ה: ווער איז דער מענש וואס איז דאַ איצטער געווען?

ה י ר ש: אַ מענש ווי אַלע מענשען. מיר זיינען דאך ניט געשלאָ־פען. כאַ־כאַ־כאַ!

מ ל כ ה: פון וואַנען ווייסטו אַז די באָבע איז געשלאָפען?

ה י ר ש: ווייל זי שלאָפט איצטער אויך. אפשר האבען זיך זעהר פיעל אהער, אין פערשידענע צייטען, שטילערהייט אריבערגעקליבען. האסט זיך צוגעהערט ווי ער האָט געלאַכט?

מ ל כ ה: פאַר זיין געלעכטער האָב איך מורא.

ה י ר ש (אויך אַביסעל אומרוהיג): איך וויל ניט זעהן קיין טרערען אין דיינע אויגען... הער זיך ניט צו צו די קלאַנגען וואס דער ווינט ברענגט צוטראַגען פון פרעמדע וועלטען.

מ ל כ ה: מיט דיר בין איך שטאַרק. קוק איצטער אין מיינע אוי־גען — ניטאַ מעהר קיין טרערען.

ה י ר ש: בלויז אַביסעלע שרעק און פייער פון דער יוגענד.

מ ל כ ה: איך ווייס ניט פאַר וואס די טרערען זיינען מיר געקומען אין די אויגען אריין. איך שעם מיר אַליין פאַר זיך.

ר פ א ל ל ו ר י א (קומט אַריין).

מ ל כ ה: אָט איז דער פאָטער!

ה י ר ש: ענטשולדיג, וואס מיר זיינען ניט געקומען צו דיר.

ר פ א ל: נישט קיין בייז. געטראָפען דעם וועג.

מ ל כ ה: די באָבע האָט ניט געוואָלט געהן, איז אנשלאָפען גע־וואָרען.

ה י ר ש: זי האָט זיך דאַ איבערגעשראָקען אָהן אונז.

מ ל כ ה: אַז אַלטע פרוי איז דאַ געווען.

ה י ר ש: איהרס אַ שוועסטער.

ר פ א ל: אַ שוועסטער?

מ ל כ ה: יאַ, אַזוי האָט זי דערצעהלט צושראָקענערהייט.

צווייטער אַקט.

אַ פּאָר שעה שפּעטער. פאַרנאַכט

די באָבע זיצט אויף אַ פּעקעל. מלכה זיצט נעבען דער באָבען און האַלט דעם קאָפּ ביי איהר אויפ׳ן שויס. די לעצטע שטראָלען פון דער זון שלאָגען זיך דורך אין שטוב אַריין דורך אַ פענסטער און שפּילען זיך אויף דר׳ערד נעבען דער אַלטער און יונגער. פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַן איינ־ציגער, מאָנאָטאָנער קלויסטער־קלאַנג.

מלכה: שלאָפסט, באָבע?

באָבע: כסדר ווי אין דרעמעל.

מלכה: דיר חלום׳ט זיך אויך?

באָבע: איך ווייס גאָר אַליין ניט וואָס מיט מיר איז.

מלכה (לאַכט זיך קינדיש פאַנאַנדער).

באָבע: אַזוי וואויל איז צו דיר, מיין קינד.

מלכה: הערסט, ערגעץ קלינגט אַ קלויסטער.

באָבע: איך דאגה נישט פאַר זיך, מיין קינד.

מלכה: בעסער הער אויף איינגאַנצען צו דאגה׳ן.

באָבע: ווי קען איך אַנדערש? אַז מיט זיפצען און קרעכצען בין איך אַנגעזאָפּט געוואָרען.

מלכה: ווי לאַנג ביזטו שוין גרוי?

באָבע: איך געדענק גאָר נישט ווען איך בין נישט גרוי געווען.

מלכה: איך וועל דיר פאַרקעמען דעם קאָפּ און אויספלעכטען צעפּ ווי ביי אַ כלה־מיידעל.

באָבע: וואָס דיר קען איינפאַלען צו טאָן...

מלכה: איך וועל באַלד זעהן, צי וועל איך קענען געפינען אַ שווארצע האָר.

באָבע: וועסט נישט געפינען.

מלכה: אַט האָב איך טאַקע יאָ געפונען!

באָבע: אַז דו קאַמסט שלעפערט מיך נאָך מעהר.

מלכה: אַ, סאַראַ שווארצע האָר!

ה י ר ש: מלכה האָט זיך גאַנץ גוט דערשראָקען פאַר איהם.

ר פ א ל: און דו?

ה י ר ש: איך האָב זיך ניט פאַר וואָס צו שרעקען.

ר פ א ל: גוט, מיין זוהן (קלאַפּט איהם אין פּלייצע גוטמוטיג; אָבער פון פּנים קוקט אַרויס די אומרוהיגקייט.)

ה י ר ש: האָסט געטראָפען דעם וועג, אמת זעהר נאָהנט?

ר פ א ל: הייסט עס, צו דער באָבען איז אימיצער געקומען, און צו'ן אייך אויך... און צו מיר דאָרט ביים ים, אויך אימיצער...

ה י ר ש: וואָס, צו דיר אויך?

ר פ א ל: ש־ש־ש... לאָמיר פון דעם נישט רעדען.

ה י ר ש: אָבער איך וויל דאָך...

ר פ א ל: כ'בעט אייך, קינדער.

ה י ר ש: קוק אויף דעם ווי איך. א מענש געווען: זיך געוואָלט באַקענען און ניט מעהר. און אפשר האָבען שוין דאָ פון לאַנג א סך אידען געמאַכט זייער היים.

מ ל כ ה: די באָבע שרייט פון שלאָף.

ה י ר ש: כאַ־כאַ־כאַ, איהר שלעפּט אומזיסט ארויף א שרעק אויף זיך.

ר פ א ל (קוקט זיך אַרום צושראָקען).

ה י ר ש: פאַר וואָס, פאָטער, ווילסטו מיר ניט זאָגען וועמען דו האָסט באַגעגענט?

ב אָ ב ע (קומט אַריין, רייבט די אויגען, באַמערקט רפאל'ן.)

ה י ר ש: אָט איז די באָבע!

מ ל כ ה: אַזוי גיך זיך אויסגעשלאָפען?

ב אָ ב ע (געהט צו צו דער ספר־תורה און קושט זי. פון דרויסען דער־טראָגט זיך דאָס פריהערדיגע געזאַנג. אַלע הערען זיך צו, קוקענדיג אין דער אייגענער צייט צו דער אַלטער, וואָס האָט איהר פּנים באַהאַלטען אין ספר.)

מ ל כ ה: איך שרעק זיך שוין נישט מעהר.

ה י ר ש: וואַלסט אַנגעקוקט דעם פאָטער, גאָר אַנאַנדערער איז ער געוואָרען. אַזוי ברייט האָבען זיך אויפגעעפענט זיינע אויגען. איז גע־גאַנגען מיט מיר דורך די הינטער־געסלאך און האָט זיך צוגעקוקט צו אַלצדינג אַרום. האָט זיך צוגעהערט אַנגעשטרענגט צו אַלצדינג אַרום.

מ ל כ ה: וואָס קען עס זיין?

ה י ר ש: מען האָט געקענט מיינען, אַז ער הערט אומבאַקאַנטע קולות, וואָס קומען פון דער ערד אַרויס.

מ ל כ ה: וואָס מיינסטו?

ה י ר ש: מיין האַרץ ווערט פול מיט פרייד טראַכטענדיג, אַז אפשר וועלען מיר זיין די ערשטע, וואָס וועלען די קללה פאַרוואַנדלען אין א ברכה.

מ ל כ ה: מיר האָבען אָהער אונזער ליבע אַריבערגעבראַכט.

ה י ר ש: מיר דאַרפען זיך אַרויסלאָזען מיט געזאַנג איבער די גאַסען און זאָלען אַלע וויסען, אַז מיר זיינען ווידער אָהער אַנגעקומען.

מ ל כ ה: דאָס איז דאָך אַזוי שעהן!

ה י ר ש: באַווייז ווי אַזוי וועט עס זיין.

מ ל כ ה (הויבט אָן טאַנצען, קנאַקט צו מיט קאַסטאַנעטען.)

ה י ר ש: וואו האָסטו אויסגעלערענט?

מ ל כ ה: אַלצדינג טאַנצט אין מיר, זינגט אין מיר.

ה י ר ש: לאָמיר זיך אַרויסלאָזען אין גאַס אַרוים; קום, לאָמיר מיט געזאַנג געהן דעם פאָטער אַנטקעגען.

מ ל כ ה (האַלזט איהם.)

ה י ר ש: דאָס וועט דאָך זיין אַזוי שעהן... קינדער אין גאַסען וועלען זיך אַרום אונז צונויפקלייבען. עלטערע וועלען זיך אָפּשטעלען און מיט וואונדער קוקען און פרעגען: ווער זינגט עס אַזוי? ווער טאַנצט עס אַזוי?...

מ ל כ ה: און וואָס וועלען מיר זאָגען?

ה י ר ש: שווייגען! פון אונזערע פּנים'ער וועלען זיי אָראָפּלייע־נען ווער מיר זיינען. וועלען זיך פרום איבער'צלמ'ען און שעפּטשען: געלויבט איז גאָט, דאָס פאָלק האָט אונז שוין מוחל געווען.

מ ל כ ה: לאָמיר געהן פונקט איצטער, ווען די זון פאַרגעהט.

ב אָ ב ע: וועה איז מיר; וואו זיינען מיינע יונגע יאהרען פארפלויגען?

מ ל כ ה: זיי פליהען ארום ארום דיר... נו, איצטער, באָבע, אז איך האָב דיר אַזוי שעהן פארקאמט די האָר, זיי מוחל, הויב זיך אויף און קום מיט מיר אביסעל טאַנצען.

ב אָ ב ע: פארגעסען ווי אזוי מען טאַנצט.

מ ל כ ה: טאַנצען באַדאַרף מען ניט לערנען און מען קען ניט פאַרגעסען. באַלד וועל איך טאַנצען ווי די מיידלאך פריהער הינטערען פענסטער.

ב אָ ב ע: אוי וועה איז מיר, ווי די יאָהרעלאך מיינע זייַנען אוועקגעפלויגען.

מ ל כ ה: קום, באָבע.

ב אָ ב ע: אָט לאָז געמאַך, מיין קינד.

מ ל כ ה: אָבער קום מיט מיר... אָט אזוי שטעל א פוס... אָט אזוי, איך וועל אויסזינגען דעם אייגענעם טאַנץ (זינגט.)

ב אָ ב ע: אין דער יוגענד... יעמאַלט (ענטציקט זיך ווי אַ יונג מיידעלע מיט דעם טאַנץ. איצטער זינגט בלויז מלכה און קנאַקט צו מיט די פינגער און די באָבע טאַנצט.)

ה י ר ש (באַווייזט זיך אין טיר. קוקט פאַרוואונדערט. מלכה ווינקט צו איהם ער זאָל ניט איבערשלאָגען. באַלד אָבער נעהמט זי איהם אָרום און ביידע טאַנצען אַרום דער אַלטער.)

ב אָ ב ע (כאַפּט זיך): אוי וועה איז מיר! האָ, וואו בין איך?

ה י ר ש: אין אַ ניי לאַנד ביזטו. אַלע זינגען דאָ. אַלע טאַנצען דאָ.

מ ל כ ה: זעה ווי יונג די באָבע זעהט אויס!

ב אָ ב ע: וואָס איז מיט מיר, קינדערלאך? (שפּירט זיך מיעד, ווי שכור'לאך פון טאַנץ. לאָזט זיך אַראָפּ און שלאָפט אַיין ווי אַ קליין קינד.)

מ ל כ ה: אַנשלאָפען געוואָרען. ווי אַ קליין מיידעלע האָט זי געטאַנצט.

ה י ר ש: וואונדער קומען פאַר אויף דער וועלט.

מ ל כ ה: וואונדער, מיין ליעבסטער.

ה י ר ש: וואונדער נאָך ניט קיין אויסגעפאַרשטע.

ה י ר ש: פאַר וועמען האָסטו זיך דערשראָקען?

ב אָ ב ע: וואו זיינען מיר? וואוהין, קינדער, האָט איהר מיך פאַרפיהרט?

ר פ א ל: דער ים פון טרויער איז פיעל ברייטער, ווי איך האָב געטראַכט.

ב אָ ב ע: וואָס דרעמעלט זיך מיר דאָ אַזוי? און אַזוי פיעל חלומות זוי נאָר די ברעמען לאָזען זיך אַראָפּ. אפשר שלאָף איך גאָר נים. איך קוק אין ווינקעל און מיט אמאָל אַ פּרוי מיט אפשר הונדערט קינדער אַרום איהר, טוליען זיך צו איהר... איך וועל עס אפשר נישט אַריבער־טראָגען.

ר פ א ל: אונזערע פּעקלאך זיינען נאָך נישט פאַרנאַנדערגעבונדען, לאָמיר שטילערהיים זיך לאָזען פון דאַנען.

ה י ר ש: וואוהין?

ר פ א ל: צוריק. איך וועל געהן אַהין, וואו די ערד איז מיט פרישע הרוגים צונערעקט. דאַרטען וועל איך אויך געפינען אַן אָרט.

מ ל כ ה: אונז וועט דאָ גאָר ניט פעהלען. וואָס קען אונז שלעכט זיין אין דער שטוב? וועלען דאָ די מענשען אַרום ווערען אונזערע פריינד. נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, וועלען מיר קענען מיט זיי זיך צונויפ־ריידען. איהר וועט אויך קענען מיט זיי זיך צונויפריידען.

(פון נאָהנטערע קלויסטערס דערטראָגט זיך אַ פרום געזאַנג פון אַ פרויען־כאָר.)

ב אָ ב ע: וועה איז מיר, ווינד איז מיר.

מ ל כ ה: אַ, ווי שעהן!

ר פ א ל: ביזט לוסטיגער פון אַלעמען. קום נאָהנטער צו מיר, מלכה.

ה י ר ש: וואו זיינען דיינע כחות? האָסט דאָך ביז איצטער וואונ־דער אַרויסגעוויזען.

ר פ א ל (ווי אויפגעוואַכט): נו, פאַר וואָס און פאַר וועמען האָסטו אַזוי איינגעבויגען דיין קאָפּ? פאַר וואָס נישט אַזוי לוסטיג ווי די יונגע? דאָ איז דאָך אויך אַ מזרח־וואַנד פאַראַנען, וועל איך מנחה דאַווגען...

ה י ר ש: וועסט זעהן, מלכה, ווי טיעף אונזערע טריט וועלען פאַר־צייכענט ווערען.

ה י ר ש: לאָמיר גיהן! (נעהמען זיך ביי די הענט און מיט געזאַנג טאַנצענדיג לאָזען זיי זיך צום טיר; אָבער אין טיר באַווייזט זיך רפאל, קוקט פאַרוואונדערט.)

ה י ר ש: קום, פאָטער, לאָמיר זיך ארויסלאָזען טאַנצענדיג איבער די גאַסען!

ר פ א ל: מען וועט נישט וויסען, אז דאָס טאַנצען אידישע קינ־דער.

ה י ר ש: מיר וועלען אויסזינגען, אז אידען זיינען מיר.

מ ל כ ה: יא, פאָטער; מיר טאָרען זיך ניט באהאלטען; אַלע זאָלען וויסען, אז מיר האָבען זיך אהער צוריק אומגעקעהרט.

ה י ר ש: ווי וואָלט דאָס גאָר געקענט אנדערש זיין? זאָלסט ניט זיין דער ערשטער אהער ארייננצוקומען?

ר פ א ל: וואָלט איך געווען דער ערשטער, וואָלט איך מיר איצטער אנדערש געשפירט. איך בין נישט דער ערשטער און נישט אליין.

ה י ר ש: האָסט א באווייז?

ר פ א ל: אויב אנדערש, וואָלט איך פיעל רוהיגער געווען. איך בין אומגעגאנגען אין גאַס און זיי געזוכט. זיי זיינען ארום מיר, נאָר איך זעה זיי נישט.

מ ל כ ה: אפשר זאָלען מיר שרייבען, אז מיר זיינען דאָ.

ה י ר ש: שרייבען, אז די זון שיינט דאָ טויזענטער מאָל העלער ווי ביי זיי דאָרטען.

ר פ א ל: וואוהין האָט איהר מיך פאַרפיהרט?!

ה י ר ש: צי דען בין איך בכח דיך צו פאַרפיהרען? זיי מיר מוחל, פאָטער.

ר פ א ל: ווער וועט מיין וועגווייזער זיין?

מ ל כ ה: איהר זייט אונזער וועגווייזער.

ר פ א ל: איך בין בלינד. די צייט האָט מיר מיינע אויגען אויס־געשטאָכען. כ'האָב נישט געוואוסט וואוהין איך ווער פאַרפיהרט. די ערד וויגט זיך אונטער מיר און איז פול מיט קרעכצען. דאָ עפענט זיך פאַר מיר אויף נאָך א גרעסערער יאָמערטאָל.

ב א ב ע (כאַפּט זיך אויף): אוי וועה איז מיר, וואו בין איך?

ר פ א ל: זיי זשע מוחל, מאַמע.

ה י ר ש: שטאַרק זיין! אויב אַ שטורם — זאָל ער זיך איבער אונזער קאָפּ אַריבערטראָגען.

מ ל כ ה (ווישט די טרערען.)

ה י ר ש: טו עס ניט, מלכה. ניט מיר באַדאַרפען מיט פאַרטרערטע אויגען קוקען דעם לעבען אין די אויגען אַריין. אין פאַרטרערטע אויגען שפּיגעלט זיך אָפּ אַ פאַרוויינט לעבען.

ר פ א ל (שטעהט אויס שמונה עשרה. לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול. גלייך ווי ער וואָלט איבערגעלעבט אַ גאַנץ לעבען.)

ב א ב ע: מיין האַרץ לאָזט מיך ניט רוהען.

ר פ א ל: דורות ציהען פאַר מיינע אויגען... ווער וועקט פון די קברים אַלטע, פינסטערע צייטען?! מען מעג דאָך מחלל שבת זיין צוליעב פקוח־נפש. מעג מען דאָך; מעג מען דאָך!

ה י ר ש: מיר זיינען אַלע איצטער געווענדעט צו דיר, פאָטער, טאָרסט ניט אַפּלאָזען דיין האַנט.

ר פ א ל: קינדער! רופט אַרויס פרייד פון דעם טרויער אַרויס.

ה י ר ש: אַט זעהסטו, דו ביזט שטאַרקער פון דער יוגענד. זעהסט, וואו פאַרבאַרגענע כחות געפינען זיך... כאַ־כאַ־כאַ. (אַלעמענס אויגען ווענדען זיך צום טיר, וואו עס באַווייזט זיך די אייגענע אַלטע. שטעהט אין דער אָפענער טיר און באַטראַכט אַלעמען שווייגענדיג.)

ב א ב ע: אַט דאָס איז זי. איהר זעהט, קינדערלאַך?

א ל ט ע: דאָס בין איך. שוין היינט דאָ איינמאָל געווען.

ה י ר ש: איהר זענט דאָ געווען אין דער פריה.

א ל ט ע: אַזוי שרעקט מען זיך פאַר מיר?

ר פ א ל: קומט אַריין.

א ל ט ע: כ'האָב דיך געגאַרט צו זעהן. דאָס זיינען דיינע קינדער.

ב א ב ע: אַ לייבליכע שוועסטער, זאָגט זי.

א ל ט ע: גלויבט זיך גאָר נישט. אַט אַזוי האָב איך נישט געגלויבט, אַז איך וועל אייך דאָ אַמאָל זעהן.

ה י ר ש: ווער זענט איהר?

א ל ט ע: מיין זוהן איז דאָ היינט געוועזן.

מ ל כ ה: איהרער אַ זוהן.

ר פ א ל (שטעלט זיך שמונה עשרה ביים פענסטער פון וואַנען עס שלאָגט אַ רויטער אָפּשיין פון דעם זונפאַרגאַנג.)

ה י ר ש: ווי רויט די זון פארגעהט!

מ ל כ ה (קוקט דורך דער אָפענער טיר אַרויס): ווי א סך זונען וואָל־טען ערגעץ פארגאנגען.

ה י ר ש: די מענשען אין גאַס זיינען מיט רויטען שיין באגאָסען.

ב אָ ב ע: צום גוטען זאָל עס זיין.

מ ל כ ה (וואָס האָט אַ צייט געקוקט אין דער אָפענער דרויסען טיר לויפט אָב צושראָקען אָן אַ זייט.)

ה י ר ש: מלכה!

מ ל כ ה: אוי, וואָס זעה איך?!

ה י ר ש: וואָס ווידער?

מ ל כ ה: א גרויסע פראָצעסיע און אימיצען האָט מען געשלעפט געבונדען הענט און פיס. — קוק אין דעם רויטען שיין! רייטער אויף פערד און מיט רויטע מאַנטלען. כ'האָב קלאָר געהערט די טריט פון די פערד.

ה י ר ש: וואָס קומט דאַ פאַר מיט אונז?

ב אָ ב ע: און איך, נאַר, האָב געמיינט, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט וועט שוין אויף מיר נישט ארויפוואַרפען קיין מורא נאָך דעם וואָס מיינע אַלטע אויגען האָבען זיך אָנגעזעהן. וועה צו מיינע זינדיגע יאָהרען.

ר פ א ל (וואָס איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צום פענסטער און האָט זיך לייכט באַוועגט ביי שמונה־עשרה, פאַרדעקט פלוצלונג זיינע אויגען מיט די הענט, אַרויסגעבענדיג דערביי קרעכצען, גלייך ווי אימיצער וואָלט איהם מיט אַ שפּיז זיין לייב געשטאָכען.)

ה י ר ש: וואָס זעהסטו, פאָטער?

מ ל כ ה: ער וועט נאָך אומפאַלען.

ב אָ ב ע: רפאל, וואָס איז מיט דיר?

ר פ א ל (מאַכט אַ צייכען, אַז מען זאָל איהם לאָזען דערענדיגען זיין דאַווענען.)

מ ל כ ה: וואָס ווילען מיר טאָן?

ר פ א ל: פאַר מיין לעבען האָט מיך נישט געאַרט. איך האָב גע־בראַכען דעם חרם, כדי צו מציל זיין דאָס לעבען פון מיין אַלטער מוטער און מיינע איבערגעבליבענע קינדער. (דער עולם וואַרפט זיך דורך מיט שווייגענדיגע בליקען.)

ה י ר ש: דער אינגערער דור שפּירט דאָס לעבען און גלוסט צום לעבען. אונטער די הימלען האָט דאך אַמאָל אונזער פאָלק געלעבט אַ ליכטיג לעבען.

ר פ א ל: אונזערע זיידעס האָבען זיך איבערגעגעבען אויף קדוש השם און אַז די נויטיגע שעה וועט קומען, וועל איך ניט פאַרשעמען זייערע מעשים.

מ ל כ ה: פאַר וואָס שווייגען זיי אַלע?

ה י ר ש: זיינען פאַרוואונדערט אונז דאָ צו באַגעגענען.

ב א ב ע (זיצט אַ צושראָקענע און שעפּטשעט עפּעס).

ד ע ר ע ו ל ם (מאַכט אַ וואַרע און נאָך עטליכע מענער קומען אַריין און מיט זיי אַ יונג מיידעל, וואָס לייכט מיט איהר שעהנקייט.)

מ ל כ ה: ווער איז זי?!

מ י י ד ע ל: איך בין דיין שוועסטער, וואָס איז געפּייניגט געוואָ־רען און איז דורך איהר פּיין געוואָרען געלייטערט.

(איצטער באַווייזט זיך אַ שמייכעל אויף די געזיכטער פון עולם און איינציגווייז הויבען זיי אָן.)

ע ר ש ט ע ר: געבענשט זאָל זיין אייער קומען אהער.

צ ו ו י י ט ע ר: אייערע טריט זאָלען זיין געבענשט, אַז נאָך אייך זאָלען זיך אַנדערע ציהען אהער.

ד ר י ט ע ר: מיט גראָז פאַרוואַקסען איז שוין געווען דער וועג אהער.

פ ע ר ט ע ר: שטענדיג ביים ברעג ים געזעסען און אויסגעקוקט די שיפען וואָס קומען אהער.

פ י נ פ ט ע ר: יעדע שיף פון ווייטען האָט אין מיר די האָפנונג אויפגעוועקט, און ווען זי האָט מיט זיך קיינעם ניט געבראַכט, בין איך אין אַ מרה־שחורה אַריינגעפאַלען.

ז ע ק ס ט ע ר: דורות זיינען אַוועקגעשוואומען און אונזער עלענד איז געוואַקסען.

ה י ר ש: אייערער אַ זוהן?
א ל ט ע: אַ וואונדער, האַ? אַלץ אַ וואונדער...
ר פ א ל: ווי לאַנג וואוינט איהר דאַ?
א ל ט ע: גענוג זיך אָנגעזעהן.
ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן (באַווייזט זיך אין טיר. באַטראַכט אַלעמען מיט אַ לוסטיגען פּנים): פּיין! אַלעמען געטראָפען. זעהסט, מאַמע, צוויי דורות. דער פאָטער דאַרטען. שלום־עליכם!
ר פ א ל (מיט וואונדער און שרעק. ענטפערט): עליכם שלום!
ד ע ר י ו נ ג ע ר מ אַ ן: וואונדער, האַ?
ר פ א ל: דאָס איז מיין זוהן; און דאָס איז זיין באַשערטע, מיין ברודערס אַ טאָכטער.
ה י ר ש: איהרע עלטערען אומגעקומען אין דער שווערער צייט.
י ו נ ג ע ר מ אַ ן: אַזוי קומט מען זיך ווידער צונויף. אַט אַזוי באַגעגענט מען זיך ווידער אין דעם ליכט פון דורות.
ה י ר ש: פיהרט אונז צו זיך אַהיים. איך וויל דאַ זעהן נאָך אַ אידישע היים. וועסט מיטגעהן, מלכה?
מ ל כ ה: איך וועל מיטגעהן.
ב אָ ב ע: וואָס שווייגסטו, רפאל, מיין קינד? פרעג זיך אויס אַלצדינג. אפשר האָב איך טאַקע פאַרגעסען, אַז כ'האָב געהאַט אַ שוועסטער ערגעץ וואו. אפשר האָסטו געהערט אין שטוב ריידענדיג פון נאָך אַ שוועסטער?
ר פ א ל: איך ווייס נישט וואו מיר זיינען.
(אין טיר באַווייזען זיך מענער, פרויען, יונגע און אַלטע, אַ גאַנץ גרויסער עולם. איניגע געקליידט אויף היינטיגען אופן, אַנדערע אין קליידער פון די מיטעלאַלטער־יאָהרען.)
מ ל כ ה: ווער זיינען זיי?
ר פ א ל (מאַכט אַ צייכען זי זאָל שווייגען. די אומבאַקאַנטע מענער קומען איינציגווייז אַריין און גיבען אָפּ „שלום“ רפאל'ן און אויך הירש'ען. די פרויען ווידער קומען אַריין, קושען פריהער די באָבע און דערנאָך מלכה'ן. די אַלטע און דער יונגערמאַן מישען זיך אויס מיט'ן עולם.)
ה י ר ש: ווער האָט אייך אָנגעזאָגט פון אונזער קומען?

נ י י נ ט ע ר: נאָך איצטער קלינגט אין מיינע אויערען דאס געזאַנג פון די גבורים, וואָס זינגענדיג און טאַנצעדיג האָבען זיי דאס לאַנד פאַר־לאַזען.

צ ע ה נ ט ע ר (ווייזט אויף דער מיידעל): ס'איז די נשמה פון אונזער פאָלק, וואָס לייכט פון די יסורים ארויס.

ב א ב ע: וואָס ווילען זיי פון מיינע זינדיגע יאָהרען?

מ י י ד ע ל: וועסט זיך נאָך באָדען אין דער יוגענד ווי אין פרישען וואַסער.

ר פ א ל: וואָס ווילט איהר איצטער פון מיר?

ע ר ש ט ע ר: געקומען א ברודער באַגעגענען.

צ ו ו י י ט ע ר: ווי א נערוויש פון שטילע וואַסערען, אזוי האָט אייער אָנקומען זיך געלאָזט הערען.

ד ר י ט ע ר: אייערע ליידען האָבען מיר געשפּירט.

פ ע ר ט ע ר: טרייסט ברענגען מיר פאַר אייך.

פ י נ פ ט ע ר: אז נעהמען זאָלט איהר פון גאָטס האַנט אויב דעם מענשענס איז פאַרשלאָסען.

ז ע ק ס ט ע ר: ס'איז דיין חלום נאָך ניט געשטאָרבען און דיין האַרץ איז דאס האַרץ פון דער וועלט.

ז י ב ע ט ע ר: אזוי לאַנג ס'וועט האָבען די ערד א קיום, וועלען יעקב'ס קינדער א קיום האָבען.

א כ ט ע ר: די שכינה האָט א טייל פון איהר ליכט דאָ איבערגעלאָ־זען און פון דעם ליכט ווערען דיר דערנעהערט.

ה י ר ש: איך זעה א ליכט וואָס געהט אויף איבער'ן לעבען.

ר פ א ל: די ערד זינקט אונטער מיינע פיס! גאָט, האַלט אָפּ דיין צאָרען!

(פון צווישען עולם דערטראָגט זיך אַ קרעכצען פול מיט יסורים. אייג־ציגווייז און שטיל הויבט אָן דער עולם צו פאַרלאָזען די שטוב. אַזוי שטיל און שאַ וואַרפט נאָך יעדערער פאַר'ן אַרויסגעהן אַ בליק צו די שטובלייט. מען האָט אָבער ניט באַמערקט ווי אַזוי און ווען דער עולם האָט מיט זיך אַרויסגע־בראַכט אַן אייזערנע פרויען־פיגור; געלאָזען אויף דר'ערד ביים שוועל און פון דער פיגור אַרויסציהען עס די קרעכצען און פילען אָן אַלע ווינקעלאך אין שטוב.)

זיבעטער: די ערד אונטער אונז האָט געשמאַכט פאַר טרויער און די הימלען איבער אונז זיינען אונז שווער געוואָרען.

אכטער: גאָר אהן א גרעניץ האָבען זיך אונזערע הערצער גע־פלאָגט.

ניינטער: פון ווייטער האָבען מיר צונ'אייך געשיקט אונזערע ברכות.

צעהנטער: און קיינמאָל קיין ענטפער ניט באַקומען.

רפאל: דער חרם!

(אַלע לאָזען זיך פאַנאַנדער.)

הירש: איך האָב זיי מיט געוואַלט געבראַכט אהער, ניט אָנרו־פענדיג דעם נאָמען פון דער מדינה.

מלכה: איך האָב עס פאַרלאַנגט נאָך דעם ווי מיין מוטער און מיינע צוויי שוועסטער זיינען אומגעקומען.

רפאל (שרייט): פקוח נפש!

(גאַנץ אַנדערע פון עולם הויבען אָן.)

ערשטער: איך האָב זיך אין א קעלער באַהאַלטען, כדי איך זאָל ניט הערען דאָס געוויין פון די, וואָס האָבען דאָס לאַנד פאַרלאָזען.

צווייטער: איך בין אויפ'ן בית־עולם געבליבען ליגען א פאַר־חלש'טער, און אז דאָס לעבען האָט זיך צו מיר אומגעקערט, האָט די זון געשיינט איבער מיין קאָפּ.

דריטער: מיין שיף איז צובראָכען געוואָרען, נאָך איידער איך האָב זיך צו א ניי לאַנד דערקליבען.

פינפטער: דען ווי קענען הערצער צוויי זיך צושיידען, אז נאָט אַליין האָט זיי באַהעפט.

זעקסטער: מיך האָט מען א געבונדענעם אין ים אריינגעוואָר־פען, האָב איך מיט די ציינער די שטריק צוביסען און צוריק צום ברעג זיך דערשלאָגען.

זיבעטער: ווי א וואָרעם האָב איך זיך געשאַרט ביי דער ערד, אז מען זאָל מיינע טריט ניט דערהערען.

אכטער: מיין מוטערס שטים האָט צו מיר פון קבר גערופען און באַפוילען איך זאָל די מדינה פאַרלאָזען — איז מיין כח שוואַך גע־ווען. ניט געקענט זיך גובר זיין.

דריטער אַקט.

נאַכט. אַ פּאָרטען ביים ברעג ים. צעוואָרפענע אַלייען בלייבען זיך אַרויס פון דער נאַכט. פון צייט צו צייט שלאָגט איבער די שטילקייט אַ לייכ־טער געמורמעל פון די כוואַליעס. אַ ווייַלע ווערט דער געמורמעל שטאַרקער און עס טוילט זיך אַרויס אַ טרויעריג פאַרצווייפעלט געוויין. דאָס געוויין געהט איבער אין אַ יאָמער און ווערט ווידער שטיל. עס דערנעהנטערען זיך טריט וואָס קומען אָן פון רעכטס און לינקס. צוויי מענער־סילועטען באַ־געגענען זיך.

ערשטער: ווער וויינט עס פון דער נאַכט אַרויס?

צווייטער: דאָס וויינט די נאַכט אויף איהר אייגענעם גורל.

ערשטער: אַזוי באַדאַרף איך וואַך זיין און מיין האַרץ פאַר דעם עפענען.

צווייטער: וואויל איז צו דעם, וואָס איז טויב דורך דער נאַכט.

ערשטער: וואויל איז צו דעם וואָס איז בלינד דורכ'ן טאָג.

צווייטער: וואויל איז צו דעם, וואָס איז בלינד דורכ'ן טאָג.

ערשטער: וואָס פאַר אַ טריט וועקען עס די נאַכט?

צווייטער: די טריט פון דעם טרויער וועקען די נאַכט.

ערשטער: וועה צו דעם וואָס פאַרנעהמט זייער קלאַנג.

צווייטער: וואויל צו דעם, וואָס פאַרשטעהט ניט זייער באַ־דייט.

ערשטער: שטיל געוואָרען.

צווייטער: לאָמיר איינהאַלטען דעם אָטעם און שווייגען.

(מען הערט ווי זיי צוגעהען זיך יעדערער אויף זיין זייט. די כוואַליעס קומען אָפּטער צום ברעג און מיט אַ הילכיגערען געררויש.)

(פון דער זייט פון ים דערטראָגט זיך אַ פייף פון אַ ווייטער שיף. צוויי מענער־סילועטען באַגעגענען זיך.)

ערשטער: ווי שפּעט?

צווייטער: פאַרנעהמט זיך אויף טאָג.

ערשטער: געמיינט צו דער נאַכט וועט קיין סוף ניט נעהמען.

מ ל כ ה: וואָס האָבען זײ אונז איבערגעלאָזען.

ב אַ ב ע: אַ לעבען פּלאָגט זיך אינעווייניג.

ה י ר ש: אַ יונג לעבען!

מ ל כ ה: איך ווײס, איך ווײס... (כאַפּט זיך פאַר׳ן קאָפּ אין ווילדער שרעק.)

ר פ א ל: רוהיג, מײנע קינדער. אויב שטראָף — זאָלען מיר זײן שטארק די שטראָף צו טראָגען.

(דרויסען אַ גערויש פון גאַלאָפּירענדע פערד. געלעכטער. אויסגעשרײען ווי פון אַן אָרגיע אַרויס.)

ה י ר ש: איך וועל זי בעפרײען!

מ ל כ ה: דאָס האָבען זײ דאָס מײדעל פארשלאָסען. זי איז מיט זײ געווען.

ה י ר ש: אַ ליכטיגקייט זיפּט זיך דורך די אײזערנע ווענט!

מ ל כ ה (בויגט זיך אַראָפּ צו דער פיגור): ווי זאָל איך דײנע יסורים לינדערען?

ה י ר ש: כ׳וועל מיט די צײן דעם שלאָס אויפבײסען. (ער פּרואווט מיט געוואַלט אויפעפענען. אָבער אומזיסט.)

מ ל כ ה: איך קען איהרע יסורים ניט אריבערטראָגען.

ב אַ ב ע: איהרע קרעכצען שטעכט מיר מײן לײב.

ר פ א ל (אין פענסטער קוקענדיג): שאָטענס וויקלען זיך דורך די גאַסען.

מ ל כ ה: מען שטעכט דאָרט אינעווייניג איהר לײב.

ר פ א ל: וואוהין זאָל איך געהן? מיט קרעכצען האָט מען מיר מײן וועג פארשטעלט.

(ווי אין אַ פארשלאָסענער שטײג פּלאָנטערען זײ זיך אַלע אַרום אײנער בײ דעם אַנדערען בעטענדיג הילף אָהן ווערטער, אין דער צײט וואָס די קרעכצען ווערען שטאַרקער.)

ד י א ל ט ע (קומט ווידער אַרײן, אײלענדיג, באַזאָרגט; מערקט גאָר ניט די אַנוועזענדע. לאָזט זיך אַראָפּ צו דער אײזערנער פרוי און הויבט אָן: שאַ־האַ־האַ, שאַ־האַ־באַ־האַ, שאַ־האַ־־האַ־האַ, שטילער שאַ־האַ־האַ־האַ. (די אַרומיגע קוקען פאַרוואונדערט צושראָקען. דאָס קרעכצען ווערט שטילער און רוהיגער.)

(פון אַלע זייטען קומען אָן סילועטען פון מענער, פרויען, רינגלען אַרום דעם קאַסטען וואָס איז געבליבען אויף דער ערד.)

ש ט י מ ע ן:

— ווער איז דער וואָס האָט אונזער נאַכט באַלויכטען?

— עפען אויף, איך וויל מיינע ליפּען זאָלען טרינקען פון פרישען קוואַל.

— ווי לאַנג דאָס איז ניט געשעהן!

— לאַנג האָב איך אויף אַזאַ גליק און חן געוואַרט.

א י י נ ע ר (עפענט אויף דעם קאַסטען. מען לאָזט זיך אַראָפּ און מען פּרעסט זיך צו איהם.)

ע ר ש ט ע ר: אונזער הייליגקייט.

צ ו ו י י ט ע ר: צוליעב דיר טראָגען מיר אַזאַ שטראָף.

ד ר י ט ע ר: מיין האַרץ איז ווידער פול מיט זיין גנאָד.

פ ע ר ט ע ר: האָ, נאָר ניט פאַרוואָגעלט ווערען.

פ י נ פ ט ע ר: נאָר ניט טראָגען מעהר אַליין די שטראָף.

ז ע ק ס ט ע ר: דערבאַרים זיך איבער אונז.

ז י ב ע ט ע ר: דערבאַרים זיך איבער אונזערע נשמות.

א כ ט ע ר: האָ, ווי כ'האָב געגאַרט צו דיר. האָ, ווי כ'האָב געהאַרט אויף דיר! (די „האָ"-אויסגעשרייען געהען צוביסלאַך איבער אין איין עקסטאַז. נעהמען זיך ביי די הענט און טאַנצען שטיל איבער דעם קאַסטען. פאַרשווינדען אין דער נאַכט.)

ה י ר ש: (קומט אָן, פיהרט די באָבע.)

ב אָ ב ע: וואוהין פיהרסטו מיך אַזוי ווייט?

ה יר ש: זעהסט, באָבע, אונזער ספר־תורה.

ב אָ ב ע: ווערסט מיך דאָ לאָזען. כ'האָב נישט מעהר קיין כח.

ה י ר ש: אָט אַזוי; ווערסטו זיך צושפּאַרען.

ב אָ ב ע: וואָס היט מען מיך אַזוי? לאָזט מיך, קינדערלאַך, אפשר וועל איך צומאַכען די אויגען.

ה י ר ש: פאַר וואָס, באָבע, איז אויף דיר אַזאַ פּחד אָנגעפאַלען?

ב אָ ב ע: זאָל מען מאַכען א סוף פון מיין לעבען.

ה י ר ש: אויב דו ווערסט ניט האָבען קיין מורא אַליין צו בלייבען, וועל איך זיי געהן אַנטקעגען.

צ ו ו י י ט ע ר: הערסט, א סערענאַדע!
ע ר ש ט ע ר: די ליעבע!
צ ו ו י י ט ע ר: שלעפעריג בלאַנדזשען פינגער איבער דער גיטאַרע.
ע ר ש ט ע ר: אַ שיף קומט אָן!
צ ו ו י י ט ע ר: וועט צו אונזער האפען ניט אַפּנויגען.
ע ר ש ט ע ר: היינטיגע נאַכט... אַלץ איז וואך היינטיגע נאַכט.
צ ו ו י י ט ע ר: ס'וויל די גאַס ניט שלאָפען.
ע ר ש ט ע ר: גאַס מיט גאַס גיט זיך די האַנט.
צ ו ו י י ט ע ר: אונזערע גאַסען רוהען ניט דורך די נעכט.
ע ר ש ט ע ר: אונזערע נעכט זיינען פארשלעפערטע טעג.
צ ו ו י י ט ע ר: כאַ־כאַ־כאַ, מען קען ניט רוהען אין אזוינע נעכט.
ע ר ש ט ע ר: אימיצער געהט אהער נעהנטער.
צ ו ו י י ט ע ר: אומבאַקאַנטע טריט.

(פאַרשווינדען אין פאַרשיידענע זייטען.)

ר פ א ל (קומט אָן מיט אַ קאָסטען אויפ'ן פּלייצע. לאָזט זיך אראָפּ נעבען איהם.)

ה י ר ש (קומט אָן.)

ר פ א ל: דאַ איז דער ברעג?

ה י ר ש: זיי מיר מוחל, פּאַטער.

ר פ א ל: ברענג די באַבע; ברענג דיין כלה.

ה י ר ש: אבער, פּאַטער —

ר פ א ל: ווילסט איך זאָל דעם בעכער ביז צום דעק אויסטרינקען?

ה י ר ש: נאָך אַ טאָג, אפשר.

ר פ א ל: דאַ וועל איך וואַרטען, ביז טאָג וועט ווערען.

ה י ר ש: די שיף וואָס האָט אונז געבראַכט איז מעהר אין האַפען ניטאַ.

ר פ א ל: אַן אנדער שיף וועט קומען.

ה י ר ש: ווער ווייסט צי עס קומט.

ר פ א ל: ברענג אהער די באַבע און דיין כלה.

ה י ר ש: נאָך אַ טאָג אפשר.

ר פ א ל (הויבט זיך אויף און מיט געאיילטע טריט לאָזט ער זיך געהן.)

ה י ר ש (געהט איהם נאָך.)

(אַ געזאַנג פון אַ פעסטער מענער־ברוסט און דאָס קלאַפען פון רודערס דערטראָגט זיך פון ים. עס קומען אַן אַ יונגערמאַן און אַ מיידעל.)

באַבע: ווער געהט?

יונגערמאַן: דיינע קינדער.

מיידעל: דיין אייניקעל.

באַבע: האַ, וואָס ווילט איהר פון מיר?

מיידעל: געבראַכט דיר אַ וואַרימען טרונק.

יונגערמאַן: אפשר זאָל איך דיר צודעקען?

באַבע: מיר איז נישט קאַלט.

מיידעל: איך וועל דיר אַ קוש געבען, אַט אַזוי?

יונגערמאַן: ציטערסט דאָך פון קעלט.

באַבע: זאָגט מיר, קינדערלאַך, וואו בין איך.

יונגערמאַן: ווען, באַבע, זאָלסט וויסען אויף וואס פאר אַן ...ט דו ליעגסט.

מיידעל: שרעק זי נים.

יונגערמאַן: אַ אידישער בית־עולם איז דא געווען אמאָל, האָ־בען די כוואַליעס איהם אָראָפגעוואַשען און אָפגעשווענקט. דערנאָך האָט מען דא בוימער פאַרפלאַנצט און געמאַכט, אַז דאָס וואַסער זאָל אהער מעהר נים דערגרייכען.

מיידעל: איך בין שלעפעריג, באַבע; וועל איך זיך אַט אַזוי נעבען דיר צושפּאַרען.

באַבע: אוי וועה, אוי מיין לעבען...

מיידעל: ביזט פול געווען מיט קינדער און אייניקלאַך און איינ־ציגווייז האסטו זיי אַנגעוואָרען איבער דער וועלט.

יונגערמאַן: לאָמיר זי נעהמען אונטער די הענט און פיהרען מיט זיך.

באַבע: לאָזט מיך צורוה.

מיידעל: קוש מיינע באַקען, באַבע; נעהם מיך אַרום, באַבע.

באַבע: רפאל! הירש! מלכה! וואו זענט איהר? (הויבט זיך אויף און וויל אַנטלויפען. די טריט זיינען שוואַכע).

יונגערמאַן: נעהם זי אונטערן האַנט.

ב אַ ב ע: גען... מיין קינד, אפשה דאַרפען זיי דיין הילף פאַרנעהם אַלע פּעקלאַך, וואָרום וואָס איז אונז אין גאַנצען געבליבען...

ה י ר ש: פאַר וואָס שפּירען מיר זיך ניט אין דעם לאַנד אזוי רוהיג, ווי די פּעקלאַך אונזערע.

(ערגעץ ענטפערט אַ געלעכטער פון אַ געזונגטער מענער־ברוסט.)

ב אַ ב ע: וואָס איז, מיין קינד?

ה י ר ש: ווער לאַכט?

ב אַ ב ע: גען זיי אַנטקעגען.

ה י ר ש: האָסטו, באָבע, געהערט?

ב אַ ב ע: אַלץ לאַכט פון מיינע נאַרישע טעג.

ה י ר ש: וועסט לעבען און זעהן נחת פון דיינע איבערגעבליבענע קינדער.

ב אַ ב ע: איך קען שוין מעהר נישט אַריבערטראַגען דעם צער.

ה י ר ש: באָבע, וויין נים.

ב אַ ב ע: וואָס ציטערט מען נאָך אזוי איבער מיר?

ה י ר ש: באָבע, הער אויף צו וויינען.

ב אַ ב ע: וועה, מיין קינד, וואָס פון מיר איז געוואָרען...

ה י ר ש: זאָל דער פאָטער דיך ניט טרעפען וויינענדיג (פון דער־ווייטענס הערט זיך דאָס ברומען פון אַ שיף.)

ב אַ ב ע: האָ, וואָס?

ה י ר ש: אַ שיף! נאָך קינדער פון אונזער פאָלק קומען.

ב אַ ב ע: פון וואָס פאַר אַ זייט קומט זי דען?

ה י ר ש: פון מזרח־זייט, פון צפון־זייט — אַלץ איינס. זיי קומען!

ב אַ ב ע: ווער ווייסט, ווער ווייסט?...

ה י ר ש: די שיף דערנעהנטערט זיך.

ב אַ ב ע: אפשר וועלען זיי אונז אַרויפנעהמען.

ה י ר ש: אָך, באָבע, באָבע! ווען דיין האַרץ וואָלט נאָר שטאַרק געווען, און דער פאָטער...

ב אַ ב ע: לאָז מיך און גען זיי אַנטקעגען.

ה י ר ש: ווי זאָל איך דיך לאָזען?

ב אַ ב ע: אפשר וועט באַלד אָנהויבען צו טאָגען.

ה י ר ש: זיי רוהיג. (געהט אַוועק.)

הירש: אַ לעבען איז אינוועניג געפאַנגען. איך טראָג עס מיט זיך.

רפאל: וואו איז די באַבע?

הירש: כ'האָב זי דאָ געלאָזען.

שטימע (פון דער אייזערנער פיגור): אויף די קברים פון די טאַטעס זיצען קינדער און מיט פיין און מיט פרייד איז זייער לעבען פול, — ווי זאָל איך מיין פרייד טרינקען? ווי זאָל איך מיין פיין דערטרינקען?

מלכה: וואָס האָסטו געטאָן. איך וועל אפשר פון זינען אַראָפּ.

רפאל: דאָס איז נאָך ניט אַלץ. גרייט זיך, מיין הארץ.

הירש: מיין לעבען! איך שפּרייט אויס די הענט צו דיר.

רפאל: שלאַנגען, עקדישען וועלען אונז אנטקעגען קומען.

מלכה: איך געה פון זינען אַראָפּ.

שטימע: באַפרייט מיך פון מיינע יסורים.

הירש: טרייסט זיך.

מלכה (בויגט זיך אַראָפּ צו דער אייזערנער געשטאַלט): שוועסטער מיינע!

שטימע: אין מיין לייב שטעקען טעמפּע אייזען־שפּיצען, אָבער סיינמאָל האָבען מיך די וואונדען ניט געפּייניגט אַזוי ווי איצטער.

מלכה: מיינע יסורים זיינען נאָך גרעסער.

שטימע: איך קלאָג אויף מיינע און דיינע יסורים.

הירש: ווי זאָל איך דיך באַפרייען?

שטימע: אַי, ווי קען איך די וועלט באַפרייען...

הירש: כ'האָב אַהער מיט געוואַלד מיין פאָטער געבראַכט און זיין בראָך איז אַזוי גרויס.

שטימע: און דו?

הירש: איך האָב אַלע מיינע כחות צונויפגעזאַמעלט און וויל דאָ אנהייבען אַ ניי לעבען.

שטימע: יעדער איינער פון אונזערע, וואָס טרעט דעם שטויב פון לאַנד מאַכט מיינע יסורים טיפער, שטעכט טיפער די אייזערנע שפּיצען אין מיין לייב אַריין.

מלכה: לאָז מיך דיינע וואונדען לינדערען.

מ י יד ע ל: אָט אזוי, באַבע. (קושט איהרע באַקען. דערווייטערען זיך מיט איהר.)

ר פ א ל און מ ל כ ה (קומען אָן מיט פעקלאך.)

מ ל כ ה: קיינער ניטאָ.

ר פ א ל: דער קאַסטען פאַראַן. געלויבט איז דער אויבערשטער.

מ ל כ ה: וואו איז הירש? אָהן איהם בין איך אינגאַנצען פאַרלוירען.

ר פ א ל: הירש!

מ ל כ ה: הירש! דאַ זיינען מיר!

ר פ א ל: צו ווייט פון ברעג.

מ ל כ ה: נאָהנט צום ברעג האָב איך מורא אין אזאַ נאַכט.

ר פ א ל: וואו זיינען זיי?

מ ל כ ה: אימיצער רעדט.

ר פ א ל: מיינע אויגען זיינען שטאַר, כ'קען זיי גאָר ניט צומאַכען מעהר. כ'וואָלט שוין וועלען אַנשלאָפען ווערען, פאַרמאַכען די אויגען אויף אייביג.

מ ל כ ה: אימיצער קרעכצט. פון ערגעץ קומט אָן אַ געוויין.

ר פ א ל: ש־ש־ש...

מ ל כ ה: דער ים רוישט אַלץ שטאַרקער.

ר פ א ל: הירש!

מ ל כ ה: איך הער פון דר'ערד אזוי פיעל קולות ארויסקומען.

(אַ געזאַנג פון אַ כאָר דערטראָגט זיך פון דער נאַכט אַרויס. צומאָל דאַכט זיך, אַז פון אַלע פיער זייטען קומט אָן דאָס געזאַנג. געזאַנג מיט געזאַנג באַגעגענט זיך און געהט זיך ווידער פאַנאַנדער.)

ר פ א ל: הערסט?

מ ל כ ה: מיר ווערען פון געזאַנג ארומגערינגעלט.

ר פ א ל: איך זעה נישט די זינגער.

מ ל כ ה: די גאַנצע וועלט זינגט!

ה י ר ש (קומט אָן און טראָגט אויפ'ן אַקסעל די אַייזערנע פרוי. אַ שטימע האַלב־וויינענדיג האַלב־זינגענדיג קומט פון דער פיגור אַרויס.)

מ ל כ ה: וואָס האָסטו געטאָן? מיר האָבען זיך פון שטוב ארויסגעשלייכט.

ר פ א ל (קומט אָן אַליין.)

מ ל כ ה: באָבע, וואו איז די באָבע?

ר פ א ל: וואוהין האָסטו מיך געפיהרט, מיין זוהן? וואו איז מיין מוטער?

ה י ר ש: איך וויל מעהר קיין קללה אויף זיך ניט טראָגען. העלף מיר אויסלייזען מיין פאַרשטאָלטענע נשמה.

מ ל כ ה: קברים עפענען זיך אונטער מיר, האַ־האַ־האַ — —

ר פ א ל: צו וועמען זאָל איך אויסשטרעקען מיינע הענט?

מ ל כ ה (האַלב־זינגענדיג, האַלב־וויינענדיג): איך בין יונג און טראָג די עלטער אויף מיין קאָפּ. האַ־האַ־האַ־האַ — — יסורים פון דער וועלט אין מיין לייב, האַ־האַ־האַ־האַ־האַ — —

ר פ א ל: ערד שיט איך אויף מיין קאָפּ, — האַלט אָפּ דיין צאָרען!

ה י ר ש: זאָג, מוטער ערד, פאַר וואָס איז דאָס ווינקעל פאַרשאָלטען פאַר מיר? וואַרף פון זיך אַראָפּ די קללה און לאָז דיין קינד דאָ רוה געפינען!

ר פ א ל: האַלט אָפּ דיין צאָרען!

ה י ר ש: איך גיב זיך ניט אונטער!

(די כוואַליעס פון ים הייבען אָן שטאַרקער צו רוישען און אין דער אוי־גענער צייט דערטראָגט זיך אַ געזאַנג און אַ געמיש פון געוויינען. עס זינגען מענער, עס זינגען פרויען. עס וויינען פרויען און שלוכצען מענער. אַ גרויסער עולם ציהט זיך אַהער פון דער נאַכט אַרויס, מיט פּעק אויף די פּליי־צעס; מיט קינדער אויף די הענט. אַ גרויסער טייל ציהט זיך אַוועק אַהין פון וואַנען עס קומט דער גערויש פון די כוואַליעס; אַנדערע לעגען זיך אויס אין אַ לאַגער.)

ש ט י מ ע ן:

— וואָס וועט אונז ברענגען דאָס געוויין?

— פאַרגרעסערט די מרה־שחורה.

— מיין קינד געהט מיר אויס אויף די הענט.

— מיין ברוסט איז אויסגעטריקענט אהן אַ טראָפּען מילך.

— מאַכט אָן אָרט פאַר אַ חלוש!

— מאַכט אָן אָרט פאַר די זקנים!

— ניטאָ קיין צייט צו רוהען.

ש ט י מ ע: אוי, ווי קענסטו מיינע יסורים פארגרינגערען, אז אין שאָטען פון טויט זוכסטו דיין לעבען...

ה י ר ש: איך וועל דיך מיטנעהמען.

ש ט י מ ע: מיין וועהטאָג איז פאַרשפּרייט פון לאַנד צו לאַנד.

ה י ר ש: איך וועל געפינען א ווינקעל אויף דער ערד, וואו די זון וועט נאָך שיינען אויף דיר.

ש ט י מ ע: ניט נאָר די איינציגע בין איך דאָ.

ה י ר ש: וואו זיינען זיי?

ש ט י מ ע: שלאָפען פאַרזונקען אין זייער וועהטאָג און אז אימיצער פון אונזער פאָלק קומט אריבער, וועקט עס זיי אויף פון זייער יסורים'די־גען שלאָף.

מ ל כ ה: וואָס האבען מיר געטאָן?

ש ט י מ ע: איהר האָט מיך אויפגעוועקט און געבראַכט אויף א בית־עולם.

ה י ר ש: וואו איז דער בית־עולם?

ש ט י מ ע: שטעהסט אויף א קבר פון מיין עלטער־זיידען.

מ ל כ ה: איך געה אראָפּ פון זינען.

ש ט י מ ע (פאַרגעהט זיך אין געוויין): האַ־האַ־האַ־האַ — — — —

ה י ר ש: איך גיב זיך ניט אונטער!

מ ל כ ה: פון רגע צו רגע געהען מיר מיינע כחות אוים.

ה י ר ש: זי איז שטיל געוואָרען.

מ ל כ ה: שטאַרק מיך.

ה י ר ש: נעבען דיר זיינען מיינע כחות דאָפּעלט! אהן דיר פיהל איך מיר ווי א קינד קליין און שוואַך.

מ ל כ ה: באַפעהל איך, אז ווען טאָג וועט ווערען, זאָלען מיר דעם ברעג פאַרלאָזען.

ה י ר ש: מלכה!

מ ל כ ה: יאָ, איך באַפעהל עס. דאַכט מיר, אז איך אַליין בין אין דער אייזערנער פרוי איינגעשלאָסען געוואָרען. באַפריי מיך! איך בעט דיך, באַפריי מיך!

מ ל כ ה: דער ים קומט נעהנטער צו אונז!

ה י ר ש: מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען.

— זאָל ער זי טראָגען זיין גאַנץ לעבען.

מ ל כ ה: מיין לעבען ווערט דאָ געפּייניגט, האַ־האַ־האַ־האָ. (אויפ׳ן ים ברומט אַ שיף.)

ש ט י מ ע ן:

— אזוי שניידען זיי די ימ׳ען.

— אזוי פאַרפיהרען זיי זינדיגע.

— אזוי פיהרען זיי פאַר׳משפּט׳ע.

(עס קומען אָן פון ברעג מחנות אין געאייל מיט געוויין.)

ש ט י מ ע ן:

— אוי, די כוואַליעס שלינגען די שיפלאַך איין.

— אוי, די כוואַליעס צוברעכען די שיפלאַך אָן די פעלזען.

— אוי, וואָס וועט פון אונז ווערען ביז די זון וועט אויפגעהן? —

— צום ברעג; צום ברעג!

— זאָל דער ים אונז איינשלינגען!

— איינשלינגען און ווידער אויסשפּייען!

— האַנט ביי האַנט פון דאַנען!

— האַנט ביי האַנט צום ראַנד פון לאַנד.

(דער גערויש פון די כוואַליעס ווערט נאָך שטאַרקער. צוזאַמען מיט אַ געמיש פון טויט־שרעק אויסגעשרייען טראָגט זיך דער געמורמעל פון די כוואַליעס און צושפּרייט זיך דורך דער נאַכט.)

ש ט י מ ע ן:

— די לעצטע מחנות קומען אָן!

— שליסט זיך האַנט אין האַנט.

— האַנט ביי האַנט, נעהמט זיי אין רינג אַריין.

— ווישט אָפּ זייערע טריט.

— זייערע נישטיגע טריט, — ווישט די שפּורען.

— די כוואַליעס, זיי רופען.

— די פעלזען, זיי ווינקען.

— דורות, זיי קומען פון דער ערד אַרויס!

ר פ א ל: איך געה מיט אייך.

ה י ר ש: אַ, לעבען, קום אין מיינע טריט.

מ ל כ ה: האַ־האַ־האַ־האַ — —

— מאכט אַ פּלאַץ פאַר די ספרי־תורות!
ר פ א ל: לאָמיר זיך מיחד זיין מיט די גולים.
מ ל כ ה: דאָ ליג איך. טרעט איבער מיין גוף.
ש ט י מ ע ן:
— פרעמדע צווישען אונז.
— וואָס טרעטען זיי דאָ אונזער שטויב?!
ה י ר ש: פון וואַנען קומט איהר אַלע אַהער?
ש ט י מ ע ן:
— פון עק וועלט ביז עק וועלט דערגרייכען מיר.
— מיר וואַנדערען און וואַנדערען און ווערען אַנשלאָפען און וואַכען אויף ווידער אין לאַנד פון דעם פיינד!
— צינדט אָן פייער, מען זאָל פון דער ווייט זעהן אונזער לאַגער.
ר פ א ל: וואוהין וועלען מיר זיך לאָזען פון דאַנען?
ש ט י מ ע ן:
— זאָלען נאָר שיפלאַך זיין געגוג.
— זאָל ער געהן מיט אונז. זיין צער איז אונזערער.
— די גאַנצע וועלט האָט איהם דעם בעכער פון צאָרען דערלאַנגט.
ה י ר ש: איך וויל מיט אייך ניט געהן.
ש ט י מ ע ן:
— ווער איז ער?
— דער ווינט וועט איהם אויף אונזער וועג פאַרטראָגען.
— וויינט אויף זיין מזל, קלאָגט!
(אַ געוויין ברעכט אויס צווישען די פרויען.)
ה י ר ש: איך טראָג ניט צווישען טויטע מיין לעבען, — באַוויינט מיך ניט... באַוויינט מיך ניט!
ש ט י מ ע (פון דער אייזערנער פרוי): פּלאָגט איהם ניט, ער איז שוין געפּלאָגט.
ש ט י מ ע ן:
— ווער איז זי?
— ווי קומט זי אַהער?
— אויף זיינע פּלייצעס טראָגט ער זי אַרום.
— דאָס איז זיין שטראָף.

איבערזעצונגען:

ראבינדראַנאַט טאַגאָר
טשיטרא.
אידיש פון ש. מילער

האנרי בערגסאָן
אריינפיר צו מעטאפיזיק.
אידיש פון יו. באטאנזאָן

(נייע מחנות קומען אָן פון אַלע זייטען. מען קען מיינען, אַז די נאַכט אַליין האָט זיך אָנגעהויבען צו ריהרען און לאָזט זיך צו דער זייט פון ים. אַז די מחנות פאַרשווינדען איז שוין קיין שפּור ניטאָ פון רפאל, מלכה, הירש און דער אַלטער. די כוואַליעס און די געוויינען שטילען זיך צוביסלאך אַיין, אין מזרח־הימעל ציטערט אויף דאָס ליכט פון פריהמאָרגען. כאָר־געזאַנגען פון אַלע פיער זייטען הויבען זיך אָן צו דערנעהנטערען. קלאַנגען מיט קלאַנגען באַגעגענען זיך און אַזש די לופט ווערט מיט'ן געזאַנג פול.)

מ א ד אַ נ א : אָבער וואָס פאר א שווערען נדר האָסטו אויף זיך גענומען, שעהנער פרעמדער? ווארום פארצערסטו דיין פרישע יוגענד מיט תשובה טאָן און סגופים? אזא קרבן פאסט זיך ניט פאר דער ליבעס־דיענסט. ווער ביזטו און וואָס איז דיין בקשה?

ט ש י ט ר א : איך בין טשיטרא, די טאָכטער פונ׳ם קעניגליכען הויז פון מאניפור. נאָט שיווא האָט אין זיין גנעדיגקייט צוגעזאָגט מיין קעניגליכען זיידען א גאנצע קייט פון זכרים יורשים, דאָס הייליגע וואָרט האָט זיך אָבער ארויסגעצייגט מאכטלאָז איבערצובייטען דעם פונק פון לעבען אין מיין מוטער׳ס טראכט, אזוי אומבאזיגבאר איז געווען מיין נאטור, ניט אכטענדיג וואָס איך בין א פרוי.

מ א ד אַ נ א : איך וויים, דערפאר דערציהט דיך דאָס דיין פאָטער ווי זיין זוהן. ער האָט דיך אויסגעלערנט ווי זיך צו באנוצען מיט דעם בויגען און אלע פליכטען פון א קעניג.

ט ש י ט ר א : יאָ, דאריבער בין איך געקליידט אין מענערשע קליידער און האָב פארלאָזט די אפגעזונדערטקייט פון א מיידעלשען צימער. איך קאָן ניט די קונצען פון די פרויען צו געווינען די מענערשע הערצער. מיינע הענט זענען שטארק צום ציהען דעם בויגען, די קונסט פון ציהען קופיד׳ס בויגען האָב איך אָבער קיינמאָל ניט געלערנט, אויך ניט דאָס שפיל פון אויגען.

מ א ד אַ נ א : דאָס דארף מען זיך ניט לערנען, מיין שעהנע. דאָס אויג טוט די ארבייט ניט געלערנטערהייט, און וועמען עס טרעפט אין הארצען, יענער וויים ווי גוט דאָס אויג טוט עס.

ט ש י ט ר א : איין טאָג געהענדיג אויף יאגד, בין איך אזוי איינע אליין געגאנגען צום וואלד אויפ׳ן ברעג פונ׳ם טייך פורנא. צובינדענדיג מיין פערד צום שטאם פון א בוים בין איך אריין אין א געדיכטען וואלד נאָכגעהענדיג נאָך די שפורען פון א הירש. איך האָב געפונען א שמאָלע געדרעהטע סטעזשקע, וועלכע האָט זיך געשלענגעלט דורך דער טונקעל־קייט פון די צוזאמענגעפלאָכטענע צווייגען. אין וואלד האָט אָפגעקלונגען דאָס צווירקען פון די גרילען, ווען איך בין מיט אמאָל אָנגעגאנגען אויף א מאן, וועלכער איז געלעגען אויף א געלעגער פון טרוקענע בלעטער גלייך אין מיין וועג. איך האָב אים באפעלענדיג א זאָג געטאָן ער זאָל זיך אומ־קערען אָן א זייט, ער האָט אָבער ניט געפאָלגט. מיט׳ן שארף פון מיין

ראבינדראנאט טאגאר:

טשיטראַ.

אידיש פון ש. מילער.

די אנטיילנעמער

געטער:

מאדאַנא (עראס)

וואסאנטא (לוקארים)

שטערבליכע:

טשיטרא, דעם מאנופור׳ישען קעניג׳ס א טאָכטער.

אריונא, אַ פרינץ פון דעם קעניגליכען הויז פון די קורוס, ער איז אַ קשאטרוא, פון דער „קריגער קאסטע“ און אין צייט פון דער האנדלונג וואוינט ער אלס פרוש אין א וואלד.

דאָרפלייט פון אַ נאָהענטער געגענד אין מאניפור.

ערשטע סצענע

טשיטרא: ביזטו דער גאָט מיט די פינף פיילען, דער גאָט פון ליבע?

מאדאַנא: איך בין דער, וועלכער איז דער ערשטער געבוירען געוואָרען אין דעם הארץ פונ׳ם באשעפער. איך פארבינד די לעבענס פון מענער און פרויען אין די קייטען פון גליק און ליידען!

טשיטרא: איך ווייס, איך ווייס וואָס די ליידען זענען, און די קייטען. — און ווער ביזטו מיין האר?

וואסאנטא: איך בין זיין פריינד — וואסאנטא — דער קעניג פון די צייטען פון יאָר. טויט און עלטער־שוואכקייט וואָלטען שוין לאנג אויסגעמאטערט די וועלט ווען איך פאָלג זיי ניט נאָך און אטאקיר זיי אומאויפהערליך. איך בין די אייביגע יוגענד.

טשיטרא: איך קניע פאר דיר, גאָט וואסאנטא.

מ א ד אָ נ א : דערצעהל מיר די געשיכטע ביז'ן סוף. איך בין דער הארץ געבוירענער גאָט און איך פארשטעה די מיסטעריע פון די דאָזיגע רעגונגען.

ט ש י ט ר א : איך געדענק קוים וואָס איך האָב געזאָגט און וואָס פאר אן ענטפער איך האָב געקראָגען. בעט מיך ניט איך זאָל דיר אלעס דערצעהלען. ווי א דונער האָט מיך די שאנדע געטראָפען, דאָך האָט זי מיך ניט געקאָנט צעברעכען אויף שטיקלעך, אזוי הארט, אזוי מענעריש בין איך. ווען איך בין געגאנגען אהיים האָבען זיינע לעצטע ווערטער ווי אָנגעגליהטע נאָדלען מיר געשטאָכען אין די אויערען. „איך האָב זיך א נדר געטאָן צו זיין א נזיר. און בין ניט פאסיג צו זיין דיין מאן!" אָה, א מאנ'ס נדר! דו ווייסט דאָך זיכער, דו גאָט פון ליבע, דאָס אומצעליגע היילינגע און קלוגע לייט האָבען אוועקגעלעגט דעם שכר פון זייער לעבענס־לענגליכען תשובה טאָן פאר די פיס פון א פרוי. איך האָב צעבראָכען מיין בויגען אויף צווייען און פארברענט מיינע פיילען אין פייער. איך האָב געהאסט מיין שטארקען בויגיגען אָרעם, איינגעשניטען פון דעם בויגען פאָרעם. אָ ליבע, דו האָסט דעם פוסטען שטאָלץ פון מיין מענער־שער שטאַרקייט נידעריג צו דר'ערד אראָפגעוואָרפען, און מיין גאנצע מענערשע איבונג און דערציהונג ליגט א צעשטויסענע אונטער דיינע פיס. איצט לערען מיך דיין לערע, גיב מיר די מאכט פון דער שוואכער און דאָס געווער פון דעם אומבאוואפענטען.

מ א ד אָ נ א : איך וועל זיין דיין פריינד. איך וועל ברענגען דעם וועלט באזיגער ארזונא א געפאנגענעם פאר דיר, און פון דיין האנט זאָל ער קריגען זיין אורטייל.

ט ש יט ר א : וואָלט איך געהאט די צייט וואָס איז נויטיג דערצו, וואָלט איך געקאָנט געווינען זיין הארץ פאמעליך, שטופענווייז, און וואָלט ניט געבעטען קיין הילף פון די געטער. איך וואָלט זיך געפונען לעבען איהם ווי א חבר, כ'וואָלט געטריבען זיינע ברענענדיגע פערד פון זיין קריגוואָגען, איך וואָלט מיט אים מיטגעגאנגען אויף יאגד, ביינאכט וואָלט איך געשטאנען אויף דער וואך ביים אריינגאנג אין זיין געצעלט, און וואָלט אים געהאָלפען אין אלע גרויסע פליכטען פון א קשאטרוא, העלפענדיג די שוואכע, און אויסטיילענדיג גערעכטינקייט וואו עס קומט! איך בין זיכער אז ס'וואָלט געקומען א טאָג ווען ער וואָלט זיך ארומגע־

בוינגען האָב איך איהם דאן מיט כעס א שטאָך געטאָן. ער איז גלייך אויפגעשפּרונגען אויף זיינע שלאנקע, הויכע פיס, ווי א פּלוצליכער צונג פייער פון א בארג אש. א צופרידענער שמייכעל האָט געשפּילט אויף זיינע מויל־ווינקלען, אפשר ווייל ער האָט דערזעהן מיין בחור'שען אויס־זעהען. דאן, דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען, האָב איך זיך דערפיהלט א פרוי, און איך האָב געוואוסט אז א מאן שטעהט פאר מיר.

מ א ד אָ נ א: אין דער גוטער שעה לערן איך דעם מאן און דער פרוי די דאָזיגע העכסטע לערע זיך זעלבסט צו דערקענען. וואָס איז גע־שעהן נאָכדעם?

ט ש י ט ר א: מיט שרעק און פארוואונדערונג האָב איך אים א פרעג געטאָן: ווער ביזטו? „איך בין אריונא" האָט ער געזאָגט, „פון דעם גרויסען שבט קורו". איך בין געשטאנען א פארשטיינערטע ווי א סטאטוע, און פארגעסען זיך אפילו צו פארנויגען פאר איהם. איז דאָס ווירקליך אריונא, דער גרויסער אָפּגאָט פון מיינע חלומות! יא, איך האָב שוין לאנג געהאט געהערט דאָס ער האָט זיך א נדר געגעבען צו בלייבען א נזיר פאר צוועלף יאָר צייט. ניט איין טאָג האָט מיך מיין יונגער פאר־לאנג געררייצט צו ברעכען מיט אים מיין שפּיז, אים ארויסרופען אזנטער א פאלשען אויסרייד אויף א שטרייט און אים צייגען מיין געשיקטקייט אין וואפען. אָה, נאַריש הארץ, וואוהין זענען אנטרונען גע־וואָרען דיינע פארלאנגען? וואָלט איך געקאָנט אויסבייטען מיין יוגענד מיט אלע אירע שטרעבונגען בלויז פאר דעם איינעם שטיקעל ערד וואָס אונטער זיינע פיס. וואָלט איך עס באטראכט פאר דעם גרעסטען גליק. איך וויים ניט אין וועלכען קעסעל־גרוב פון געדאנקען איך בין פארזונקען, ווען איך האָב מיט אמאָל אים דערזעהן פארשווינדען צווישען די בוי־מער. אָ, נארישע פרוי. ניט דו האָסט אים באגריסט, ניט א וואָרט צו אים גערעדט, אויך קיין אנטשולדיגונג געבעטען, נאָר ביזט געשטאנען ווי א ווילדע ברואה בשעת ער איז זיך א ברונז'ער אוועקגעגאנגען!....
צומאָרגענס האָב איך אוועקגעלעגט אין א זייט מיינע מענערשע קליידער. איך האָב אָנגעטאָן בראסלעטען אויף מיינע הענט און פיס, א קייט ארום מיין טאליע און א פּורפּור רויט זיידען קלייד, איך האָב זיך געאיילט אויף מיין שליחות, און האָב געפונען אריונא'ן אין דעם וואלד טעמפּעל פון שיווא.

נעדינגען וואסערשפיגעל און האָט געזעהן די אָפּשפיגלונג פון איר פנים. זי איז געבליבען געפּלעפט און געשטאנען שטיל; דאן האָט זי א שמייכעל געטאָן און מיט א נאכלעסינגען שאר פון איר לינקען אָרעם צעלאָזט אירע האָר און געלאָזט זיי שלעפּען זיך אויף דער ערד פאר אירע פיס. זי האָט אָפּגעדעקט איר בוזעם און געקוקט אויף אירע אָרעמס, ממש געטאָקטע, און דורכגעדרונגען מיט דער פיינסטער צערטליכקייט. אָנבויגענדיג איר קאָפּ האָט זי דערזעהן די זיסע בליהונג פון איר יוגענד, די צאַרטע פריש־קייט און שעהנקייט פון איר הויט. זי האָט געשטראַלט פון דער צו־פרידענער איבערראשונג. וואָלט דער וייסער לאָטוס קנאָספּ עפענענדיג די אויגען אין פרימאָרגען אומגעדרעהט זיין נאַקען און געזעהן זיין שאָטען אין וואסער, וואָלט ער זיך אזוי באוואונדערט דעם גאנצען טאָג. אָבער אין א רגע איז דער שמייכעל פארשוואונדען פון איר געזיכט און א שאָטען פון טרויער האָט פארצויגען אירע אויגען. זי האָט פארנומען די האָר, ארויפגעוואָרפען איר שאַל איבער די אָרעמס, און זיפצענדיג שטילערהייט איז זי אוועקגעגאנגען ווי עס פארגעהט דער שעהנער אָוונט אין דער נאכט אריין. מיר האָט זיך געדוכט, אז דאָס העכסטע וואָס מ'קאָן זיך ווינשען האָט זיך צו מיר אנטפּלעקט ווי א בליץ און איז פארשוואונדען . . . אָבער ווער שפּארט עס די טיר?

(טשיטרא געהט אריין, געקליידעט אלס פרוי.)

אָה! דאָס איז זי! רוהיג, הארץ מיינס!... האָב קיין מורא ניט פאר מיר, פרוי! איך בין א קשאטרוא.

ט ש י ט ר א: געערטער הער, דו ביזט מיין גאַסט. איך וואוין אין דעם טעמפּעל. איך וויים ניט ווי אזוי איך קאָן דיר ארויסצייגען מיין גאסטפריינדליכקייט.

א ר י ו נ א: שעהנע פרוי, בלויז דיין אָנזעהן איז שוין די העכסטע גאסטפריינדליכקייט. אויב דו וועסט קיין פאריבעל ניט האָבען וועל איך דיר שטעלען א פראגע.

ט ש י ט ר א: דו האָסט די ערלויבניש.

א ר י ו נ א: וואָס פאר א שווערער נדר האלט דיך איינגעשלאָסען אין דעם איינזאמען טעמפּעל, צונעמענדיג ביי די שטערבליכע די מעג־ליכקייט צו זעהן אזא ליבע שעהנקייט?

ט ש י ט ר א: איך טראָג א געהיימען וואונש אין מיין הארצען

קוקט אויף מיר און זיך געוואונדערט, „וואָס איז דאָס פאר א בחור? האָט עמיצער פון מיינע שקלאַפען אין דער פארגאנגענהייט מיך אזוי נאָכגעפאָלגט ווי דער?" איך בין ניט די פרוי וואָס נערט איר פארצווייפלונג אין איינזאמען שוויגען, נערענדיג זי מיט ביינאכטיגע טרערען פון געזיכט. די בליטען פון מיינע פארלאנגען וועלען קיינמאָל ניט אראָפּפאלען אויף דר׳ערד, זיי ווערען פרוכטרייף. אָבער אום יענער זאָל דערקענען מיין אמת׳ען איך און אים אכטען דארף מען ארבייטען א לעבען לאַנג. דערפאַר בין איך געקומען צו אייער שוועל, דו, וועלט באַזיגענדיגע ליבע, און דו, וואסאנטא, יוגענדליכער גאָט פון דער צייט, נעמט צו פון מיין יונגען קערפּער די דאָזיגע ערשטע אומנערעכטיגקייט, די ניט צוציהענדע איינפאַכקייט. פאַר איין און איינציגען טאָג מאַך מיך אויסערגעוועהנליך שעהן, אזוי שעהן ווי עס איז געוועזן די פּלוצליכע אויפבליהונג פון ליבע אין מיין הארצען, גיב מיר בלויז איין קורצען טאָג פון פולקאָמענער שעהנקייט און פאַר די איבעריגע טעג וואָס וועלען קומען וועל איך זיך שוין אליין זאָרגען.

מ א ד אָ נ א : פרוי, דיין בקשה זאָל דערפילט ווערען.

ו ו א ס א נ ט א : ניט פאַר איין קורצען טאָג, נאָר פאַר א גאַנץ יאָר זאָל דער חן פון פרילינגבליטען זיך געפינען ארום דיינע היפטען.

צווייטע סצענע

א ר י ו נ א : האָב איך געטרוימט, אָדער איז דאָס וואָס כ׳האָב געזעהן ביים וואסער ווירקליך געוועזן דאָרט? זיצענדיג אויף דעם מאָכעוואטען טאָרף, האָב איך געטראכט וועגען די פארגאנגענע יאָרען, ווען פון דער פינסטערניש צווישען די צווייגען איז פאמעליך ארויסגעקומען א וואונדערליכע שעהנהייט אין דער פולקאָמענער געשטאלט פון א פרוי און איז געשטאנען אויף א פלאכען שטיין ביים ברעג וואסער. עס האָט זיך געדוכט אז דאָס הארץ פון דער ערד האָט זיך געמוזט צאפּלען פאר פרייד אונטער אירע באָרוועסע ווייסע פיס. איך האָב געדענקט די לייכטע איינהילונג פון איר קערפער וועט אין עקסטאז אין דער לופט זיך צעגעהן ווי עס צעגעהט זיך דער גאָלדענער פרימאָרגען נעבעל פונ׳ם שניי באדעקטען שפּיץ פונ׳ם מזרח־בארג. זי האָט זיך איבערגעבויגען איבער דעם שיי־

פערקייט זיין פאלש אָדער אמת, האָב רחמנות און פארטרייב אים ניט פון דיין הארצען — ווייל ער קניט פאר דיינע פיס גלייך איצט.

טשיטראַ: דו, אריונא!

אריונא: יאָ, איך בין ער, דער ליבעס־הונגעריגער גאסט ביי דיין טיר.

טשיטרא: דאן איז עס ניט אמת דאָס אריונא האָט געגעבען א נדר צו פארבלייבען א נזיר פאר צוועלף לאנגע יאָר?

אריונא: אָבער דו האָסט בטול געמאכט מיין נדר פונקט ווי די לבנה איז מבטל דער נאכטס נדר פון פינסטערניש.

טשיטרא: אָה, שעמען מעגסטו זיך! וואָס האָסטו אין מיר אזוינס דערזעהן וואָס מאכט דיך פאלש צו זיך זעלבסט? וועמען זוכסטו אין די דאָזיגע טונקעלע אויגען, אין די דאָזיגע מילך־ווייסע אָרעמס, ווען דו ביזט גרייט דערפאר צו צאָלען דעם פרייז פון דיין אויפריכטיג־קייט? זיכער, ניט מיין אמת'ן איך. דאָס קאָן זיכער ניט זיין ליבע, דאָס איז ניט די העכסטע אכטונג פון דעם מאן צו דער פרוי! וועה, ווי די דאָזיגע נישטיגע מאסקע, דער קערפער, מאכט א מענשען בלינד ער זאָל ניט קאָנען זעהן דאָס ליכט פון דעם אומשטערבליכען גייסט! יאָ, ערשט איצט, אריונא, ווייס איך ווירקליך, אז דער רום פון דיין העלדיש־קייט איז פאלש.

אריונא: איך פיל ווי נישטיג איז רום, דער שטאָלץ פון טאפפערקייט! אלץ זעהט מיר אויס ניט מער ווי א חלום. דו אליין ביזט פולקאָמען; דו ביזט דאָס רייכטום פון דער וועלט, די ענד פון יעדער אָרימקייט, דער ציל פון אלע שטרעבונגען, די איינציגע פרוי! עס זענען דאָ אנדערע פרויען, וועלכע מ'קאָן בלויז דערקענען ביסלעכווייז, בעת דיך זעהן פאר איין מאָמענט, הייסט זעהן די פולקאָמענסטע פולקאָמענהייט איינמאָל פאר אלע מאָל.

טשיטרא: וועה, דאָס איז ניט איך, ניט איך, אריונא! דאָס איז א פאלשקייט פון א גאָט. געה, געה, מיין העלד, געה. זוך ניט די ליבע פון דער פאלשקייט, גיב ניט אוועק דיין הארץ צו א חלום, געה.

און טעגליך בעט איך גאָט שיוואַ'ן דער וואונש זאָל מקוים ווערען.

אריונא: אך, וואָס קאָנסטו פארלאנגען, דו וועלכע ביזט דער פארלאנג פון דער גאנצער וועלט! איך האָב געוואנדערט פון דעם עכסטען בארג פון מזרח, אויף וועמעס שפּיץ די מאָרגען־זון טרעט צום אלעם ערשטען ביז צו דער ענד פון לאנד וואו די זון פארגעהט. איך האָב געזעהן דאָס טייערסטע, שענסטע און גרעסטע אויף דער וועלט. מיין וויסען זאָל דיינס זיין, זאָג נאָר וואָס אָדער וועמען דו זוכסט.

טשיטראַ: דער, וועמען איך זוך, איז באוואוסט צו אלעמען.

אריונא: ווירקליך! ווער קאָן דאָס זיין דער אויסדערוועהלטער, וועמעס רוהם האָט דיין הארץ געפאנגען?

טשיטראַ: ער שטאַמט פון די עכסטע קעניגליכע הייזער, ער איז דער גרעסטער פון אלע העלדען.

אריונא: פרוי, זיי ניט מקריב אזא רייכטום פון שעהנקייט ווי דיינע אויף דעם מזבח פון פאלשער רעפּוטאציע. פאלשער רוהם פארשפּרייט זיך פון מויל צו מויל ווי דער טומאַן אין פריהמאָרגען איידער די זון געהט אויף. זאָג ווער פון די עכסטע קעניגליכע פאַמיליעס איז דער הויפּט העלד?

טשיטראַ: פרוש, דו ביזט אייפערזיכטיג אויף אנדערע מענשענס רוהם. ווייסטו ניט דאָס אויף דער גאנצער וועלט איז דאָס קעניגליכע הויז פון קורום דאָס באריהמטסטע?

אריונא: דאָס הויז פון קורוס!

טשיטראַ: און האָסטו קיינמאָל געהערט פון דעם גרעסטען נאָמען פון יענעם פילבארימטען הויז?

אריונא: לאָמיך עס הערען פון דיינע אייגענע ליפּען.

טשיטראַ: אריונא, דער באזיגער פון דער וועלט. פון די מיילער פון א וועלט מיט מענשען האָב איך צוזאמענגעקליבען אָט דעם אומשטערבליכען נאָמען און האָב אים פאָרזיכטיג באהאלטען אין מיין מיידעלשען הארצען. פרוש, ווארום קוקסטו אזוי אומרוהיג? האָט דער נאָמען בלויז א פארפירערישען גלאנץ? זאָג אז יאָ, און איך וועל אָהן א ישוב צעברעכען דאָס צירונג קעסטעל פון מיין הארצען און אוועקווארפען דעם פאלשען דימענט אין שטויב.

אריונא: מעג זיין נאָמען און רוהם, זיין בראווקייט און טאַפּ־

אויף מיין קערפּער. אויף מיינע האָר, מיין ברוסט, מיינע פיס, האָט זיך יעדע בלום אויסגעקליבען א פּלאַץ וואו צו שטארבען. איך בין געשלאָפען. און פּלוצים, אין מיין טיפען שלאָף, האָב איך דערפיהלט ווי עפּעס א הייסער דורכדרינגענדער קוק, האָט ווי מיט דינע פייער פלאַמען אָנגע־ריהרט מיין דרימלענדיגען קערפּער. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און האָב דערזעהען דעם פּרוש שטעהן לעבען מיר. די לבנה איז אוועק צו מערב צו, אריינקוקענדיג דורך די בלעטער צו זעהן אָט דעם וואונדער פון געטליכער קונסט איינגעפּאַסט אין א צעבראָכענער מענשליכער ראַם. די לופט איז געווען שטאַרק פון פּערפיום; די שטילקייט פון דער נאַכט איז באַ־לעבט געוואָרען פון די גרילצענדיגע גרילען; דער אָפּשיין פון די בוימער איז באַוועגלאָז געהאַנגען אין וואסער; און ער מיט זיין שטעקען אין האַנט איז געשטאַנען, הויך, שלאַנק און שטיל, ווי א בוים פון וואַלד. מיר האָט זיך געדוכט, דאָס עפענענדיג מיינע אויגען בין איך אָפּגע־שטאָרבען צו אַלע ווירקליכקייטען פון לעבען און בין ווי אין א חלום נעבוירען געוואָרען אין א שאָטען לאַנד. די חרפּה האָט זיך אראָפּגע־גליטשט צו מיינע פיס ווי די גרויסע קליידער. איך האָב געהערט זיין רוף „געליבטע, מיין געליבטסטע!‟ און אַלע מיינע פארגעסענע לעבענס האָבען זיך אין איינס פאראייניגט און געענטפערט. איך האָב געזאָגט: „נעם מיך, נעם מיך אין גאַנצען‟. און איך האָב אויסגעשטרעקט מיינע אָרעמס צו אים. די לבנה האָט זיך באַהאַלטען הינטער די בוימער, א פינסטערניש ווי א פאָרהאַנג האָט אַלץ באַדעקט. הימעל און ערד, צייט און רוים, פארגעניגען און וועהטאָג, טויט און לעבען האָבען זיך פאַרמישט צוזאַמען אין אַן אונאיבערטרעגליכען עקסטאַז... מיט'ן ערשטען שיין פון ליכט, דעם ערשטען צווישטש פון די פייגעלעך האָב איך זיך אויפגעהויבען און געזעסען אָנגעשפּאַרט אויף מיין לינקען אָרעם. ער איז געלעגען און געשלאָפען מיט א לייכטען שמייכעל אויף די ליפּען ווי דאָס לבנה רייפעל אין פרימאָרגען. דער ראָזעווער רויטער שיין פון זונען אויפגאַנג איז געפאַלען אויף זיין איידעלען שטערן. איך האָב א זיפץ געטאָן און בין אויפגעשטאַנען. איך האָב צוזאַמענגעצויגען די בלעטערדיגע צווייגען אום צו פארשטעלען זיין פּנים פון דער שטראָמענדיגער זון. איך האָב זיך ארומגעקוקט און געזעהן דיזעלבע אַלטע ערד. איך האָב זיך דערמאָנט וואָס איך בין געווען, און בין געלאָפען, געלאָפען ווי א הירש מורא

דריטע סצענע

ט ש י ט ר א : ניין, אוממעגליך. זעהן יענעם ברענענדיגען קוק פון דעם הונגעריגען גייסט, וועלכער נעמט דיך ארום ווי מיט צוואנגען־הענט אינעווייניג; פיהלען ווי זיין האריץ רייסט זיך צו צעברעכען די גרעניצען ארויסגעבענדיג דעם ליידענשאפטליכען געשריי דורך דעם גאנצען קערפער — און אים אוועקשיקען ווי א בעטלער — ניין, אוממעגליך.

(מאדאָנא און וואסאנטא קומען אריין.)

אָ, גאָט פון ליבע, וואָס איז דאָס פאר א שרעקליכער פלאַם, מיט וועלכען דו האָסט מיך ארומגענומען! איך ברען און פארברען אלץ צו וואָס איך ריר זיך נאָר צו.

מ א ד אָ נ א : איך וויל וויסען וואָס האָט פאסירט לעצטע נאכט.

ט ש י ט ר א : אין אָווענט האָב איך זיך אנידערגעלעגט אויף א געלעגער פון גראָז באשפרינקעלט מיט בלעטלעך פון פרילינג בלומען, און האָב געטראכט פון דעם וואונדערליכען לויבגעזאנג צו מיין שעהנקייט, וואָס איך האָב געהערט פון אריונא'ן, טרינקענדיג טראָפענווייז דעם האָניג וואָס איך האָב אָנגעקליבען דעם גאנצען לאנגען טאָג. די געשיכטע פון מיין פארגאנגענעם לעבען ווי די געשיכטע פון מיין פריהערדיגער עקזיסטענץ איז פארגעסען געוואָרען. איך האָב געפיהלט ווי א בלום, וואָס האָט בלויז א פאָר קורצע שטונדען זיך צוצוהערען צו די זשומענדע הניפות, די שטילע מורמלערייען פון די וועלדער און דאן מוז זי אראָפנעמען אירע אויגען פון הימעל, אָנבויגען דעם קאָפּ און אין איין אָטעמצוג זיך איבערגעבען צום שטויב אָהן א געשריי, אזוי־ארום ענדיגענדיג די קורצע דערצעהלונג פון א פולקאָמענהייט מאָמענט, וואָס האָט ניט קיין פארגאנגענהייט און אויך ניט קיין צוקונפט.

ו ו א ס א נ ט א : אן אומבאגרעניצט לעבען פון לויב קאָן בליהען און זיך אויסלעבען אין איין פריהמאָרגען.

מ א ד אָ נ א : ווי אן ענדלאָזע מיינונג אין דעם שמאָלען שטח פון א ליד.

ט ש י ט ר א : דאָס דרום ווינטעל האָט מיך פארוויגט. פון די בליהענדיגע מאלאטי צווייגען צוקאָפּענס זענען געפאלען שטילע קושען

זיך קאָנען צייגען פאר דיין געליבטען ? ארויסרייסען פון זיינע ליפען דעם בעכער, ווען ער האָט קוים געגעבען דעם ערשטען זופ פון פארגעניגען, וועט דאָס ניט זיין גרויזאם ? מיט וואָס פאר א פאראכטענדען כעס ער וועט אויף דיר קוקען דאן ?

טשיטרא: דאָס וואָלט געווען פיל בעסער. איך וויל אנטפלעקען פאר אים מיין אמת'ן איך, א נאָבעלערע זאך ווי אָט די מאסקע. אויב ער וועט דאָס צוריקווייזען, אויב ער וועט מיך אוועקטרייבען און צעברעכען מיין הארץ, וועל איך אויך דאָס שווייגענדיג איבערטראָגען.

וואסאנטא: דו, פאָלג מיך. מיט'ן אָנקומען פונ'ם הערבסט געהט אוועק דער בליהונג סעזאָן און עס קומט דער טריאומף פון דער פרוכט. עס וועט קומען א צייט פון זיך אליין ווען די איבערטריבענע בליהונג פון דיין קערפער וועט פאלען און אריונא וועט צופרידען אויפנעמען דעם איבערגעבליבענעם שטארקען אמת אין דיר. אָ, קינד, געה צוריק צו דיין ווילדען יום טוב.

פערטע סצענע

טשיטרא: ווארום קוקסטו מיר אזוי נאָך, מיין קריגער ?

אריונא: איך קוק ווי דו וועבסט אָט די גירלאנדע, געשיקט־קייט און גראציע, דער צווילינג־ברודער און שוועסטער, טאנצען שפי־לעוודיג אויף דיינע שפיץ פינגער. איך קוק און טראכט.

טשיטרא: וואָס טראכסטו, מיין האר ?

אריונא: איך טראכט, דאָס מיט דערזועלבער לייכטקייט און זיסקייט וועבסטו אויס פון מיינע גלות טעג אן אומשטערבליכען קראנץ, צו קרוינען מיך ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען א היים.

טשיטרא: אהיים ! אָבער די ליבע איז ניט פאר א היים !

אריונא: ניט פאר א היים ?

טשיטרא: ניין. רעד גאָר קיינמאָל ניט דערפון. צו דיר אהיים זאָלסטו נעמען וואָס איז פעסט און שטארק. לאָז דאָס קליינע ווילדע בלימעל איבער וואו עס איז געבוירען געוואָרען; לאָז עס שעהן שטארבען ביי דעם ענד פון טאָג צווישען אלע וועלקענדיגע בלומען און פוילענדיגע בלעטער. נעם עס ניט צו דיר אין פאלאץ אום דאָס אוועקצוואוארפען

האָבענדיג פאַר׳ן אייגענעם שאָטען, דורך דעם וואלדוועג באשפּריינקעלט מיט סעפּאָלי בלומען. איך האָב געפונען א פאַרוואָרפען ווינקעל, און אוועקזעצענדיג זיך האָב איך פאַרדעקט מיין געזיכט מיטביידע הענט און האָט געפּרואווט וויינען און קלאָגען, אָבער מיינע אויגען האָבען קיין טרערען ניט געהאט.

מ א ד אָ נ א : וועה, דו טאָכטער פון די שטערבליכע! איך האָב צוגע׳גנב׳עט פון דער הייליגער קאמער דעם שמעקענדיגען הימעלוויין, אָנגעפילט מיט אים איין ערדישע נאכט ביז׳ן ראנד, און געגעבען דיר אין האנט אריין צו טרינקען און דאָך הער איך דעם דאָזיגען פאַר־צווייפלונג געשריי!

ט ש י ט ר א (ביטער): ווער האָט עס געטרונקען? די זעלטענסטע ערפילונג פון א מענשענס פאַרלאנג, די ערשטע פאַראייניגונג פון ליבע איז מיר פאַרגעלעגט געוואָרען, אָבער באלד ארויסגעריסען געוואָרען פון מיין האנט. אָט די געבאָרגטע שעהנקייט, אָט די פאַלשקייט, אין וועלכער איך בין איינגעוויקעלט, וועט אראָפּ פון מיר צונעמענדיג מיט זיך די איינציגע געדעכעניש פון דער זיסער פאַראייניגונג, אָט פונקט ווי עס פאַלען אָפּ די בלעטלעך פון אן איבערגעבליהטער בלום, און די פרוי א פאַרשעמטע מיט איר נאקעטער אָרימקייט וועט זיצען און וויינען טאָג און נאכט. גאָט פון ליבע, אָט דער פאַרשאָלטענער אויסזעהן געהט מיר נאָך ווי א טייפעל בארויבענדיג מיך פון אלע פרייזען פון ליבע — אלע קושען נאָך וועלכע מיין האַרץ גאַרט.

מ א ד אָ נ א : וועה, ווי נישטיג דיין איינציגע נאכט איז געווען! די פריידענס שיף האָט זיך שוין געזעהן אָבער די כוואַליעס האָבען זי ניט געלאָזט צוקומען צום ברעג.

ט ש י ט ר א : דער הימעל האָט זיך אראָפּגעלאָזט אזוי נאָהענט צו מיר, דאָס פאַר א מאָמענט האָב איך פאַרגעסען אז ניט מיך האָט ער געטרייסט. אָבער ווען איך האָב אין דער פריה זיך אויפגעכאפּט פון מיין חלום, האָב איך געזעהן דאָס מיין קערפּער איז געוואָרען מיין אייגענער קאָנקורענט. און עס איז מיין פאַרהאסטע אויפגאבע אים אויס־פּוצען אלע טאָג, אים אוועקשענקען צו מיין געליבטען און זעהן ווי ער ווערט געצערטעלט פון אים. אָ גאָט, נעם דיר צוריק אוועק דיין מתנה!

מ א ד אָ נ א : אָבער אויב איך וועל זי צונעמען פון דיר ווי וועסטו!

זעקסטע סצענע

א ר י ו נ א: כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט אין דער פריה און האָב גע־פונען דאָס מיינע חלומות האָבען אויסגעארבייט אַן עדעלשטיין. איך האָב ניט קיין צירונגקעסטעל אים אריינצולעגען אהין, קיין קעניג־קרוין וואו אים אריינצוזעצען, קיין קייט אים אויפצוהענגען, דאָך האָב איך קיין האַרץ אים אוועקצוואַרפען. מיין קשאַטרא'ס רעכטע האַנט, פארנומען מיט האַלטען דעם עדעלשטיין, פאַרגעסט אירע פליכטען.

(טשיטרא קומט אריין).

ט ש י ט ר א: זאָג מיר וואָס טראַכסטו מיין האַר!

א ר י ו נ א: מיין געדאַנק איז פארנומען מיט טראַכטען וועגען יאַגד היינט. זעה, ווי דער רעגען גיסט און שמייסט אַזוי אויפ'ן באַרג. דער פינסטערער שאָטען פון די וואָלקענס הענגט שווער איבער'ן וואַלד, און דער צעגאָסענער שטראָם ווי א צעלאָזענער אינגעל, שפּרינגט איבער אַלע צאַמען מיט א שפּאָטענדיגען געלעכטער. אין אַזעלכע רעגענדיגע טעג פלעגען מיר פינף ברידער געהן אין דעם טשיטראַקא וואַלד אויף געיעג נאָך ווילדע חיות. דאַן זענען עס געווען פרעהליכע צייטען. אונזערע הערצער האָבען געטאַנצט צום טאַקט פון די קנאַלענדיגע וואָלקענס. די וועלדער זענען פאַרהילכט געוואָרען מיט די קוויטשערייען פון די פּאַוועס. דער שרעקעוודיגער הירש האָט צוליב דעם קלאַפּען פונ'ם רעגען אין דעם רעש פון די וואַסערפאַלען ניט געקאָנט הערען אונזערע אָנקומענדיגע טריט, די לעמפּערטען פלעגען איבערלאָזען די שפּורען פון זייערע טריט אויף דער נאַסער ערד, אַזוי ארום ארויסגעבענדיג זייערע נאָרעס. פאַרטיג מיט'ן געיעג פלעגען מיר זיך וועטען איינער מיט'ן צווייטען איבער־צושווימען די שטורעמדיגע שטראָמען אויף אונזער וועג צוריק אהיים. דער אומרוהיגער גייסט איז צו מיר ווידער געקומען, איך בענק צו געהן אויף יאַגד.

ט ש י ט ר א: ווער צוערשט פאַרטיג מיט דעם געיעג, נאָך וועלכען דו יאַגסט זיך איצט. ביזטו זיכער אז דער פאַר'כשופ'טער הירש, נאָך וועלכען דו יאַגסט זיך מוז טאַקע ווירקליך געכאַפּט ווערען? ניין, נאָך ניט. ווי א חלום וועהט אָט די ווילדע באַשעפעניש אַנטרונען פון דיר פונקט דאַן ווען ס'דוכט זיך זי איז שוין כמעט ווי דיינע. זעה ווי

אויף דעם שטיינערדיגען ברוק, וועלכער ווייס ניט פון קיין רחמנות צו זאכען וואָס וועלקען און ווערען פארגעסען.

אריונא: איז אונזער ליבע פון דעם מין?

טשיטרא: יאָ, קיין אנדערע! פארוואָס באַדויערען? וואָס איז באשטימט געוואָרען פאר ליידיגער צייט זאָל זי קיינמאָל ניט איבערלעבען. פרייד ווערט פארוואנדעלט אין וועה, ווען די טיר, דורך וועלכער זי האָט ארויסגעהן, ווערט פארהאקט פאר איר. נעם די פרייד און האלט זי אזוי לאנג ווי זי געדויערט. זאָל די זאטקייט פון דיין אָוועגט ניט זיין מער ווי דער פארלאנג פון דיין פריהמאָרגען קאָן פארדינען... דער טאָג איז געענדיגט. טו אָן די גירליאנדע. איך בין מיד, נעם מיך אין דיינע אָרעמס, מיין ליבער. זאָלען אלע רייד פון אומצופרידענהייט פארשווינ־דען ביים זיסען צוזאמענקומען זיך פון אונזערע ליפען.

אריונא: ששש! הער, מיין געליבטע, ווי דער קלאנג פון די תפילה גלאָקען פון דעם ווייטען דאָרפטעמפעל טראָגט זיך אין דער אָוונט לופט צווישען די שווייגענדיגע ביימער!

פינפטע סצענע

וואסאנטא: איך קאָן דיר ניט נאָכגעהן, מיין פריינד! איך בין מיד. עס איז א שווערע אויפגאבע אָנצוהאלטען דאָס פייער וואָס דו האָסט אָנגעצונדען. עס באפאלט מיך א שלאָף, דער פעכער פאלט ארויס פון מיין האנט און קאלט אש פארדעקט דאָס גליהען פון דעם פייער. איך כאפ זיך ווידער אויף פון מיין דרעמעל און מיט אלע כחות ראטעווע איך דעם מידען פלאם. אָבער לענגער קאָן עס ניט אָנהאלטען.

מאדאָנא: איך ווייס, דו ביזט קאפריזנע ווי א קינד, דיין שפיל אויפ׳ן הימעל און אויף דער ערד איז שטענדיג אומרוהיג. זאכען וועלכע דו האָסט פאר טעג לאנג געבויט מיט אלע איינצעלהייטען צעווארפסטו אין א מאָמענט אהן שום חרטה. אָבער די ארבייט אונזערע איז שוין באלד געענדיגט. פארגעניגען פליגעלדיגע טעג פליהען שנעל, און דאָס יאָר, שוין כמעט ביי דעם ענד, ליגט פארזונקען אין העכסטען גליק.

קאָן געדויערען לענגער ווי פארגעניגען, וואָס קאָן ביישטעהן ליידען אפילו.

טשיטרא: מיין העלד, דאָס יאָר איז נאָך ניט געענדיגט, און דו ביזט שוין מיד! איצט ווייס איך, אז עס איז א ברכה פון גאָט וואָס דאָס לעבען פון די בלומען איז אזוי קורץ. וואָלט אָט דער קערפּער מיינער געוועזן געשטאָרבען מיט די בלומען פון לעצטען פריהלינג, וואָלט ער געשטאָרבען ערענהאפט. אָבער, די טעג זענען געציילטע, מיין ליבער. שאנעווע אים ניט, דריק אוים דעם האָניג ביז צום טרוקען ווערען, אוים מורא טאָמער וועט דיין בעטלער הארץ קומען צו אים ווידער און ווידער מיט אן אומגעזעטיגטען פארלאנג, אָט ווי א דורשטיגע בין ווען די זומער בלומען ליגען טויט אין שטויב.

זיבעטע סצענע

מאדאָנא: היינט איז דיין לעצטע נאכט.

וואסאנטא: די ליבליכקייט פון דיין קערפּער וועט זיך מאָרגען אומקערען צו די אומערשעפּליכע אוצרות פון פריהלינג. די רויטע פארב פון דיינע ליפּען באפרייט פון די ערינערונגען פון אריונא׳ס קושען, וועט אויפ׳ס ניי ארויסשפּראָצען אלס א פּאָר פרישע אסאָקא בלעטער, און דער ווייכער ווייסער גליטער פון דיין הויט, וועט ווידער געבוירען ווערען אין א הונדערט שמעקענדיגע יאסמין בלומען.

טשיטרא: אָ געטער, ערפילט מיין איצטיגע בקשה! היינט נאכט, אין איר לעצטער שטונדע זאָל מיין שעהנקייט שיינען צום העל־סטען, ווי דער לעצטער שיין פון אן אויסגעהענדיגען פלאַם.

מאדאָנא: דיין בקשה וועט דערפילט ווערען.

אכטע סצענע

דאָרפ־איינוואוינער: ווער וועט אונז איצט באשיצען?

אריונא: וואָס איז דען, וואָס פאר א געפאהר שטעהט אייך פאָר?

דאָרפ־איינוואוינער: די רויבער קומען אָן פון די מערב־בערג ווי א בארג פארפלייצונג חרוב צו מאכען אונזער דאָרף.

דער ווינט ווערט געיאָגט פונ׳ם רעגען, וועלכער שליידערט אויף איהם טויזענטער פיילען, דאָך איז ער פריי, ניט באזיגט. אונזער שפּיל איז פּונקט אזוי, מיין ליבער! דו יאָגסט זיך נאָך דעם לייכטפיסיגען גייסט פון שעהנקייט, צילענדיג אין אים יעדע פייל וואָס דו האָסט אין דיינע הענט. דאָך לויפט אָט דער כשופ׳דיגער הירש שטענדיג פריי און אומ־באהערשט.

א ר י ו נ א: ליבסטע מיינע, האָסטו ניט קיין היים וואו עס וואר־טען אויף דיר ווארימע פריינדליכע הערצער דו זאָלסט זיך צוריקקערען? א היים, וועלכע דו האָסט אמאָל באצירט מיט דיין איידעלער ארבייט, און וועלכע איז פארפינסטערט געוואָרען ווען דו האָסט זי פארלאָזט און אוועק אין דער דאָזיגער ווילדערניש?

ט ש י ט ר א: ווארום די פראגען? זענען די שטונדען פון ניט אי־בערדענקטען פארגעניגען פאראיבער? ווייסטו דען ניט אז איך בין ניט מער ווי דאָס וואָס דו זעהסט פאר זיך? איך האָב קיין לאנדשאפט הינטער זיך. דער טוי וואָס הענגט אויפ׳ן שפּיץ פון א קינסוקא בלעטעל האָט קיין נאָמען און אויך קיין צוועק, ער גיט קיין ענטפער ניט אויף קיין פראגען. די, וועמען דו ליבסט, איז ווי יענער פּולקאָמענער טוי טראָפּען.

א ר י ו נ א: האָט זי ניט קיין שייכות מיט דער וועלט? קאָן זי זיין בלויז א טייל פון הימעל, וואָס איז דורך דער אומפאָרזיכטיגקייט פון א צעלאָזענעם גאָט אראָפּגעוואָרפען געוואָרען אויף דער ערד?

ט ש י ט ר א: יא.

א ר י ו נ א: אָה, דערפאר דוכט זיך עס מיר אלעמאָל אז איך האלט דיך אין פארלירען. מיין הארץ איז ניט צופרידענגעשטעלט, מיין קאָפּ ווייסט פון קיין רוה. קום נעהענטער צו מיר, מיין אומדערגרייכבארע! גיב זיך אונטער צו די קייטען פון א נאָמען, א היים און א פאמיליע. לאָז מיין הארץ דיך פיהלען אויף אלע זייטען און לעבען מיט דיר אין דער פרידליכער זיכערקייט פון ליבע.

ט ש י ט ר א: ווארום די אומזיסטע באמיהונג צו כאפּען און האלטען די פארבען פון די וואָלקענס, דעם טאנץ פון די כוואליעס, דעם שמעק פון די בלומען?

א ר י ו נ א: הערשערין מיינע, האַף ניט איינצושטילען ליבע מיט לופטיגע נישטיגקייטען. גיב מיר עפּעס ממשות׳דיגס, עטוואָס וואָס

שווארצען פייכטען שטיין קושט דיינע אויגען צום שלאָפען. לאָמיך דיך פירען אהין.

א ר י ו נ א : ניט היינט, ליבסטע.

ט ש י ט ר א : ווארום ניט היינט?

א ר י ו נ א : כ'האָב געהערט דאָס א באנדע רויבער דערנעהנטערט זיך צו די טאָלען. איך מוז דעריבער געהן און צוגרייטען מיין וואפען צו באשיצען די דערשראָקענע דאָרפלייט.

ט ש י ט ר א : דו דארפסט פאר זיי קיין מורא ניט האָבען, איידער פרינצעסין טשיטרא איז אוועקגעגאנגען אויף איהר הייליגער נסיעה האָט זי אוועקגעשטעלט א שטארקע וואך אויף יעדען גרענעץ.

א ר י ו נ א : דאָך ערלויב מיר פאר א קורצער ווייליע זיך פארנעמען מיט א קשאטרוא'ס ארבייט, מיט נייעם לויב וויל איך באצירען אָט דעם גאָרניט טוענדיגען אָרעם, און מאכען פון אים א קישען וואָס זאָל מעהר ווערט זיין צו ליגען ביי דיר צוקאָפּענס.

ט ש י ט ר א : און ווי, אז איך וועל דיך ניט לאָזען געהן, ווען איך וועל דיך האלטען איינגעקלאמערט אין מיינע אָרעמס? וואָלסטו גראָב זיך ארויסגעריסען און מיך איבערגעלאָזט? אויב אזוי, געה! אָבער דו מוזט וויסען דאָס די ליאנא, איינמאָל צעבראָכען אויף צווייען, קאָן שוין מעהר גאנץ ניט ווערען. געה, אויב דיין דורשט איז שוין געשטילט. אויב אָבער ניט, דאן געדענק דאָס די געטין פון פארגעניגען איז קאפריזנע און ווארט ניט אויף קיין מאן. זיץ אביסעל, מיין ליבער! זאָג מיר וואָסערע שווערע געדאנקען מוטשען דיך. מיט וועמען איז היינט דיין קאָפּ פארנומען? מיט טשיטרא'ן?

א ר י ו נ א : יאָ, מיט טשיטרא'ן! איך וואונדער מיך וואָס פאר א נדר האָט זי באדארפט מקיים זיין וואָס זי האָט זיך אוועקגעלאָזט אויף איהר הייליגער נסיעה, אָדער אין וואָס נויטיגט זי זיך?

ט ש י ט ר א : וואָס זי דארף? הם, וואָס האָט זי דען אמאָל געהאט, אָט די אומגליקליכע באשעפעניש. טאקע אָט די מעלות אירע זענען ווי טורמע וועגט איינשליסענדיג איר פרויען הארץ אין א פוסטער קאמער. זי איז פארפינסטערט, פאר'חושכ'ט. איר פרויליכע שעהנקייט מוז זיך צופרידענשטעלען צו געהן געקליידט אין שמאטעס, שעהן איז זי ניט. זי איז ווי דער גייסט פון א גרויען פרימאָרגען זיצענדיג אויף דעם שטיי־נערדיגען שפּיץ בארג, איר גאנץ ליכט פארשטעלט פון טונקעלע כמארעס.

א ר י ו נ א: האָט איר אין דעם קעניגרייך גאָר קיין היטער ניט?

ד אָ ר פ ל י י ט: פרינצעסין טשיטרא איז געווען די שרעק פון אלע שלעכטסטוער. ביז זי איז געווען אין דעם גליקליכען לאנד האָבען מיר בלויז מורא געהאט פאר נאטירליכע טויטען, ווייטער פאר קיין זאך ניט. איצט איז זי אוועקגעגאנגען ערגיץ אין א הייליגען פלאץ און קיינער ווייס ניט וואו זי צו געפינען.

א ר י ו נ א: איז דער הויפט פון דעם לאנד א פרוי?

ד אָ ר פ ל י י ט: יאָ. זי איז אונזער טאטע און אונזער מאמע אינאיינעם. (געהען ארויס.)

(טשיטרא קומט אריין.)

ט ש י ט ר א: ווארום זיצסטו אזוי איינער אליין?

א ר י ו נ א: איך פרואוו מיר פאָרשטעלען וואָס פאר א פרוי קאָן דאָס זיין די פרינצעסין טשיטרא. פון אלערליי מענשען הער איך אזוי פיל געשיכטעס וועגען איר.

ט ש י ט ר א: אָ, אָבער זי איז ניט שיין. זי האָט ניט אזעלכע ליבע אויגען ווי מיינע, שווארץ ווי דער טויט. זי קאָן דורכלעכערען יעדעס צילברעט וואָס זי וויל נאָר, אָבער ניט דאָס הארץ פון אונזער העלד.

א ר י ו נ א: מ'זאָגט זי איז א מאן אין בראווקייט און א פרוי אין צערטליכקייט.

ט ש י ט ר א: און דאָס איז ערשט איר גרעסטער אומגליק. ווען א פרוי איז בלויז א פרוי; ווען זי וויקעלט זיך ארום די מענערשע הערצער מיט איר שמייכלען, אירע טרערען, אירע באדינסטען און אירע באליבענדע צערטליכקייטען, דאן איז זי גליקליך. וואָס דארף זי קענטעניש און גרויסע שטרעבונגען? וואָלסטו זי געזעהן נעכטען אין דעם הויף פון גאָט שיווא'ס טעמפעל, וואָלסטו זי פארבייגעגאנגען, ניט אומקוקענדיג זיך אפילו אויף איר. און ווידער, ביזטו שוין אזוי מיד פון א פרוי'ס שעהנקייט, אז דו זוכסט שוין אין איר דעם מאנ'ס שטארקייט?

אין א הייל, פינסטער ווי די נאכט, האָב איך אויסגעבעט אונזער מיטאָג־בעט מיט גרינע בלעטער נאָס פון דעם שוים פון דעם שוימענדיגען וואסערפאל. די קילקייט פון דעם ווייכען גרינעם מאָך אויף דעם

געוואָרען א מאן? ניין, ניין דו וואָלסט עס ניט געקאָנט פארטראָגען. עס איז בעסער דאָס איך זאָל האלטען ארום זיך אויסגעשפרייט די אלע שעהנע שפילעכלעך פון דער פארגעהענדיגער יוגענד, און ווארטען געדולדיג אויף דיר. ווען דיר וועט זיך פארוועלען קומען צוריק, וועל איך שמייכלענדיג געבען דיר דעם פארגעניגען־ווייַן אין דעם בעכער פון אָט דעם שעהנעם קערפער, ווען דו וועסט זיין מיד און אָנגעזעטיגט מיט דעם וויין, וועסטו זיך קאָנען געהן ארבייטען אָדער שפּילען; און ווען איך וועל אלט ווערען וועל איך מיט הכנעה און דאנקבארקייט אָננעמען וואָס פאר א ווינקעלע עס וועט האָרט בלייבען פאר מיר. וואָלט עס צופרידענגע־שטעלט דיין הערצאישע נשמה, ווען דיין ליבעס חבר פון דער נאכט וואָלט זיך פארוואָלט זיין דיין לעבענס חבר בייטאָג, ווען דער לינקער אָרעם וואָלט זיך אויסגעלערנט צו טיילען זיך מיט דער משא פון דעם שטאָלצען רעכטען אָרעם?

א ר י ו נ א: איך קאָן דיך קיינמאָל ריכטיג ניט קענען. דו קוקסט מיר אויס ווי א געטין באהאלטען אין א גאָלדענער געשטאלט. איך קאָן דיך ניט אָנרירען, איך קאָן דיר ניט צאָלען וואָס דיר קומט פאר דיינע אומשעצבארע מתנות, דעריבער איז מיין ליבע ניט פולקאָמען. אָפטמאָל, אין דער רעטזעלהאפטער טיפעניש פון דיין טרויעריגען קוק, אין דיינע שפּילעוודיגע ווערטער, וועלכע מאכען חוזק פון זייער איי־גענעם טייטש, דערזעה איך א ווען וועלכעס רייסט זיך צו צערייסען די איידעלע שעהנקייט פון איהר קערפער און פון דעם נעבעלהאפטען שלייער פון שמייכלען ארויסקומען אין א ריינעם פייער פון ליידען. אילוזיע איז די ערשטע ערשיינונג פון אמת, זי קומט צו איר געליבטען פארשטעלטערהייט. אָבער עס קומט א צייט ווען זי וואַרפט אראָפּ אירע באפּוצעכצען און אירע שלייערס און בלייבט שטעהן אָנגעטאָן אין איר נאקעטער ווירדע. איך זוך אָט־אָ־יענע גאנצע ד ו, יענע פשוטע איינ־פאכקייט פון אמת.

ווארום ווייַנסטו, מיין ליבע? ווארום פארדעקסטו דיין געזיכט מיט דיינע הענט? האָב איך דיר וועה געטאָן, מיין טייערע? פארגעס וואָס איך האָב געזאָגט. איך וועל זיין צופרידען מיט דעם וואָס איז דאָ איצט. זאָל יעדער באזונדערער מאָמענט פון שעהנקייט קומען צו מיר ווי א מיסטעריעז פייגעלע פון איר אומזיכטבארער נעסט אין דער

פרעג מיך ניט איר לעבענסגעשיכטע. עס וועט קיינמאָל ניט קלינגען גוט אין א מאנ'ס אויערען.

אַ ר י ו נ אַ. איך בין נייגעריג זיך צו דערוויסען אלץ וועגען איר. איך בין ווי א רייזענדער וואָס קומט אין א פרעמדער שטאָט אין מיטען ביינאכט. הייזער און מויערען און גאָרטען־בוימער אלץ קוקט אויס אזוי צעשוואומען, פארשאָטענט, און דאָס שטילע מורמלען פון דעם ים הערט זיך צייטענווייז אין דער שטילקייט פון שלאָף. מיט אומגעדולד וואַרט ער דאן אויף דעם פריהמאָרגען ער זאָל אים אנטפּלעקען אלע פרעמדע זאכען, אה, דערצעהל מיר איר געשיכטע.

טשיטרא: וואָס נאָך איז דאָ צו דערצעהלען?

אריונא: מיר דוכט איך זעה זי, אין מיין געדאנק, ווי זי רייט אויף א ווייסען פערד, שטאָלץ האלטענדיג די לייצעס אין איר לינקער האנט, און אין איר רעכטער האנט א בויגען, און ווי די געטין פון זיג פארשפּרייט זי פרעהליכע האָפנונג ארום זיך. ווי אן אמת'ע לייבין באַשיצט זי די קליינע לייבעלעך ביי איר ברוסט מיט א שרעקליכער ליבע. א פרוי'ס אָרעמס, מעגען זיי זיין באַ'חנ'ט בלויז מיט אומבאַשרענקטער קראַפט, זענען זיי שעהן! מיין הארץ איז אומרוהיג, ליבסטע, ווי א שלאנג ווען זי כאַפּט זיך אויף פון איר לאנגען ווינטער שלאָף. קום, לאָמיר זיך ביידע יאָגען אויף פלינקע פערד זייט ביי זייט, ווי צוויי ליכט שטראַלען זיך טראָגענדיג אין רוים. ארויס פון אָט דער דרימלענדיגער געפענגניש פון גרינער טונקעלהייט, פון אָט דעם דעמפּען, געדיכטען, מיט פּערפיום פאר'שכור'ענדיגען צודעק, דערשטיקענדיגער לופט.

טשיטרא: אריונא, זאָג מיר דעם אמת, ווי א שטייגער ווען דורך א כשוף וואָלט איך זיך געקאָנט באפרייען פון אָט דער איידענשאַפט־ליכער ווייכקייט, אָט די צאַרטע שעהנהייט־בליהונג זאָל דורך דעם האַר־טען געזונטען ריר פון דער וועלט איינגעשרומפּען ווערען, פארשווינ־דען, און ווי געבאָרגטע קליידער זאָל איך זיי אראָפּוואַרפען פון מיין קערפּער, וואָלסטו עס געקאָנט פארטראָגען? ווען איך שטעל זיך אוועק פאר דיר א גלייכע, א שטאַרקע מיט דער שטאַרקייט פון א וואַנענדען האַרצען, אָפּשטויסענדיג די קונצען און די מיטלען פון שוואַכקייט, ווען איך זאָל האַלטען מיין קאָפּ הויך ווי א הויכער יונגער באַרג־בוים, ניט שלעפּענדיג זיך מעהר אין שטויב ווי א ליאנא, וואָלט איך דאן געפעלען

שאנדלאָזע פרוי איז געקומען דיך לויבען פונקט ווי זי וואָלט געווען א מאן. דו האָסט זי צוריקגעוויזען; האָסט גוט געטאָן. מיין גאָט, איך בין יענע פרוי. זי איז געווען מיין מאסקע. דאן האָב איך מיט גאָט'ס הילף גע־קראָגען פאר א יאָר צייט די שענסטע מענשליכע געשטאלט, וואָס א שטערבליכער האָט ווען געהאט, און איך האָב פארמאטערט דאָס הארץ פון מיין העלד מיט דער משא פון אָט דער פאלשקייט. מער ווי זיכער דאָס איך בין ניט יענע פרוי.

איך בין טשיטרא. ניט קיין געטין, צו וועלכער מען זאָל דינען, אָבער אויך ניט עטוואָס אויף וואָס מ'קאָן רחמנות האָבען אָדער גלייכ־גילטיג אוועקשארען אן א זייט אָט ווי א פליגעלע. אויב עס שטעהט דיר אָן מיך האלטען לעבען זיך אויפ'ן וועג פון געפאר און געוואגטקייט, אויב דו וועסט מיר ערלויבען זיך טיילען מיט די גרויסע פליכטען פון דיין לעבען, דאן וועסטו ערשט וויסען מיין אמת'ן איך. אויב דיין קינד, וועלכעס איך טראָג אין מיין טראכט, וועט געבוירען ווערען א זוהן, וועל איך אליין אים לערנען ער זאָל זיין א צווייטער ארױנא, און ווען די צייט וועט קומען וועל איך אים אָפשיקען צו דיר, און דאן וועסטו ערשט אויף אן אמת מיך קענען. איצט קאָן איך דיר בלויז פאָרלעגען טשיטרא'ן, א קעניג'ס טאָכטער.

ארױנא: ליבסטע, מיין לעבען איז פול.

פינסטערניש ברייגענדיג א מוזיק שליחות. לאָמיך אייביג זיצען מיט מיין האָפנונג אויפ'ן ראנד פון איר רעאליזירונג און אזוי ארום ענדיגען מיין לעבען.

ניינטע סצענע

טשיטרא (איינגעהילט אין א מאנטעל): מיין גאָט, איז דער בעכער אויסגעלעדיגט ביז'ן לעצטען טראָפּען? איז דאָס ווירקליך שוין דער סוף? ניין, ווען אלעס איז פאַריבער, בלייבט דאָך עפּעס איבער, און דאָס איז מיין לעצטער קרבן פאר דיר.

איך האָב געבראכט פון הימעלשען גאָרטען בלומען פון אומפאַר־גלייכבארער שעהנקייט, מיט וועלכע איך זאָל דינען צו דיר, גאָט פון מיין הארצען. אויב דער גאָטעסדיענסט איז פאַראיבער, אויב די בלומען זענען פארוועלקט געוואָרען, לאָמיך זיי ארויסוואַרפען פונ'ם טעמפעל (נעמט אראָפּ דעם מאנטעל בלייבענדיג אין אירע מענערישע קליידער). איצט קוק אויף דיין דינער מיט מילדע אויגען.

איך בין ניט אזוי שעהן ווי די בלומען מיט וועלכע איך האָב געדינט צו דיר, איך האָב פילע חסרונות און פעלערען, איך בין א וואנדערער אויף דעם גרויסען וועלטוועג, מיינע קליידער זענען שמוציג, און מיינע פיס זענען צעבלוטיגט פון דערנער. וואו זאָל איך קריגען די בלומען שעהנקייט, די אומבאפלעקטע ליבליכקייט פון א מינוטליכען לעבען? די מתנה וואָס איך ברענג דיר מיט שטאָלץ איז דאָס הארץ פון א פרוי, דאָ האָבען זיך אָנגעקליבען אלע ליידען און פריידען די האָפנונגען און שרעקען און חרפּות פון אן ערדישער טאָכטער; פון דאנען שפּראָצט ארויס די ליבע שטרעבענדיג צו אן אומשטערבליכען לעבען. דאָ ליגט אן אומפולקאָמענהייט, וועלכע איז דאָך נאָבעל און גרויס. אויב דאָס דינען מיט בלומען איז געענדיגט, מיין האר, נעם אָן דאָס אלס דיין דינער פאר די קינפטיגע טעג.

איך בין טשיטרא, דעם קעניג'ס טאָכטער. קאָנסט זיך אפשר דער־מאָנען דעם טאָג ווען א פרוי איז געקומען צו דיר אין שיוואַ'ס טעמפעל, איר קערפּער באלאָדען מיט באפוצעכצען און שעהנע קליידער. יענע

מעגליכע געזיכטס־פונקטען איבער א געגענשטאַנד, און דער רעאַלער אומ־טיילבאַרקייט פון א געגענשטאַנד.

א סך אנדערע פּראָבלעמען זענען אנטשטאַנען פון דער זעלבער אי־לוזיע. דאס וואס די אומבאַוועגליכע פּונקטען זענען צו דער באַוועגונג, דאס זענען די באַגריפען וועגען פאַרשיידענע קוואַליטעטען צו דעם קוואַ־ליטאַטיווען בייט פון א געגענשטאַנד. די פאַרשיידענע באַגריפען, וואס אין זיי לייזט זיך אויף די פאַרענדערונג זענען דעריבער די שטאַנדהאַפטע געזיכטס־פּונקטען פון דער אומבאַשטאַנדהאַפטיגקייט פון דער ווירקליכ־קייט. און צו קלערען וועגען א זאַך אין דעם געוועהנליכען זין פון וואָרט „קלערען“, הייסט אויפנעמען איינע אָדער מעהר אומבאַוועגליכע געזיכטס־פּונקטען פון דער באַוועגליכקייט פון דער זאַך. אין קורצען קאַן מען זאָגען, אז אַזאַ קלערען באַשטעהט אין דעם, וואס מען פרעגט זיך פון צייט צו צייט, וואו איז די זאַך, כדי מען זאָל וויסען וואס מיט איהר צו טאָן. וואָלט עס זיך געהאַנדעלט נאָר וועגען א פּראַקטישער דערקענט־ניס פון דער ווירקליכקייט וואָלט איבריגענס אַזאַ אַרט פּראָצעדורע גע־ווען זעהר און זעהר באַרעכטיגט. די דערקענטניס, אַזוי ווייט ווי זי איז אָריענטירט אויף די ערפאַרונג, דאַרף ניט מעהר ווי אויסרעכענען די שטע־לונגען, וואס די זאַך נעמט אַן צו אונז, אַזוי גוט ווי די בעסטע שטעלונ־גען וואס מיר נעמען אן צו דער זאַך. דאס איז די געוועהנליכע פונקציע פון די פאַרטיגע באַגריפען, פון די סטאַציעס, וואס מיר מערקען אן אויף דעם וועג פון ווערן. צו וועלען אָבער מיט די פאַרטיגע באַגריפען אריינ־דרינגען אין דער אינערסטער טבע פון זאַכען, הייסט אַנצואווענדען צו דער באַוועגליכקייט פון דעם רעאַלען א מעטאָד, וואס איז געשאַפען גע־וואָרען אויף צו געבען אומבאַוועגליכע פּונקטען, וואס פון זיי קאַן מען באַאָבאַכטען די באַוועגליכע רעאַליטעט: עס הייסט צו פאַרגעסען, אז אויך מעטאַפיזיק איז מעגליך, קאַן זי נאָר זיין א שווערע, פול מיט וועה־טאָגען אנשטרענגונג ארויפצושטייגען אויף דעם נאַטירליכען באַרג־אָפּ פון אונזער געדאַנקען ארבייט, כדי דורך א מין אינטעלעקטועלער פאַנאַנדער־שפּרייטונג זיך צו פאַרזעצען אין דעם תוך פון דער זאַך, וואס מען שטו־דירט. קורץ, מעטאַפיזיק דאַרף זיין אַן אריבערגאַנג פון דער ווירקליכ־קייט צו באַגריפען, און ניט פון באַגריפען צו דער ווירקליכקייט. וואס איז דער חדוש, וואס די פילאָסאָפען זעהן אַזוי אָפט ווי דער אָביעקט, וועל־

האנרי בערגסאָן:
אַריינפיהר אין מעטאפיזיק.
אידיש פון וו. נאָטאָנזאָן.

דער דאָזיגער לערער און אומבאוועגליכער רוים, וואָס עקזיסטירט נאָר אין באגריף און קיין מאָל ניט אין דער עמפינדונג, האָט דעם ווערט נאָר פון אַ סימבאָל, און אויב מיר האָבען צו טאָן מיט סימבאָלען, פרעגט זיך, ווי קאָן מען ווען עס איז די ווירקליכקייט מיט זיי פאבריצירען?

דער סימבאָל ענטשפּרעכט אָבער די איינגעוואָרצעלטסטע געוואוינ־הייטען פון אונזער דיינקען. מיר פאַרזעצען זיך געוועהנליך אין דער אומבאוועגליכקייט, וואָס איז איהר געפינען מיר אַ שטיץ־פונקט פאַר אונזער פּראקסיס, און דורך איהר שטרעבען מיר צו רעקאָנסטרואירען די באוועגליכקייט, אויף אַזאַ אופן באקומען מיר זעהר ניט קיין גערעטענע נאָכאָמונג, אַ פעלשונג פון דער ווירקליכער באוועגונג. די נאָכאָמונג דינט אונז אין לעבען אַ סך בעסער איידער די אינטואיציע פון דער זאך גופא. און אונזער גייסט פאַרמאַגט אַ אומווידערשטעהענדיגע נייגונג צו באטראַכטען די אידעע, וואָס דינט אונז אָמבעסטען, אַלס די קלאָרסטע, דערפאַר זעהט דעם גייסט דאָס אומבאוועגליכע אויס צו זיין קלאָרער איידער דאָס באוועגליכע און דערפאַר ווייזט זיך אונזער גייסט אויך אויס, אַז די רוהה קומט פריהער פאַר באוועגונג.

דערפון נעהמען זיך די שוועריגקייטען, וואָס דאָס פּראָבלעם פון באַ־וועגונג האָט גורם געווען זינט דעם גאָר גאָר פאַרצייטיגען אַלטערטום. די שוועריגקייטען זענען תמיד אַ פועל יוצא פון דעם, וואָס מיר באשטעהען אויף דער מעגליכקייט אריבערצוגעהן פון רוים צו באוועגונג, פון דעם שטח וואָס מען פליהט דורך, צום פּראָצעס פון פליהען גופא, פון דעם אומבאוועגליכען פונקט צו באוועגליכקייט, און מיר רעכענען, אַז דאָס קאָן געטאָן ווערן דורך אַ חבור פון פונקטען. די באוועגונג איז אָבער פריהער פאַר דער אומבאוועגליכקייט, און דער שייכות צווישען די פּאָזיציעס, וואָס ווערען פאַרנומען אין רוים, און דער ענדערונג וואָס קומט פאַר אין די רוימליכע פאָזיציעס, איז ניט קיין שייכות צווישען טיילען און אַ גאַנ־צעס, נאָר דאָס איז אַ שייכות צווישען דער פאַרשיידענאַרטיגקייט פון

ווען איך פּרוביר צו א נ א ל י ז י ר ע ן די דויער, דאָס הייסט, ווען איך וויל זי אין פאַרטיגע באַגריפען אויפלייזען, בין איך געצוואונגען, א דאַנק דער עצם טבע פון באַגריפען, און אַנאַליז, אַנצונעהמען מכח דויער אין אַלגעמיין צוויי הפכים'דיגע אַנזיכטען, וואָס מיט זיי מאַך איך נאָכהער א פּאַרזוך די דויער ווידער צונויפזעצען. די דאָזיגע קאָמבינאַציע איז וועלכער עס שטעקט עפּעס וואונדערליכעס, מחמת עס לייגט זיך ניט אויפ'ן שכל, ווי קומען זיך צוויי הפכים צו פאַראייניגען, קאָן אונז ניט פאַרשטעלען ניט קיין פאַרשיידענאַרטיגקייט פון גראַדען, און ניט קיין פאַרשיידענהייט פון פאָרמען. זי איז, ווי אַלע וואונדער, אָדער דאָ אָדער נישטאָ. מיר וועט למשל אויסקומען צו זאָגען, אַז דאָרט איז פון איין זייט פאַראַן א פ ו ל ק י י ט פון סוקסעסיווע באַוואוסטזיינס צו־שטאַנדען, און פון דער אַנדערער זייט אַן א י י נ ה י י ט, וואָס בינדט זיי ווידער צונויף. דויער וועט זיין א „סינטעז“ פון דיזער איינהייט און פון דיזער פולהייט. דאָס איז א געהיימניספול שטיקעל ארבייט, וואָס געהט אַן אין דער פינסטער. און וואָס בנוגע צו איהר, חזר איך איבער, קאָן מען ניט איינזעהען ווי זי קאָן צולאָזען נואַנסען און גראַדען. על פּי דער דאָזיגער השערה קומט אויס, אַז עס איז פאַראַן, און אַז עס קאָן נאָר זיין איין און איינציגער דויער, און דאָס איז די דויער, וואָס מיט איהר אָפּערירט על פּי הרגל אונזער באַוואוסטזיין. לאָמיר זיך גענויער אויס־דריקען: ווען מיר נעהמען דויער אין דעם איינפאַכען אַנבליק פון באַ־וועגונג, וואָס ווערט געמאַכט אין רוים, און ווען מיר פּרובירען די באַ־וועגונג, באַטראַכט אַלס פאַרטרעטערין פון צייט, צו באַגרייפען רעדוצי־רען, האָבען מיר פון איין זייט אַזוי פיעל וויפיעל אונז ווילט זיך פונק־טען פון דער פלולינייע, און פון דער אַנדערער זייט אַן אַבסטראַקטע איינהייט, וואָס האַלט די פונקטען צוזאַמען ווי א שנירעל האַלט די פּערעל פון א האַלזבאַנד. צווישען אַט דער אַבסטראַקטער פולקייט און אַט דער אַבסטראַקטער איינהייט איז די קאָמבינאַציע, ווען זי ווערט אַנגענומען אַלס מעגליך, עטוואָס איינציגעס, און מיר האָבען ניט פאַר איהר קיין נואַנסען, פונקט ווי מיר האָבען זיי ניט אין דער אריפמעטיק פאַר א חבור פון געגעבענע צאָהלען. דאַגעגען אָבער, אויב אַנשטאָט אַנאַליזירען די דויערן, (ד. ה. אין גרונד מאַכען א סינטעז פון איהר מיט באַגריפען) פאַר־זעצען מיר זיך אין איהר מיט א מאָל דורך אַן אַנשטרענגונג פון אינטו־

כען זיי ווילען פאקען, פליהט פון זיי אוועק, פונקט ווי דער רויך, וואס די קינדער ווילען כאפען מיט די הענט. און אזוי ארום האלטען אן די שטרייטינגקייטען צווישען די שולען אין דער פילאסאפיע, איין שול אויפ־ווארפענדיג דער אנדערער, פאר וואס זי האט דערלאזט, אז די רעאליטעט זאל פון אונטער איהרע הענט נעלם ווערן.

אויב אבער מעטאפיזיק זאל אנגעהן מיט אינטואיציע, אויב אינטואי־ציע האט פאר איהר געגענשטאנד די באוועגליכקייט פון דויער, און אויב די טבע פון דויער איז א פסיכישע, וועט עס ניט מיינען צו זאגען, אז די עובדה פונ׳ם פילאסאף איז אויסשליסליך נאך איבער זיך זעלבסט צו רעפלעקטי־רען? וועט פילאסאפיע באשטעהן ניט מעהר ווי דערין, וואס זי וועט פשוט זיך אליין זעהן לעבען ווי „דער שלעפעריגער הירט האט געזעהן דאס וואַ־סער פליסען“? אזוי צו זאגען מיינט אומקעהרען זיך צוריק צום טעות, וואס אויף איהם האבען מיר גלייך פון אנפאנג פון אונזער אונטערזוכונג ניט אויפגעהערט אנצואווייזען. עס מיינט שלעכט צו פארשטעהן די איינענטימליכע נאטור פון דויער, און גלייכצייטיג אויך דעם וועזענטליך אקטיווען, איך וואלט כמעט געמעגט זאגען, דעם גוואלטזאמען כאראק־טער פון דער מעטאפיזישער אינטואיציע. עס מיינט ניט צו זעהען, אז נאר דער מעטאד, וועגען וועלכען מיר רעדען, ערלויבט אונז אוועקגעהן ווייטער פון דעם אידעאליזם, אזוי גוט ווי פון דעם רעאליזם, נאר דער מעטאד ערלויבט אונז צו באהויפטען, אז עס עקזיסטירען זאכען, וואס הגם זיי זענען אין א געוויסען זין אינוועניג אין אונז, שטעהען זיי, איי־ניגע אויף א נידריגער, און אנדערע אויף א העכערער מדרגה איידער מיר, נאר א דאנק דעם מעטאד מאכען מיר די דאזיגע זאכען צו קאעקזיסטי־רען איינע מיט די אנדערע, און פארטרייבען ביסלעכווייז די טונקעל־הייט וואס דער אנאליז האט ארום די דאזיגע גרויסע פראבלעמען אנ־געקליבען. ניט אריינלאזענדיג זיך דא אין אן אונטערזוכונג וועגען די פארשיידענע פונקטען, וועלען מיר זיך באנוגענען דערמיט, וואס מיר ווע־לען צייגען, ווי אזוי די אינטואיציע, וועגען וועלכער מיר רעדען, איז ניט איין אקט נאר אן אומענדליכע רייהע פון אקטען, אלע בלי ספק פון איינעם און דעם זעלבען מין, אבער פון א גאנץ באזונדערער ארט, און מיר וועלען אויך צייגען, ווי אזוי די פארשיידענארטיגקייט פון די אקטען שטימט צונויף מיט אלע גראדען פון דעם זיין.

אָדער צום אַנדערען פון די צוויי באַגריפען. איינע האַלטען זיך ביים שטאַנדפונקט פון פולהייט. זיי שטעלען אוועק אַלס די קאָנקרעטע רעאַליטעט די באַזונדערע מאָמענטען פון צייט, וועלכע זיי האָבען פולווע־ריזירט. די איינהייט ווידער, וועלכע מאַכט מעגליך פאַר אונז אַנצורו־פען די דאָזיגע קערענדלעך פּוידער, באַטראַכטען זיי פאַר עפּעס, וואָס איז מעהר קינסטליך איידער די פולהייט. די אַנדערע, אין גענענטהייל, פּאָנירען די איינהייט פון דויער אַלס די קאָנקרעטע רעאַליטעט. זיי באַ־זעצען זיך אין דאָס אייביגע היות אָבער ווי זייער אייביגקייט בלייבט טראָץ דעם אַבסטראַקט, ווייל זי איז ליידיג — ליידיג דערפאַר, וואָס זי איז אַן אייביגקייט פון אַ באַגריף, וואָס על פּי השערה שליסט אויס דעם אַנטגעגען־געזעצטען באַגריף — לכן איז אומעגליך צו זעהען, ווי אַזוי די דאָזיגע אייביגקייט קאָן צולאָזען, אַז מיט איהר צוזאַמען זאָל עקזיסטירען אַן אומבאַשטימטע פולהייט פון מאָמענטען. אין דער ער־שטער היפּאָטעזע האָבען מיר אַ וועלט, וואָס הייננגט אין דער לופט, און וואָס מוז זיך יעדען אויגענבליק אליין ענדיגען, און פון דאָס ניי אָנפאַנ־גען. לויט דער צווייטער האָבען מיר אַן אומענדליכקייט פון אַן אַב־סטראַקטער אייביגקייט, וואָס בנוגע איהר איז גראָד אַזוי שווער צו פאַר־שטעהן, פאַר וואָס זי בלייבט ניט איינגעהילט אין זיך גופא, און ווי אַזוי זי ערלויבט זאָכען מיט איהר צו קאָעקזיסטירען. אין ביידע פאַלען אָבער, און פאַר וואָסער אַ מעטאַפיזיק פון די ביידע איינער זאָל זיך ניט איינ־שטעלען, זעהט צייט אויס פון אַ פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט צו זיין אַ געמיש פון צוויי אַבסטראַקציעס, וואָס לאָזען ניט צו ניט קיין נואַנסען און ניט קיין גראַדען. אין איין סיסטעם, אַזוי גוט ווי אין דעם אַנדערען, ניט עס נאָר איין און איינציגע דויער, וואָס רייסט מיט אַלעם מיט זיך — אַ גרונדלאָזער, ברעגלאָזער טייך, פליסט אין אַ ריכטונג, וואָס לאָזט זיך בשום אופן ניט באַשטימען. אין דער אמת'ן איז דאָס קיין טייך אויך ניט. מיר קאָנען דאָס אָנרופען טייך, און דער טייך פליסט נאָר דער־פאַר, וואָס בעת די ביידע דאָקטרינען האָבען זיך פאַרפלאָנטערט אין זייער לאָגיק, האָט די רעאַליטעט אויסגענוצט דעם מאָמענט און האָט זיי געצוואונגען נאָכצוגעבען, אַז זי איז אַ פלוס. אַזוי שנעל אָבער ווי די דאָקטרינען קומען צו זיך פונ'ם פלאָנטער, פאַרשטאַרען זיי דעם פלוס ענטוועדער אין אַן אומגעהויער, פעסטער דעק, אָדער אין אַן אומענדליכ־

איציעס באקומען מיר א געפיהל פון א געוויסער זעהר באשטימטער גע־שפאנקייט, אין וועלכער די באשטימהייט גופא זעהט אויס ווי א דויער, אויסדערוועהלט פון דער אומענדליכקייט פון מעגליכע דויערען. פון דעם מאמענט אן קאנען מיר זיך מאהלען אזוי פיעל דויערען, וויפיעל אונז גלוסט זיך, אלע זעהר פארשיידען איינע פון די אנדערע, הגם יעטווידער איינער פון זיי, ווען רעדוצירט צו באגריפען, ד. ה. גענומען אויסערליך פון צוויי אנטגעגען־געזעצטע שטאנדפונקטען, קאן צוריק געפיהרט ווערן צו אן אומבאשטימטער קאמבינאציע פון פולהייט און איינהייט.

לאמיר אויסדריקען דיזעלבע אידעע פינקטליכער. ווען איך באַ־טראכט דויער אלס א פולהייט פון מאמענטען, וואס זענען פארבונדען איינע מיט די אנדערע דורך אן איינהייט, וואס לויפט דורך דורך זיי ווי א שנור, דאן, ווי קורץ די באשטימטע דויער זאל ניט זיין, זענען די מאַ־מענטען אומבאגרענעצט אין צאהל. איך קאן מיך זיי משער זיין אזוי נאהנט איינע צו די אנדערע ווי מיר געפעלט. עס וועט תמיד צווישען די ראזינגע מאטעמאטישע פונקטען ליגען אנדערע מאטעמאטישע פונקטען, און אזוי ווייטער ביז דער אומענדליכקייט. פון שטאנדפונקט פון פול־הייט, אלזא, דיסאינטעגרירט זיך דויער אין א שטויב ווירבעל פון מאַ־מענטען, וואס קיין איינער פון זיי דויערט ניט מחמת איטליכער פון זיי איז אויגענבליקליך. פון דער אנדערער זייט ווען איך באטראכט די איינ־הייט, וואס בינדט צונויף די מאמענטען, קאן זי אויך גראד אזוי וועניג דויערען, ווייל לויט דער היפאטעזע נאך איז אלין, וואס בייט זיך, אלין וואס איז ווירקליך דויערהאפט אין דער דויער, פארעכענט געווארען אויף דעם חשבון פון דער פולקייט פון מאמענטען. וואס מעהר איך וועל מיך פארטיעפען אין איהר מהות, אלץ מעהר וועט די איינהייט אויסווייזען צו מיר ווי אן אומבאוועגליכע סובסטראקט פון דאס וואס איז באוועג־ליך, ווי אן אומצייטליכע עסענץ פון צייט. און דאס אלעם רוף איך איי־בינגקייט — אן אייבינגקייט פון טויט, מחמת עס איז קיין אנדער זאך ניט ווי די באוועגונג, וואס פון איהר איז אנטרונען געווארען די באוועגליכ־קייט, וועלכע האט זי צום לעבען געבראכט. ווען מען זאל זיך גענוי צוקוקען צו די מיינונגען פון די אנטיגאניסטישע שולען בנוגע דער פראגע פון דויער, וואלט מען געזעהען, אז זיי נעהען זיך פאנאנדער בלויז אין דעם, וואס זיי שרייבען צו די הויפט וויכטיגקייט ענטוועדער צו איינעם

מעהר די באַגריפליכע אייביגקייט, די אייביגקייט פון טויט, נאָר די איי־
ביגקייט פון לעבען; א לעבעדיגע, און דערום א באַוועגליכע אייביגקייט.
נען איינגעוויקעלט אין דעם ליכט; אַן אייביגקייט, ווי די וויבראַציעס זע־
נען איינגעוויקעלט אין דעם ליכט; אַן אייביגקייט, וועלכע איז די קאָנ־
צענטרירונג פון דער גאַנצער דויער, ווי די מאַטעריאַליטעט איז איהר
צעשטרייאונג. צווישען די ביידע אַלערלעצטע גרענעצען באַוועגט זיך
די אינטואיציע, און די דאַזיגע באַוועגונג איז דער עצם תמצית פון דער
מעטאַפיזיק

עס קאָן קיין פראַגע ניט זיין וועגען דורכלויפען דאָ די פאַרשיידענע
עטאַפּען פון דער דאַזיגער באַוועגונג. נאָכדעם אָבער ווי מיר האָבען גע־
געבען אַן אַלגעמיינעם איבערזיכט פון דעם מעטאָד, און האָבען געמאַכט
די ערשטע אַנווענדונג פון איהם, וועט עס ניט זיין נוצלאָז צו פאָרמולי־
רען די פּרינציפּען, וואָס אויף זיי באַרוהט ער זיך. דער רוים פון די
פאָרמולירונגען, וואָס מיר וועלען איצט מאַכען זענען שוין צו א געוויסען
גראַד באַוויזען געוואָרען אין דער דאַזיגער אָפּהאַנדלונג. מיר האָפען זיי
מעהר פאָלשטענדיג צו דעמאָנסטרירען, ווען מיר וועלען קומען צו דער
באַהאַנדלונג פון אַנדערע פּראָבלעמען.

1. *עס איז פאַראַן א רעאַליטעט, וואָס הגם זי איז דרויסען פון אונז, איז זי דאָך אוממיטעלבאַר געגעבען צו אונזער גייסט.* דער
געזונטער מענשען פאַרשטאַנד האָט אין דעם פונקט רעכט, אַנטקעגען דעם
רעאַליזם און אידעאַליזם פון די פילאָסאָפען.

2. די דאַזיגע רעאַליטעט איז באַוועגליכקייט. ניט קיין אַנט־
שטאַנענע *זאַכען* עקזיסטירען, נאָר זאַכען וואָס אַנטשטעהען, ניט
קיין *צושטאַנדען*, וואָס דערהאַלטען זיך, עקזיסטירען, נאָר צו־
שטאַנדען וואָס בייטען זיך. די רוה איז תמיד נאָר שיינבאַר, אָדער, פיעל
מעהר, רעלאַטיוו. דער באַוואוסטזיין וועגען אונזער אייגענעם איך אין
זיין אומאיבערגעריסענעם פלוס פיהרט אונז אין דאָס אינערע פון א רע־
אַליטעט, וואָס על פי איהר מוסטער מוזען מיר אונז משער זיין אַנדערע
רעאַליטעטען. *די גאַנצע רעאַליטעט דעריבער איז א טענדענץ, אויב מען שטימט איין צו פאַר־שטעהען אונטער טענדענץ א ריכטונג, וואָס*

קייט פון קרישטאַלענע נאָדלען שטענדיג אין א ז א ך, וואָס נעמט א נויטווענדיגען אַנטייל אין דער אומבאַוועגליכקייט פון א ג ע ז י כ ט ס ־ פ ו נ ק ט.

גאַנץ אַנדערש קומט עס אויס, ווען דורך אַן אויפשטייגונג פון דער אינטואיציע, פאַרזעצען מיר אונז מיט איין שלאַג אין דעם קאָנקרעטען לויף פון דער דויער. מיר וועלען יעמאָלט בלי ספק ניט געפינען קיין לאָגישען גרונד אוועקצושטעלען פילפאַכע אָדער פאַרשיידענע דויערען. שטרענג גענומען, קאָן אפשר ניט זיין קיין אַנדערע דויער ווי אונזער איינענע, אקוראט אזוי אומגעפעהר ווי סע איז מעגליך, אַז עס זאָל ניט קאָנען זיין אין דער וועלט קיין אַנדער פאַרב אויסער למשל אָראַנזש. פונקט אָבער ווי א באַוואוסטזיין, וואָס איז אויף פאַרב באַזירט וועט, סימפּאַטיזירענדיג אינערליך מיט אָראַנזש, אויסערליך, אַנשטאַט צו עמ־פּפינדען אָראַנזש, זיך דערפיהלען געשטעלט צווישען געל און בלוי, און אפשר וועט ער אויך האָבען א חשד, אַז גאָר אונטער דער געלער פאַרב איז פאַראַן א גאַנצער ספּעקטרום, וואָס צו איהם ציהט זיך נאַטירליכער־ווייזע די קאָנטינואיטעט פון רויט צו געל, אַזוי אויך די אינטואיציע פון אונזער דויער, זייענדיג ווייט דערפון, אַז זי זאָל אונז לאָזען ווי דער אַנאַליז הייגגען אין דער לופט, ברייננט זי אונז אין באַריהר מיט א גאַנ־צער קאָנטינואיטעט פון דויערען, וועלכע מיר מוזען זעהען נאָכפאָלגען אַראָפּ אָונטען אָדער אַרויף אויבען. איןביידע פאַלען קאָנען מיר אונז, דורך א באַשטענדיג פאַרשטאַרקענדער אָנשטרענגונג, פאַנאַנדערציהען אין דאָס אומבאַגרעניצטע, אין ביידע פאַלען שטייגען מיר אונז גופא אַריבער. אין'ם ערשטען פאַל געהען מיר אויף א דויער, וואָס ווערט אַלע מאָל מעהר און מעהר צעשטרייט. די פולס שלאָגען פון דער דאָזיגער דויער זענען שנעלער פאַר אונזערע, זיי צעטיילען אונ־זערע איינפאַכע עמפּפינדונגען, און פאַרוואַסערען די קוואַליטעט פון דער דויער אין א קוואַנטיטעט. אופ'ן גרענעץ פון דער דאָזיגער דויער וואָלט געווען די ריינע איינאַרטיגקייט, די ריינע ו ו י ד ע ר ה א ל ו נ ג, וואָס דורך איהר דעפינירען מיר די מאַטעריאַליטעט. אין דער אַנדערער ריכ־טונג, געהען מיר אויף א דויער, וואָס ש ט ר ע נ ג ט ז י ך אָן און ציהט זיך רק מעהר און מעהר צונויף, און ווערט דורכאַנאַנד אינטעסיווער. אויפ'ן גרענעץ פון דער דאָזיגער דויער וואָלט געווען די אייביגקייט. ניט

אנטינאָנימען, וואס זי רופט ארויס, די ווידערשפּרוכען, אין וועלכע זי פאַלט אריין, די פאַנאַנדערטיילונג אין אנטינאָניסטישע שולען, און די אומגעלייזטע געגענזעצליכקייטען צווישען די סיסטעמען זענען אין א גרויסען טייל דער רעזולטאט דערפון, וואס מיר ווענדען אָן צו דער אומפּראַקטישער דערקענטניס פון דער רעאַליטעט די מיטלען, וואס מיט זיי באנוצען מיר אונז אַלע מאָל פאר פּראַקטישע צוועקען. זיי נעמען זיך דערפון, וואס מיר פאַרזעצען אונז אינ'ם אומבאַוועגליכען כדי דאָרט צו לעגען און טשאַטעווען דאס פארבייגעהן פונ'ם באוועגליכען, אַנשטאט וואס מיר זאָלטען אונז פאַרזעצען אינ'ם באוועגליכען, כדי דערמיט דורכצומאַכען די פעסטלינגענדינע פּונקטען. זיי נעמען זיך דערפון, וואס מיר ווילען רעקאָנסטרואירען די רעאַליטעט, וועלכע איז טענדענץ און פאַלגליך מאָביליטעט, מיט עמפּפינדונגען און באַגריפען, וואס זייער פונקציע איז צו אימאָביליזירען. מיט שטילשטאַנדען, מעגען זיי זיין ווי גרויס אין צאָהל, וועלען מיר קיין מאָל ניט בילדען קיין מאָביליטעט, אבער אויב מען געהט ארויס פון מאָביליטעט קאָן מען, דורך א מדרגה'דיגער פאַרלאַנגזאַמקייט, מיט דעם געדאַנק ארויסבאַקומען פון דער מאָביליטעט אַזוי פיעל וויפיעל מען וויל נאָר שטילשטאַנדען. אין אַנדערע ווערטער: עס איז קלאָר, אַז מען קאָן מיט דעם געדאַנק עקסטראַאירען פון דער באַוועגליכער רעאַליטעט באַשטימטע באַגריפען, סע איז לחלוטין אוממעגליך מיט באַשטימטע באַגריפען פון דאס ניי אויפשטעלען די באַוועגליכקייט פון דער רעאַליטעט. דער דאָגמאַטיזם אבער, אַזוי ווייט ווי ער איז געווען א בויער פון סיטעמען, האָט שטענדיג פאַרזוכט צו מאַכען די דאָזיגע רעקאָנסטרוקציע.

5. ער איז דורכגעפאַלען מיט דער דאָזיגער אונטערנעהמונג. און עס איז די דאָזיגע אָנמאַכט, און בלויז די דאָזיגע אָנמאַכט, וואס ווערט קאָנסטאַטירט פון די סקעפּטישע, אידעאַליסטישע און קריטישע, קורץ, פון אַלע דאָקטרינען, וואס זאָגען אָפּ דעם פאַרשטאַנד די פעהיגקייט צו דערלאַנגען דאס אַבסאָלוטע. דערפון אבער, וואס מיר קאָנען ניט מיט פאַרגליווערטע און פאַרטיגע באַגריפען אויפבויען די לעבעדיגע רעאַליטעט, איז נאָך ניט נעדרוננען, אַז מיר קאָנען זי ניט באַגרייפען אויף

אין איהר ווי אין א געקרייזעלטער ליניע זעצט זיך דורך די ענדערונג אלע מאל פון דאָס ניי.

3. אונזער גייסט, וואָס זוכט פעסטע שטיצפונקטען, האט פאַר זיין עיקר פונקציע אין דעם געוועהנליכען לויף פון לעבען דאָס פאָרשטעלען זיך פון צושטאנדען און זאכען. ער נעמט אויף ווען ניט ווען כמעט מאָמענטאַנע אנזיכטען פון דער רעאַליטעט'ס אומצוטיילטער באַוועגליכקייט אזוי ארום קריגט ער עמפפינדונגען און אידעען. אזוי ארום שטעלט ער אוועק אנשטאט דאָס קאָנטינואירליכע, דאָס איבערגע־ריסענע, אַנשטאַט באַוועגליכקייט, שטאנדהאפטיגקייט, אנשטאַט טענ־דענץ אינ'ם אַנגאַנג פון ענדערונג, באַשטימטע פונקטען, וואָס מאַרקירען די ריכטונג פון דער ענדערונג און פון דער טענדענץ. אזא שטעלפאַר־טרעטונג איז נויטיג פאַר דעם געזונטען מענשען פאַרשטאנד, פאַר דער שפּראַך, פאַר דעם פּראַקטישען לעבען; און אַפילו, אין א געוויסער מאָס, וועלכע מיר ווילען אונז באַמיהען צו באַשטימען, פאַר דער פּאָזיטיווער וויסענשאַפט. אונזער אינטעלעקט, ווען ער פאָלגט זיין נאטירליכע נייגונג, געהט אַן מיט פעס־טע עמפפינדונגען פון איין זייט, און מיט שטאנדהאפטע באַגריפען פון דער אנדערער זייט. ער געהט ארויס פון דאָס אומבאַוועגליכע; ער באַגרייפט און דריקט אויס די באַוועגונג נאָר אלס א פונקציע פון דער אומבאַוועגליכ־קייט. ער פאַרנעמט זיין פּלאַץ אין די פאַרטיגע באַגריפען, און באַמיהט זיך צו פאַנגען אין זיי, ווי אין א נעץ, די פאַרביילויפענדע רעאַליטעט. דאָס ווערט זיכער ניט געטאָן כדי צו באַקומען אַן אינערליכע און מעטאַ־פיזישע דערקענטניס פון דער רעאַליטעט. דאָס געשעהט פשוט כדי צו אוטיליזירען די רעאַליטעט, מחמת יעדער באַגריף, ווי יעדע איבערגע־ריסענע עמפפינדונג, איז א פּראַקטישע פראַגע, וואָס אונזער אקטיוויטעט שטעלט דער רעאַליטעט, און וואָס אויף איהר ענטפער די רעאַליטעט. ווי דאָס ווערט געטאָן אין געשעפטס פאַרהאַנדלונגען מיט א יאָ אדער א ניין. דערמיט אָבער פיהרט דער אינטעלעקט דערצו, אז פון דער רעאַלי־טעט זאָל איהר עצם תמצית אנטרונען ווערן.

4. די אין דער מעטאַפיזיק איינגעוואָרצעלטע שוועריגקייטען, די

פּאַרמאַגט, דער אינפעניטעסימאַל אַנאַליז, איז אַנטשטאַנען פון דער דאַ־זיגער אומקעהרונג. די מאָדערנע מאַטעמאַטיק איז אייגענטליך אַן אַנ־שטרענגונג צו רעכענען זיך דערמיט וואָס האַלט אין ווערען ליבער ווי מיט דעם וואָס איז שוין פאַרטיג. איר עובדה איז נאָכצוזוכען די אַנטשטעהונג פון כמות אין דער וועלט, אויפצופאַסען די באַוועגונג ניט מעהר אויסערליך, ווי די רעזולטאַטען וועלכע זי ברײנגט אַרויס, נאָר אינערליך, כאָטש עס שפּירט זיך איהר נייגונג זיך צו ענדערען. קורץ, די מאָדערנע מאַטעמאַטיק באַמיהט זיך פאַר איהר אייגענס צו מאַכען די אונאויפהערליכע באַוועגליכקייט פון דעם אומרים פון זאַכען. אמת, אַז זי האַלט זיך נאָך ביים אומרים, מחמת זי איז דאָך אַ וויסענשאַפט פון כמות. עס איז אויך אמת, אַז זי איז געקומען צו די וואונדערבאַרע אַנווענדונגען אַ דאַנק דער ערפינדונג פון געוויסע סימבאָלען. און אויב די אינטואיציע, וועגען וועלכער מיר האָבען נאָר וואָס גערעדט, שטעהט ביים אורשפּרונג פון דער ערפינדונג, איז דער סימבאָל אַליין דער פאַר־מיטלער פון דער אַנווענדונג. די מעטאַפיזיק אָבער, וואָס שטרעבט ניט צו קיין אַנווענדונג, קאָן, און זי זאָל, זיך צוריקהאַלטען פון פאַרוואַנדלען אינטואיציע אין סימבאָלען. באַפרייט פון דער פאַרפליכטונג צו אַרבײ־טען פאַר פּראַקטיש ניצליכע רעזולטאַטען, וועט זי פאַרגרעסערען אָהן אַ שיעור איהר פאַרשונגס געביט. וואָס זי וועט פאַרלירען אין פאַרגלייך מיט דער וויסענשאַפט אין ניצליכקייט און עקזאַקטהייט, וועט זי ווידער געווינען אין פאַרנעהם און אויסגעשפּרייטקייט. אויב מאַטעמאַטיק איז די וויסענשאַפט נאָר פון אויסמעסטונגען, אויב מאַטעמאַטישע פּראָצעסען זענען אַנווענדליך נאָר צו קוואַנטיטעט, דאַרף מען אָבער ניט פאַרגעסען אַז קוואַנטיטעט איז תמיד קוואַליטעט אין אַ צושטאַנד פון ווערן. קוואַנ־טיטעט קאָן מען זאָגען איז דער באַגרענצונג פאַל פון קוואַליטעט. דאַרום איז עס נאַטירליך, אַז די מעטאַפיזיק זאָל אַננעמען די שעפּפערישע אידעע פון אונזער מאַטעמאַטיק, כדי צו פאַרשפּרייטען זי אויף אַלע קוואַליטעט־טען, דאָס הייסט אויף די רעאַליטעט בכלל. זי וועט זיך דורך דעם בשום אופן ניט דערנעהענטערען צו דער אוניווערסאַלער מאַטעמאַטיק, דער כימערע פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע, אדרבה, וואָס ווייטער זי וועט געהן, אַלס מעהר וועט זי אַנטרעפען געגענשטאַנדען, וואָס קאָנען ניט איבערגעזעצט ווערען אין סימבאָלען. זי וועט אָבער לפּחות האָבען גע־

װאסערען עס איז אנדער אופן. די באוױיזען, װאָס זענען געגעבען גע־װארען מכח די רעאַליװיטעט פון אונזער װיסען, לײַדען דעריבער פון אַן אורשפּרונגליכען חסרון: זײַ נעמען אָן, װידער דאָגמאַטיזם, װעלכען זײַ אַטאַקירען, אַז יעדע דערקענטניס מוז על פּי הדרך ארויסגעהן פון פעסט געשלאָסענע באַגריפען, כּדי אין זײַ אַרײַנקלאַמערען די פליסענדע רע־אַליטעט.

6. דער אמת איז אָבער, אַז אונזער אינטעלעקט קאָן פאַרפאַלגען אַן אומגעקעהרטען מעטאָד. ער קאָן זיך פאַרזעצען אין דער באַװעגליכער רעאַליטעט, אננעמען איהר אומאױפהערליך, בײַטענדיגע ריכטונג, קורץ, ער קאָן זי באַגרײַפען מיט דער הילף פון דעם א י נ ט ע ל ע ק ט ו ־ע ל ע ן מ י ט ג ע פ י ה ל, װאָס איהם רופען מיר אַן א י נ ט ו א י ־צ י ע. דאָס איז אומגעהויער שװער. דער גײַסט מוז זיך גופא פאַר־גװאַלטיגען, ער מוז אומקעהרען די ריכטונג פון זײַן געװעהנליכער אַרט פון דײַנקען, ער מוז באַשטענדיג אומדרעהען, אָדער, פיעל מעהר, אומ־שאַפען זײַנע קאַטעגאָריען. אַזוי אַרום אָבער װעט ער קומען צו די פלי־סיגע באַגריפען, װאָס זענען ביכולת נאָכצופאָלגען די רעאַליטעט אין אַלע איהרע בויגונגען, און אננעמען די עצם באַװעגונג פון'ם אינערליכען לע־בען פון זאַכען. נאָר אויף אַזאַ אופן װעט זיך בילדען אַ פאַרגעשריטענע פילאָסאָפיע, װאָס װעט זײַן פרײַ פון די דיספּוטען צװישען די פאַרשײַ־דענע פילאָסאָפישע סיסטעמען, און װאָס װעט זײַן פעהיג צו לײַזען אויף אַ נאַטירליכען אופן די פּראָבלעמען, װײַל זי װעט אױסגעלײַזט װערן פון די קינסטלערײַשע אױסדרוקען, װאָס אין זײַ װערן די פּראָבלעמען געשטעלט. פ י ל אָ ס אָ פ י ר ע ן ב אַ ש ט ע ה ט ד ע ר י ן, װ אָ ס מ ע ן ק ע ה ר ט א ו ם ד י ר י כ ט ו נ ג, װ אָ ס א י ז א י ה ר נ ע ה ט אָ ן ע ל פּ י ה ר ג ל ד י א ר ב ײַ ט פ ו ן ג ע ד אַ נ ק.

7. די דאָזיגע אומקעהרונג איז קײן מאָל ניט פּראַקטיצירט געװאָ־רען אויף אַ מעטאָדישען אופן. אַ פאַרטיעפונג אָבער אין דער געשיכטע פון'ם מענשליכען געדאַנק װאָלט געצײַגט, אַז איהר דער דאָזיגער אומ־קעהרונג, האָבען מיר צו פאַרדאַנקען אַלץ װאָס איז דאָס גרעסטע אין די װיסענשאַפטען, װי אויך אַלץ װאָס איז לעבענס־פעהיג אין דער מעטאַפי־זיק.

די מעכטיגסטע פאָרשונגס מעטאָדען, װאָס דער מענשליכער גײַסט

איז אלעס איבעריגע אנטשפרעכונגען. דאס פארזעהען די אינטואיציע האט מיט זיך געבראכט אלץ, וואס איז געזאגט געווארען פון די פילאזאפען און פון די וויסענשאפטס מענער גופא מכח די „רעלאטיוויטעט“ פון וויסענשאפטליכער דערקענטנים. רעלאטיוו איז די סימבאלישע דערקענטניס דורך די פון פריהער באשטעהענדע באגריפען, וועלכע געהען פונ'ם ניט רירעוודיגען צום באוועגליכען, בשום אופן אבער ניט די אינטואיטיווע דערקענטניס, וועלכע פארזעצט זיך אינ'ם באוועגליכען, און נעמט אן אנטייל אין דעם עצם לעבען פון זאכען. די דאזיגע אינטואיציע דערגרייכט דאס אבסאלוטע.

די עקזאקטע וויסענשאפטען און די מעטאפיזיק טרעפען זיך אלזא צוזאמען אין דער אינטואיציע. א באמת אינטואיטיווע פילאזאפיע וואלט רעאליזירט די שטארק געווינשטע פאראייניגונג פון וויסענשאפט און מעטאפיזיק. זי וואלט געמאכט די מעטאפיזיק פאר א פאזיטיווער וויסענשאפט, דאס הייסט פאר א וויסענשאפט, וואס איז פראגרעסיוו, און פעהיג זיך אהן א שיער צו פארפאלקאמען, און אין דער זעלבער צייט וואלט זי געבראכט די, אין דעם געגענטליכען זין, פאזיטיווע וויסענשאפטען דערצו, אז זיי זאלען ווערן באוואוסטזיניג אויף זייער אמת'ן פארנעם, וועלכער איז אפט א סך גרעסער ווי זיי שטעלען זיך איהם פאר. זי וואלט אריינגעבראכט מעהר וויסענשאפט אין דער מעטאפיזיק, און מעהר מעטאפיזיק אין דער וויסענשאפט. זי וואלט געהאלפען צו באנייען די קאנטינואיטעט פון די אינטואיציעס, וועלכע די פארשיידענע וויסענשאפטען האבען, א דאנק די בליצען פון זשעניען, דערגרייכט דא און דארט אין פארלויף פון זייער געשיכטע.

9. אז עס איז ניט פאראן קיין צוויי פארשיידענע אופנים פון דערקענען זאכען גרינדליך, אז די פארשיידענע וויסענשאפטען האבען זייער שורש אין דער מעטאפיזיק, דאס איז געווען די אלגעמיינע איבערצייגונג פון די פילאזאפען פון אלטערטהום. ניט דא איז דער טעות געלעגען. זייער טעות איז באשטאנען דערין וואס זיי זענען געווען באוועלטיגט פון א גלויבען, וואס איז נאטירליך פאר דעם מענשענס גייסט, נעמליך, אז

מאַכט דעם אַנפאַנג פון קומען אין באַריהר מיט דער אומאיבערגעריסענ־קייט און באַוועגליכקייט פון דער רעאַליטעט סאַמע דאַרט, וואו דער באַ־ריהר קאַן אויף דעם וואונדערליכסטען אופן אויסגענוצט ווערן, זי וועט האַבען זיך באַטראַכט אין א שפּיגעל, וואָס שפּיגעלט אָפּ דאָס בילד פון איהר זעלבסט, א בילד בלי ספק א סך א פאַרקלענערטס, דערפאַר אַבער א זעהר העלס. זי וועט מיט אַן איבערלעגענדער קלאַרקייט זעהן, וואָס די מאַטעמאַטישע פּראַצעסען האַבען געבאָרגט פון דער קאַנקרעטער רעאַליטעט, און זי וועט אוועק אויפן וועג פון דער קאַנקרעטער רעאַליטעט, און ניט פון די מאַטעמאַטישע פּראַצעסען. נאָכדעם אַלזאָ, ווי מיר האָבען פאַראויס מילדער געמאַכט דאָס, וואָס איז צו באַשיידען און גלייכצייטיג צו אַמביציעז אין אונזער פאָלגענדער פאָרמולע, קאָנען מיר זאָגען, אַז *די אויפגאַבע פון דער מעטאַפיזיק איז דורכצופיהרען קוואַליטאַטיווע דיפערענצירונגען און אינטעגרירונגען.*

8. די דאָזיגע אויפגאַבע איז אויס'ן אויג פאַרלאָרען געגאַנגען און די וויסענשאַפט גופא האָט זיך טועה געווען בנוגע דעם אורשפּרונג פון די מעטאָדען, וואָס זי באַנוצט, דערפאַר וואָס די אינטואיציע, ווען זי ווערט שוין איינמאָל דערגרייכט, מוז געפינען אַן אויסדרוק און אַן אַנ־ווענדונג מאָדוס, וואָס זאָל זיך פּאַסען פאַר די געוואוינטהייטען פון אונזער דענקען און וואָס זאָל אונז באַזאָרגען דורך פעסטגעשטעלטע באַ־גריפען מיט די זיכערע שטיצפּונקטען, אין וועלכע מיר נויטיגען זיך אַזוי שטאַרק. דערין ליגט דער תנאי פאַר דאָס, וואָס מיר רופען עקזאַקטהייט און גענויקייט, ווי אויך פאַר דער אומבאַשרענקטער פאַרשפּרייטקייט פון אַן אַלגעמיינעם מעטאָד אויף איינצעלנע פאַלען. די דאָזיגע פאַרשפּרייט־קייט און די דאָזיגע אַרבייט פון דערנעהענטערן זיך צו לאָגישער פאָלקאָ־מענהייט קאָן אַנגעהן פאַר יאָהרהונדערטע, דער אַקט אַבער, וואָס באַשאַפט דעם מעטאָד, דויערט נאָר איין הרף עין. דעריבער נעמען מיר אַזוי אָפט אָן דעם לאָגישען אַפּאַראַט פון דער וויסענשאַפט פאַר די וויסענשאַפט גופא*), און מיר פאַרגעסען די מעטאַפיזישע אינטואיציע, וואָס פון איהר

*) וועגען דעם דאָזיגען פונקט ווי איבער דאָס רוב פראַגען באַהאַנדעלט אין דער דאָזיגער עסיי, זעה די אינטערעסאַנטע אַרטיקלען פון הערען Wilbois Le Roy ווועלכע זענען ערשינען אין Revue de Métaphysique et de Morale.

מחכּ׳ת דאָס איז אַלץ וואָס געהט אַן דעם מענשליכען גערדאַנק, אַזוי ווייט ווי ער איז מענשליך. צו באַגרייפען דאָס, וואָס קומט פאָר אין די אינ־טערוואַלען, איז מעהר איידער מענשליך, און פילאָזאָפיע קאָן נאָר זיין אַן אַנשטרענגונג אַריבערצושטייגען די מענשליכע באַדינגטהייט.

וויסענשאַפטס־לייט האָבען זייער אויפמערקזאַמקייט געשיינקט די באַגריפען, וואָס מיט זיי האָבען זיי באַצייכענט דעם וועג פון דער אינ־טואיציע. וואָס מעהר געוויכט זיי האָבען געלייגט אויף די דאָזיגע אָפּ־זאַצען, וועלכע זענען אין סימבאָלען פאַרוואַנדעלט געוואָרען, אַלץ מעהר האָבען זיי יעדער וויסענשאַפט צוגעשריבען אַ סימבאָלישען כאַראַקטער. און וואָס מעהר זיי האָבען געגלויבט אין דעם סימבאָלישען כאַראַקטער פון דער וויסענשאַפט, אַלס מעהר האָבען זיי געמאַכט די וויסענשאַפט סימבאָ־ליש. זיי האָבען שוין באַלד ניט געמאַכט קיין נפקא מינה אין די פּאָזי־טיווע וויסענשאַפטען צווישען דעם נאַטירליכען און דעם קינסטליכען, צווישען די דאַטע פון אוממיטעלבאַרער אינטואיציע און דער אומערמעס־ליכער אַרבייט פון אַנאַליז, מיט וועלכען דער פאַרשטאַנד האָט אַרומגע־רינגעלט די אינטואיציע. אַזוי אַרום האָבען זיי געלייגט אַ וועג פאַר אַ דאָקטרין, וואָס באַהויפּטעט די רעאַליטיוויטעט פון אונזער דערקענטניס.

די מעטאַפיזיק אָבער האָט אויך געאַרבייט אין דער זעלבער ריכ־טונג.

ווי האָבען געקאָנט די מייסטערס פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, וועלכע זענען געווען די באַנייער פון דער וויסענשאַפט אַזוי גוט ווי פון דער מעטאַפיזיק, — ווי האָבען זיי געקאָנט ניט האָבען קיין געפיל פון דער באַוועגליכער אומאויפהערליכקייט פון דער רעאַליטעט? ווי האָבען זיי געקאָנט זיך אָפּהאַלטען פונ׳ם אַריינדרינגען אין דאָס, וואָס מיר רופען קאָנקרעטע דויער? זיי האָבען דאָס געטאָן אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ווי זיי האָבען דאָס געוואָלט, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווי זיי האָ־בען דאָס געזאָגט. ווען מען פּרובט פאַרבינדען צוזאַמען דורך איין לוי־פענדע ליניע אַלע אינטואיציעס, וואָס אַרום זיי האָבען זיך סיסטעמען אָרגאַניזירט, געפינט מען נעבען די ליניען, וואָס געהען זיך פאַנאַנדער, און וואָס געהען זיך צונויף, אַ געוויסע באַשטימטע ריכטונג פון געדאַנק און געפיהל. וואָס איז דער דאָזיגער לעבעדיגער געדאַנק? ווי זאָלען מיר אויסדריקען דעם דאָזיגען געפיהל? כדי נאָך איין מאָל באַנוצען די

א פאַרענדערונג קאָן נאָר זיין אַ אויסדרוק און אַן אנטוויקלונג פון אומ־פאַרענדערליכקייטען. במילא איז אויסגעקומען, אַז טעטיגקייט איז א שוואַכקייט פון קלערען, דויער א באַטריגעריש און באַוועגליך בילד פון דער אומבאַוועגליכער אייביגקייט, נשמה אַן אַפּפאַל פון דער אידעע. די גאַנצע פילאָזאָפיע, וואָס הויבט זיך אָן מיט פּלאַטאָ און דערגרייכט איהר קולמינאַציאָנס פונקט מיט פּלאָטין איז אַן אנטוויקלונג פון דעם פּרינציפּ, וועלכער קאָן פאָרמולירט ווערען אויף אַזאַ'ן אופן: „דאָס אומבאַוועגליכע איז א סך אינהאַלטפולער ווי דאָס באַוועגליכע. פון'ם שטאַנדהאַפטען צום שטאַנדהאַפטלאָזען געהען מיר אריבער דורך אַן איינפאַכער פאַרמינ־דערונג“.

די מאָדערנע וויסענשאַפט רעכענט זיך פון דעם טאָג, ווען די באַ־וועגליכקייט איז אויפגעשטעלט געוואָרען אלס א זעלבסטשטענדיגע רע־אַליטעט. פון דעם טאָג, ווען גאַליליי האָט אַראָפּגעלאָזט א באַל פון א משופּע'דיגען פליין, און האָט באַשלאָסען צו שטודירען די באַוועגונג פון'ם באַל פון אנהויב ביז'ן סוף פאַר זיך און אין זיך גופא, אנשטאָט צו זוכען דעם פּרינציפּ פון דער באַוועגונג אין די באַגריפען פון ה ו י כ ־ ק י י ט און נ י ד ר י ג ק י י ט, אין די צוויי אומבאַוועגליכקייטען, וואָס דורך זיי האָט אַריסטאָטעל געגלויבט צו קענען מעהר אָדער ווייניגער גענוי דערקלערען די באַוועגליכקייט. און דאָס איז ניט קיין איזאָלירטער פאַקט אין דער געשיכטע פון דער וויסענשאַפט. מייסטענס פון די גרויסע אנטדעקונגען, לפּחות די, וואָס האָבען איבערגעאַנדערשט, אָדער וואָס האָ־בען נייע וויסענשאַפטען באַשאַפען, האָבען באַטינט אַזוי פיעל פּאַרטיי־פונגען אין דער ריינער דויער. וואָס לעבעדיגער די רעאַליטעט, וואָס מען האָט באַרירט, אַלס טיפער איז געווען דאָס אַראָפּלאָזען זיך צו איהר.

דער בליישנור אָבער, וואָס זינקט אין גרונד פון מעער, ברייננט אַרויף א שיטערע מאַסע, וואָס ווערט פון דער זונען היץ שנעל פאַרטרי־קענט אין האַרטע ניט צוזאַמענגעהאַנגענע זאַמד־קערענדלעך. דאָס זעל־בע איז מיט דער אינטואיציע פון דויער. אין די שטראַלען פון דעם פאַר־שטאַנד ווערט זי שנעל פאַרוואַנדעלט אין שטאַרע, אָפּגעזונדערטע און אומבאַוועגליכע באַגריפען. דער פאַרשטאַנד איז עקשנות'דיג גענייגט צו מערקען אין דער לעבעדיגער מאָביליטעט די ווירקליכע אָדער ווירק־זאַמע סטאַציעס. ער פאַרצייכנ'נט דאָס אוועקגעהן און דאָס אָנקומען,

געקאָנט גלויבען, אַז די מעטאַפיזיקער האָבען אַ טיפען טונעל געגראָבען אונטער דער רעאַליטעט, און די וויסענשאַפטס־מענער האָבען איבער איהר אַ פּראַכטיגע בריק אריבער געוואָרפען, דער לעבעדיגער שטראָם פון זאַכען אָבער, געהט זיך פאַרביי די דאָזיגעביידע קינסטליכע קאָנסטרוקציעס, און ריהרט זיי ניט אַז.

איינע פון די הויפּט אויפטואונגען פון דער קאַנטישער קריטיק באַשטעהט דעריין, וואָס זי האָט געננומען ביים וואָרט די מעטאַפיזיק און דעם וויסענשאַפטס־מאַן, און האָט געטריבען ביידע, אי די מעטאַפיזיק אי די וויסענשאַפט, ביז צו דעם עקסטרעמען גרענעץ פון סימבאָליזם, צו וועלכען זיי האָבען נאָר געקאָנט געהען, און וואָס צו איהם געהען זיי במילא פון זיך אליין, אַזוי שנעל ווי דער פאַרשטאַנד פאָדערט אַן אומאָפּהענגיקייט, וועלכע איז פול מיט געפאַרען. נאָכדעם ווי קאַנט האָט איינמאָל פאַרזעהען די פאַרבינדונג פון דער וויסענשאַפט און דער מעטאַפיזיק מיט דער אינטעלעקטועלער אינטואיציע, איז איהם שוין ניט שווער געווען צו באַווייזען, אַז אונזער וויסענשאַפט איז לגמרא רעלאַטיוו און אונזער מעטאַפיזיק דורכאויס קינסטליך. אין דעם ערשטען, ווי אין דעם צווייטען פאַל, האָט קאַנט מגזם געווען די אומאָפּהענגינקייט פון דעם פאַרשטאַנד, און האָט אי די וויסענשאַפט אי די מעטאַפיזיק לויז געלאָזט פון דער אינטעלעקטועלער אינטואיציע, וועלכע האָט זיי געגעבען זייער אינערליכען שטאָף, און דעריבער האָט ער אין דער וויסענשאַפט מיט איהרע שייכות'ן געזעהען נאָר אַ דין הייטעל פון פאָרם, און אין דער מעטאַפיזיק מיט איהרע זאַכען ניט מעהר ווי אַ דין הייטעל פון אינהאַלט. איז דאָס אַ חדוש, וואָס די וויסענשאַפט אָנטפלעקט צו איהם נאָר ראַמען איינגעפּאַסט אין ראַמען, און די מעטאַפיזיק פאַנטאָמען וואָס יאָגען זיך נאָך נאָך פאַנטאָמען? די קלעפּ, וואָס קאַנט האָט געגעבען אונזער וויסענשאַפט און אונזער מעטאַפיזיק, זענען געווען אַזוי גוואַלטיג, דאָס עד היום זענען זיי נאָך ניט געקומען צו זיך פון דער באַטויבטקייט. אונזער גייסט וואָלט גערען איינגעוויליגט צו זעהען אין דער וויסענשאַפט בלויז אַ רעלאַטיווע דערקענטניס, און אין דער מעטאַפיזיק אַ לעערע ספּעקולאַציע. עס צייגט זיך נאָך איצט אונז אויס, אַז די קאַנטישע קריטיק באַציהט זיך אויף דער גאַנצער מעטאַפיזיק און אויף דער גאַנצער וויסענשאַפט. אין דער ווירקליכקייט באַציהט זיך דער עיקר אויף דער פילאָ־

שפּראַך פון די פּלאַטאָניקער, וועלען מיר זאָגען — אוועקנעמענדיג פון די ווערטער זייער פּסיכאָלאָגישען זין, און באַצייכענענדיג מיט דעם נאָמען אידעע א געוויסע זיכערע רוהיגקייט אין דער שוים פון לייכטער באַגרייפליכקייט, און מיט דעם נאָמען נשמה א געוויסען דאַרשט נאָך דער אומרוהיגקייט פון לעבען — אז אַן אומזיכטבאַרער שטראָם פיהרט די מאָדערנע פילאָזאָפיע דערצו, אַז זי זאָל שטעלען די נשמה העכער איבער דער אידעע. זי שטרעבט אַלזאָ ווי די מאָדערנע וויסענשאַפט, און נאָך מעהר איידער זי, צו געהען אין דער ריכטונג, וועלכע איז דער הפּוך פון דער אַנטיקער אַרט דענקען.

די מעטאַפיזיק אָבער האָט, ווי די וויסענשאַפט, איינגעוויקעלט איהר טיעף לעבען אין א רייכען געוועב פון סימבאָלען, און זי האָט פאַרגעסען, דאָס ווערענד די וויסענשאַפט דאַרף האָבען סימבאָלען פאַר איהר אַנאַליטישער אַנטוויקלונג, איז די הויפּט עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג פון דער מעטאַפיזיק איהר אָוועקמאַכען מיט די סימבאָלען. דאָ האָט ווידער דער פאַרשטאַנד געטאָן זיין אַרבייט פון פיקסירען, פאַנאַנדערטיילען און בויען פון דאָס ניי. אמת, ער האָט דאָס געטאָן אין אַן עטוואָס פאַרשיידענער פאָרם. ניט באַשטעהענדיג איצט אויף א פונקט, וועלכען מיר האָבען בדעה צו אַנטוויקלען אַנדערש וואו, וועט דאָ זיין גענוג צו זאָגען, אַז דער פאַרשטאַנד, וואָס זיין פונקציע איז צו אָפּערירען מיט שטאַנדהאַפטיגע עלעמענטען, קאָן זוכען די שטאַנדהאַפטיגקייט ענטוועדער אין ש י י כ ו ת ׳ ן אָדער אין ז א כ ע ן. אזוי ווייט ווי ער אַרבייט איבער באַגריפען פון שייכות׳ן, שלאָגט ער זיך אָן דעם ו ו י ס ע נ ־ ש א פ ט ל י כ ע ן סימבאָליזם. אזוי ווייט ווי ער אַרבייט איבער באַגריפען פון זאַכען, קומט ער צום מעטאַפיזישען סימבאָליזם. אין׳ם ערשטען אָבער ווי אין׳ם צווייטען פאַל, בריינגט דער פאַרשטאַנד די איינאָרדנונג, דערפאַר וואָלט ער גערן געגלויבט, אַז ער איז אומאָפּהענגיג. ער נעמט אויף זיך ליבערשט די געפאַר, אַז זיין גאַנצע אַרבייט זאָל באַטראַכט ווערען ניט מעהר ווי א קינסטליכע איינאָרדנונג פון סימבאָלען איידער גלייך צו אָנערקענען, וואָס ער האָט צו פאַרדאַנקען דער טיפער אינטואיציע פון דער ווירקליכקייט. אזוי, דאָס ווען מען זאָל זיך האַלטען בוכשטעבליך ביי דעם, וואָס די מעטאַפיזיקער און וויסענשאַפטס־לייט זאָגען, ווי אויך ביי דעם אינהאַלט דערפון, וואָס זיי טוען, וואָלט מען

מאַטיק — דאָס איז וואָס די וועלט פון אידעען ווערט, ווען מיר נעמען אָן, אַז די אידעע באַשטעהט אין אַ שייכות, אָדער אין אַ געזעץ, און ניט מעהר אין אַ זאַך. קאַנט האָט דעם דאָזיגען חלום פון אייניגע מאָדערנע פילאָזאָפען געגומען פאַר אַ ווירקליכקייט, נאָך מעהר, ער האָט געגלויבט, אַז די גאַנצע וויסענשאַפטליכע דערקענטניס איז בלויז אַן אָפּגעזונדערטער פראַגמענט אָדער, פיעל מעהר, אַן ערשטער שריט צו אוניווערזאַלער מאַ־טעמאַטיק. דעריבער איז די הויפּט אויפגאַבע פון דער קריטיק צו באַגרינדען די דאָזיגע מאַטעמאַטיק, דאָס הייסט צו באַשטימען וואָס מוז זיין דער אינטעלעקט און וואָס מוז זיין דער געגענשטאַנד, כדי אַ מאַטעמאַטיק, וואָס ווייס ניט פון קיינע איבעררייסען, זאָל זיי קאָנען ווי־דער איינעם מיט דעם אַנדערען פאַרבינדען. במילא קומט אויס, אַז אויב יעדע מעגליכע ערפאַרונג קאָן איינגעפּאַסט ווערען אין די שטאַרע און פאַרטיגע ראַמען פון אונזער פאַרשטאַנד, איז דאָס דערפאַר (ווען־יגסטענס אויב מען נעמט ניט אָן אַז די פון פאַראויס באַשטימטע האַרמאָניע (וואָס אונזער פאַרשטאַנד גופא אָרגאַניזירט די נאַטור און געפינט זיך אַליין ווי־דער אַמאָל אין איר ווי אין אַ שפּיגעל. דערפון נעמט זיך די מעגליכ־קייט פון דער וויסענשאַפט, וואָס איז ווירקזאַם, וואָרים זי איז רעלאַ־טיוו. די מעטאַפיזיק איז אוממעגליך דערפאַר וואָס איהר בלייבט ניט קיין אַנדער זאַך צו טאָן ווי מיט פאַנטאָמען פון זאַכען נאָכצוטאָן דער וויסענשאַפט אין איהר ערנסטער ארבייט פון איינאָרדנען באַגריפען איבער שייכות׳ן. בקיצור, די גאַנצע קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט איז אויסען פעסטצושטעלען אַז דער פּלאַטאָניזם וואָס איז ניט כשר אויב אידעען זענען זאַכען, ווערט כשר אויב אידעען זענען שייכות׳ן, און אַז די פאַרטיגע אידעע נאָכ־דעם ווי זי איז שוין אַראָפּגעבראַכט געוואָרען פון הימעל און פון דער ערד איז אין דער ווירקליכקייט, ווי פּלאַטאָ האָט געדיינקט, דער געמיינזאַמער פונדאַ־מענט פאַר׳ן דיינקען און פאַר דער נאַטור. די גאַנצע קריטיק אָבער פון דער ריינער פאַרנונפט באַרופט זיך אויך אויף דעם פּאָסטולאַט, דאָס אונזער אינטעלעקט איז ניט ביכולת צו טאָן עפּעס אַנדערש ווי צו פּלאַטאָניזירען,

זאַפיע פון די אַלטע פילאָזאָפען און אויך אויף דער נאָך גאַנץ אַנטיקער פאָרם, און וועלכער די מאָדערנע האָבען געלאָזט שטעקען זייער דיינקען. די קאַנטישע קריטיק גילט פאַר אַ מעטאַפיזיק, וואָס פּרעטענדירט צו געבען אונז אַן איינציגען און פאַרטיגען סיסטעם פון זאַכען, פאַר אַ וויסענשאַפט, וואָס וויל זיין אַן איינציגער סיסטעם פון שייכות'ן. קורץ, פאַר אַ וויסענשאַפט און מעטאַפיזיק, וואָס לאָזען זיך דאַרשטעלען אין דער ארכיטעקטאָנישער איינפאַכקייט פון דער פלאַטאָנישער אידעען לעהרע, אָדער פון אַ גריכישען טעמפעל. אויב די מעטאַפיזיק וויל זיין צונויפגעשטעלט פון באַגריפען, וואָס מיר האָבען פאַרמאָגט איידער זי איז אויף דער וועלט געקומען, אויב זי באַשטעהט אין אַ שאַרפזיניגער איינאָרדנונג פון פריהער עקזיסטירענדע אידעען, וועלכע מיר באַנוצען אַלס בוי־מאַטעריאַל פאַר אַ בנין — בקיצור, אויב זי איז עפּעס אַנדערש, ווי די באַשטענדיגע פאַנאַדערשפרייטונג פון אונזער גייסט, די דורכאַנאַנד באַנייענדע אַנשטרענגונג צו איבערשטייגען אונזערע געגענווארטיגע אידעען, און אפשר אויך אונזער עלעמענטאַרע לאָגיק, איז דאָס קלאָר ווי דער טאָג אַז, ווי אַלע ווערק פונ'ם פאַרשטאַנד, מוז זי אויך ווערן קינסטליך. און אויב די וויסענשאַפט איז גאַנץ און גאָר אַן ארבייט פון אַנאַליז, אָדער פון דער פאַרשטעלונג אין באַגריפען, אויב די ערפאַרונג דינט נאָר אַלס אַ וועריפיצירונג פון די „קלאָרע אידעען", אויב אַנשטאָט ארויסצוגעהן פון פילפאַכע און פאַרשיידענע אינטואיציעס, וואָס פאַסען זיך אריין אין די באַזונדערע באַוועגונגען פון איטליכער רעאַליטעט, ניט ווערענדיג דאָך איינגעשלאָסען איינע אין די אַנדערע, וויל זי זיין אַן אומערמעסליכע מאַטעמאַטיק, אַן איינציגער און פאַרשלאָסענער סיסטעם פון שייכות'ן, וואָס שפּאַרט איין אין אַ פון פריהער צוגעגרייטער נעץ די טאָטאַליטעט פון דער ווירקליכקייט — יעמאָלט מוז זי ווערן אַ דערקענטניס, וואָס איז בלויז רעלאַטיוו צו דעם מענשליכען פאַרשטאַנד. לעזט מען אויפמערקזאַם די קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט זעהט מען, אַז וויסענשאַפט פאַר קאַנט'ן האָט ווירקליך געמיינט אַזאַ מין אוניווערזאַלע מאַטעמאַטיק, און מעטאַפיזיק איז געוועזען צו איהם אַ כמעט ניט אומגעביטענער פּלאַטאָניזם. אין דער אמת איז דער חלום גופא וועגען אַ אוניווערזאַלער מאַטעמאַטיק אַ ירושה פונ'ם פּלאַטאָניזם. אַן אוניווערזאַלע מאַטע-

אבסורד. דאָס מיינט, אז די וויסענשאַפט ווערט ניט פאַרטגעזעצט דורך א רעגעלמעסיגער איינגעשלאָסענהייט פון באגריפען, וואָס זייער פּאַסען זיך געננוי איינע צו די אנדערע איז פאַראויס באַשטימט געוואָרען. אמת׳ע און פּרוכטבארע אידעען זענען ניט מעהר ווי נאָהענטע באַריהרונגען מיט די שטראָמען פון דער רעאַליטעט, וועלכע מוזען זיך ניט צונויפטרעפען דוקא אין איין פּונקט. די באַגריפען אבער, וואָס אין זיי זענען די אידעען איינגעוויקעלט, רייבען זיך אזוי לאַנג איינע אין די אנדערע ביז זייערע עקען ווערען רונד, אזוי ארום געפינען זיי א וועג ווי זיך אינאייגעם איינצואָרדענען.

די מאָדערנע מעטאפיזיק, פון דער אנדערער זייט, באַשטעהט ניט פון אזעלכע ראַדיקאַלע לייזונגען, וואָס זאָלען פיהרען צו סתירות — וועלכע קאָנען ניט אויפגעלייזט ווערען. עס וואָלט בלי ספק אזוי געווען, ווען עס זאָל אוממעגליך זיין איינצייגיג און איינאַרטיג אננעמען די טעזע און די אנטיטעזע פון די אנטינאָמיעס. פילאָזאָפיע באַשטעהט אבער גראד דערין, וואָס דורך דעם כח פון דער אינטואיציע, פאַרזעצט מען זיך אין די קאָנקרעטע רעאַליטעט, וואָס פון איהר נעמט די קריטיק אויסערליך צוויי אַנטגעגענגעזעצטע אנזיכטען; די טעזע און די אנטי-טעזע. איך וואָלט מיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלען, ווי אזוי שוואַרץ און ווייס דרינגען דורך איינע די אנדערע, ווען איך זאָל קיינמאָל ניט האָבען געזעהען גרוי; האָב איך אבער איינמאָל גרוי געזעהען, קאָן איך שוין לייכט פאָרשטעהען, ווי אזוי גרוי קאָן באטראַכט ווערען פון צוויי-ערליי געזיכטס-פּונקטען, מעגליך, שוואַרץ און ווייס. די דאָקטרינען, וואָס האָבען א געוויסען יסוד פון אינטואיציע, ווערען נצול פון דער קאַנ-טישער קריטיק, לפי ערך צו דעם אויף וויפיעל זיי זענען אינטואיטיוו. און די רעזינגע דאָקטרינען בילדען דאָס גאַנצע פון דער מעטאַפיזיק, בתנאי, אז ווען מען זאָל זיך רעכענען ניט מיט דער מעטאפיזיק, וועלכע איז שטאַר און טויט אין דער טעזע, נאָר מיט דער וואָס לעבט אין די פילאָזאָפען. די חלוקי דעות וואָס הערשען צווישען די שולען — דאָס הייסט, אין ברייטען זין פון וואָרט, צווישען די כתות פון תלמידים, וואָס האָבען זיך גרופּירט ארום די גרויסע מייסטערם — זענען געווים אויפ-פאַלענד. זענען זיי אבער אזוי שטאַרק צווישען די מייסטערס גופא? עטוואָס באַהערשט דאָ די פאַרשיידענהייט פון סיסטעמען, עטוואָס, חזר׳ן

דאָס הייסט צו ניסען יעדע מעגליכע ערפאַרונג אין פורעמס וואָס עקזיס־טירען פון פריהער.

דאָ ליגט די גאַנצע פראַגע. אויב וויסענשאַפטליכע דערקענטניס איז באמת דאָס וואָס קאַנט האָט געמיינט, דאַן איז פאַראַן נאָר איין איינפאַכע וויסענשאַפט, וואָס איז, ווי אריסטאָטעל האָט דאָס געגלויבט פאַרמירט און זאָגאָר פאַרמולירט פון פריהער אין דער נאַטור. גרויסע אנטדעקונ־גען באַלייכטען נאָר פונקט פאַר פונקט די פון פריהער געצייכענטע ליניע פון דער אין זאַכען אימינענטער לאָגיק, אקוראַט ווי די לעמפּלעך פון אַ פלאַמען־קראַנץ, וואָס ווערען אין אַ יום טוב נאַכט אָנגעצונדען איינע נאָך די אַנדערע און באַצייכענען די קאָנטורען פון אַ מאָנומענט. און אויב די מעטאַפיזישע דערקענטניס איז ווירקליך וואָס קאַנט האָט גע־מיינט, דאַן איז די מעטאַפיזיק בנוגע אַלע פּראָבלעמען באַשרענקט אויף צוויי אַנטגעגענגעזעצטע שטעלונגען פון גייסט, איינע ניט ווייניגער מע־גליך ווי די אַנדערע; איהרע אויסדרוקען זענען ניט מעהר ווי ווירקליכע קיין מאָל לאַנג נים אָנהאַלטענדיגע אויסוואַלען צווישען צוויי לאָזונגען, וועלכע זענען אין עצם פאַרמולירט פון אייביג אָן: זי לעבט און שטאַרבט אין סתירות. דער אמת אָבער איז אַז ניט די מאָדערנע וויסענשאַפט ציינט אונז אַזאַ איינרייהיגע איינפאַכקייט, און די מעטאַפיזיק שטעלט מיט זיך ניט פאַר געגענזאַצען, וואָס קאָנען בשום אופן ניט אויסגעגליכען ווערען.

די מאָדערנע וויסענשאַפט איז ניט איינהייטליך, און ניט איינפאַך. זי באַרוהט זיך, גיב איך אָהן וויטערעס צו, אויף אידעען, וועגען וועל־כע מיר געפינען ענדליך אויס, אַז זיי זענען קלאָר. די דאָזיגע אידעען זענען אָבער קלאָר געוואָרען גראַדענווייז דורך דעם געברויך, וואָס איז פון זיי געמאַכט געוואָרען. די גרעסטע טייל פון זייער קלאָרקייט האָבען זיי צו פאַרדאַנקען דעם ליכט וואָס די פאַקטען, און די אַנווענדונגען, צו וועלכע די פאַקטען האָבען געפירט, האָבען דורך אַ צוריקשטראַהלונג אויף זיי געוואָרפען, — מחמת די קלאָרקייט פון אַ באַגריף איז אין גרונד קוים עטוואָס אַנדערש, ווי דאָס אומצווייפעלהאַפטעס וויסען, אַז איך וועל פּראָפּיטירען געברויכענדיג דעם באַגריף. לכתחילה האָט מעהר ווי איי־נער פון די דאָזיגע באַגריפען געמוזט אויסקוקען דונקעל, נים לייכט גע־לאָזט זיך פאַראייניגען מיט די באַגריפען, וואָס זענען שוין אָנגענומען גע־וואָרען אין דער וויסענשאַפט, און איז ווירקליך נים ווייט געווען פון אַן

פארנעם, איז ער דאך די אײנפאכקײט אלײן. מעטאפיזישע אינטואיציע שײנט צו זײן פון דעם זעלבען מין. די דאקומענטען און אויפצײכענונגען פון דער ליטעראַרישער פארפאסונג שטימען דא צונויף מיט דעם סך הכל פון די באַאבאכטונגען און ערפאהרונגען, וואס זענען געזאמעלט פון דער פּאזיטיווער וויסענשאפט. מיר באקומען ניט קײן אינטואיציע פון דער רעאליטעט, דאס הײסט אן אינטעלעקטועלען מיטגעפיהל דערמיט וואס זי באזיצט אם אינערליכסטען, אויב מיר האבען ניט געוואונען איהר צוטרוי דורך א לאנגער חבר'שאפט מיט איהרע אויבענאויפיגע אויסדרוקען. און עס האנדעלט זיך דא ניט בלויז וועגען אסימילירען די באַדײטענדסטע פאקטען. אַ אומגעהויערע מאסע פון פאקטען מוז צונויפגעהויפט און צונויפגעשמאלצען ווערען, אזוי דאס מען קאן זיכער זײן, אז אין דעם ראזיגען געמיש וועלען אלע פארגעפאסטע און פארצײיטיגע אידעען וואס די באַאבאכטער האבען געלײגט אינ'ם יסוד פון זײערע באַטראכטונגען, נײטראליזירען אײנע די אנדערע. נאר אויף אזא אופן ווערט דער רויהער מאטעראל פון די באקאנטע פאקטען צום אויג געבראכט. אפילו אין דעם אײנפאכען און באזונדערס אײנדרינגליכען פאל, וואס מיר האבען אלס בײשפיל באנוצט, אפילו פאר דעם דירעקטען באריהר פון דעם איך מיט דעם איך, וועט די סוף כל סוף'יגע אנשטרענגונג פון דער באַשטימטער אינטואיציע אוממעגליך זײן פאר יעדען אײנעם, וואס האט ניט פארגלײכט, און וואס האט ניט פאראײניגט א גרויסע צאל פסיכאַלאגישע אנאליזען אײנע מיט די אנדערע. די מײסטערס פון דער מאַדערנער פילאסאפיע זענען געווען מענער, וואס האבען פאר זײער אײגענס געמאכט דעם גאנצען וויסענשאפטליכען מאטעריאל פון זײער צײט, און די פינסטערניש וואס האט געהערשט צו א געוויסען גראד פאר דעם לעצטען האלבען יאהרהונדערט אין דער מעטאפיזיק, האט אוינגעשײנליך קײן אנדער גרונד, ווי די אויסערגעוועהנליכע שוועריגקײט פאר דעם הײנטיגען פילאסאף באקאנט צו ווערען מיט דער צו שטארק דיפערענצירטער וויסענשאפט. אבער, הגם די מעטאפיזישע אינטואיציע קאן דערגרײכט ווערען נאר דורך מאטעריעלע דערקענטניס, איז זי דאך עפעס גאנץ אנדערש, ווי בלויז א רעזומע, אדער א סינטעז פון דיזער דערקענטניס. זי אונטערשײדט זיך פון איהר, חזר'ן מיר איבער, ווי דער באוועגליכער אימפולס אונטערשײדט זיך פון דעם וועג, וואס דער באוועגליכער קערפער

מיר איבער, וואס איז אזוי קלאר און איינפאך, ווי די בליישנור, וואס בנוגע איהר פיהלט מען, אז זי האט באריהרט מעהר אדער וועניגער טיעף דעם גרונד פון דעם זעלבען ים, הגם צו דער אויבערפלעך ברייננט זי יעדעס מאל פארשיידענע מאטעריאלען. אויף די דאזיגע מאטעריאלען ארבייטען עס געוועהנליך די תלמידים, דאס איז די ראלע פון דעם אנאליז. און דער מייסטער, אזוי ווייט ווי ער פארמולירט, אנטוויקעלט און זעצט איבער אין אבסטראקטע אידעען דאס, וואס ער האט ארויסגעבראכט, איז שוין אין א זין זיין איינענער תלמיד. דער פשוטער אקט אבער, וואס האט דעם אנאליז ארויסגערופען, און וואס פארבאהאלט זיך הינטער דעם אנא־ליז, שטאמט פון א פעהיגקייט, וואס איז גאנץ פארשיידען פון דער אנאליטישער, דאס איז לויט דעם באגריף גופא די אינטואיציע.

צום שלוס וועלען מיר זאגען אז אין דער דאזיגער פעהיגקייט איז נים פאראן קיין געהיימניספולעס. יעדער איינער פון אונז האט געהאט די געלעגענהייט אין א געוויסער מאס זי צו באנוצען. ווער עס האט צום ביישפיל געמאכט א פארזוך אויף ליטעראַרישע פארפאסונג, ווייסט גאנץ גוט, דאס ווען דער געגענשטאנד איז לאנג געשטודירט געווארען, ווען דער גאנצער מאטעריאל איז געזאמעלט געווארען, און די פארצייכע־נונגען זענען געמאכט געווארען, דארף מען נאך עפעס מעהר האבען, כדי אנצוגעהען מיט דער פארפאסונג גופא, און גאנץ אפט איז דאס א שמער־צענהאפטע אנשטרענגונג זיך אין רעכטען הארץ פון געגענשטאנד צו פארזעצען, און צו זוכען אזוי טיעף ווי מעגליך דעם אימפולס, וואס נאך דעם ווי מיר דערשפירען איהם האבען מיר שוין ניט מעהר צו טאן ווי אונז לאזען געהן. דער דאזיגער אימפולס, ווען מען האט איהם שוין עמפפאנגען ווייזט דעם גייסט דעם וועג, וואו ער קאן ווידער געפינען אלע באלעהרונגען, וואס ער האט געזאמעלט, און נאך טויזענדע איינציילהיי־טען. ער אנטוויקעלט זיך און אנאליזירט זיך גופא אין אויסדרוקען, וואס האבען קיין שיער ניט אין צאל; וואס ווייטער מיר געהען אלס מעהר אויסדרוקען אנטדעקען מיר; מיר וועלען קיין מאל ניט זאגען אליז וואס מיר וואלטען געקאנט זאגען, און דאך ווען מיר ווענדען אונז פלוצלינג צום אימפולס וואס מיר פיהלען הינטער אונז, און פרובירען איהם צו גרייפען, איז ער שוין פארפלויגען; דאס איז דערפאר, וואס ער איז ניט קיין זאך, נאר א באוועגונגס ריכטונג, און הגם ער איז אומענדליך אין



די שוידערליכע נייעס פון ברענער׳ס טויט האָט אונז געטראָפען, ווען דאָס איצטיגע בוך שריפטען איז שוין כמעט ווי אָפּגעדרוקט און דערצו האָט זיך ארויסגעוויזען, אז פאר יעדען איינעם פון אונז איז אויסערגעוויינליך שווער צו זאָגען וואָס ניט איז וועגען דעם אומגליק.

דאָס בעסטע וואָס מיר האָבען געקאָנט טאָן אונטער די אומשטענדען, איז געווען, איבערצודרוקען אויף דער הייסער מינוט ברענער׳ס ארטיקעל „נאָך תל־חי און ירושלים“, וואָס איז כמעט ווי א נבואה אויף זיין טויט.

י. ח. ברענער:

נאָך תל־חי און ירושלים.

אויב דער רעקלאראציע־ציוניזם האָט מיט זיין פארזיכערונג און הבטחות געזינדיגט, שטייען מיר, ארץ־ישראל־אידען, גרייט אויסצושטיין זיינע זינד.

און דער ציוניזם האָט געזינדיגט, דעם אמת פון ארץ־ישראל האָט ער פון פאָלק פארבאָרגען, די פאָלקס־כחות נישט געשטאַרקט, די קאָלאָניזאציע־ארבייט נישט פארגרעסערט, ביים שליסען די טויערען פון לאַנד, האָט ער דעם קאָפּ געבויגען, אַפילו הונדערט חלוצים, וועלכע זאָלען ארבייטען צו באפרידיגען זייערע ברויט־באַדערפנישען ביי לאַנד־ און שטאָט־ווירטשאַפט, אויף נאַציאָנאַלע קאפיטאלען געבויטע, וועלכע וואָלטען שוין במילא געשיצט אונזערע קינדער אין דעם טאָג, ווען דער שונא גרייפט אָן געגען זיי, האָט ער נישט אריינגעבראכט אין משך פון דער גאַנצער צייט.

דאַגעגען, האָט ער אָנשטאָט דעם זיך באַשעפטיגט מיט שיטען זאַמד אין די אויגען, מיט זשורנאַליסטישע דעמאָנסטראציעס, מיט קלאַפּען אין די פּושקעס, מיט אַגיטאַציעס ביי די געלט־זעק, מיט געהיימע שמועסען מיט פּאָליטיקער, מיט לאַווירען מיט׳ן מאַנדאַט, וואָס ענגלאַנד וועט באַקומען אין אַ טאָג, אין אַ וואָך, אין אַ חודש... און דערווייל האָט ענגלאַנד, די וועלט־זיגערין, אויטאָמאַטיש דעם מאַנדאַט באַקומען, און די סימפּאַטיע מצד דעם ערליכען טייל

לויפט הורך, ווי די געשפאנטקייט פון דער ספּראנדזשינע אונטערשיידט זיך פון די זיכטבארע באוועגונגען פון דעם אומרוה. אין דעם זין, האט די מעטאפיזיק קיין זאך ניט געמיינזאם מיט א פאראלגעמיינונג פון ער־פאהרונג, און דאך לאזט זי זיך דעפינירען אלס די ערשעפּפענדע איינהייט. אלס די אבסאלוטע טאטאליטעט פון אלע ערפארונגען.

נאָטיצען :

געבורטס־וויען.

(וועגען די פינף נומערן „רענעסאַנס“, אַ חודש זשורנאַל, רעדאַגירט פון ל ע אָ קעניג, לאָנדאָן.)

אין זיין פאָררעדע, „רענעסאַנס מאָטיוען“, געפינט לעאָ קעניג, אַז „דאָס אידישע פאָלק קאָפּירט איצט אַלטע מאַסקעס, אַלטע פארגלי־ווערטע פאָרמען...“ און ווייטער, אַז „עס האָט זיך פארבענקט נאָך אַ שטילשטאַנד, נאָך אַביסעלע רו, און נערט זיך אין זיין באוואוסטזיניג שאַפען און שטרעבען מיט נאָכמאַכונגען...“

לאָמיר זעהען ווי ער נעמט זיך לעזען די פראָבלעם, ווי ער וועט אריינהויבען אָריגינאַליטעט און אקטיוויטעט אין דעם שלאָפענדיגען אידישען זשעני.

די לייזונג איז א גאַנץ גרינגע. אין לאָנדאָן זיינען דאָ א היבש ביסעל אידען, וועלכע זיינען אנטיילנעמער און אָפטמאָל פירער פון די ראַדיקאַלע און קוריאָזע ענגלישע זשורנאַלען. איז עס איינגעפאַלען דעם הער קעניג, אַז דער ווידערגעבורט פון דער אידישער ליטעראַטור און קונסט וועט קומען ווען די דאָזיגע יונגע לייט וועלען שרייבען אידיש אנשטאט ענגליש... איך שטעל מיך פאָר, ווי לעאָ קעניג האָט ארויסגעשיקט א מימעאָגראַפירטען בריף, א בריף פול מיט „רענעסאַנס מאָטיוען“ און מיט רירענדיגע פראַזען וועגען ציון, און ווידערגעבורט, א. א. וו. און די לואיס גאָלדינג׳ס, די דזשאהן קורנאָסעס, די ווינסטענס און זאַנגווילס האָבען זיך אָבגערופען. עס האָט זיך אין זיי ערוועקט די אידישקייט, אָדער פיליכט האָט צו זיי אַפּעלירט די „טאָוועלטי“. זיי זענען געקומען, זיי האָבען געשריבען אידיש און דער „רענעסאַנס“ איז דאָ.

און פונקט ווי ווען אן אלטער בעל עברה׳ניק ווערט פרום, כאַפּט ער זיך צו צו דער פרומקייט מיט מער איפּעט ווי אַ געוויינליכער מענש, פונקט אזוי זיינען די דאָזיגע האַלבע־גוים פלוצלינג געוואָרען שוין צופיל אידען...

אָט קומט לואיס גאָלדינג און דיכטעט,

„אויף יעדען וועג וואו מענשען געהן,
זעה איך דאָס בית־המקדש שטעהן.

און יעדע פרוי וואָס געהט פאַרביי,
אנטפלעקט די שכינה זיך אויפ׳ס ניי.“

און א געוויסער משה עובד „זינגט“ אַ ליב געזאַנג צו אידיש און פרעגט, „צי האָט איהר שוין געהערט אַזעלכע צוקערזיסע ווערטער, ווי נשמה׳לע, נחמה׳לע, ווייבעלע און טייבעלע“?

גאַנץ מעגליך, אז איך בין אן אנטיסעמיט, נאָר איך מוז זיך מודה זיין, אַז עס רירט מיך ניט די פלוצלימדיגע ליבע צו אידיש, פאַרקערט — איך פיל פונקט אזוי פריקרע ווי ווען אַ גוי זאָגט מיר, אז „עס זיינען דאָ גוטע היברוס“... עס איז געוויס שיין און ליבענסווערט מגייר צו זיין אָט די אלע און זיי ראַטעווען פון דעם גלות פון דער ענגלישער ליטעראַטור, אָבער איך צווייפעל זעהר אויב דער געהאָפטער אידישער רענעסאַנס וועט קומען פון גוי׳אישע מיטעלמעסיגקייטען וואָס זיינען פלוצלינג אידען געוואָרען...

— — — — — — — — — —

נאָר אפשר בין איך צו בייז. לאָמיר נעמען די זשורנאַלען איינציגווייז און זעהן אויף וויפיל די דאָזיגע גוים האָבען באריינערט אונזער שמאַכטענדיגע ליטעראַטור.

דער ערשטער נומער זעהט אויס מער ווי הארלעקווין קאָסטיום איידער אַ געוועגליכער מלבוש. אַרטיקלען, לידער קריטיק, בילדער זיינען אָנגעוואָרפען אָן שום צוזאמענהאנג, אין אַ כאַאָטישער רייכקייט. די „רענעסאַנס מאָטיוען“ האָב איך שוין דערמאָנט. עס געפינט זיך אין ערשטען נומער אן ערציילונג פון לואיס גאָלדינג, „רבי יוסף׳ס שול“, וועלכע איזווירקליך גוט, אויך אביסעל צופיל התפעלות, צופיל פלוצלימדיגער עקסטאַז. אפילו אין דער שפּראַך מערקט זיך די פלוצלימדיגע אידישקייט, העך געמאַטערטער פארזוך צו מאַכען יעדען פאַרגלייך און ווערטער־בויג א אידישליכען. אזוי איז אין שול א שטיל מורמלען „ווי א גערויש פון לולבים אום סוכות“, די ליניעס פון דער שול זיינען שטאַרק „ווי דער גלויבען פון פאַטריאַרך אברהם“. זי האָט אויסגעזען יונג „ווי דוד פאַשענ־

פון ענגלישען פאָלק צו דעם געדאַנק פון צוריקקערען אַ טייל פון אידען צו זייער לאַנד אויף אַזויפיל, וויפיל זי וועט נאָר שאַדען די איבעריגע איינוואוינער, איז געבליבען נאָר אַ לאָקאַלע סימפּאַטיע, וועלכע וועקט אויף אַ גאַנץ אַנדערע באַציאונג ביי די הויפּט־הערשער, ביי די גרויסע סוחרים, וועלכע ווייסען, ווי אַזוי מען מאַכט כל מיני קאָמבינאַציעס...

— —

געגוי וועלען מיר זיך נאָך אודאי אָפּשטעלען אויפ'ן גאַנצען נעבעל פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע פון אַמאָל און איצט, איצט נאָך די געשעהענישען אין ירושלים, ווען די ברוטאַלע האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט און די פּאָגראָם־שרעק און די מעגליכקייט פון פּאָגראָמען שוועבט נאָך אין גאַנצען לאַנד, אין אַלע פונקטען; איצט, ווען די דאָזיגע נאַכט־שרעק האָט אַריינגעוואָרפען אין אַן ערשטוינונג, קאָנען מיר בלויז זאָגען: דאָס די זיגד פונ'ם דעקלאַראַציע־ציוניזם זאָלען זיין וואָס זיי זענען — מיר, א"י אידען, זענען גרייט פאַר זיי אויסצושטיין.

דאָס קאָנען מיר זאָגען, אָבער טאָן? טאָן — ווייסען מיר נישט, וואָס ס'ווייסען די אידען פון פוילען, אוקראַינע א. א. וו. וואָס צו טאָן? (און ווער ווייסט, צי אויך דאָרטען זענען די הענט פון אונזערע „אויסלייזער" ריין פונ'ם פאַרגאָסענעם בלוט!) נאָר דאָס ווייסען מיר: באַהאַלטען זיך — ניין. אויפ'ן גאַס וועלען מיר אַרויס פאַרטיידיגען ווי ווייט מעגליך אונזער לעבען.

עס מאַכט נישט, אונז אַלעמען וועט מען נישט פאַרטיליגען. עס קאָן זיין, אַז מאָרגען וועט די אידישע האַנט, וואָס שרייבט די דאָזיגע ווער־טער, דורכגעשטאָכען ווערען, אַ „שעך" אָדער אַ „חאַדזש", וועט אָפען אין די אויגען פון ענגלישען מושל אריינשטעכען אין איר דעם קינזשאַל, ווי דאָס איז געשעען מיט דעם אַגראָנאָם שמואל הרמתי, און זי, די דאָזיגע האַנט, וועט גאָרנישט קאָנען טאָן דעם „שעך" און דעם „חאַדזש", ווייל זי קאָן קיין שווערד נישט האַלטען. אָבער דער שארית ישראל וועט נישט פאַרלאָרען גיין. דער שטאַם וועט זיך נישט אויסלאָזען. און וועגען אונזערע שונאים וועט ער זיינע קינדער דערציילען, וועט מען די פאַרבליבענע דערציילען. מען וועט דערציילען, אַז מיר זענען די קרבנות פון רשעות, די קרבנות פון דעם ביזוויליגען שטרעבען צו פאַרגרעסערען מאַכט און קאַפּיטאַל — קרבנות פון אימפּעריאַליזם, נישט אונזערע, מיר האָבען קיינע אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען נישט געהאַט, מיר האָבען נישט געוואָלט דאָ קיין רעגירונגען שאַפען. מיר האָבען ווילדע ערד מיט אידישע עמיגראַנטען געוואָלט באַזעצען, צום אַראַבישען ישוב צוגעבען אויך אַ אידישען אַרבייטענדען ישוב. דער מענש — דער אַראַבער, וואָס אַרבייט, איז אונזער ברודער, מיר האָבען זיך גע־קלאָגט אויף אים נישט צוליב'ן נישט־פאַרגינען אים, וואָס ער פאַרנעמט די אידישע אַרבייטס־פונקטען, נאָר פון ווייטאָג, וואָס ער איז געצוואונגען זיך צו פאַרדינגען פאַר אַ בישליק און, וואָס פאַר אונזער ברודער, וועלכער דינגט אים, פאַר אונזער ברודער, וואָס אַרבייט נישט אַליין — די עקספּלואַטאַציע איז אַ נויטבאַדינג פאַר זיין קיום... עס וועט קומען דער טאָג, און אַ פעסטער בונד וועט אנטשטיין צווישען אונז, אַרבייטענדע פון אידישען פאָלק, און צווישען זיי, די אַרבייטער — אַראַבער.

אָבער נאָך ווייט ווייט, איז יענער טאָג און היינט רייסען אונזערע שונאים שטיקער פון אונז, זיי ווייסען נישט, וואָס צו טאָן, זיי פאַרגיסען דאָס בעסטע בלוט פון דער מענשהייט.

זאָלען אונזערע קרבנות אָנגענומען ווערען! —

און די מושלים, פירשטען און פילאַטען — זיי וועלען אונז שטענדיג פרעגען מיט שפּאָט און פאַראַכטונג, וואָס איז אַזוינס דער אמת? —

און מיר וועלען דעם אמת וויסען, און מיר וועלען געקרייצט ווערען.

דאָס איז אונזער פּריווילעגיע: וויסען דעם אמת און געקרייצט צו ווערען.

גאָט פון אמת, זאָל קומען דיין הערשאַפט!

שול", פון לואיס גאָלדינג, וואָס ווערט
פארטרונקען אין א ים פון נארישקייטען און שאבלאָן. מען האָט אנטדעקט, אז סימיאָן סאלאָמאָן איז געווען א איד, אז לוסיען פיסאראָ איז געווען א איד, און מען האָט דעם יום־טוב פון דיזע אנטדע־קונגען געפייערט מיט גרויסע אויסגוסען פון טינט. דער הער קעניג האָט אונז באוויזען, אז ער „פארשטייט די ליבע פון ווערלען פאר רעמבאַ" מיט א סך ביב־טעלאך.... אלס באוויז גיט ער אונז אַ נארישע דערציילונג „בין קודש לחול", אַ דערציילונג, וואָס איז דער אַפּאָטעאָז פון דעם גאנצען דילעטאַנטיזם פון דעם זשורנאל „רענעסאנס".

און מיט דעם דאָזיגען טאָן פון אנטוישונג וועל איך פארענדיגען מיין דיסערטאציע איבער „דער ווידערגעבורט פון דער אידישער ליטעראטור".

זשורנאַליסטישע קונסט.

(וועגען דערציילונגען פון פראדעל שטאַק, פארלאג „נייע צייט", ניו יאָרק.)

פראדעל שטאַק פארמאָגט א געוויסע באַאָבאכטונגס־קראפט. זי פארמאָגט אויך אַ גרויסע פעהיגקייט צו שרייבען דערציי־לונגען, וואָס פאסען זיך סיי אין אינ־האלט און סיי אין לענג פאר — די שפאלטען פון א טעגליכער צייטונג. עס פעלען איר זער פיל אייגענשאפטען. ערשטענס און העכסטענס: ליטעראַרי־שער עקסטאז. זי שרייבט ווי עס וואָלט ביי איר געווען א מוז. מאטעריאל האָט זי א גאנץ רייכען אָבער זי פארשווענדט עס אין צוויי קאָלומדיגע סקיצען. דער מאנגעל אין עקסטאז ברענגט אויך מיט די אָרימקייט און נאבלעסיגקייט פון דעם סטיל. עס איז ביי איר ניט קיין פראגע פון זכען תאון באנוצען דעם פראגע פון זכען און באַנוצען דעם וואָס זי וויל. אויב ניט דער וואָרט איז אַן אנדערער אויך גוט.

די דערציילונגען זענען זייער אברהם רייזענדיג. זי גלויבט, אז דער לעזער איז א גולם, מען דארף אים ארויבשטעקען אַ פינגער אין מויל. אויב געבען הומאָר, ליגט זי עס אַן דיק, שמירט און שמירט עס אַריבער. אָט איז אַ מוסטער פון שאַרפען „הומאָר" און ליטעראַרישען סטיל: „ביים געבען די האנט, האָט ער זיך געטאָן א בויג צו, אויף צו־קושען זיך, האָט זיך אָבער די מחותנת'טע ניט געריכט דערויף און נישט אנטקעגען גע־טראָגען דאָס פנים. נאָר אז זי האָט אָבער דערזען, אז ער וויל זיך קושען אין די פיסקלאך, האָט זי אַ בויג געטאָן צו אים דעם קאָפּ, האָט ער שוין אָבער גע־האט זיינעם אוועקגענומען, נאָר אז ער האָט אָבער הערזען, ווי די מחותנת'טע וויל זיך מאקע יאָ קושען אין די פיסק־לאך, האָט ער נאָך אמאָל צוגעבויגען דעם קאָפּ, האָט ער אָבער שוין געהאט פאר־שפעטיגט..."

חוץ דעם אלעמען וויל נאָך פראדעל שטאַק זיין איראָניש, אָבער איראָניע איז איינע פון די שווערסטע זאכען דורכצו־פירען ארטיסטיש. עס ווערט אָפט אין ניט געניטע הענט פארוואנדעלט אין סאר־קאזם. ביי פראדעל שטאַק אָבער קומט שוין פון דער איראָניע ארויס אַ ביליגער ציניזם.

אָט די אלע חסרונות און די פילע מעלות, וואָס פראדעל שטאַק פארמאָגט, מעלות פון שאפען אטמאָספערע, מעלות פון קורצער און טרעפליכער כאראקטערי־זאציע, זענען הער גוט צוגעפאסט, ווי איך האָב פריער געזאָגט, פאר די שפאל־טען פון א טעגליכער צייטונג. דאָרטען, אין קאָנטראסט מיט די געוועהנליכע נאָ־רישקייטען, וואָס פילען אָן די צייטונג, זעען זיך מער אָן די גוטע זייטען פון די דערציילונגען, פון א בוך אָבער דער־וואַרט מען עטוואָס מער און אין דער דאָ־זיגער דערוואַרטונג אנטוישט אונז פרא־דעל שטאַק.

„קדוש השם", פון שלום אַש.

היינע זאָגט ערגעץ, אז „יעדע פרוי־אויטאָר שרייבט מיט איין אויג אויפ'ן פּאַפּיר און מיט'ן אנדערען אויג אויף אַ מאַן; די איינציגע אויסנאַמע איז די גרעפין ה., וועלכע איז בלינד אויף איין אויג..." וועגען שלום אַש'ן קאָן מען זאָגען, אז ער שרייבט מיט איין אויג אויפ'ן פּאַפּיר און מיט'ן אנדערען אויג אויף דעם איבערזעצער... אין כמעט יע־דע פון זיינע לעצטע ווערק פילט זיך, אז פאר אים איז ניט אזוי וויכטיג ווי די זאך וועט אויסזען אין אידיש נאָר גי־כער ווי עס וועט אויסזען אין דער ענג־לישער, רוסישער אָדער דייטשער איבער־זעצונג. נעמט למשל זיין „גאָט פון

דיג די שאָף", א. א. וו. עס זעט אפילו אויס ווי גאָלדינג וואָלט געארבייט מיט דער הילף פון אַ טעזאַר פון ביבלישע פאַרגלייכען... אָבער די דאָזיגע אידישקייט איז דאָ זעהר גוט צוגעפּאַסט צו דער טעמא. די ערציילונג איז געשריבען פון אַ געניטער האַנט. דער קלימאַקס ווערט געהאַלטען מיט אַ רעזערוו פון כוחות און ווען עס ווערט ארויסגעלאָזען איז עס אונערוואַרטעט שטאַרק און לאָזט אַ טיפען איינדרוק. איך קען זאָגען אז פון די גאַנצע פינף נומערען איז גאָלדינג'ס דערציילונג די איינציגע וואָס בלייבט אין זכרון.

ווייטער קומט אין דעם ערשטען נומער — אַן איבערזעצונג פון ביאַליק, אַן ארטיקעל „רוי־מאַטעריאַל" פון לואיס זאַנגוויל, וועלכער איז אַזוי רוי, אַז מען קען עס ניט צעקייען. ווייטער איז דאָ אַ ווילדער געמיש פון פּאָעזיע, קונסט קריטיק, אַבסטראַקטער פילאָזאָפיע, איינשטיינ'ס טעאָריע, די געשיכטע פון אידישער בוך־דרוקעריי, אַ. אַ. וו.

אויף די אנדערע פיר נומערן איז ניט נויטיג זיך לאַנג אָפּצושטעלען. זיי גייען אַלע ארונטער און ארונטער. עס קומען צו נאָך גוים וואָס לערנען זיך שרייבען אידיש. מען שיקט ארויס אַ חברה־מאַן מיט'ן נאָמען יוסף בלאַנקעט אויף אַ יאַגד נאָך „אידען אין דער ענגלישער פּערי־אָדישער ליטעראַטור". און די יאַגד איז אַן ערפאָלג און ברענגט רעזולטאַטען. ער באַווייזט באַשיינפּערליך אַז אין דעם און דעם נומער „וואָיסעס" האָבען זיך באַטייליגט די פאָלגענדע אידען. וואָס דערמאָנט זעהר שטאַרק אויף אונזער ניו־יאָרקער „אַמעריקאַן היברו" וואָס האָט אויך פון צייט צו צייט אַן ארטיקעל וועגען די „אידען אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור" און צולאָזט זיך אין שבחים איבער דער „קונסט" פון מאַנטיוג גלעס, לואי אונטערמייער, א. א. וו.

און דערצו גייט נאָך אַריין די ציוניסטישע באַטע און פאַרגרעסערט דעם מיש־מאַש פון דעם זשורנאַל. אפילו אין דער פאָררעדע צום ערשטען נומער האָט זיך שוין באַוויזען דער ציוניסטישער לייט־מאָטיוו, אַ מאָטיוו וואָס פאַרשטאַרקט זיך פון נומער צו נומער מיט ליוב געזאַנגען פון לעאָ קעניג צו בצלאל און פּאַלעסטינא ביז דער לעצטער נומער איז שוין ניט מער אַ זשורנאַל פאַר דער ווידערגעבורט פון דער אידישער קולטור, נאָר בלויז אַ ציוניסטישער מאָנאַטשריפט מיט דילעטאַנטישע ארטיקלען איבער פלאַסטיק, פּרעראַפאַעליטיזם און ענליכע שרעקענדיגע טערמינען.

אין דעם צווייטען און דריטען נומער זענען דאָ ערציילונגען פון אונזער „אייגענעם" ברוך גלאַזמאַן. גלאַזמאַן פּאַסט זיך זעהר גוט פאַר „רענעסאַנס". זיינע גרויסע פעלערן זיינען דאָרט מעלות. זיין שפּראַך וואָס קלינגט ווי אַ ווערטערליכע איבערזעצונג פון ענגליש, פּאַסט זיך גוט אריין מיט דער שפּראַך פון זשורנאַל. אויך דער פּסעוודאָ־מיסטישער טאָן פון זיינע ערצעהלונגען איז זעהר פּרע־ראַפאַעליטיש... גלאַזמאַן כאַפּט אַ טעמא, אָפּטמאָל אַ גוטע טעמא, אָבער ער פאַרלירט זיך אין איר און קאָן פון איר ניט ארויס. פאַלט ער אריין אין אַ פּראָפעטישען טאָן און לאָזט די מעשה הענגען אין דער לופטען. נאָר אַזוי ווי האַלב־מיסטישע גענזען־שרעקענדיגע ערציילונגען זענען איצט אין מאָדע, גייט ברוך גלאַזמאַן ארונטער אַלס אַ שרייבער... און עס קומען נאָך צושומעלטע קריטיקער וואָס זעהען אין אים דעם אָנפאַנג פון אַ „נייער אידישער ליטעראַטור".

* * *

נאָר גענוג וועגען גלאַזמאַן. און גענוג איבערהויפּט וועגען „רענעסאַנס". איך וואָלט נאָך וועלען וויצלען זיך איבער די איבלענדיגע התפעלות וועגען פּרע־ראַפאַעליטיזם, און אַנדערע קונסט אָפּהאַנדלונגען, נאָר גיי וויצעל זיך ווען עס איבעלט אַזוי שטאַרק.

פוילייכט האָב איך צופיל דערוואַרט. איך האָב שטאַרק פיינט דילעטאַנטיזם. און דער זשורנאַל אין דער איצטיגער פאָרם איז ניט מער ווי אַן אָרגאַן פאַר דילעטאַנטען, וואָס האָבען זיך אַביסעל אָנגעשמעקט מיט אייראָפּעער קולטור און דענקען, אַז דערפון וואָס זייערע נאַרישקייטען ווערען געדרוקט אין אידיש אַנשטאָט אין ענגליש וועט קומען די גאולה אויף דער וועלט.

דער סך־הכל פון די פינף נומערען רענעסאַנס איז אַלזאָ איין גוטע דערציילונג, די אויבען־דערמאַנטע „רבי יוסף'ס

אויזהרוקספולסטע טראַגעדיעס, וואָס מיר פאַרמאָגען, אַ טראַגעדיע, וואָס פאַר די גוים וואָלט עס געווען אַ קלאַסיק נאָך דעם סטיל פון סאָפאָקל, און פאַר אונז וואָלט עס געווען די סימבאָליזירונג פון דעם יאוש און טראַגעדיע פון אונזער גאַנצער געשיכטע. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעריסען די אויבענדערמאַנטע סענ־טימענטאַליטעט. עס האָט זיך שלום אַש'ן געוואָלט, אַז דבורה, די צנועה, דער אַפּאָטעאָז פון ריינקייט און אומ־שולד זאָל פארבלייבען ריין און אומ־שולדיג אַפילו נאָך דעם ווי אַלע אַרום איר זיינען פארגוואַלדיגט, געשעכט און געמאָרדעט געוואָרען. און צו דורכפירען אָט דעם וואונש האָט שלום אַש צוגע־טראַכט אַלטע, הונדערט יאָריגע מעלאָ־דראַמאַטישע שפּיצלאַך מיט כשוף, מיט גילדענע שיכעלאַך, א. א. וו. אויב ביז צום ענדע האָט שלום אַש געשריבען גראַפיש, קאָן מען זאָגען, אַז די לעצטע צוויי קאַפּיטלען זיינען שטאַרק קינע־מאַטאָ־גראַפיש... זיי מאַכען פון דעם שטאַרקען קלימאַקס פון דער אויסשעכטונג פון פערצען הונדערט אי־דען אין דעם גאָרטען פון טולטשין ניט מער, ווי אַ שוואַכען אַנטי־קלימאַקס צו דעם סענטימענטאַלען טויט פון דבורה'ן אין דעם גאָרטען פון דעם קאָ־זאַק וועמען זי האָט פאַר'כשופ'ט.

איך וואָלט נאָך באַדאַרפט אַ לויב געזאַנג שלום אַש'ן זינגען פאַר זיין סטיל אין „קדוש השם". פונקט ווי ער האָט לאַנג געאַרבייט אויף זיין מאַטעריאַל, זיך טיף געגריבעלט און אריינגעלעבט זיך אין זיין טעמאַ, אַזוי אַז דאָס בוך לעזט זיך ווי אַן אַלטער, טייערער ספר, וועלכען מען האָט אַנטדעקט אין דעם שימעל און שטויב פון אַלטע יאָרען. און טאַקע דערפאַר, וואָס ביי אונז אידען זע־נען סטילויסטיקער אַזוי ווייניג פאַראַן, וויל איך מער קיין חסרונות אין „קדוש השם" ניט זוכען און עס וויל זיך דאָ אָפּשטעלען מיט אַ טאָן פון צופרידענהייט און דאַנקבאַרקייט.

אַ צעשטערטע אילוזיע.

(וועגען „ווי איך זע עס" פון פּעטער אַלטענבערג, פארלאַג „ניי־צייט", נויאָרק)

עס זיינען דאָ שרייבער וועמען איך קלייב זיך אַמאָל לעזען. און שטענדיג קו־מען פאַר סיבות, וואָס לעגען אָפּ אויף ווייטער מיין באַקאַנטשאַפט מיט זייערע ווערק. האָמער און דאַנטע קלייב איך זיך שוין לעזען פאַר די לעצטע צען יאָר, און איצט גלויב איך קוים אויב איך וועל זיי שוין ווען עס איז לעזען. דער בלוי־זער געדאַנק פון לעזען זיי מאַכט מיך אומעטיג. שוין לאַנג, אַז איך טראָג מיך אַרום מיט אַ געפיל פון בושה, וואָס איך האָב ניט געלעזען הענרי דזשיוומס. איך האָב שוין איינמאָל זיך אַנגענומען מיט קוראַזש און געבראַכט אַהיים אַ ביבעלע פון דזשיוומס. איך האָב זיך דורכגעמאַ־טערט אַ פּאָר קאַפּיטלאַך, האָט אָבער גראַד דאַן אַ באַקאַנטער מיר צוגעשיקט אַ נייע בוך פון דזשאָרדזש מור. און איך מוז ווייטער אַ פארשעמטער זיך מודה זיין, אַז איך האָב ניט געלעזען הענרי דזשיוומס.

אָבער מיט די אויבענדערמאַנטע בי־כער איז עס אַ פראַגע פון טעמפּעראַ־מענט. איך דאַרף זיך אַנטאָן אַ כח זיי לעזען. עס זיינען אָבער דאָ ביכער, וועל־כע איך וואָלט שטאַרק געוואָלט לעזען נאָר — עס פעלט מיר די שפּראַך. איך וועל זיך שוין מוזען אויסלערנען שפּאַ־ניש כדי צו לעזען ראַהאָ, רובען דאַריאָ, און בלאַנקאָ־פאַמבאָנאַ. שפּאַניש איז פאַר מיר תרגום לשון אָבער דייטש קען איך יאָ אַביסעל. דאָך איז פאַר מיר די מאָ־דערנע און ניט איבערזעצטע דייטשע לי־טעראַטור אַ פארמאַכטער בוך, פּשוט וויל איך האָב פיינט צו לעזען דייטש. עס איז צו שווער, צו ערנסט, און איך בין צו נערוועז צו וואַרטען אויף דער ענדע פון דער פראַזע פאַר דעם ווערב...

די גאַנצע הקדמה און אויסרעכענונג פון מיינע קענטעניסען איז בלויז אַ צו־טריט צו דער באַהויפּטונג, אַז צווישען די וועמען איך האָב נאָך אַמאָל ערוואַר־טעט צו לעזען איז געווען פּעטער אַלטענ־בערג. אַלערליי לעגענדען האָבען זיך גע־טומלט אין מיין קאָפּ וועגען דעם אַל־טענבערג און ער האָט אַנגענומען אין מיינע אויגען אַ מיסטעריעז אינטערע־סאַנטען געשטאַלט. עפּעס האָב איך גע־הערט מעשות פון אַן אַלטען שכור, וואָס זיצט טאָג און נאַכט אין ווינער קאַפעס. מיט איין האַנט נעמט ער אַרום די פריי־ליבע שאַנסאָנעטקע, וואָס זיצט אויף זיינע קני און מיט דער אַנדער האַנט

נקמה". וואָלט ער עס געשריבן בלויז פאר דעם אידישן לעזער אָדער צושויער און ניט מיט איין אויג אויף מאַקס ריינהארדט און זיין בערלינער טעאַטער וואָלט ער די טעמא אנדערש אויפגעפאסט. אין דער איצטיגער פאָרם איז עס זער גוט צוגעפּאסט פאר אן אייראָפּעער פּובליקום. די איבערטריבענע פארהייליגונג פון דער תורה, וועלכע רירט לחלוטין ניט דעם אידישן צושויער, פאראינטערעסירט אָבער גוואלדיג דעם דייטש אָדער פראנצויז, פאר וועמען עס איז אַ קוריאָזע און עקזאָטישע ערשיינונג. פונקט אזוי מיט „מאָטקע גנב", וועלכע, ווי איך פארשטיי, איז שוין איבערזעצט אין ענגליש און וועגן וועלכער אמעריקאנער פּראָפעסאָרען האָבן געשריבן, אז עס איז אן אויפלעבונג פון דער אלטער ליטערארישער פאָרמע, „די פּיקארעסק נאָוועל", דער ראָמאן פון אַוואַנטורען. פונקט אזוי מיט „אָנקעל מאָזעס", וועלכער גייט נאָך אַ טראָט ווייטער; עס איז ניט נאָר צוגעפאסט צו דעם געוועהנליכן אמעריקאנעם לעזער, נאָר עס בעט זיך פּשוט מען זאָל עס פארקינעמאַטאָגראַפירען...

און אויך אזוי, אין אן עטוואָס שוואַכערער פאָרם איז עס מיט „קדוש השם". אָבער „קדוש השם" קאָן מען אויף איין מינוט ניט פארגלייכן מיט די אויבענדערמאנטע ווערק. „קדוש השם" איז שוין ביים גרענעץ פון אַ מייסטערווערק. דאָס בוך פארמאָגט גרויסע פעלערן, אָבער די דאָזיגע פעלערן זענען אינטערעסאנט און כאראקטעריסטיש פאר שלום אַש'ן. איך וועל זיך ניט אָפּשטעלן אַנאַליזירען דעם אימפּולס, וואָס האָט שלום אַש'ן געטריבן צו פארלאָזען די ח ד ר מ י ו ת ד פּסיכאָלאָגיע פון „אָנקעל מאָזעס" און זיך פארטיפען אין דעם טיפערן, זאפטיגערן מאטעריאל פון „קדוש השם". איך קאָן נאָר מיט גרויס פרייד באַגריסען דעם פאקט און האָפען, אז ער וועט זיך צו דעם פריערדיגען מאַטעריאל ניט אומקערען. נאָר די טעמא איז דאָ ניט אזוי וויכטיג, וויכטיג איז דער אופן אויף וועלכען אַש האָט עס באַהאנדעלט.

שלום אַש איז ערשטענס און לעצטענס אן אייראָפּעער שרייבער. עס וועט פּילייכט קלינגען אלס אן איבערראשונג ווען איך וועל זאָגען, אַז ער איז אן עסטעטיקער, איבערהויפּט וועט עס איבערראַשען די יעניגע, וואָס זענען שטארק ביז אויף אים פאר זיין „אָנקעל מאָזעס"... שלום אַש באלאנגט צו דער מאָדערנער אייראָפּעער, הויפּטזעכליך פראנצויזישער טראַדיציע פון עסטעטיק, אין אַ געוויסען זין שטייט ער פּאראלעל צו קאַטול מענדעס אין דער פראנצויזישער ליטעראַטור און צו דזשאָרדזש מור אין דער ענגלישער, צו דער גאנצער שולע שרייבער פון „עסטעטיזירונג". אינערליך, שטעל איך מיר פאָר, אינטערעסירט אים ניט שטארק דער מאטעריאל פון „קדוש השם". אלס מאטעריאל פאר „עסטעטיזירונג" אינטערעסירט עס אים גוואלדיג, און פּונקט ווי דזשאָרדזש מור האָט אין „עסטער וואָטערס" פארעסטעטיזירט דאָס לעבן פון דינסטמיידלאך און פערד אָנטרייבער און אין „עי מאָמער'ס וויף" געשאפען אַ קונסטווערק פון דעם גרויען און פּראָזאַאישען לעבן פון אַ טרופּע ביליגע אקטיאָרען, אזוי האָט דאָ שלום אַש אויסגעפלאָכטען אַ וואונדערליכען טעפּיך פון פרייטאָג אָוונטיגע ליכטער, צניעות'דיגע בליקען, און רעליגיעזע התלהבות.

עס זענען דאָ סצענעס אין דעם ערשטען און אין אָנהויב פון דעם צווייטען טייל פון בוך, וועלכע זענען אזוי אידיליש שיין, אַז זיי רירען אפילו אָן ציניקער ווי איך... די דאָזיגע אידילישקייט ווערט אָבער אָפט ביי שלום אַש'ן פארוואנדעלט אין סענטימענטאַליטעט, און מאַכט אַ שטיק שונד פון אן ערנסטער ארבייט. די סענטימענטאליטעט אין „קדוש השם" קאָן אָבער דעם בוך אין אַ שונד שטיק קיינמאָל ניט פארוואנדלען, עס איז אויך צו גרויס דערפאר. וואָס עס טוט יאָ אין „קדוש השם" איז צו פארמעלאָדראמאטיזירען די ענדע און פיעל אָפּשוואַכען דעם איינדרוק פון דער זאַך.

וואָלט שלום אַש געענדיגט „קדוש השם" אויף זייטעל 180 מיט חורבן טולטשין, וואָלט איך אים אַ לויב געזאנג געזונגען און אַ בלומען קראנץ צו די פיס געלעגט, וואָלט ער עס דאָרטען פארענדיגט און וואָלט ער אויסגעמידען די טאַריש־מעלאָדראמאטישע סצענע ווי די צוויי קאָזאקען שלאָגען זיך פאר דעם אידיש מיידעל, וואָלט „קדוש השם" פארבליבען איינע פון די שטאַרקסטע און

שרייבט ער מייסטערווערק אויף קליינע שטיקלאך פאפיר. און ווען ער בויגט זיך איין צו זיין מיידעלע, קומט אַ בייזער ווינט און גיט אַ בלאָז די קליינע מייסטערווערקלאך און זיי פליען אַרויס פון פענסטער. פליען פון פענסטער גלייך אין די הענט פון אַ ליטעראַרישען קריטיקער און פיינשמעקער. און דער גרויסער מבין קלייבט אויף די גרויסע מייסטערווערק אויף די קליינע שטיקלאך פאַפיר. א. א. וו. א. א. וו....

היינט שטעלט זיך פאָר מיין גרויס התפעלות ווען איך האָב דערזען פאַר זיך אַ אידישע איבערזעצונג פון מיין מיטישען העלד.

שוין דאָס בילד אויף דעם ערשטען בלאַט איז אַן אנטוישונג. אַ בילד פון אַן אַלטען דייטש מיט אַ פינגער אין מאָרדע, טראַכטענדיג זייער ערנסט וועגען עפּעס אַ וויכטיגען ענין. אַ מענש מיט אַזאַ פּנים, האָב איך זיך געטראַכט, מוז זיין אַ געוואַלדיגער בטלן...

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. פון די אַלע לעגענדען וועגען פעטער אַלטענבערג האָט מען געמעגט ערוואַרטען עפּעס גרינג, גראַציעז, וויציג, גאַלאַנט, מאַרסעלפּרעוואַאיסטיש... אָבער, גאָט דו מיינער, וואָס פאַר אַן אנטוישונג! אַ בוך פול מיט נאַרישקייטען, וועלכע אונטערשיידען זיך איינע פון דער צווייטע בלויז דורך דעם, וואָס איינע איז נאָך נאַרישער פון דער אַנדערער. טויזענדער פינטעלאך, מיליאָנען פּאַסעקלאַך, און ניט איין בליץ פון הומאָר, ניט איין גראַציעזער ווערטערצוויג אָדער גליקליכער איינפאַל פון פאַנטאַזיע. איר בלעטערט דעם בוך און זוכט מיט ליכט כאָטש איין גוטען וויץ, איין שטיקעל וואָס זאָל רעכטפערטיגען דעם לעגענדאַרען פעטער אַלטענבערג. אָבער די זוכעניש איז אומזיסט. עס איז אַ מדבר פון נודנעריי, פון וועלכען עס שפּראָצט ניט אַרויס אפילו איין קלוגער איינפאַל.

און דערצו טומעלט זיך עפּעס ביי מיר אין מח, אַז איך האָב די אַלע נאַרישקייטען שוין ערגעץ פריער געלעזען, און דאכט זיך, אַז אין אידיש... אַמאָל אין די שפּאַלטען פון אַ טעגליכער צייטונג און אַמאָל אין אַ וויציגען וואָכענבלאַט... איך וואָלט שווערען, אַז איך האָב זיי שוין געזען.

ביז איך גיב אַ קוק ווער עס האָט עס באַרייכערט אונזער ליטעראַטור מיט דער איבערזעצונג. איין קוק אויף דער פאָדערבלאַט און עס ווערט מיר קלאָר די גאַנצע מעשה, — וואָס מיר אַלטענבערג, ווער מיר אַלטענבערג? דאָס שרייבט דאָך משה נאַדיר אַלטע נאַרישקייטען אונטער אַ נייעם פּסעוודאָנים!...

ז. קעסנער.

דערקלערונגען

די „שריפטען“ גייען אַרויס אונטער אויסערגעוויינליכע פינאַנציעלע שוועריגקייטען און דערפאַר האָט זיך דאָס איצטיגע בוך אַזויפיל פאַרשפּעטיגט.

אונזער לאַנד איז רייך און קלוג, אָבער אויף אַרויסגעבען אַזוינע אויסגאַבען ווי די „שריפטען“ דאַרף מען דאָ נאָך אַלץ האָבען אַן אָפּגעריסענעם נאַר.

די „שריפטען“ זענען ביז איצט אַרויס אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס האָט די נאַרישקייט האָט דאָס געקאָנט דערווייזען, און עס איז צו האָפען, אַז אויף אַזויפיל וועלען זיי אויך אויף ווייטער . ערשיינען.

כדי אויסצומיידען ווייטערדיגע שלעכטע אָפּטייטשונגען, דערקלערען מיר דאָ, אַז די „שריפטען“ ווערען רעדאַגירט פון דוד איגנאַטאָוו.

כאָטש די צאָל זייטען פון דעם איצטיגען בוך איז גרעסער פון אַלע פריערדיגע (איבער 350), און די זייטען אַליין זענען אויך פאַרנוצט געוואָרען שפּאָרעוודיגער, איז דאָך אויסגעבליבען אַ סך שוין אָנגענומענער און אויפגעזעצטער מאַטעריאַל. עס איז זיך צו פרייען אויף דעם איבערפלוס, און צו באַדויערען דאָס אויסבלייבען, העלפען אָבער האָט מען זיך דאָ פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט.

טאנסאן: דער איצטיגער וועלט קריזיס אין דעם ליכט פון בערגסאן׳ס פילאזאפי; דר. חיים זשיטלאווסקי: וועגן מילך׳ס רעאקציא־נערע שטרעמונגען (פאלעמיק); ש. ניגער: יעקב דינעסאן דער בריף־שרייבער.

פ א ע מ ע ן פון — נפתלי גראס, ה. אייזלאנד, מאני לייב, ב. קאפמאן.

ב י ל ד ע ר פון — ב. קאפמאן, ב. אניספעלד, א. וואלקאוויץ, י. טאפעל.

ד ע ר צ ע ה ל ו נ ג ע ן פון — ב. גלאזמאן, א. ראבאי.

נ א ט י צ ע ן פון — ל. בארארולין: וועגן דער „אלגעמיינער ענציקלאפעדיע" אין אידיש; זישא לאנדוי: נייע שטרעמונגען אין דער אידישער דיכטונג; ה. אייזלאנד: וועגן מלך ראווימש; ב. ריווקין: וועגן א. מ. דילאנס „געלע בלעטער"; י. שטיינבוים: די אידישע קינדער ליטעראטור אין אמעריקא.

3) ווינטער־פרילינג

ל י ד ע ר פון — א. בערגער, מאקס וועבער, אל. גוריה, ה. לייוויק, מיכל ליכט, א. לוצקי, מלך ראווימש, מאני לייב, ב. לאפין, מ. ל. האלפערן, ב. קאפמאן, מאטעס ל., יצחק איגנאטאווסקי, דוד איגנאטאוו.

ב י ל ד ע ר פון — מאקס וועבער, ש. וויטקעוויץ, ב. קאפמאן.

ע ס ע י ע ן פון — מאקס וועבער, ב. קאפמאן, י. טאפעל.

ד ע ר צ י י ל ו נ ג ע ן פון — ב. גלאזמאן, א. מ. פוקס, ל. מילער.

א ר ט י ק ל ע ן — ש. ניגער: ווי א חלום; דר. חיים זשיטלאווסקי: א פאר קריטישע באמערקונגען צו יעקב מילך׳ס ארטיקעל „רעאקציא־נערע שטרעמונגען אין אונזער היגען לעבען".

א י ב ע ר ז ע צ ו נ ג ע ן — אינדיאנער געזאנגען (אידיש פון דוד איגנא־טאוו); די מעשה מיט׳ן הוד הוד פויגעל און מיט דער מלכה בילקיס (אידיש פון יהואש); האנרי בערגסאנס אריינפיר צו מעטא־פיזיק (אידיש פון וו. נאטאנסאן).

נ א ט י צ ע ן פון — יצחק ליכטענשטיין: וועגן עפשטיין׳ס סקולפטור אויסשטעלונג; י. טאפעל: וועגן „יונג אידיש"; ל. מילער: וועגן די מאנאט־העפטען „קריטיק"; ה. לייוויק: וועגן בער האראוויץ׳ס לידער; י. שטיינבוים: וועגן בירענבוים און ד. קאסעלס גראמאטיק; אב. ליוויי: באמערקונגען.

„שריפטען" געבונדען $10.00

שרייבט ער מויסטעחויעק אויף קליינע שטיקלאך פאפיר. און וועו ער בויגט זיך איין צו זיין מוידעלע, קומט אַ בוי־ זער ווינט און גיט אַ בלאָז די קליינע

דורך דעם, וואָס איינע איז נאָך נאַרישער פון דער אַנדערער. טויזענדער פינטע־ לאך, מיליאָנען פּאַטעקלאך, און ניט איין בליין פון הומאָר, ניט איין גראציעזער

באמערקונג:

עס האָט אַזוי געטראָפען, אַז דאָס טעכנישע צוזאַמענשטעלען פון דעם איצטיגען בוך איז דעם מאָל געווען אין די הענט פון א ניט ערפאַרענעם מענשען. עס פעלען דערפאר אין דעם „אינהאלט פאַרצייכניס“: מ. ל. האלפּערנ'ס לידער, ה. לייוויק'ס אַרטיקעל וועגען מנחם'ען. אַלס דער איבערזעצער פון ראַבינדראַ־ נאַט טאַגאָרס טשיטראַ האָט געדאַרפט אָנגעגעבען ווערען — ש. מילער. אויף בערגסאָנס מעטאַפיזיק האָט געדאַרפט זיין אויפגעשריבען, אַז דאָס איז דער סוף, (דער אָנהויב איז אין דעם פריהערדיגען בוך „שריפטען“). אויף דעם פאַדער־ בלאַט פון י. י. שוואַרץ און ה. לייוויק האָט געדארפט שטיין י. י. שוואַרץ־ „דזשאַן“ (אַ קענטאָקער אידיליע) און ה. לייוויק „דאָס קראַנקע צימער“. און אויף דעם אָרט פון א. הערימאַן שטייט אונטער צוויי בילדער הערימאַן.

אינהאלט פון די פריערדיגע דריי בענד „שריפטען“:

1) זומער

בילדער פון — א. וואלקאָוויץ, באַרים אניספעלד, י. טאַפעל. וואלט וויטמאנס פאָרטרעט.

לידער פון — ל. מילער, אל. גוריה, ה. לייוויק, ב. לאפין, מאני לייב, א. מ. דילאָן, נפתלי גראָס, אידא גלאזער, נחום י., א. בערגער.

דערציילונגען פון — דוד איגנאַטאָוו, ל. שאַפירא, ה. געלבוים.

אַרטיקלען פון — ה. לייוויק: די „יונגע“; יעקב מילך: רעאַק־ ציאָנערע שטרעמונגען; י. טאַפעל: דראַנג און פארם; דר. יעקב גרינפעלד: דער אידעע־גאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור.

איבערזעצונגען פון — וואלט וויטמאנס גראָז בלעטער (אידיש פון ל. מילער); דזשעליאַליעדין רומים ראַבאיאַט (אידיש פון מאני לייב); לאָרד דאַנסאַני'ס דער פינקעלדיגער טויער (אידיש פון דוד איגנאַטאָוו).

נאָטיצען — ל. באַראַדולין: די אידישע וויסענשאַפטליכע ליטעראַ־ טור אין אמעריקא; דר. י. גרינפעלד: די אידישע פּובליציסטישע ליטעראַטור אין אמעריקא; י. שטיינבוים: צו דער אידישער ער־ ציהונג אין אמעריקא.

2) הערבסט

לידער פון — אל. גוריה, י. טאַפעל, מאַקס וועבער, זישאַ לאַנדוי, נחום י., י. סלאָנים, ג. גראַפשטיין, ב. ביאַלאָסטאָצקי, ראשעל וועפּרינסקי, ציליע דראַפּקין, אידאַ גלאַזער, אסתר פעוזנער, בערטאַ קלינג.

אַרטיקלען פון — ב. ריווקין: צו אונזערע שריפטשטעלער; פנחס יאַסינאָווסקי: אידישע מעלאָדיען; י. טאַפעל: עסעיען; וו. נאָ־

פרייז פאר אלע 4 ביכער

העלפען אָבער האָט מען זיך דאָ פאר קיין פאַל ניט געקאָנט.

שרייבט ער מיוסטעריעזעק אויף קליינע שטיקלאך פאפיר. און ווען ער בויגט זיך איין צו זיין מיידעלע, קומט א ביי־ זער ווינט און גיט א בלאז די קליינע

[illegible]

דורך דעם, וואס איינע איז נאך נארישער פון דער אנדערער. טויזענדער פינטע־ לאך, מיליאנען פאסעקלאך, און ניט איין בליץ פון הומאר, ניט איין גראציעזער

[illegible]

העלפען אבער האט מען זיך דא פאר קיין פאל ניט געקאנט.

DOES NOT
CIRCULATE
421257

פארלאג. אמעריקא.

FARLAG "AMERICA"
215 East Broadway
New York

פרייז:
2.00 געבונדען 2.50